קאָלאָניע מאַאוריציאָ

דרייסיג - יעהריגע יק״א קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינא.

א היסטארישע שילדערונג

פון

מרדכי אַלפערסאָן.

מרדכי אלפערסאן

Alpersohn, Marcos, 1860-1947.
= Draysig yor in Argentine.
V. 1

קאָלאָניע מאַאוריציאָ

דרייסיג - יעהריגע יק״א קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינא.

א היסטארישע שילדערונג

פון

מרדכי אַלפּערסאָן.

דרוק פון ג. קופערשמיד.
MEJICO 1725
בוענאָס איירעס.
1922.

COLONIA MAURICIO

LA "JEWISH COLONIZATION ASSOCIATION"

y sus 30 años de colonización en la Argentina

NARRACIÓN HISTORICA

POR

MARCOS ALPERSOHN.

Derechos Registrados.
(Reproducción Prohibida)

GR-D
F
3021
.J5
A44
1922
V.1
B-HR

Imp. Kuperschmid — Mejico 1725, Bs. As.
1922.

GL
gift/Schwarz
01-09-01

ערשטער טהייל.

פאָרוואָרט.

ווען דאָס בוך איז אריין אין דרוק, האָט אַ פריינד צו מיר געשריבען:

"און קיין הקדמה, קיין איינלייטונג גיט איהר גאר ניט צו אייער ווערק? אין שטאָדט קוועטשט מען דעם עלעקטרישען גלעקעל — און עס קלינגט אָן. ביי אייך אין פעלד, פאַטשט מען מיט די הענד און מען זאָגט: "אָווע מאַריאַ"... ווער עפענט עס גאָר פלוצים אַ טהיר? — מען מוז פריהער אָנקלאָפען, בעטען ערלויבנים, מיט אַ וואָרט צו די ליעבע לעזער"...

נו, וועל איך אָנקלאָפען ביים שער פון מיין בוך.

ווען איינעם פון אייך, מיינע ליעבע לעזער, וואָלט זיך למשל פאַרגלוסט מיך צו פרעגען, נאָך וואָס אייגענטליך איך האָב אָנגעשריבען דיזען בוך, ווער דאַרף איהם, ווער פערלאַנגט איהם? ליטעראַטור — ניט. וויסענשאַפט — געוויס ניט. כבוד, צי אפשר חלילה גאר געלד? — פשוט צום לאַכען... היסטאָריע? קאָרג היסטאָריעס פאָלקאָמענערע, אינטערעסאַנטערע, ווי אָט דיזע מיזעראַבלע געשיכטע פון דער "ד ר י י ס י ג י ע ה ר י ג ע ר יק"אַ קאָלאָניזאַציע", שימלען ערגעץ פאַרגעסענע אין די אַרכיוועןְ? אַלזאָ: למי ולמה כל העמל הזה?

ווען אימיצער פון אייך לעזער, קומט מיט דער דאָזיגער פראַגע, אָסור אויב איך וואָלט געוואוסט וואָס צו ענטפערען! איינס וויים איך, און דאָס זאָג איך גאַנץ אָפענהערציג: כ'האָב געשריעבען גאָר אָהן אַ פאַרוואָס און אָהן אַ פאַר־ווען; איך האָב געטונקען די פען אין מיינע טרעהרען, און אינ'ם בלוט פון מיינע חברים די אימיגראַנטען און טריי פאַרצייכענט אַלע אונזערע פריידען — געצעהלטע, און ליידען — דוקא היבשלאַך. כ'האָב דעם אמת אויסגעטהאָן נאַקעט — אויף וויפיעל דער שטאַטליכער געזעץ פון עטהיק ערלויבט, און די וואַרהייט געצייכענט אויפ'ן פאַפיער.

פאסירונגען פון דרייסיג יאהר קאלאניזאציע, וואס מיינע אויגען האבען געזעהען און וואס איך אליין האב אדורכגעלעבט, האב איך אין פשוט'ן לשון וואס מיין מאמע האט מיך געלעהרענט, אנגעשריבען אין דיזען בוך. כ'האב קיינע פראזען ניט געזוכט און וויים אויך ניט זייער באדייטונג... כ'האב קיין פרעטענזיעו אויף א י י ע ר ליטעראטור, זוך ניט קיין עהרע און האב קיין מורא ניט פאר'ן היפוך... דען וואס אייגענטליך קענט איהר מיר טהון?

כ'לעבען, איהר פארמאגט בכלל ניט אזוי פיעל שטיינער, אום מיין פעלד צו פארווארפען... איך בין קאלאניסט, ווינש עס מיין גאנץ לעבען צו פארבלייבען און באגעהר, דאס מיינע קינדער און אלע ליעבע זאלען עס זיין. א שרייבער? ווער דארף איהם דען?...

איך בין א פשוט'ר אקערבויער. אלס אזעלכער וועל איך אייך פיהרען איבער אונזערע פעלדער און אנצייגען אונזער דרייסיג־יעהריגען מיעדען וועג. יעדע שטעשקעלע, יעדע סולעפקע, יעדען דארן און יעטווידע בלום... כ'וועל אייך ווייזען די סימנים פון די ווילדע אינדיאנער, וואס זיינען מיט צוועלף יאהר פאר אונזער אנקומען, געווען די איינוואוינער פון דעם גאנצען געגענד וואו אונזער קאלאניע מ א א ו ר י צ י א געפינט זיך. צוזאמען מיט מיר, וועט איהר אדורכברויזען אלע בלאטעס, אריבערקריכען די קאנאוועס און די גריבער אריבערשפרינגען, — און דערוויל טאקע דאס בוך איבערלייענען...

איך וועל אייך אויפהויבען דעם טלית שבולה תכלת און וועל־כען אונזערע מנהגים האבען זיך איינגעוויקעלט... איהר וועט דערזעהן וואס זיי פארדעקען פאר א פרעמדענס אויג... איהר וועט זיך אויך איבערצייגען דאס אונזער ישעיהו'ס ווערטער: "שריך ס ו ר ר י ם ו ח ב ר י ג נ ב י ם", זיינען דא פארווירקליכט גע־ווארען... איך וועל אייך אנדייטען ווי פארקריפעלט אונזער פאלק ישראל איז דורכ'ן גלות געווארען און ווי פארפרעמדט ער איז צו אגריקולטור...

טאג ביי טאג, נאכט ביי נאכט, חודש און יאהר, אלצדינג וואס מיט אונז פיאנירען האט פאסירט פון 1891־טען יאהר ביז היינט, וועט פאר אייך לעבעדיג ערשיינען... און וועמען פון אייך, ליעבע לעזער, דער גוטער גאט האט מיט א פילבארער נשמה געלייט־

זעליגט, וועט ניט איין טרעהר שטילינסערהייד ארונטערגעשלינגען.

אבער עס זאל דאס מיך אנהויבען אארען... זעהט איהר, איינס קימערט מיך יא אביסעל! וואס כ'בין געצוואונגען געוועז אנצו־ריהרען אין דיזען בוך די כנופיה ארענטליכע לייט, און ניט אכטענדיג וואס איך האב זייערע כשר'ע נעמען פארדעקט און איבערגעדרעהט, דאך וועלען זיי זיך אויסגעפינען און געווים אויפ־הויבען א גאנצען סקאנדאל — דאס מאכט מיר צייטענווייז נאכ־צודענקען...

געווים וועלען דיזע לייט ניט שווייגען! זיי וועלען אפשר דינ־גען א פאאר באצאהלטע פענעס, אויפרייצען די ליטעראַרישע צינגער און אנשטעלען א גאנצע כאפטע קעגען דער לבנה... איך באגרייף עס גאנץ גוט און בעת'ן שרייבען האב איך עס אויך גע־וואוסט: ווייל אפטמאהל האט ווי א בת־קול אפגעקלונגען אין מיינע אויערן זייערע פארטעמפטע קולות און זייער גרילצען וועט זיך געווים הילכיג צעצווויסטשערען, ווי נאר דאס בוך וועט אין דער עפענטליכקייט קומען... דער שטאדטיגער קהל'ס־מאן, וועט הייזע־ריג ווערען דורך זיין גלייכגילטיגען געלעכטער.... דער דארפישער, וועט גראמקע זיך צעווארפען מיט קללות... און אט די אלע זויבערע נפשות בחברותא, וועלען די צורות זייערע פארקרימען און פיליכט זוכען עפעס א דאנאסאל אונטערצוטראגען... א קשיה אויף א מעשה וואס עס קען געשעהן!

נאך וואס האט מיר געטויגט דער גאנצער עסק?

מיין גאט! בין איך דען אימשטאנד דאס צו ערקלעהרען? עפעס א מחשבה האט מיר מיין מוח געעגבערגט: עפעס א געהיימע קראפט האט מיר כסדר באפוילען: "ש ר י י ב! האב פאר קיינעם קיין מורא ניט, שרעק זיך ניט אפילו פאר דיינע אייגענע חברים, וואס זיינען איצט בבחינות: ש ב ע ל ק י א ו, וואס כאפען זיך מיט אימפעט איינצושלינגען דאס עסען וואס זיי האבען מיט דרייסיג יאהר פריהער אליין אויסגעמייקעט" — און איך האב געשריבען.

נאר איין געדאנק טרייסט מיך: ס'קען זיין דאס מיין מיה וועט נוצען בריינגען צו יענע ארימע ברידער, די עמיגראנטען, וואס וועלען אנקומען פון אייראפעאישען גיהנום און דא זיך קאלאני־זירען — וואס כ'ווינש זיי הערצליך. אט צוליעב זיי אליין, איז.

שוין ווערטה געוועזן די דאָזיגע מיהזאַמע ארבייט! פאַר זיי האָב איך די געשיכטע ביז׳ן יאָהר 1917 אנגעשריבען.

די לעצטע פיער יאָהר, הגם כ׳האָב זייער בלוטיגקייט געגוג אָנגעדייטעט, אָבער זיי דורכצוגרונטעווען, זיך אין זייער טיעפקייט ארונטערצולאָזען האָט איך ניט געוואגט... פשוט אַ רחמנות־געפיהל האָט דאָס מיר ניט דערלאָזט צו טהון! די העלדען דרעהען זיך אַלע ארום פאַר מיינע אויגען... די קהל׳שע אַפּוטרפּוסים פון דער קאָלאָניזאַציע לעבען נאָך — און אַ לעבעדיגער קען זיך בעסערן, חרטה האָבען, תשובה טהון... דעם עיפּוש פון די לעצטע פיער יאָהר מוז מען האַלטען גוט באַדעקט... זאָל די היסטאָריע דערווייל דערפון ניט וויסען... אויך די שטרענגע דינים פונ׳ם גאָזעצליכען קאָדעקס פאָראָרדענען: ש ו ו י י ג!

און זאָל דער אמת׳ר און ריכטיגער היסטאָריקער, דער וואָס וועט אַמאָהל די אידישע ליידען געשיכטע פון ארגענטינא צונויפשטעלען, אָנהויבען זיין היסטאָריע פון וועלכען יאָהר ס׳וועט איהם בעסער געפעהלען... ער וועט שוין אויסגעפינען די פיינע לייט, די לייבהאַרציגע ברואים פון די לעצטע יאָהרען אויך.

איהר מיינע ליעבע לעזער, נעהמט און לייענט איבער מיינע בלעטלאַך. צי איהר וועט מיך בענטשען אָדער שעלטען — איז מיר היינו הך.

מרדכי בן ישראל אַלפּערסאָן

סט. מאַאוריציאָ הירש, (קאָלאָניע מאַאוריציאָ) .1922

קאָלאָניא מאַאוריציאָ.

דרייסיג-יעהריגע יק״א קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינא.

1.

אָנגעקומען קיין בוענאָס-אַיירעס.

אין אַ זונטאַג טאָג, י״ט אָב, אָדער דעם 23־טען אויגוסט פון 1891, האט מיך די דייטשע שיף טיאַקא מיט נאך 300 עמיגראנטען, געבראכט פון האמבורג קיין בוענאָס־אַיירעס, נאך אַ רייזע פון 32 טאָג אויפ׳ן ים.

איידער דער דאמפפער איז צום האפען צוגעשוואומען, ווען מיר האבען פון ווייטענס דערזעהן די שטאדט, איינגעהילט אינ׳ם שאטען פון די פאלמען־בוימער, האט אונז אַ שטארקע שמחה באהערשט. די מאמעס האבען זייערע קינדער אין דער הויך געהויבען, ערקלעהרענדיג זיי מיט פרייד:

— זעהט קינדערלאך! אָט דארט איז דער גן־עדן. דאס שעהנע גרינע לאנד, וואס דער גוטער בארון הירש האט פאר אונז געקויפט.

— ערד אַרבייטער, קאלאניסטען ווערען מיר ווערען: פרייע אידען וועלען מיר זיין. אויס פאגראמען! אויס איגנאטיעוו מיט זיינע גזרות! — האבען די אַרויסגעטריבענע דארפס-אידען גע׳טענה׳ט.

קליינע שיפלאך זיינען צו דער טיאָקאַ צוגעקומען, אַרויפגענומען צו צוויי־דריי משפחות מיט זייערע פעקלאך און טלומסעלאך, זיי צוגעפיהרט צום אַרגענטינער בארען, וואו מען האט געלאנדעט.

עס געדענקט זיך נאר ווי היינט, יענער עפּיזאָד אין שיפעל.

ווען איך, מיין פרוי און מיינע דריי קינדערלאך, פון וועלכע דער עלצטער, מיין בכור אברהם, איז אכט יאהר אלט געווען — ווי ער האט זיך איבערראשט צו זיין מוטער געווענדעט:

— זעה נאר מאמע, דארט אויפ'ן ברעג, שטעהט א שווארצער "אוריאדניק", רויכערט א גרויסע ליולקע, ציהט און ציהט און ס'געהט אליין קיין רויך נים!

ערשט שפעטער האבען מיר זיך דערוואוסט, אז דאס האט דער־שווארצער "וויזשילאנט" געצויגען דורך דער "באמביזשע", די פארפארעטע "זשערבא" טהעע, — דער נאציאנאל ־ ארגענטינער געטראנק וואס איז בעקאנט אונטערען נאמען "מאטע" און וואס ווערט דורך א בלעכען אדער זילבער־רעהרעל געטרונקען פון א קירבעס־טעפעלע.

די לאדקעס האבען אונז עמיגראנטען געבראכט אינ'ם אימיגראנ־טען - הויז; אן אלטע, גרויסע, מיט מאך און שימעל באוואקסענע הילצערנע געביידע, וואו עס זיינען געווען צימערן און חדרים'לאך אהן א שיער. דארטען האבען מיר אנגעטראפען, נאך א צוויי הונ־דערט אידישע אימיגראנטען וואס די שיף ליסאבאן האט פריהער מיט א פאאר טעג געבראכט.

עטליכע פארברוינטע פארשוינען, האלבע נעגער, האבען דורך מימיק אונז צום טיש צוגעוואונקען, אנצייגענדיג מיט'ן האנד אין מויל אריין, — ווייל שפאניש, האט פון אונז קיינער נים איין ווארט פארשטאנען. — און מיר האבען זיך ארום די לאנגע טישען געזעצט.

די שווארצע האבען ברוידט און א בלעכענע שיסעלע מיט פלייש דערלאנגט א יעדערן. קיין אפעטיט האט קיינעם פון אונז נים גע־פעהלט. אלע, סאמע יונגע מענשען, נאך א לאנגער ים־רייזע, האט מען זיך געשמאק צו דער אכילה גענומען... פלוצים איז אויסגע־וואקסען א דאר אידעל, א קליינטשיקס, מיט א משופע געלע בערדעל און גרויסע גרויע אויגען, האט ווי א וויכער זיך געטרא־גען פון איין טיש צום צווייטען און יעדען איינעם, עפעס א סוד איינגערוימט אין אויער. ס'איז א שושקעריי געווארען און פיעלע האבען די שיסעלאך מיט'ן געשמאקען עסען אפגערוקט אן א זייט. הונגעריגע קינדער האבען זיך פאנאנדער געוויינט:

— מאמע, מאמע, כ'וויל עסען! פאר־וואס נעהמסטו־צו דאס עסען?

די פרויען האבען ניט געענטפערט און שווייגענד ביי די קינדער זייער שפייז אוועק גענומען. עלטערע אידען, פרומע, וועלכע האבען דאס עסען סיי ווי סיי ניט אנגערירט, זיינען פון ווייטען געשטאנען, נעצויגען מיט די אקסלען און פארכמורעט געשוויגען...

איינינע פרויען האבען זיך איילענד אויפגעהויבען פונ'ם טיש און זיינען אוועק אין דרויסען, וואו זיי האבען צוריקגעגעבען זייער עסען...

דאס האט אונז אנגעהויבען צו פאראינטערעסירען; אבער איידער כ'האב נאך געוואלט אנהויבען נאכצופארשען, איז יענץ אידעל אויך צו אונזער טיש צוגעקומען און האט אונז פארטרוילעך מיטגעטהיילט:

— עסט ניט! דאס איז פערדען פלייש! אלטע שקאפעס קוילעט מען דא און מען גיט זיי די אימיגראנטען צום עסען!

אבער בהרף עין איז ארויסגעשפרונגען א יונגערמאן, ש מ ו א ל ה א ל ב מ י ל י א ן, אליין א קיעווער, און האט אויסגעשריען:

— אוועק צבוע'יאק, ווער פרעגט דען דיך, ווער? — דערביי האט ער איהם מכבד געווען מיט א מתנת־יד. וואס האט רוישיג אפגעהילכט איבערן גאנצען זאאל.

דער נפש האט זיך אין דרייען איינגעקארטשעט און איז אונטער די הענד נעלם געווארען... שפעטער האבען מיר איהם פיעלע מאהל באגעגענט: ער איז אנגעקומען פאר א קאלאניסט אין מאַאוריציא, וואו ער האט אונז א סך צרות פארשאפט.

דער יונגער מאן וואס האט דעם צבוע'יאק אויסגעפאטשט, איז צוזאמען מיט זיין שוועער, א ב ר ה ם פ ע פ — א זעהר בכבוד'נער איד, ארומגעגאנגען די טישען און דעם עולם בארוהיגט, אריינ'טענה'נדיג:

— דער שבתי צבי'ניק איז א כזבן! עסט קינדער און גלויבט ניט אין זיינע ליגען. ארגענטינא איז גענוג רייך אין פיה, זי דארף ניט געבען איהרע אימיגראנטען, וועלכע זי האט אזוי גערען — קיין פערדען פלייש. מיר קאנען איהם, אט יענעם פארשוין נאך פון גאליציע, וואו ער איז מיט אונז צוזאמען געפאהרען. אויף דער רייזע האט עס זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז א שנארער און דערצו נאך א פשוט'ר באטריגער...

און אַט האָט איהר, וואָס זיי האָבען איבער איהם דערצעהלט, וואָס קאָן אויך דינען אַלס שעהנער אַנעקדאָט:

"אין לעמבערג איז ער צום קולטוס־פאַרשטעהער געקומען און געבעטען מען זאָל שיקען אַ מוהל, מל צו זיין דאָס קינד וואָס זיין פרוי האט אויף דער אכסניה געבוירען. מען זאָל איהם אויך שטי־צען מיט אייניגע גולדען, ווייל זיין ווייב פיהלט זיך זעהר שוואַך. אַ קוויטעל האָט מען איהם תיכף געגעבען צו אַ געוויסען מ א י ר ש ו י ן, — אַ ספּעציאַלסט אַ מוהל און אַ עסקן במצוות. דיזער איידעלער איד, האָט צונויפגעזאַמעלט עטליכע צעהנדליג גולדען, פאַרקויפענדיג די כיבודים אונטער די לעמבערגער גבירים: דער ה' ש ל מ ה ב א ב ע ר — סנדק: דר. ב י י ז ע ר — כסא של אליהו און א. וו; אויף מאָרגען האָט דאָס אידעל פון דער גלער בעררהעל, מיט דער יולדות און איהר בן זכר ניט געסטייעט... ביי נאַכט זיי־נען זיי אַפּגעפאָהרען קיין קראָקוי, זעלבסטפאַרשטענדליך מיט־געהמענדיג די מזומנים. אין קראָקוי האָט ער די זעלבע שפּיעל גע־מאַכט און ערשט אין האַמבורג, האָט על ביים ר א ב י נ ע ר ד"ר הירש, מל געווען זיין קינד".

פיעלע פון די עמיגראַנטען, דערהערענדיג די געשיכטע האָבען דעם נפש דערקענט און האָבען זיך ווידער גענומען צום עסען. אָבער די מעהרסטע, האָבען די עטליכע טעג וואָס מיר האָבען פאַר־ווײלט אין אימיגראַנטען הויז, ניט פאַרזוכט קיין לעפעל געקעכץ...

נאָכ'ן עסען, האָט אַ בעאַמטער יעדען מאַנספּערזאָן אַן ערלויב־ניס-צעטעל געגעבען, אַלס בעוויליגונג ארויס צו געהן אין גאַס, אויב ער וויל די שטאָדט אַנקוקען. פרויען האָט מען ניט ערלויבט ארויסצוגעהן. די מענער האָבען גֶעמעגט אַבוועזענד זיין ביז 5 פאַר נאַכט און דאַן, האָט יעדערער זיך געמוזט איינגעפינען צוריק אין "אימיגראַנטען האָטעל".

אַ מרה שחורה איז אויף מיר געפאַלען ווען איך, מיט נאָך איי־ניגע יונגע לייט, זיינען אריין אין שטאָדט. קיין לעבעדיגען מענ־שען האָט מען אין גאַס ניט געזעהן. אָפגעקלאַפּטע הייזער, טהירען און פענסטער מיט אייזערנע גראַטעס באַשלאָגען. אַ פּאָאַר קאַנ־קעס האָבען זיך שלעפעריג ארומגעשלעפּט איבער די צענטראַל גאַסען פון שטאָדט, פיהרענדיג זעהר ווייניג פּאַסאַזשירען. וואו ניט

וואו, האט מען באגעגנט א מאנאשקע אין שווארצע, מיט א ווייסן שלייער איבערן קאפ און א גרויסן צלם אויפ׳ן האלדז...

א צוויי הונדערט מעטר פונ׳ם "אימיגראנטן האטעל". האבן מיר אנגעטראפןביידלאך פון ציגיינער מיט א סך קינדער. ציגיינערינ׳ס מיט לאנגע, פער שווארצע צעפ, זיינען געשטאנען אויפ׳ן טראטואר, האבן "געוואראזשעט", קארטן אויסגעווארפן און אויפ׳ן האנד די שטריכן געקוקט. דאס ציגיינער קליינווארג, האט ניט געלאזט אדורכ־געהן: האבן געבעטעלט אן אפעלסין, א סענט, אדער בדאי גור א שטיקל ברוידט.

א פאליציסט, אדער ווי מען רופט איהם דא "וויזשילאנט", אין אן אלטן שינעל, בארוועס, (אנדערע אין איין "אלפארגאט" און מיט איין שטיוועל) איז געשטאנען ביי דער "עסקינא" ביים ראנ־גאס, האט זיך געשמאקלאך צוגעדרימעלט, אדער געקוקט תמ׳עוואטע גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, שיילענדיג אפטמאל גאנץ געמיטליך א מאראנץ.

מיר האבן איינער דעם צווייטן אנגעקוקט: "אט דאס איז בוענאס־איירעס, די הויפטשטאדט פון דער ארגענטינישער רעפובליק?"

שפעטער האבן מיר זיך דערוואוסט, דאס מיר זיינען אנגעקומען סאמע נאך דער גרויסער רעוואלוציע פון 1890, וואס דורך איהר, איז נאכדעם דער פרעזידענט ד״ר מיגעל כוארעז סעלמאן ארונטער געזעצט געווארען, דערפאר וואס ער האט א פערשווענדערישע רעגירונג געפיהרט און דארום האט די שטאדט אזוי ארים און קלעגליך אויסגעזעהן.

מיר האבן אויסגעמאסטען די פוסטע גאסען, געקויפט פאר צעהן סענט א טוץ מאראנצען, געגעסען און געשפאנט...

שפעטער, ווי די מאדע איז ביי "גרינע", בשעת מיר האבן שוין געוואלט געהן צוריק אין אימיגראנטען הויז, האבן מיר פארבלאנדזשעט אין בשום אופן ניט דערקאנט די דורכגעגאנגענע גאסען, ניט דעם פריהערדיגען וועג. די אימיגראנטען צעטלען האבן אונז מציל געווען. איין "וויזשילאנט" האט אונז צוגעפיהרט צום צווייטן, דער צווייטער צום דריטען, ביז מיר זיינען בשלום צוגעבראכט געווארען צום טויער פונ׳ם אימיגראנטען האטעל.

2.

די „טמאים" און זייער עיפוש.

ביים אייזערנעם גרינעם טויער פון אימיגראנטען הויז, נעבען צאם ביי די אייזערנע שטאכעטעו, האבען מיר אנגעטראפען א צעהנדלינג רייך געקליידעטע דאמען און אייניגע גראב בייכיגע הערען אין צילינדערם. דורך די גראטעס האבען זיי ארייגגע־טענה'ט מיט אונזערע פרויען: די קינדער אונזערע, דערלאנגט קאנפעקטען און שאקאלאד, און איינציגווייז, זיך אלע ווילע צו־גערוקט צום וועכטער, איהם עפעס בסוד געבעטען און ער האט אלץ געציינגט, שאקלענדיג מיט'ן קאפ און די הענד אויף "ניין" און ווי כ'האב זיך ערקונדיגט, האט ער זיי בשום אופן ניט גע־וואלט ארייגלאזען אינעווענינ.

אייניגע פון דיזע לייט, לויט'ן אויסשפראך פוילישע, האבען צווישען די אימיגראנטען דערקענט פריינד, אדער סתם באקאנטע און האבען זיך געשמאק צעוויינט; זייערע טרעהרען האבען זיך אויף די אייזענס גענאסען און כ'האב דאמאלסט ניט געקענט באשטימען, צי דאס זיינען געווען פריידען, אדער טרויער טרעה־רען...

אויף שטום לשון, האב איך דעם וועכטער ביים טויער גענומען אויספרעגען ווארום ער לאזט די דאמען מיט די הערען ניט ארייו אינעווענינ; אבער ער האט עפעס מאדנע, אלס ענטפער, צוגעפינ־טעלט מיט אן אויג, געשמייכעלט, געדרעהט מיט זיין שווארצען געקרויזטען קאפ און שעלמיש צוגעבאמקעט: "נא, נא, נא!".....

אינדעם איז אנגעקומען א יונגער־מאנטשיק, א געלער מיט א געשפרענקעלטען פנים, טראגענדיג א בינטעל פאפירען אונטערן ארעם אין האט זיך פארגעשטעלט, אלס פארטרעטער פון באראן הירש'ס ביורא. דער וועכטער האט פאר איהם מיט דרך ארץ גע־עפענט דעם טויער. דיזער, האט אונז געמאלדען אין נאמען פון דר. לעווענטהאל. אז אין א פאאר טעג ארום, וועט מען אונז

אוועק־שיקען אויף לאנד וואס דער בּאראָן הירש האָט דורך איהם געקויפט פון אונזערטוועגען. "עס האנדעלט זיך נאר אין אונ־טערשרייבען איינינע "פארמאלנאססטען" מיט דער רעגירונג אי־בער דער קניה פון'ם לאנד" — האט ער אונז פארטרויליך גע־זאָגט, — "און אלעס איז פערטיג!"

דאן האט ער פאר אונז א שעהנע רעדע געהאלטען: האט בּאַ־דויערט וואס די "קאמיטעטען" אין גאליציע און אין דייטשלאנד האבען זיך צוגעאיילט מיט אונז... דאס הייסט אז מיר זיינען געקומען אביסעל פאר דער צייט... ער האט אונז אויך אנגע־זאגט, קיין מגע ומשא ניט צו האבען מיט די אידישע דאמען און העררן, וואס שטעהן ביים טויער און ביי די גראטעס: "זיי זיי־נען פון די טמאים!" — האט ער ענערגיש בעטאנט: — "איהר זאלט אייערע פרויען און מיידלאך ניט לאזען געהן אין גאס אריין". — און האט פארטגעזעצט:

— דא זיינען קיין ארענטליכע אידען ניטא. ס'געפינען זיך גור אט די דאזיגע אומריינע נפשות, דער אבפאל פון דער מענשהייט. איינינע שפאניאלישע און ענגליש־אידישע כשר'ע משפחות, שעהמען זיך צוליעב די טמאים, אלס אידען זיך אוים־צוגעבען...

דער יונגערמאן האט א ווילע גערעדט מיט די בעאמטע פונ'ם אימיגראנטען האטעל און איז אוועק־געגאנגען.

אבער ווי נאר ער האט די שוועל אריבערגעטראטען, האט זיך צעווישען עולם גענומען קאכען. יענער קליינער אידעל, וואס האט אונז כלומר'שט געוואלט פון פערדען־פלייש פארהיטען און אנדע־רע אויך אזיינע עהרליכע לייט, האבען געהיצט:

— מען האט אונז פארקויפט! — האבען זיי געשריען: — ס'איז גאר קיין לאנד נאך נישט געקויפט געווארען! מען האט אונז פארנארט! די גאנצע קאלאניזאציע איז גאר א ליגען!...

— מיסיאנערן! — קווימשעט דאס אידעלע און שאקעלט גע־שווינד מיט'ן שפיץ בערדעלע. — מ'וויל אונז אוים־שמד'ן. מעביר זיין על דת!...

די טמאים פון יענער זייט טויער, האבען אונטערגעבלאזען דעם פייער. האבען צוגעטראגען זייערע זיידענע קאלירטע טיכלאך צו

די אויגען, און באוויינט די אימיגראנטען. א פאאר גרעסערע איד־לער, האבען זייערע קונצשטיק באוויזען און דורך די אימיגראנ־טען־צעטלאך, אריינגעשמוגעלט אייניגע טמאים אין הויף אריין... און אט דיזע ברואים האבען מיט זייערע זונה־ליפעלאך אנגעהויבען אפמאלען מיט שווארצען די לאגע אונזערע. א מאסע פון אונזערע נאאיווע פרויען, האבען זיך צו־וויינט, ו ה ע ם ב ו כ ה ל מ ש פ ח ו ת י ו...

מעהרערע פון אונז האבען פראטעסטירט. האבען גענומען ארויסיאגען די אריינגעשמוגעלטע זונות. ס'איז געקומען ביז צו פעטש, ווייל דער וועכטער האט שוין הפנים געגומען און יד אריין... דער רעזולטאט איז געווען: דאס א פאאר זויבערע פוילישע ציצית־אידען, זיינען מיט האק־און־פאק, מיט די ווייבלעך זייערע און מיט די דערוואקסענע מיידלאך, אוועק פון אונז אהין, פון וואנען מען קומט שוין נים צוריק... און, דאס פייער איז איינגעלאשען געווארען.

אויף מארגען נאך דיזער פאסירונג, איז דער ד"ר לעווענטהאל געקומען אין אימיגראנטען הויז.

מיין גאנצען לעבען וועל איך נים פארגעסען דעם הדרת פנים פון יענעם שטאלצען אידען: זיין הויכע פראכטפאלע פיגור און איבערהויפט זיינע שווארצע מאגנעטישע אויגען. וואס קיינער פון אונז האט מעהר פון איין סעקונדע נישט געקענט אויסהאלטען זייער בליק. אלע ביז איינעם, האבען מיר זיך אויסגעשטעלט אינ'ם גרויסען הויף פונ'ם האטעל, רונד־ארום דעם דאקטאר. ער האט מיט זיין האנד א מאך געטהאן און ס'איז תיכף מורא'דיג שטיל געווארען.

— "קינדער! — האט ער אין פליין מאמע־לשון אנגעפאנגען — דער גוטער בארא‎ן האט מיך און דעם סער קוליען געשיקט אום אויסצעזוכען א מקום מנוחה, ערגעץ א פריי פלאטץ אויף דער גרויסער וועלט, וואו עס זאל קענען געשאפען ווערען א היים פאר אייך און פיר אלע אונזערע אונטערדריקטע ברידער. מיר האבען געפונען די פרייע רעפובליקא ארגענטינא אלס פאסענדען ארט. א גרויסע און ברייטע, א פרייע און פרוכטבארע מדינה, וועלכע קען אריינ'נעהמען אלע ליידענדע און פארפאלגטע אידען,

מיר האבען גענוג ערד געקויפט אום אייך פאר ערד ארבייטער צו מאכען דא, אינ'ם דאזיגען געזונדטען און געזיכערטען לאנד. אמת, די קאמיטעטען האבען זיך אביסעל צו גע‎איילט מיט אייך. מיר האבען קיין צייט נאך ניט געהאט פאר אייך הייזער צו־צו־גרייטען... מיר האבען איינענטליך אויסער די נאקעטע ערד, דערווייל גאר ניט געקויפט; אבער אויך זיי, יענע קאמיטעטס לייט זיינען ניט שולדיג. איהר זיינט זיך אנגעלאפען אין די מאסען און די דארטיגע רעגירונגען, סיי פון גאליציען סיי פון פרייסען האבען געפאדערט, אז מען זאל אייך פון דארט אוועק־געהמען, קוים ניט, — האט ער אין א פארביטערטען טאן, שווער ציהענ־דיג זיין אטהעם געזאגט, — קוים ניט. וואלטען זיי אייך, ווי אומ־געווינשטע עלעמענטען פארטריבען פון דארט!"

ווארפענדיג זיין שטרענג פארשענדען בליק איבער אלע פאר־זאמעלטע האט ער מילד ווייטער גערעדט:

— "אום אייך דא אין שטאדט צו האלטען, ביז די הייזער און רעמאנענטען וועלען געשאפען ווערען, זעהט איהר דאך ברידער, אז ס'איז אומעגליך. די ר י י נ ע משפחה מוז זיך אפזונדערן פונ'ם ארט וואו זי קען פארשוועכט און טמא ווערען... אט זיינען נעכטען אייניגע פון אייך אוועק אויפ'ן וועג וואס פיהרט צום שרעקליכען תהום... איך טהאר אייך דא ניט האלטען! פיערציג יונגע־לייט האב איך ארויסגעשיקט, אום פאר אייך דארט אויפ'ן לאנד א שטיקעל וואוינונג צו שאפען און אין א פאאר טעג ארום, וועלען מיר אייך אלע אהין אריבערפיהרען. איך בעט אייך נור גערולדיג צו זיין! נוצט אוים דעם גערולד מיט וועלכען אונזער אומה איז בעקרוינט: דולדעט, ליידעט, טראגט נאר אריבער, די ערשטע אומפערמיידליכע שוועריגקייטען וואס די קאלאניזא־ציאן פאדערט און איהר וועט ענדליך קומען: "אל המנוחה ואל הנחלה" און גלויבט מיר, ס'וועט אייך גוט זיין! ברידער! א גרוי־סער, נאבעלער אידעאל האט דעם באראן באהערשט; זיין הארץ קלאפט מיט ליעבע צו אייך, האלט אייך פעסט און געהט ניט אראפ פונ'ם וועג!"

— שיקט אונז דאקטאר! מיר פאהרען! מיר געהען! הורראַ! לעבען זאל דער באראן! — האט עס געררושט פון אלע זייטען.

דער דאקטאר לעווענטהאל איז אוועקגעגאנגען א צופרידענער.

מיר האבען גענומען איבער'חזר'ן זיינע רייד; אייניגע האבען אויף זיי פירושים געמאכט און מען האט זיך צוגעגרייט צו דער רייזע: צו פאהרען נאך דער מנוחה ונחלה, אויף אייגענער ערד אריינצוטרעטען אינ'ם נייעם לעבען און אזוי האט זיך עס געצויגען ביז שבת, אין לאנגע פרעהליכע קאמענטארען און אלגעמיינער צופרידענהייט.

שבת גאנץ פריה, איז געקומען א רויטער הערר פון א יאהר 35, אנגעטאהן אין א הויכען צילינדער־הוט. עהנליך צום "קוימען" פון א קוטשער און נעבען איהם, איז רעספעקטפול מיטגעגאנגען א שווארצער יונגערמאנטשיק און ביידע, זיינען העפליך באגריסט געווארען פון די האטעל בעאמטע. פאר אונז האט זיך דער דאזיגער הערר פארגעשטעלט אלס ראבינער פון די מערב-אייראפעאישע אידען: פראנצויזען, דייטשען, ענגלענדער און בעלגיער. און דורך זיין דאלמעטשער, האט ער אונז איינגעלאדען צו געהן דאווענען מיט מנין אין זיין שוהל, וואו דער שווארצינקער איז געווען דער שמש און גערעדט אידיש, אי פאר זיך אי פאר'ן ראבינער, וועלכער האט זיך מיט אונז ניט געקענט צוזאמענריידען ניט אין ענגליש און ניט אין שפאניש, די לשונות וואס ער האט באהערשט.

א צעהן מענשען זיינען מיר געגאנגען מיט זיי. ערגעץ אין א שמוציג און בלאטיגען געסעל, אין אן ענגען פינסטערן צימערל, איז געשטאנען אן ארון קודש מיט אנ'עמוד, א פאאר בענק אויף וועלכע ס'האבען זיך געוואלגערט א צעהנדליג סדורים. דאס איז די דאמאלסדיגע שוהל געווען.

היינט האבען די אויסלענדישע אידען דעם שעהנעם טעמפעל, די קאנגרעגאציאן, וואו עס שפיעלט אן ארגעל מיט א שעהנעם ארקעסטער און א גוטען קאנטאר און וועלכע איז די איינציגע שוהל אין בוענאס־איירעס, וואס פארמאגט אן אייגענע געביידע.

מען האט פאנאנדער געטהיילט קארטלאך מיט'ן אויפשריפט: "כהן", "לוי", "שלישי"... דער שמש האט פאר'ן עמוד געדאווענט און געבענשט ראש חודש אלול פון תרנ"א. חוץ אונז, דעם רב און שמש און א פאאר זקנים, איז אין שוהל מעהר קיינער

ניט געווען.

באלד נאכ'ן דאווענען, איז דער רויטער ראבינער תיכף אוועקגע־גאנגען, און דער שמש האט אונז דערצעהלט געגוג טרויעריגע מעשיות.

„דער ראבינער הענרי יאזעף, וואוינט מיט א קריסטין. זיינע קינדער זיינען ניט גע'מל'ט — אמת'ע גוים. די אידען שעה־מען זיך דא אלס אזעלכע אויסצוגעבען אין דער עפענטליכקייט, ווייל אלע פוילישע און גאליציאנער אידען וואס האבען זיך נאך פריהער אין לאנד באזעצט, גיבען זיך כמעט אלע אפ מיט שאנד־הייזער. די רוסיש־פוילישע משפחות, וועלכע לייזער קויפמאן האט אהער פארפיהרט, זיינען פון די קאלאניען פאלאסיאס און מאנינגאטעס, טהיילווייז צולאפען און דאס רוב פון זיי, געפינען זיך איצט אין שטאדט... אויב זיי אליין האלטען ניט קיין שאנד־הייזער, זיינען זיי אבער דארט די משרתים און זייערע פרויען דיענען אלס קעכניעס און דיענסטען אין די בתי זונות...

— און אט דאס איז די אידישע געמיינדע פון בוענאס־איי־רעס. — האט ער אונז געזאגט. — א גאנץ יאהר איז זעלטען א מנין צו טרעפען, נור ראש השנה און יום כפור קומט מען זיך צוזאמען, די כשר'ע מיט די טרפה'נע און מ'דאווענט אינאיינעם. איך אליין, — האט דער שמש פארענדיגט; — בין אויך פון די, וואס קויפמאן האט מיט א דריי יאהר צוריק אהער געבראכט...

ביי דיזע רייד בין איך אויפגעציטערט געווארען.

— איהר זיינט פון קויפמאנ'ס אימיגראנטען? — האב איך אי־בערראשט געפרעגט: — קענט איהר אפשר די פאמיליע ווייי־נער, וועלכע האט אויך מיט דעם סמאטריטשער אידען, קויפמאן, אויסגעוואנדערט? וואס מאכען זיי ערגעץ און וואו געפינען זיי זיך?

— געהערען זיי זיך עפעס אן מיט אייך? אייערע פערוואנדע־טע? — האט ער זיך ערקונדיגט.

— יא, מיין פרוי'ס א פעטער איז ווייגער. אכצעהן יאהר האט ער מיט זיין משפחה געוואוינט אין א דארף; אבער איגנאטיעוו'ס גזרה פון 82־טען יאהר, האט איהם פון דארט פארטריבען און ער איז מיט די הונדערט פאמיליעס פון קויפמאנ'ס פארטיע, געפאהרען צו דער גליקליכער קאלאניזאציע!

— אייער פעטער, הירש וויינער מיט זיין זוהן אברהם אליהו, זייגען די גליקליכסטע; — דערצעהלט ער מיר. — זיי האבען דארט אין מאניגאטעס, אנגעטראפען אן „אלבאניל" (א מולער). וואס ער צאהלט זיי א פעזא א טאג און זיי טאסקענען בלאטע מיט ציגעל און פארדינען זייער ברויט: אייער מוהמע מיט דער שנור, וואשען דארט גרעט און האבען אויך וואסערע אבציג סענט א מעת־לעת, און ווען ניט דער אומגליק מיט די קליינע קינדער, וואלט זיך דארט ניט געפיהלט אזוי דאס שלעכטס! — האט ער פארענדיגט און געשמאק אפגעזיפצט.

מיר האבען איהם געבעטען ער זאל אונז דערצעהלען אלע איינצעלהייטען פון קויפמאן'ס קאלאניזאציע, באמערקענדיג דערביי: „מיר געהען דאך זיך אויך קאלאניזירען, לאמיר וויינינגסטענס אלעס וויסען".

— ניט פאר אייך געדאכט! מיט אייך קען אזעלכעס ניט טרעפען! — האט דער יונגערמאן פארזיכערט. — קויפמאנ'ען האט מען פשוט באשווינדעלט; ניט אומזיסט האבען איהם די אימיגראנטען געוואלט הרג'ענען!

— דערצעהלט! דערצעהלט! — האבען מיר איהם איינשטימיג געבעטען, און ער האט פארצעהלט:

„אין יאהר 1887, ווען די אידען פון די דערפער און די קליינשטעדטעלדיגע, האבען זיך געפונען גערריקט און געשטיקט דורך איגנאטיעוו'ס גזרות, האבען זיי ארויסגעשיקט דריי שתדלנים קיין פאריז און לאנדאן כדי אויסצו־ווירקען ביי די גדולים, דאס מען זאל זיי אריבערפיהרען קיין אמעריקא, קאנאדא אדער פאלעסטינא. צוויי פון דיזע, לייזער ניסענזאהן און משה הענדלער פון קאמענעץ פאדאלסק, האבען זיך, נאך א לאנגען יאהר וואלגערן הינטער די טהירען פון די אידישע פילאנטראפען, אומגעקעהרט מיט ליידיגען אהיים. דער דריטער, קויפמאן, וואס האט דאס אומגליק געהאט, זיך צו באקענען מיט אן אגענט, וואס האט זיך אנגעגעבען אלס שליח פון דער ארגענטינישער רעגירונג און וועלכער האט איהם צוגעזאגט גאלדענע גליקען: ערד, בהמות, רעמאנענט און געלד־שטיצע פאר דער ערשטער צייט. א הונדערט משפחות האט קויפמאן אויף דיזען סמך צונויפגעשטעלט און זיי

זיינען מיט איהם געפאהרען קיין ארגענטינא, אום פאראומגליקט צו ווערען. אלע הבטחות פונ'ם אגענט האבען זיך אויסגעלאזט אלס פוסטע, פאלשע און באטריגערישע. צווישען די באהן־סטאנ־ציעס פאלאסיאס און מאניגאטעס, האט מען די פאמיליעס אפ־געווארפען, אהן ברוידט און אהן א דאך איבער'ן קאפ... מעהר ווי דריי הונדערט קינדער, זיינען אויסגעשטארבען אין איין חודש צייט — דורך הונגער און קעלט... א סך פון יענע פאמיליעס, זיינען אוועק צו פוס און זיך דערשלאגען ביז בוענאס־איירעס: זייערע מיידלאך און שניר זיינען אין די "הייזלאך" אריין... פיעלע משפחות זיינען נאך דארט פארבליבען און ליידען אזעלכע שרעק־ליכע צרות, אז ס'איז גאר אוממעגליך אזוינס אויסצודערצעהלען. יעצט שמועסט מען, אז דער דאקטאר לעווענטהאל וועט די דאר־טיגע אויפנעהמען אונטער די פליגלען פון דער איצטיגער קאלא־ניזאציאן און זיי וועלען דערלייזט ווערען!" — האט ער פארענ־דיגט.

מיר האבען זיך אויסגעזיפצט, אפגעקרעכצט, א פאאר טרעה־רען אפגעווישט און פארטרויערטע צוריק־געגאנגען אין אימי־גראנטען האטעל.

דעם זעלבען שבת, נאכמיטאג, האט מען אונז געפיהרט צום וואקזאל, אום אפצופאהרען אויף אונזער לאנד...

און פון יענער רגע אן, ציהט זיך פאנאנדער די קעהט מיט צרות. וואס איהרע רינגען קניפען און פלעכטען זיך דורך די גאנ־צע דרייסיג יאהר. — כמעט א דריטעל יאהרהונדערט פון עבדות, פינסטערנעש און דערנידערונג... זעהר ווענינ ליכטיגע טעג האבען מיר פאר דער גאנצער צייט געגאסען. א שווערען פארצווייפעלטען און מיהזאמען קאמפף האבען מיר אדורכגעמאכט און זעהר ווענינ פון יענע ערשטע פיאנירען זיינען געקומען אל המנוחה ואל הנחלה, ווי דער ד"ר לעווענטהאל האט דאמאלסט פארשפרא־כען, סיידען ארייגרעכענען די הרוגים וועלכע זיינען געפאלען דורך גאאוטשא־הענד, אדער יענע וואס האבען זייער רוה אויפ'ן נא־טירליכען וועג געפונען אין דער אייגענער ערד...

נור לאמיר דערצעהלען כסדר ווי אזוי אלעס איז פארגעקומען.

די קאנקע אדער טראמוויי געשלעפט פון א פאאר פערד פנירות,

איז צוגעקומען צום אימיגראנטען־האטעל און דער געלער בעאמטער פון ביורא, האט באפוילען אז מיר זאלען ארייגשטייגען אום צום וואקזאל צוצופאהרען. וויפיעל די פרומע אידען האבען זיך ביי איהם ניט געבעטען: "מיר ווילען געהן צופוס, ס'איז דאך שבת! מיר ווילען ניט און טהארען ניט פאהרען מיט דעם טראמוויי!", האט ווייניג וואס געהאלפען; ער האט שטרענג זיין באפעהל געגעבען: "איהר מוזט פאהרען, אז ניט ווערט איהר אז די באהן!" — הנם, ווי ס'האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, איז עס געווען א פשוט'ר ליגען: דער צוג איז ערשט אפגעגאנגען נייען א זייגער אין אווענט...

דער שוחט, גדליה וויינער, וואס איז דאמאלסט געווען מיט אונז, האט זיך געלאזט לויפען צופוס נאך דער טראמוויי; ער איז אבער גיך מיעד געווארען. מיט פארדראס און טרעהרען אין די אויגען, האבען זיך די פרומע אידען איינציגווייז נעבאך, ארויפגעכאפט אויף דער קאנקע, באמערקענדיג אלס ענטשולדיגונג: "אונס רחמנא פטריה"...

מיר האט דיזע טהאטזאך שוין מעהר ניט איבערראשט: וויל דורך דער גאנצער רייזע האב איך באמערקט, דאס די גדולים פון דער עמיגראציע און קאלאניזאציע, האבען סיסטעמאטיש שטענדיג אויסגעקליבען דעם שבת'דיגען טאג, אום אונז צו טראנספארטירען אדער אנדערע שווערע ארבייטען דורכצומא־כען...

אויפ'ן ווילדען גראז פון דער איצטיגער פלאסע אנסע, אנט־קעגען וואקזאל, האבען מיר זיך אויסגעזעצט און פרעהליך, אזוי־ווי עס פאסט פאר גליקליכע מענשען וואס פאהרען זיך באזעצען אויף אייגענער ערד, האט דאס יונגווארג געזונגען אליקום צונ־זערס: "סאכע" און די ווייבער האבען איינגעקויפט שפאט ביליג אי אפעלסינען, אי באנאנעס, האבען געביטען די רוסישע קאפיקעס אויף נייע צעהן סענטיגע פאזיטלאר, באקומענדיג פאר 5 קאפיקעס — צעהן סענט און פאר הונדערט רובל — גאנצע 210 פעזאס. די שטימונג איז א געהויבענע געווען.

די זון האט יענעם טאג עפעס אזוי הערליך שעהן געשיינט, דער וועטער איז געווען מילד און ליעבליך ווארים; אלעס האט

אזוי מחיה׳דיג געבליהט און געגרינט, אז עס האט א יעדען פשוט
ענטציקט.

— וואס זאגט איהר אויף דעם ארגעטינישען ווינטער? —
רופט זיך אן א יונגע, שעהנע ווייבעל צום עולם. — נו, א לאנד,
טאטע מיינער! א חידוש, א חידוש! אייביג לעבען זאל דער בא־
ראן פאר דאס שעהנע לאנד וואוהין ער האט אונז געבראכט!

—הורראַ! לעבען זאל דער באראַן דע גירש! דא וווזדראסט־
וואיעט באראן דע גירש! — האבען דארפישע אידען געדונערט!
נייען אזייגער אין אוועגט האט דער צוג געריהרט און מיר
פאהרען.

3.

אויפ'ן באָהן.

קיינער פון אונז איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען. יעדערער האָט געברענט מיט אומגעדולד דאָס אייגענע לאַנד שוין צו זעהן.

ווידער־אַמאָהל האָט מען זיך גענומען פּלאַנעווען, גרופּירען, איינאָרדנען און פאַרזאָרגען אַלע קהל'שע ענינים. הגם אויפ'ן שיף נאָך, האָט מען שוין אַלצדינג פּיקס און פאַרטיג איינגעלאַדעוועט, אפילו ר א ש י ם אויסגעקליבען, איינגעטהיילט די פּאָדאַליער באַזונדער אין אַ דאָרף, — מיט גדליה שוחט אַלס רעליגיעזען מנהג; די בערסאַנער און בעסאַראַביער אין אַן אַנדער קאָלאָניע, אריינגעבענדיג זיי אין נדן דעם אַלטען ש ו ח ט, איז אָבער דערביי אַ צרה געווען — די עטליכע ליטוואַקען וואָס מען האָט טאַקע באמת זיי ניט געהאַט וואוהין צו צוטשעפּען... אַט דורך זיי, איז אַרויס אַ געפעהרליכע מחלוקת אויפ'ן שיף, וואָס האָט געבראַכט צו דער אריינמישונג פונ'ם קאַפּיטאַן און די איינשפּאַרונג פונ'ם יונגען מג"...

אָבער ס'איז אָפּטמאָל כדאי איבערצודערצעהלען ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

חיים טאַקערס פרוי, האָט אויפ'ן שיף אַ אינגעל געבוירען. די גאַנצע מאַנשאַפט איז כּאַדראַם געגאַנגען. פונ'ם קאַפּיטאַן ביז'ן קלענסטען מאַטראָז, זיינען אַלע געווען מלא שמחה. ס'איז פרעהליך געוואָרען אין אַלע ווינקעלאַך. עפעס אַ קלייניגקייט: אַ געבורט אויף דער שיף! אַ גדולה אויף זיי!

— אָה דעם יונג ווערדען וויר אינ'ם שיף רעגיסטער איינטראָגען; איינע פרייע רייזע קאַרטע ווידד־ער אויף אַלע וועלט מעערען בעקאָמען! — האָט דער קאַפּיטאַן פון שיף, אין פּאַראַדישטען דייטש פאַרזיכערט דעם קינד'ס פאָטער.

דער יולדות האָט מען אין שפּיטאָל געהאַלטען. די ערשטע קלאַסנע פּאַסאַזשירען, האָבען איהר אַלערליי מתנות געבראַכט. הכלל

ס׳איז געווען א לעבעדיגע שמחה! צו די אכט טאג, האט מען דעם ברית מילה געפראוועט כיד המלך... דער קאפיטאן איז סנדק גע־ווען און האט מכבד געווען דעם אידישען עולם מיט צוויי־הונ־דערט פלאש מאדערא־וויין... האבען אונזערע פוילישע חסידים דעם "מאדערא" גע׳כשרט און גיך געווארען בגלופנ׳דיג... דארף איינער, א ליטוואק דערצו, מוסר ־זאגען און וועלען איבערצייגען אז דער וויין איז נסך... האט זיך צעפלאקערט די התלהבות ביים חסיד מג" און מיט א ליידיגער פלאש פארפאהרען אין בעל־מוסר׳ס קאפ, און כדי די חסידישע היצינקייט אפצוקיהלען, איז ער אלס ארעסטאנט פארשפארט געווארען אין סאמע אונטערשטען טרום און אט צוליעב דיזער סיבה, האט זיך צוברענט דער מחלוקת און דאס צאנקעריי האט אזוי געדויערט ביז תשעה באב. אין אווענט, בעת מיר זיינען אלע געזעסען אויבען אויפ׳ן פאלוב און משה מעלמאן, (שפעטער חזן ומוהל אדער "רעווערענד" אין ניו־יארק), האט מיט זיין טענאר שטימע די קינות געזאגט, דער עולם האט צוגעשלוכצט, די ווייבער צוגעכליפעט און אייניגע אונטער־געוויינט שנייצענדיג זיך די נאז, זיינען זיך די אפיצירען און די גע־הויבענע פאסאזשירען, געשטאנען רונד ארום פון אויבען און האר־בען אונז באדויערט, איז פלוצים ארויס עפעס א יונגער דייטש, (אפשר איז ער געוועז א יאהודי) און באלד נאך די קינות אונז א מוסר דרשה געהאלטען: אונז פארגעהאלטען וואס מיר זיינען ניט איינשטימיג, ניט פעראייניגט און פערברידערט: און דאנ־קענדיג זיינע איינדרוקספאלע רייד, איז דאמאלסט שלום געמאכט געווארען און א ח ד ו ת האט מען געשלאסען און די ליטוואקען האט מען צוגעקלעפט צו אונז פאראליער.

האט זיך אבער אין באהן די פראגע ווידער ערוועקט און די ליטוואקען זיינען ווייטער געבליבען שמעקען ווי א בייהן אין האלדז... זייענדיג נאהענט פון "איינגענעם לאנד", דארף דער שטן די ליטוואקעס אוועק שטעלען אין סאמע מיטט וועג און יעהערער האט געוואלט, דאס די צווייטע פארטיע זאל צו זיך נעהמען דיזע שוועסטער קינדער...

אך ווי נארעש און ווי בלינד דער מענש איז! ווען מיר וואלטען דאמאלסט געוואוסט וויפיעל צרות מיר וועלען או סשטעהן, ווי־

פיעל אומגליקען עס וועלען אונז טרעפען און אז נאך דרייסיג יאהר צייט, בעת פיעלע פון די ארגאנזשירער שלאפען שוין לאנג זייער אייביגען שלאף און דער חסיד מיט'ן ליטוואק האבען שוין אין עולם האמת אן עוויגען פרידען געשלאסען — אז נאך יעצט, איז נאך אלץ די קאלאניע ניט ארגאנזשירט און ניט ארגאניזירט. — מעגליך אז מיר וואלטען געווים אויסגעמידען די נארישע צאנקערייען און דעם דומען האס צווישען ברידער! אפשר, ווער ווייסט? פילייכט איז עס נאר א גליק פאר דער מענשהייט וואס די צוקונפט איז שטענדיג פארשלייערט און פארבארגען פאר'ן שכל און פאר'ן בליק!

נאר לאמיר בעסער צוריק געהן צו דער ערצעהלונג.

א גאנצע נאכט האט עס אין באהן גע'רעש'ט פון די היציגע דיסקוסיעס און פייערדיגע דעבאטען און מיט'ן טאג, זיינען מיר אנגעקומען צו דער סטאנציע ק א ס א ר ע ס.

אויף שטום לשון, וועלכען מיר האבען שוין דאן זיך גוט אויסגעלעהרענט, האט מען אונז צו פארשטעהן געגעבען אז מיר דארפען אפשטייגען פון די וואגאנען. דער לאקאמאטיוו האט זיין סיגנאל געגעבען און דער צוג איז זיך אוועק זיין וועג.

פון צעווישען די הויכע גראזען, וועלכע האבען כמעט די רעלצען פארדעקט, האט זיך א בלאסער מאטער זונען שיין דורכגעריסען און באלויכטען די פוסטע געגענד. בלויז צוויי הייזקעס — איינע צונויפגעשלאגען פון ברעטלאך און די צווייטע פון בלעך און אין וועלכע עס זיינען אינסטאלירט געווען קליינינקע קאמפס שענקלאך, — האבען מיר דארט אנגעטראפען און דיזע, צוזאמען מיט'ן טל ומטר'דיגען וואקזאלטשיק, האבען דאמאלסט פארגעשטעלט קאסארעס.

אויף ווי ווייט דער בליק איז געפאלען האט מען נאר געזעהן בוריאן; הויכע, ווילד אויסגעוואקסענע גראזען מכל המינים און צעווישען זיי, וואו ניט וואו, שמאלינקע אויסגעטראטענע סטעזשקעס וואס דער סקאט האט הפנים געמאכט, געהענדיג צום וואסער און די שטעגען האבען זיך געשלענגעלט צווישען דעם ווילד גראז און זייגען פארלוירען געגאנגען ערגעץ ווייט, ווייט אין די אונענדליכע פאמפאס.

4.

מיר געהען צו אונזער לאנד.

קיין לעבעדיגער מענש האט אונז ביים וואקזאל ניט עמפפאנ־גען: קיין איינציגער בעאמטער פון באראן'ס קאלאניזאציע האט אונז ניט אפגעווארט. דעם שעף פון קאסארעסער באנהויף, א הויכער ברונעט, מיט א געדיכטער הימשקע האאר, — האט זיך אלע ווײלע ארויסגערוקט פונ'ם וואקזאל־הייזעל, צוגעשמיי־כעלט שעלמיש צו אונזערע שעהנע ווייבלאך און דערזעהענדיג, דאס ניט איינע פון זיי שענקט איהם וועלכע ס'איז אויפמערק־זאמקייט, איז ער הפנים בעז געווארען, האט א טרעסעל געטהאן די קוטשמע האהר, זיך פארמאכט אין שטוב און מעהר זיך ניט געוויזען.

ווער פון אונז עס האט נאך אין זיין קלומעקיל געהאט א שטי־קעל ברוידט, האט עס איפגעגעסען. די קינדער זיינען ביסלעכ־ווייז הונגעריג געווארען און מען האט זיך צעלאזט נאך די שענק־לאך אום ברוידט צו קויפען: אבער זיי האבען אזא א ר ט י ק ע ל נאר נישט געהאט... די אויגען זיינען פון אומגעדולד ארויסגעקרא־כען, קוקענדיג אויף אלע זייטען, פיללייכט קומט אימיצער, כדי אונז צו פיהרען אויף א ו נ ז ע ר לאנד.

א שעה נאך א שעה איז פארפלאסען און ס'איז נאך אלץ קיי־נעם נישט צום זעהן געווען.

דער עולם איז אויפגערעגט געווארען: ס'האט אנגעהויבען קא־כען. צום אנפאנג שטיל — שפעטער אלץ רוישענדער און העכער. בינטלאך אידען האבען זיך אויסגעשטעלט נעבען די רעלצען און ארייגגע'טענה'ט מיט די הענד און פיס... אונצופרידענהייט און פארצווייפלונג האבען לאנגזאם ארײנגעדרונגען אין די הערצער און פון מינוט צו מינוט זיך פארשטארקט.

אלעמענס אויגען האבען זיך איינגעגעסען אין די גראזען:

"אַט קומט מען!" — האָט זיך געדוכט. איינינע האָבן אויפ'ן חשבון פון די פוילע קאָלאָניזאַטאָרישע בעאַמטע, זיך איבערגע־וואָרפען מיט עכט רוסישע מי שברך'ס... אנדערע האָבן זיך אַוועק געלאָזען מיט די סולעפקעס, צעווישען די הויכע גראָזען און בוריאַנעס, אָבער גיך האָבן זיי זיך אומגעקעהרט פאַרסאַפּע־טע, פאַרשוויצטע און בעטונקען אין די געלע בודזשיקעס און גרינע בערלאַך.

אזוי האָט זיך דער טאָג געצויגען ביז צוויי אזייגער נאָכמיטאָג.

פּלוצים האָט זיך דערהערט דאָס קנאַלען פון אַ בייטש און פון די גראָזען ארוים, איז אויסגעוואַקסען אַ וואָגען מיט צוויי משונה הויכע רעדער, געשפּאַנט צו אַ גאַנצען מנין פערד. הינטער איהם, נאָך איינער און נאָך איינער, — ביז אַכט: אַלע אויף צוויי אומ־געלומפּערטע רעדער און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייהע, ביים לענג פון דער באַהן ליניע.

אַ בלאָנדער יונגערמאַן, רייטענדיג אויף אַ שטאַרקען ווילדען פערד, איז אינדעם אַנגעלאָפען און האָט עפּעס אויף שפּאַניש באַפוילען צו די שוואַרצע אַנטרייבער פון די וועגען און גלייך האָט יעדערער פון די בעלי עגלות, אַראָפּגעשאָטען פון זיין הויכען וואָגען אויפ'ן גראָז ארויף, אַ באַרג מיט האַרטע, צעטריקענטע פּלעצלאַך: — וועלכע זיינען דורך דער קאָלאָניזאַציע באַריהמט געוואָרען אונ־טער'ן נאָמען "גאַליעטען". נאָך איינער, אַ יונגער הערר, ווייס ווי מילך, מיט צאַרטע און איידעלע געזיכטס־שטריכען און באַוועגונגען, איז אַנגעקומען אויף אַ שעהן באַפּוצטען פערד, האָט אונז באַ־גריסט אין דייטש און זיך פאָרגעשטעלט אַלס אונזער אַדמיניסטראַ־טער: הערר גערביל.

— ווער הונגער האָט, זאָל דיזע בולקעליך, "גאַזשעטאָס" נעהמען, אונד עסען! — האָט ער אונז ערקלעהרט.

די בושה וואָס איז שוין ביי אונז אַ צוקאַליעטשעטע געוועזן נאָך פון דער דייטשער גרענעץ אָן: וועלכע האָט זיך גענומען ברעקלען ביים ערשטען רחמנות־ביסען, וואָס די דייטשע איהען האָבן אונז צוגעוואָרפען און טהיילווייז טאַקע, דער דריקענ־דער הונגער, האָט קיין שום שטערונג און אַבוועגדונג מעהר ניט געמאַכט: — מען האָט זיך ניט געלאָזען לאַנג בעטען און זיך ווילד

געוואָרפען אויף די שנאָרער בולקעלאך און ס'איז געוואָרען א באַפּעריי...

די פּנים'ר ביי די טונקעל געקוּפּערטע אַרגענטינער, האָבען זיך ספּאַזמיש צעקרימט, דערזעהענדיג דיזע סצענע און האָבען עפּעס שטאַרק צופּאַכען מיט זייערע הענד און ווען זיי האָבען באַמערקט, דאָס די הונגעריגע קינדער קענען מיט זייערע ציינעד־לאך נישט איינבייסען די פאַרשטיינערטע "גאַליעטען", זיי־נען זיי פון די וועגען אַרונטערגעקראָכען און אונז אָנגעהויבען לעהרנען, ווי מיט דעם דאָזיגען מאכל אומצוגעהן: אָן די אייזער־נע שינעס פון די רעדער, האָבען זיי די "גאַליעטען" אָנגעקלאַפּט און זיי זיינען זיך צעפּאַלען ווי שטיקלאך גלאָז; די שטיקלאך אַריינגעלעגט אין וואַסער צום ווייקען און נאָכדעם יעם דערלאַנגט די הונגעריגע קינדער, מורמלענדיג דערביי: "פּאָוורעס ניניאָס! פּאָורעס עמיגראַנטעס!" — אַרימע קינדער! אַרימע עמיגראַנטען!

אַז מען האָט מיט די איינגעווייקטע פּלעצלאך דעם הונגער גע־שטילט, זיינען פון די פיער־מעטרדיגע הויכע וועגען, אַרונטער גע־לאָזען געוואָרען לייטערס און דער אַדמיניסטראַטאָר געריביל, האָט זיין צווייידאַשקאָווע היטעל — איין דאַשעק פאַרענט, איינער היג־טען, — אין האַנד גענומען און זיך גאָר מעשה קאַוואַליער, פאַר־נייגט פאַר אַלע אונזערע ווייבלאַך, זאָגענדיג העפליך:

— יעצט ליעבע פרויען אונד קינדער, שטייגען זי אויף די וועגען הינויף, אונד זי ווערדען צו זיך אויף לאַנד, אין איער היים פאַהרען!

צו די מענער האָט ער זיך שוין געווענדעט אין גאָר אַנאַנדער טאָן:

— איהר צוקינפטיגע קאָלאָניסטען, וועט מוזען דעם וועג צו פוס מאַכען: וויר האָבען זאָ פיעלע וועגען פיר אייך ניכט בעקאָמען קאָנען! — און אומווענדענדיג זיין געזיכט צום בלאָנדען יונגעמאַן האָט ער געזאָגט:

— סעניאָר מיראַטשיני: איהר וועט גוטיגסט בעשטעלען פיער "וואַקיאַנאָס" (ערפאַהרענע לייט. וועגווייזער), אום די קאָלאָניס־טען דעם וועג אָנצייגען. אַדיע קאָלאָניסטען! — האָט ער אונז צו־געשריען, — דער הערר אינזשעניער, ווירד שוין אַלעס, אַלעס בע־זאָרגען.

מיט די שפּארען האָט ער זיין פערד די ריפּען אנגעקלאַפּט און איז שנעל פערשוואונדען געוואָרען אין דעם וואַלד פון דערנער און גראָזען.

אזוי זי די הערינג אין פאס זיינען די פרויען מיט די קינדער צוזאַמענגעפּרעסט געוואָרען אויף די וועגען. די בייטשען האָבען די לופט פאַרהילכט מיט זייער קנאַלען און די אומגעלומפּערטע עגלות, מיט'ן טאַבון פערד, זיינען אַוועק מיט אונזערע משפחות.

דער בלאָנדער אינזשעניער האָט אונז, מענער, אויך איבערגע־לאָזען און איז אוועק אין שענקעל אריין, מן הסתם דאָרט עפּעס איבערכאַפּען, אדער אפשר זיין גאָרגעל דורכצווענצען... אבער ער האָט זיך, וועיזט אויס פאַרגעסען אן אונז; וויל די שעה'ן זיינען געפלאָסען, איינע נאָך דער אנדערער און מיר זיינען געשטאַנען ביי דער באַהן ליניע און שיער צעפּלאַצט פאַר אומגעדולד... פון אינזשעניער האָבען מיר קיין זכר ניט געזעהן.

— וואוהין זאָלען מיר איהם געהן זוכען? — האָבען מיר זיך איינאַנדער געפרעגט. — מען דאַרף געהן איהם ארויסשלעפּען פון שענקעל, זאָל ער אונז פיהרען, דעם וועג ווייזען! — האָבען מיר בעשלאָסען.

די זון האָט זיך וואָס אמאָהל אַלץ מעהר געזעצט הינטער דער געביידע פון דער סטאַנציע. די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלען. פלו־צים זיינען פייער רייטער פאַר אונז אויסגעוואַקסען, ווי זיי וואָלטען פון די וואָלקען אראָפּגעפאַלען; מחמת קיינער האָט ניט באַמערקט, פון וועלכער זייט זיי זיינען אנגעקומען!

ברונעטען, הויך געוויקסיגע, מיט לאַנגע שוואַרץ גלאַנצענדיגע האָהר און טיעפע טונקעלע, אבער ברענענדע אויגען, — זיינען זיי געווען. ברייטע גאַרטלען, ארומגעקלאַפּטע מיט זילבערנע מטבעות, האָבען זייערע לענדען ארומגענומען, און פון אונטער'ן גאַרטעל, איז רונד־ארום אראָפּגעהאַנגען די "משיריפּא", א וואָהלענע טוך, וואָס הילט איין ביז צו די קניה, דעם אונטערשטען טהייל קערפּער. די זאָטלען זייערע, זיינען אויך באַשלאָגען געווען מיט זילבערנע באַפּוצונגען און ריין בלוטיגע פערד האָבען געברענט אונטער זיי.

זיי האָבען אונז פריינדליך באַגריסט און זיך גאַנץ עלעגאַנט

פארנייגט, און דערזעהענדיג אונזערע חסידים אין די לאנגע קאַ־פאטעס, האט זיך א שמייכעל פאנאנדער געקרייזעלט איבער זייערע גראבליכע ליפען, צומורמלענדיג דערביי מיט נייגעריגקייט:

— קוראס! סאנטאס?! — (גלחים, הייליגע?)

באלד דארויף איז אויך אנגעקומען דער בלאנדער טיראטשיני. האלב שיכור'לאך איז ער געוועזן און חוצפה'דיג האט ער געקאַמאנדעוועט: "צו צוויי הינטער צוויי!" "צו צוויי אין רייהע!" — און ביי יעדען אין הארצען האט זיך ווי עפעס אפגעריסען.

אזוי ווי סאלדאטען אין דער ליניע, האט ער אונז אויסגעשטעלט פאארוויז, און ווען אברהם "דער גיהנום שמש", — א צונאמען וואס ער האט באקומען פאר זיין דארקייט, לאנגקייט און פאר זיין פאנאטישער פרומקייט, — איז ניט אויסגעקומען גלייך ווי א סטרונע אין דער רייהע, האט איהם דער באַזויפענער אינזשעניער אזא שטופ געטהון מיט'ן ברוסט פון זיין פערד, אז ער האט זיך נעבאך אויסגעצויגען אין זיין גאנצער לענג, וועהרענד דער שיכור מיט די "וואקיאטעס" האבען זיך צעשמאלצען לאכענדיג... בעת מיך און פיליכט נאך אייניגע, האבען זיך די אויגען אנגעפיהלט מיט טרעהרען.

— מארש — האט דער אינזשעניער אויסגעשריען, א מאך טהוענדיג מיט זיין האנד.

— "וואמאס!" — קומט! האבען איהם די "וואקיאנאס" מיטגעהאלפען און צוויי פון זיי, זיינען ארויסגעריטען צום פראנט בעת די אנדערע צוויי, האבען זיך געשטעלט ביי אונזערע ביידע זייטען און די קאראוואנע וואנדערער האט זיך געריהרט אין וועג אריין.

דער אנגעטרונקענער אינזשענייער האט צעיאגט זיין האלב־ווילדען פערד, איז פארבייגעפלויגען אונזער לאנגער שורה און איז פארשוואונדען געווארען הינטער די טיפע גראזען.

די זון איז הינטער די פלייצעס אלץ טיעפער פארזונקען געווארען אין די הויכע "זשוזשעס", אדער דערנער; א רויטה־צעפלאמטע, אנ'אנגעצונדענע, האט זי דאס גאנצע פעלד ווי מיט פייער באגאסען. די פיער שפאניער, אונזערע טרייבער, האבען איינער דעם אנדערען אנגעוויזען מיט'ן האנד אין מערב־זייט.

— א רעגען! — האט אנ'עלטערער דארפס־איד באמערקט. — די נאכט רעגענט...

איינינע האבען זיך הילכיג צעלאכט.

— עס איז דאך שטיל און ווארים — א מחיה! קיין גרעזעלע ניט זיך קיין ריהר ניט, וואלקענס זעהט מען ניט, וואו־זשע האט זיך אייך געמומען א רעגען? — האט איינער אויפ'ן קול געזאגט.

— אט דארטען! — האט דער אלטער געענטפערט אנצייגענדיג אויף א שמאל פאסיקעל כמארע, וואס איז געלעגען צוציגען ווי א סאמעטענע שווארצע ליענטע, ביים סאמע זוים פון הימעל, וואו די זון איז זיך געגאנגען בעהאלטען אין דער נאכט.

— אט האט איהר אידען א נייעם תוכן, א נייעם אסטראנאם, א חיים זעליג סלאנימסקי! — האט זיך געוויצעלט שניאור מלמד פון דיניוויץ. — וואס זאגט איהר עפעס אויפ'ן דארפישען שטער־רענזעהער? שטעלט פים קינדער! מיר וועלען נאך אי"ה נעהמען אביסעל בראנפען און אונזער נייער היים, איידער דער רעגען וועט געהן!

און מיר האבען פלייסיג געשפאנט צעווישען די בורזשיקעס, בוריאנעס און גראזען.

5.

דער „פּאַמפּערא“, שטורם און שלאַנגען.

די נאַכט איז מיט אַמאָהל צוגעפאַלען, ס'איז מאַמענטאַן פינסטער געוואָרען.

די פיער אַרגענטינער האָבען זיך אָפּגעשטעלט; זיינען פון די פערד אַראָפּגעקראָכען, פון אונטערן זאָטעל האָבען זיי אַפיר־גענומען אַ גרויסע שאַל, — אַזוי ווי אַ טלית, מיט אַ שפּאַלט אין דער מיטט, די „פּאָנטשאָ“ און דאַס אָנגעטהון ווי אַן ארבע כנפות, — דורכ'ן קאָפּ. זיי האָבען פאַררויכערט צו ציגאַרעטלאַך, ווידער אַרויפגעשטיגען אויף די פערד און האַרט, איינער נעבען צווייטען, זיינען זיי אַלע אַרויסגעריטען אויפ'ן פראַנט ארוים.

דער הימעל האָט באַקומען אַן אַש קאָליר: ערטערווייז אַזש גרוי. באַלד האָבען זיך די קאָלירען געביטען: שטיקער געוואָרען גרין, שטיקער שוואַרץ. אויף אונז האָט זיך ווי אָנגעהויבען שיטען אַ פינסטערנעש, אַ מין געדיכטע שוואַרצקייט האָט אונז איינגעהילט. דער חושך האָט אונז איינגעדעקט און ווי אין אייזערנע קליאַמערס איינגעשלאָסען. אינסטינקטיוו האָבען מיר זיך צוגערוקט און איינגעפּרעסט איינער אָנעם צווייטען: עפּעס אַ מין געהיימער פּחד האָט אונז באַהערשט און טאַקע באַלד, האָבען מיר דערהערט דעם טומפּען שומען פון די גראָזען. די גאַנצע פּוסטיניע ארום האָט פּלוצים גענומען רעש'ן, רוישען און אויפציטערן... די פערד פון די שפּאַניער, האָבען שטאַרק געפּאַרסקעט מיט די נעזער און זיך געריסען פונ'ם צוים, אונטער די לייצעס...

— פּאַמפּערא! פּאַמפּערא! — האָבען די „וואַקיאַנאָס“ דערשראָקען איינער צום צווייטען געזאָגט.

מיר האָבען דאַמאָלסט די בעדייטונג פון דיזען וואָרט ניט פאַרשטאַנען: אָבער אין אַ רגע ארום, האָבען מיר די פּאַרטייטשונג באַגריפען. פון צפונית־מערבית, האָט דאָס הודיען פונ'ם שטורםווינט זיך צו אונז דערטראָגען. דער „פּאַמפּערא“ איז אָנגעקומען.

האט א כאפ־געטהון די קעפלאך פון די גראזען און מיט כעס זיי געשליידערט איינס צום צווייטען, זיי צעריבען, צעריסען אויף פיץ־פיצלאך און די פאלאווע, אונז אין פנים־אריינגעשאסטען... די גאנצע לופט האט אויפגעציטערט און דער ווינט האט זיך צובור־שעוועט. האט געוואיעהט, זיך געבייזערט און מיט קולי־קולות געברומט און געשטורעמט... שטראמען ווינט, ווי די כוואליעס פונ'ם ים, האבען זיך געקייקעלט איבער אונזערע קעפ. צעריבענע שטרוי אויסגעמישט מיט זאמד, האבען אונז די אויגען פארשאטען. וויי־טער געהן, — איז אונמעגליך געווען און ווי אונטער א מיליטע־רישער קאמאנדע, האבען מיר, אלע דריי הונדערט נודדים, איינ־סטינקטיוו זיך אויף דער ערד אויסגעלעגט.

מיט אמאל איז דער ווינט אפגעהאקט געווארען און א פיינ־ליכע שטילקייט האט איינגעטראטען. א בליץ האט דורכגעריסען דעם שווארצען הימעל און ס'האט א שרעקליכער דונער אויפ־געקנאלט, אז עס האט אזש פון דער ערד געהויבען. ביים שיין פון בליטץ האבען מיר דערזעהן, זוי אונזערע ווענ־ווייזער טרא־גען זיך שנעל אפ און ווערען געלם... טאקע באלד, האט שניאור מלמד מיט א ציטערדיגער שטימע, די ברכה אויף א דונער גע־מאכט און ווי עס שיינט, אלם צושטימונג, האט עס אנגעהויבען קראכען און דונערן פון אלע זייטען, איינס נאכ'ן אנדערן. איי־נער געפלאכטען אינ'ם צווייטען און די בליצען האבען אזוי לאנג אנגעהאלטען, אז מיר האבען זיך געקענט געגעגזייטיג אנקוקען.

גראבע טראפען רעגען, אנפאנגס ווארימע און באלד אייז־קאלטע, האבען אנגעהויבען פאלען אויף דער ערד: דער ווינט, וואס איז געהאט אויף א ווײלע אנשוויגען געווארען, האט איבערמאלס אויסגעבראכען און געבושעוועט נאך מיט מעהר כעס ווי פריהער: האט געשטורעמט, געריסען, געמאכט א משונה'דיגען רעש און דעם רעגען אפגעטריבען פון אונז....

א שרעקליכע מלחמה, א לופט שלאכט, צעווישען דעם "פאמפע־רא" און דעם רעגען, איז אויבען איבער אונז, געפיהרט געווא־רען און דער לעצטער האט גובר געווען. א מבול וואסער האט זיך א גאס געטהון פון די וואלקען. האט דעם שטורם באזיעגט און איהם שווייגען געמאכט.

— געגאנגען! — האבען מיר זיך געגעגזייטיג געמוטהיגט און פיס געשטעלט. דער רעגען האט ווי מיט עמער געגאסען און אונז דורכגענעצט ביז די ביינער. די וואלענע קאלדרעס פון׳ם שיף, וואס כמעט יעדערער האט מיט זיך אזעלכע געטראגען, זיינען גע־ווארען ווי בליי. דורכגענעצט ביז׳ן מארך, האבען מיר זיך כנופיה׳ס־ווייז ביי די הענד גענומען און זיך געשטופט פארווערטס, גלייך אין חושך אריין. וואוהין? דאס האבען מיר אליין ניט געוואוסט! מען האט געבראווזט אין די נאסע גראזען און געוויקסען, אהן א וועג און אהן א ציעל.

בעגלייטעט פון אונאויפהערליכע בליצען און הילכענדע דונערן, האבען מיר, ציטערנדיג מיט אלע גערוועז, זיך אזוי געשלעפט קעד־נען א שעה צייט ביז מיר זיינען צוגעקומען צו א דראטענעם פליים. אן "אלאמבראדא", מיט וועלכע די היגע פעלדער ווערען ארומגעצוימט.

— סטאפ! א וואנט! — האבען זיך דערהערט קולות פון די פאר־דערשטע רייהען, וועלכע האבען זיך שוין געהאט צעקלאפט די נעז און צוקאליעטשעט אן די "פאסטעס" — די סלופעס, דורך וועלכע הער דראט איז דורכגעצויגען.

— היט זיך, א וואנט! — אבער ווער האט דען געקענט אין אזא וועטער הערען? מען האט זיך אנגעשלאגען, זיך געשטויסען און זיך צו־נהרג׳ט, צעבלוטיגט און צעטראטען. דאס גליק איז נאך געווען וואס דאמאלסט האט מען נאך קיין שטעכעדיגען דראט ניט גענוצט, זאנסט וואלטען נאך פילייכט געווען געפעהרליך פארוואונדעטע און אפשר אויך טוידטע... דער גאנצער עולם האט זיך דערשלאגען צו דער דראטענער וואנט און איז שטעהן געבלי־בען, אליין ניט וויסענדיג וואס ווייטער צו טהון.

אינדעם האבען מיר דערהערט א געשריי: "רוסאס" און א חלכענדער פייף פון די גאאוטשאס האט דורכגעשניטען די לופט און אפגעקלונגען אין די אזיערען.

ביים שיין פון א לאנג־דויערנדען שטארקען בליטץ, האבען מיר פון דעם אנדערער זייט דראטה, דערזעהן צוויי פון אונזערע מורה דרך׳ס, רייטענדיג גאנץ געמיטליך אויף זייערע פערד און מיר האבען זיך געדרונגען, אז אונזער לאנד איז געווים אויף יענער זייט

צאם. מיר האבען איילענד גענומען אריבער קלעטערן די אנ־דערטהאלבען מעטערדיגע וואנט. — (גרינגע חיות, דער שכל האט ניט געטראגען זיך דורכצושטופען צעווישען די דראטען!) — מיט מיה און אנשטרענגונג איז אונז ענדליך געלונגען אריבער צוקריכען אויף דער צווייטער זייט.

דער רעגען האט נאך אלץ געגאסען מיט צעבערס און מיר, דענקענדיג דאס אט־אט קומען מיר שוין צו א ישוב, האבען זיך געמוטהיגט, זיך געשטופט דורכ'ן ווינט מיט דער שארגע, און אלץ ווייטער פאראויס געגעאנגען.

א פאאר מאל האבען מיר נאך געהערט דעם גרילצענדען גאַ־אוטשאַ־פייף פון אונזערע טרייבער, וועלכע סוויטשען אויפ'ן זעלבען אופן, בעת זיי טרייבען א סטאדע פיה און נאכהער, האַ־בען מיר זיי שוין מעהר ניט געהערט.

אומגעפעהר אקעגען נאך א שעה צייט, האט דער שלאגס־רעגען נאכגעלאזט, דער מבול האט אויפגעהערט און א זומערדיגער דריבנער רעגענדעל האט פלייסיג דעם פלאטץ פארנומען. די על־טערע מענשען זיינען מיעד געווארען; דער רעגען האט די קאפאַ־טעס אנגעזווייקט און די פיס האבען זיך אפגעזאגט זיי ווייטער צוטראגען, — און זיי זיינען צוגעשטאנען. די שטארקערע, די איינגערע, האבען אוועק־געשפאנט פאראויס. וואוהין? גלייך דעם חושך אין מויל אריין.

די קאראוואנע איז צעשלאגען געווארען. פריהער גרויסע גרופעס, צו דרייסיג פערציג מאן; נאכהער קלענערע און גאר קלייניגקע, צו 5־6 פערזאן. אט אזוי האט מען זיך געשלעפט איבערן סטעפ, געשריען איין בינטעל צום צווייטען: העפ! העפ! ביז מען האט זיך דערווייטערט איין גרופע פון דער אנדערער און די קולות זיינען פארשטומט געווארען...

איך בין פארבליבען אין א גרופע זאלבעפיערט. מיר האבען זיך ביי די הענד געהאלטען און געשפאנט אלץ ווייטער.

איינער פון די פיער איז א שיפס־ברודער געוועזן, פון דער ט י א ק א און די אנדערע צוויי, פון דער ל י ס א ב א ן. מיט אלע קו־עפטען האבען מיר געשפרייזט ווייטער און ווייטער, אין דער ריכ־טונג וואו ס'האט זיך צולעצט געהערט דער קול פון די "וואקיאנאס".

פלוצלונג האט זיך איינער פון אונז אפגעשטעלט. ער האט מעהר ניט געקענט געהן, די פים האבען ניט געדיענט...

— לאזט מיר ברידער, לאזט מיך דא: — האט ער פאראומער־טער זיך געבעטען — די כוחות האבען זיך מיר אויסגעשעפט! — מינה וביה, איז ער שוין געלעגען אויפ'ן נאסען גראז.

— וואס רעדט איהר פעטער? שטארקט זיך! קומט, באלד וועלען מיר שוין צו א ישוב אנקומען!

אבער ער ריהרט זיך ניט פונ'ם ארט... דערווייל שמייסט דער רעגען און ער געפינט זיך כמעט ווי אין א טייך. וואס טהוט מען?

מיר האבען איהם גענומען אונטער די ארעמס און געטאסטשעט... אפגעשלעפט א הונדערט מעטר, — אבער שלעכט, מיר ווערען מיעד! וואס־זשע טהוט מען פארט? מיר קענען דאך איהם ניט לאזען דערגעהן!

—הערט ברידער: — זאגט צו אונז דאס אידעל, מיט א שוואך קול: — לאזט מיך איבער אט־דא. איהר קענט מיר גאר ניט העלפען: די כוחות, פיהל איך, געהען מיר אוים... כ'בין א מענש אריבער חמישים: אויף דער שיף די גאנצע צייט ניט געגעסען: אין אימיגראנטען הויז איז אויך טריפה געווען... היינט דעם גאנ־צען טאג געפאסט... קאלאמבוסעס בולקעלאך, די דארע פלעצלאך, זיינען ניט פאר מיינע ציינער... יעצט דאס לויפען אין מדבר — האט מיך גאר דער'הרג'ט! נעהמט ארוים פון מיין בוזעם קעשענע א ביכעל מיט'ן פאספארט און אין איין זאק, אויפן לינקען פוס, האב איך 35 רובעל אין א שטיקעל סיראטע בעהאלטען, כדי די רשעים אין לעמבערגער קאמיטעט זאלען עס ניט געפינען: — איך האב געדענקט דאס געלד מיין ווייב מיט די פיער מיידלאך מיינע צו שיקען, זיי געהען ממש אוים פון הונגער, דארט אין "שווארץ טומאה"; יעצט וועט דאס געלד צונוץ קומען אויף בגדים... — און אינדעם צובליפעט זיך דער אלטער, אקוראט ווי א קינד.

— האט קיין מורא ניט, אלטיטשקער! — האבען מיר אלע דריי איינשטימינג געזאגט. — איהר שטארבט חלילה ניט. דאס געלד, אויב ס'איז נאר ניט צעווייקט געווארען פונ'ם וואסער, וועט איהר דאס נאך אי"ה אהיים שיקען, צו אייערע פיער בתולות.

— חברה א נאסילקע! אין דרייען וועלן מיר איהם טראגען! — האט איינער פארגעשלאגען. א קאלדרע פון די שיפס־דעקעס איז אויסגעשפרייט געווארען, צוויי פארענט, איך ביי די פיס, האבען מיר איהם אזוי עקשנות'דיג געטאסטשעט און ווייטער געגאנגען.

דערווייל האט דער רעגען אויפגעהערט; אבער מיר זיינען אלע דריי אין שוויים איינגעטונקען געווארען... פלוצים זיינען מיר אויף א בערגעל ארויף, און איינער פון אונז האט פרעהליך אויגעשריען:

— ליכט! איך זעה דארטען פייער!

מיר האבען די משא אראפגעלאזט און זשעדנע אונזערע בליקען אנגעשטרענגט אין דער אנגעוויזענער ריכטונג. ריכטיג! א שיין פון פייער האבען מיר אנטקעגען אונז דערזעהן, „א ישוב" — האבען מיר מונטער אויסגעשריען.

דער אלטיטשקער, וואס האט אויסגעוויזען ווי א בר מנן, איז ביי דעם ווארט גאר פון דאס ניי לעבעדיג געווארען. „מיר זיינען גערעטעט!" — האט ער מיט שמחה געזאגט און זיך אויף די פיס געשטעלט.

א צעהן מינוט האבען מיר זיך אויסגערוהט און מיט פרישער האפענונג, פיהרענדיג דעם אלטען אונטער'ן ארעם, האבען מיר זיך צום פייער געצויגען.

גיך האבען מיר קולות דערהערט: „הו־הא! הו־הא! ע־ע־העפ!" — מיר האבען אפגעענפערט און האסטיגער געגאנגען צו די שטימען.

— א הער! אהער! אט־דא זיינען מיר! — האבען מיר גאר נאהענט דערהערט און מיט די לעצטע קרעפטען זיינען מיר צוגעקראכען צו יענעם ארט.

6.

איך ווער מגלגול אין אַ אידענע און זעה אידיש בלוט...

אין א שיטערן וועלדעל, צווישען הויכע בוימער, האט א גרויסער פייער געברענט. די אונזעריגע זיינען אנטקעגען געקומען, טראגענדיג בלעכענע שיסלאך מיט ווארעם יאויך.

— נאַט, זופּט, דערוואַרעמט אייך! טריקענט זיך צו, דא נעבען פייער! — האָבען מיטפיהלענדע און מיטליידענדע שטימען זיך צו אונז געטראָגען פון אלע זייטען.

אונטער א געדיכטען צעצווייגטען בוים, ביים פייער, איז געשטאַנען א געזונדטער, ברייט־בייהנערדיגער מענש, מיט א לאנגע רויטע בארד און געדיכטע ברעמען, פונקט ווי ביי א קאצאַפּ און האט פון א קעסעל ארויס, אויסגעטהיילט פּאַרציעס זופּ מיט פליישׁ, וואס ער האט צוגעגרייט פאַר די אנגעקומענע. דאס איז געווען דער ליטווישער שוחט, י צ ח ק ק ר ע ל ל, איינער פון די פיערציג בחורים וואָס ד״ר לעווענטהאַל האט ארויסגעשיקט, בכדי צוצוגרייטען וואוינונגען פאר די פאמיליאנטען... מיר האבען דאס ביסעל יאַאיך אויסגעזופּט און צוגעקוקט ווי עס קומען אַן אלץ פרישע בינטלאך אויסגעווייקטע אין פערשמאכטע אידען, און אויסגעהערט ווי זיי דערצעהלען, דאָס א סך פון זיי האָבען פארבלאָנדזשעט און בעטען, מ׳זאל וואס שנעלער זיי שיקען אויסזוכען, זאנסט וועלען זיי דארט אין פעלד דערגעהן פון נעץ און קעלט.

באלד האב איך געבען מיר דערזעהן מיין פרוי מיט׳ן קלענסטען קינד אויף די הענד. מיט טרעהרען אין די אויגען האט זי גאט געדאַנקט, וואס זי זעהט מיך א לעבעדיגען.

— אוי־וועה! — זאגט זי. — א שרעקליכע שטיקעל צייט האבען מיר, אלע פרויען דא איבערגעלעבט. די נפשות, וואס האבען אייך ווי סקאט געטריבען, זיינען שוין דא אריבער דריי שעה און האָבען געמאָלדען, דאָס זיי האָבען אייך אין פינסטערן פארלוירען. מיר האבען אונזערע קליידלאך צוריסען, די שטיקער אין קעראסין



דער שוחט קרעלל פארטהיילט דאס עסען אונטער די אימיגראנטען. (ז. 43).

געמונקען, עס אנגעצונדענע אויפגעהאנגען אויף די צווייגען אלס סיגנאל פאר די פארבלאנדזשעטע, אום זיי זאלען ווייסען וואוהין זיך צו ציהען...

איך בין זעהר נאס געווען און ס'איז מיר געווארען מורא'דיג קאלט.

מיין פרוי איז אויף א שכל געפאלען: זי האט פון זיך דעם שאל אראפגענומען און מיר דערמיט איבערן קאפ איינגעדעקט און גער־בענדיג מיר דאס קינד אויף די הענד, האט זי, צובויגענדיג זיך, שטיל ארייגעמורמעלט אין אויער:

— יעצט ביזטו א פרוי, שווייג און געה מיר נאך!

אויף אזא אופן האט זי מיר פארבייגעפיהרט פאר'ן פאליצמאן וואס איז געשטאנען נעבען אריינגאנג פון א גרויסער לייוועגטע־נער פאלאטקע און אינוועניג אריינגעפיהרט.

כ'בין אריין אין דער גרויסער פאלאטקע, וואו א טונקעלקייט האט איינגעהילט הונדערטע פרויען און קינדער, וועלכע זיינען אויסגעמישט געלעגען אויף דער ערד. פיער גאז קענעצלאך, האבען די פערוואגעלטע מיט זייער רויך ווי איינגעדעקט.

— לעג זיך דא אויף דער ערד נעבען אונזערע קינדער; — האט צו מיר מיין פרוי געזאגט; — זאל חלילה דער פאליצייסקע ניט דערזעהן אז דו ביזט א מאנסביל, וועיל ער היט, דאס קיין מענער זאלען זיך אהערצו ניט אריינכאפען...

איך האב זיך צעווישען די קינדער געלעגט און זי, האט אלע איהרע שמאטעס און קליידלאך אויף מיר ארויפגעווארפען, מחמת די צייהן אין מויל האבען זיך מיר פאר קעלט אזש געטרייסעלט און פון מיעדקייט, אנשטרענגונג און יאדענעש, בין איך געשמאק אנשלאפען געווארען ביז אין דער פריה.

מאנטאג, דעם 31־טען אויגוסט פון 1891, פרשה שופטים, האב איך מיט'ן באגינען פונ'ם שלאף ערוואכט.

דאס איז געווען דער ערטשער טאג פון אונזער געפינען זיך אין מ א א ו ר י צ י א, און פון דיזען טאג אן, האבען מיר אנגע־הויבען פיהלען דעם יאך פון די קאלאניזאטארישע שופטים, די דירעקטארען, אדמיניסטראדארען, אינספעקטארען, מושלים און נוגשים מכל המינים...

דורך אן אפענעם שטיק דאך פון דער "קארפא", די פאלאטקע אונזערע, האט לאנגזאם אנגעהויבען אריינדרינגען שיין און ליכט׳גקייט, ביז ס׳האט ענדליך, מיט׳ן גרויסען טאג, א גאנצער ים ליכט אריינגעשטראהלט און באלויכטען דער מאסע פרויען און קינדער, וואס האבען זיך געבען מיר געוואלגערט אויף דער ערד. כ׳האב זיך געוואלט אויפהויבען פונ׳ם געלעגער, האט אבער די קאנטראבאנדיסטען, וועלכע האט מיך אינ׳ם לאגער אריינגעשמוגעלט — ניט געלאזט, באמערקענדיג שטיל:

— ליעג רוהיג, דער פאליצמאן קוקט! אז ער וועט זיך אוועקדרעהען וועל איך דיך ארויסלאזען!

א ברירה האב איך געהאט? כ׳בין געלעגען און דערווייל באטראכט דעם באראן הירש׳ס אכסניה, וואוהין די בעאמטע האבען די קינדער זיינע, — ווי מען האט אונז גערופען, — איינגעקווארטירט און דעם ערשטען לינת לילה געגעבען.

א גרויסע קיילעכדיגע פאלאטקע פון צוזאמענגענעהטע שטיקער פרעזענט, אנגעצויגען אויף שטיקער דראט: — דאס זיינען די ווענט מיט׳ן דאך אינאיינעם געווען... פערשידענע קולות, געוויין געמישט מיט געזאנג, האבען זיך געהערט פון דער מענגע קינדער, וועלכע האבען ניט איין רגע גערוהט. צעהנדליגע יונגע מאמעס, האבען די נאקעטע בריסט געשטופט זייערע עופה׳לאך אין מיילכעל אריין און יעדע ווייבעל, האט מיט אנאנדער ניגונדעל איהר קינדס מאהלצייט צוגעזונגען. די "קארפא" איז פול געווען מיט אזא שרעקליכען געפילדער און גערויש, אז ס׳איז ממש געווען צום טויב ווערען... א הייסער דאמף, געמישט מיט׳ן ריח פונ׳ם קליינווארג און מיט׳ן ליעבהארציגען שיפס גערוך, — האט אין האלדז געווארגען — פשוט דערשטיקט צום ווערען... צו דער צרה איז נאך אונזער שורה אויסגעקומען די דריטע פונ׳ם אויסגאנגס - טהיר און דארום האב איך די זכיה געהאט, דאס מ׳זאל איבער מיר אריבערשפאנען. יעדע פרוי וואס איז אריין און ארויסגעגאנגען, האט שיער מיך ניט דורס געווען... א גליק נאר איז מיך געשעהן, וואס כ׳בין ניצול געווארען פון פאלגענדען אקצידענט: א ווייבעל, ארויסטראגענדיג א השתנה טעפעל, האט זיך פארטשעפעט אן מיין געלעגער און איז אומגעפאלען און האט מיט דער

פליסיקייט, — אקוראט ווי המן'ס טאכטער: — געטראפען אויפ'ן קאפ פון אנ'אלטער באבע... דיזע האט נעבאך גע'חלש'ש און א גוואלד, איבערגעריסען דורכ'ן הילכיגען קינדער־געלעכטער, האט זיך צעטראגען איבערן געצעלט...

איך בין געלעגען אין אנגסטען און געקוקט צום טהיר, טראכ־טענדיג ווי מ'כאפט זיך ארויס פונ'ם ווייבערשען גיהנום... דער־צו האט מיר די נייגעריגקייט אויך ניט געלאזט רוהען און כסדר דעם מוח גענעגבערט. ס'האט זיך מיר שטארק געוואלט וויסען, וואס עס טהוען די איבעריגע קאלאניסטען! — איך האב דאן שוין אלער מען פאררעכענט פאר קאלאניסטען! — וואס עס מאכט דארט, דער אידעל פון שווארץ טומאה? אבער ביים טהיר שטעהט אלץ דער געשטופעלטער "ווזשילאנט". מיט'ן צונויפגעהעפטען שראם, וואס האט זיך געצווינגען ווי א הייטער שנור איבער זיין ברוינעם גע־זיכט, פונ'ם אויג ביז'ן ליפ... דארט שטעהט ער מיט זיין חרב המתהפכת, קוקט און היט נעטריי.

און איך ליג ווי אויף קויל'ען, לייד חיבוט הקבר און ווער בעשטראפט פאר'ן חטא: אריינצוגנב'ענען זיך צווישען הונדערטע ווייבלאך און פערוואנדעלט צו ווערען, — כמו איינע פון זיי...

פלוצלונג האב איך דערזעהן ווי א דיקער געזונדטער איד, מיט א געהיכטער בלאנדער בארד, באווייזט זיך אין טהיר. דער גע־שטופעלטער "ווזשילאנט" צייגט איהם אן מיט'ן האנד אויף "ניין"... אבער דער פעסטגעבויטער איד, וויל דוקא אריין געהן און טענה'ט צו איהם אויף רוסיש: "מיין מאשא, מיין ווייב, מיינע קינדער!" — דער פאליצמאן דרעהט מיט'ן געקרויזטען קאפ, און ווייזט איהם, דאס ער פארשטעהט ניט וואס ער רעדט.

אבער דער איד גיט זיך א שטופ אויף כוח און שטויסט אפ דעם "ארדנונגס היטער" און כהרף עין, האט א בליטץ - געטהאן דער שווערד איבער דעם אידענס קאפ: א שטראם בלוט האט זיך א גאס געטהון איבער זיין פנים און זיך צורונען איבערן בארד...

— בלוט. — האבען די ווייבער געמאכט א גוואלד. — בלוט! מען קוילעט! מען הרג'עט!

די מענער אין דרויסען האבען דאס דערהערט און זיינען זיך צונויפגעלאפען. דער ברוינער "ווזשילאנט" האט שכל געהאט און

האט זיך שנעל אפגעטראגען.

מען האט ביים אידען דאס בלוט אפגעהאלטען, איהם פארבאנדאזשירט... די וואונד איז ניט געפעהרליך געווען, אבער דער גוואלד און טומעל איז עד לב השמים געגאנגען.

— בלוט! — האבען אידען געגוואלדעוועט. — דעם ערשטען פריה־מארגען אין אונזער נייער היים און שוין גיסט זיך אונזער בלוט!

— הפקר אידיש בלוט! — האט זיך אויפ׳ן קול צעוויינט דער בערדיט־שעווער מנקר.

— אנטלויפען! — האט די מענגע אונטערגעכאפט. — "אנטלויפען!" — האבען די ווייבער הייזעריג געיאממערט.

רעדלאך מיט אידען, אידענעס, ווייבלאך, מיידלאך, יונג און אלט אויסגעמישט, לאנגע קאפאטעס, געגאלטע מארדעס, געקרייזעלטע פאות׳לאך, ווייבער אין טשיפיקעס און מיט פאנאנדער־געלאזענע צעפלאכטענע צעפ, לאקירטע קאצאפסקע דאשקעס און קאסטוירענע חסידישע קאפעליושלאך, — האבען זיך אין א קאראהאד געדרעהט: אלע האבען גע׳רעש׳ט, געשריען, אריינגע־טענה׳ט, מיט די הענד געפאכטען און אין דעם דאזיגען ווירבעל, בין איך מיר אונבאמערקט ארויסגעקראכען און צוריק אין מיין מאנסבילשער נשמה אריין...

א בלאנדער יונגער־מאן, מיט ברילען אויפ׳ן נאז, בלומענפעלד האט ער געהייסען, איז אויף אנ׳איבערגעקעהרטער פאס ארויף, און האט זיך צעשריען:

— "שווארץ! איך זעה אז אלעס איז שווארץ! די צוקונפט פון דער קאלאניזאציאן זעה איך א פינסטערע. מיר זיינען אפגענארט געווארען. ברידער, מען האט אונז בעטראגען! דא איז ניט דער פלאץ פון דער מנוחה צו וועלכער דאס אידישע פאלק גארט און שטרעבט. ניט די בעאמטע פונ׳ם באראן הירש, - זיינען די פאסיגע שיפסקאפיטענער וואס זאלען אימשטאנד זיין אונזער בלאנדזשענדע שיף ארויסצופיהרען פון די שטורמישע כוואליעס וואס ווילען זי פארשלינגען... ניט זיי זיינען די געטרייע פאסטוכער פאר די פארשטויסענע און פארלוירענע בלודנע שאף! צי האט איהר דען, ברידער, ניט געזעהן דורכ׳ן גאנצען וועג, פון לעמבערג,



משה דוד גרוסמאן. (דער ערשטער פארוואונדעטער).

קראקוי און האמבורג, אין אלע קאמיטעטען, האבען אונז די בע־
אמטע מיט אכזריות באהאנדעלט! אזוי ווי ארעסטאנטען האט
מען אונז די קעשענעס באזוכט, געלד גענישטשערט... אז ניט, —
איז גע'ה צוריק צום רוסישען גרענעץ! ווען ניט יענער מלאך
א ב ר ה ם מיט זיין פרוי, וועמעס פאמיליע־נאמען ס'איז מיר
ליידער אומבעקאנט, וואס איז דארט אין קראקויער קאמיטעט
אין א ווינקעלע געזעסען און א יעדען ארימען מיטגע־
האלפען, באצאהלענדיג פאר איהם הונדערט, אדער מעהר
קראהנען: ווען ניט ער, — וויפיעל אומגליקען וואלטען געוועסט
פאסירט?! איך זאג אייך ברידער, — האט ער מיט ענטוזיאזם
זיך היציג צעשריען. — די דייטשע אידען, דאס פאלק, די מאסע,
האט אונז מיט ברוידער און מילך ביי די גרענעצען עמפפאנגען,
מיט ברידערליכע ליעבע און מיטלייד אונז באגלייט: בעת זיי, די
גדולים, די מנהיגים און פילאנטראפישע פארזארגער, האבען אונז
באהאנדעלט מיט פאראכטונג און מיט שפאט! געדענקט איהר דען
ניט ווי מ'האט אייך די מוסקולען געטאפט, אזוי ווי ביי די פארצייר־
טיגע שקלאפען? דאס איז געווען דארט — אין די קאמיטעטען און
שוין דא, אויף ארגענטינער באדען, האבען זיי אונז נעכטען ווי
א סטאדע פיה, אין אזא שטורעמדיגען וועטער, דורך דער נאכט
געטריבען. פיעלע ליעגען דארט יעצט קראנקע אין וואלד און אין
פעלד, זיי ווילען געוויס אין פיעבער ארייגפאלען: (ווי ס'האט
ווירקליך פאסירט). א סך זיינען צושלאגען און צוקלאפט געוואָ־
רען און אייניגע זיינען נאך ניטא, והאלגערן זיך ערגעץ־וואו אין
סטעפ און איצט אויפ'ן פריהמארגען: שוין בלוט! מ ש ה ד ו ד
ג ר ו נ מ א ן דער ליטוויועצער, ליעגט שוין מיט א צושפאלטענעם
קאפ!" — ער האט זיין רעדע פארענדיגט כליפענדיג און אויף איהם
קוקענדיג, זיינען די ווייבער ארויס מיט א יללה, און א יאמער
האט באגלייט זיין ארונטערקריכען פון דער פאס.

איך, פונקט ווי נאך פיעלע יונגע לייט, וואס מיר האבען אויך
דורכגעמאכט דעם גאנצען וואנדערער מארשרוט; איך, וואס האב
אויך פארזוכט דעם טעם פון די קאמיטעטען און וואס מען האט
מיר אויך די ארעמס געטאפט דארט אין האמבורג און אויסגעפונען,
דאס מיינע מוסקולען זיינען פעסטע: "א געזונטער קערל, ער

קאן געהן !" — האט יענער פילאנטראפישער רעוויזער באשטע־טיגט. איך, ווען דער מלאך אברהם, האט מיט פופציג מארק געשטיצט, נאכדעם ווי די קאמיטעטסלייט האבען ביי מיין פרוי די לעצטע הונדערט גילדען צוגענומען: (אמת, דיזע סומע איז אנער־קאנט און דיסקאנטירט געווארען אין מיין חשבון מיט דער יפ"א). איך און מיינע חברים פון דער טיאקא, האבען אונגע־אכטעט אלע פאסירונגען, וויינען ניט געוואלט... אונזער האפ־נונג איז אונגעהייער שטארק געוועזן און אונזער לעבענס־פלוס, האט האסטיג געשטראמט אין אלע אונזערע חושים... אלע פעלערן פון די בעאמטע, זיינען עס ניט אימשטאנד געווען אפצו־שווא־כען און קיין זאך האט ניט געקענט פערטונקלען די גלענצענדע צוקונפט וואס מיר האבען זיך געמאלען.

א פאאר שעה האט געקאכט און געשטורעמט, ביז עס איז איבער־געריסען געווארען דורך דאס דריזגען פון א גלאס. גלין! גלין! גלין!

מיט אמאהל איז געווארען שטיל און רוהיג.

7.

דעם לחם הקלוקל, חזיר שטאלען, אדם הראשון׳ס געצעלט.

ווען דער גלאק האט מיט זיין הילך יעדען די איערן שוין צו־לעבערט און איז לסוף אנטש:ויגען געווארען, זיינען פון דער אדמיניס־טראטיווער געביידע ארויסגעקומען צוויי יונגע לייט: איינער אהן א האנד און דער לעדיגער ארבעל פון זיין רעקעל איז שלעפעריג נאכגעהאנגען: דער צווייטער דאגעגען, א געזונטער נפש פאר־פוצט מיט לאקירטע שטיוועל. דער אהנעם האנד, האט א קאמאנ־דעווע געטהאן:

— אימיגראנטען! שטעלט אייך אוים אין א שרעננע!

מיר האבען דעם באפעהל אויסגעפאלגט; דורך דער רייזע זיינען מיר שוין איבערגענוג דיסציפלינירט געווארען. פאר דער ערשטער שרעננע איז פארפאהרען א :ואגען.

— נאליעטען! — האט דער מיט די לאקירטע שטיוועל אויס־געשריען. — איין גאליעט אויף א פערזאן.

און דער איינהענטעלדיגער, האט אויסגעטהיילט די פלעצלאך, פאמיליאנטען האבען באקומען צו 4-5, לויט די צאהל פאמיליע־מיטגליעדער. אונפארהייראטע — נור צו איין גאליעט: תיכף אויפ׳ן פלאטץ, האבען זיי איהם צוקייט און פארטיג... איך בין מיט מיינע פינף פלעצלאך אוועק אין פאלאטקע און די סוכארעס איבערגעגעבען מיין פרוי. אליין בין איך געגאנגען באטראכטען די געגענד וואוהין דער ווינט האט אונז נעכטען צוגעטראגען.

א קליין, שיטער וועלדעל. אייניגע דיקע ווערבעס. מעהרערע טאפאליעס און גאר ווייניג אקאציען. אין דער מיטט — א הויז פון לעהם געדעקט מיט טשערעפ. די טהירען און פענסטער אפגע־פארבט גרין. דאס איז געווען די ביורא פון דער אדמיניסטראַ־ציע, צוזאמען מיט דער וואוינונג פונ׳ם יונגען אדמיניסטראטער, געריביל, א דייטשער אפיצער און א משומד... נעבען הויז איז צו־געבויעט געווען א צימער פון בלעך, די דירה פונ׳ם פראנצוי־זישען איד, דער אינזשעניער טיראטשיני, מיט זיינע געהילפען. אויף א

מרחק פון 150 מעטר פון דער ביורא, איז געווען די פאלאטקע, וואו, צעווישען פערענעס און בעטגעוואנט, עס האבען זיך אויף דער ערד געוואלגערט, די פרויען און קינדער און צוויי "וויזשי־לאנטען" שטעהען שוין ביים אריינגאנג: מען האט מורא דאס די מענער זאלען אהין ניט אריינגעהן...

באמת איז טאקע געווען וואס מורא צו האבען: ווייל שמוץ האט דארט, אין פאלאטקע, בכלל ניט געפעהלט... מעגליך אז דערפאר איז זי באקרוינט געווארען מיט'ן נאמען "מאטושקא"...

ניט ווייט פון דער "מאטושקא", האט זיך געפונען א לאנגער חזיר־שטאל, געדעקט מיט שטרוי. די שטאל האט נאך דאמאלסט געהערט צום פריהערדיגען בעל־הבית, דעם סעניאר רעמעלא פראנקא, וואס האט דאס לאנד צום באראן פארקויפט און די חזרים האט ער נאך פון דארט ניט צוגענומען. איז אט דיזען שטאל, האט מען אפגעגעבען פאר די מענער. אמת, די פריהערדיגע שכנים זיינען אפילו נאך געקראכען, — מעשה דבר אחר! — אבער מיר האבען זיי צעטריבען און איינגעארדענט אונזער אכסניה. "האטעל טשאנטשא", — האבען מיר איהם גערופען, אויפ'ן נאמען פון די פריהערדיגע איינוואוינער...

איך צוזאמען מיט מיינע פריינד, זיינען מיר ארומגעגאנגען, אנגעקוקט און אלצדינג באטראכט.

דערווייל האבען די שפאניער צוגעטריבען עטליכע פעטע קיה: איינער האט געווארפען די לעדערנע פעטליע, די "לאסא" און אויגענבליקליך זי פארצויגען אויף די הערנער אדער האלדז: א צווייטער האט די הינטערשטע פיס "געלאסירט" און אזוי די בהמה אומגעשליידערט. מאמענטאל האט דער נעכטיגער אויסטהיילער ביים קעסעל פלייש מיט זופ, איהר געקוילעט. זעקס שטיקלאך האט מען אזוי געשאכטען און אלע זיינען כשר געווארען...

ס'ברענען פייערן און מען בראט דאס פלייש.

איניגע האבען געבעטען זאלץ. זיי ווילען דאס פלייש זאלצען און קאכען. האט גערביל פארזיכערט, אז אין ארגענטינא איז זאלץ טייערער פון פלייש. האט מען גאנצע זייטלאך געבראטען! די בחורים, אדער ווי מען האט זיי גערופען: "באלאסטאיעס", — דערפאר וואס איניגע זיינען געווען אהן פרויען און אנדערע

נאך גענצליך אונפארהייראטע, — זיי האבען זיך באשעפטיגט מיט'ן בראטען. אז ס'איז פארטיג געווארען, האט מען די פאמיליעס דערלאנגט שטיקער פלייש, לויט די צאהל מיטגליע־דער פון יעדער משפחה. אין לאגער איז מונטער און פרעהליך געווארען. מ'טראגט די שיפס־שיסעלאך, מ'נעהמט שטיקער האלב־רויע פלייש, איינס ביים אנדערען בעטעלט מען אויס אביסעלע זאלץ און מ'קייעט "קארנע" מיט גאליעט.

נאך איידער מען איז פארטיג געווארען מיט'ן עסען, איז די נאכט צוגעפאלען. געדבילל האט א "פאווערקע" געמאכט, אום צו זעהן צי אימיצער פעהלט און ס'האט זיך ארויסגעוויזען, דאס דריי "כאלאסטאיעס" זיינען נאך פון נעכטען אן ניט געקומען. די "וואקיאנאס" זיינען ארויסגעשיקט געווארען און האבען זיי נאך בעפאר ס'איז רעכט פינסטער געווארען, געבראכט האלב טוידטע, הונגעריגע, מיט אונטערגעשלאגענע פיס... מ'האט זיי אין האטעל טשאנטשא דעם אויבען־אן אפגעגעבען און אלע האבען זיך צוגע־הערט צו די ניסים ונפלאות וואס זיי האבען דורכ'ן מעת־לעת אדורכגעלעבט...

די נאכט איז רוהיג פאראיבער. די פרויען זיינען אין דער "מאטושקא" געשמאק געשלאפען, אונטער דער וואך פון די פא־ליציים און די מענער זיינען געלעגען אין "האטעל", אדער פשוט אין דרויסען. תחילת האבען מיר גענוג צוטהון געהאט מיט די חזירים: גרויסע, שווארצע, אונגעהייער בעזע, האבען זיי אונז פונ'ם "האטעל" געטריבען אלס אומגעבעטענע געסט: אבער ארום האלבע נאכט האבען זיי מיט אונז שלום געשלאסען; — האבען זיך איינגעקנורעט נעבען אונז און צוזאמען האבען מיר געשנארכעט...

אויפ'ן צווייטען טאג האט מיין פרוי צו מיר געזאגט:

— קום, לאמיר אין פעלד ערגעץ אויסזוכען א גרוב אדער א בערגעל וואו מיט די קינדער צו נעכטיגען. אין דער "מאטושקא" געה איך ניט צוריק, ווען אפילו כ'זאל דארפען שטארבען... דעם געפילדער און די לופט איז ניט איבערצוטראגען.

מיר האבען איבערגעווארט די חלוקה פון די גאליעטען מיט דאס פלייש, אפגעגעסען, גענומען די דריי קינדער און זיך געלאזט

בראַדזשען אין די טיעפע גראַזען. אַזוי ווי די פוינעל וואָס ווערען פאַרטריבען פון נעסט, זיינען מיר אומגעגאַנגען זוכען אַ פּאַסיגען אָרט וואו געלעגערס אויסצובעטען, אום דאָרט מיט די קינדער צו קע־נען שלאָפען.

ס'האָט אונז אָפּגעגליקט: מיר האָבען געפונען אַ פערדען־פעל וועלכע איז פונ'ם רעגען פייכט געווען. מיט דער הילף פון מיין פרוי, — די טייערע נשמה, וואָס האָט פאַר דער דרייסיג־יעהרי־גער קאָלאָניזאַציאָן, גלייך מיט מיר זיך געפּלאָגט, געליטען און געאַרבייט; — האָב איך די פעל אויסגעצויגען. פונ'ם ווערדעל דריי דריקלאַך געבאָרגט, אַ טריאַנגעל אויפגעשטעלט, מיט'ן פעל איבערגעצויגען און אַ געצעלט, ווי אין טאַטען אדם'ס צייטען — איז פאַרטיג געוואָרען... אַה, ווי געפרעהט האָט זיך דאַן מיין פרוי, ווען זי האָט די קינדער אונטערן ציגיינער דעכעל אַנידער־געזעצט! דעם עלטערן אָנגעזאָגט אויף די קלענערע אכטונג צו געבען און מיר ביידע, האָבען גענומען צונויפקלייבען ווייכען גראָז וועגען געלעגערס. דעם באַגאַזש האָבען מיר ערשט מיט זעקס מאָנאַט שפּעטער באַקומען און ביי פיעלע איז עס אין גאַנצען פאַרלוי־רען געגאַנגען.

נאָהענט פונ'ם אָרט וואו ס'געפינט זיך יעצט מאָאוריציער בית עלמין, האָבען מיר מיט די שיפס־מעסער אָנגעשניטען פריש־גראָז, אויסגעבעט אונטערן פעל אין פון דער "מאַטושקאַ" אונזער פאַרמעגען איבערגעטראָגען: דריי שיפס־דעקעס, 4 בלעכענע שיסע־לאַך, אַ קעסטעל און אַ בינטעל שמאַטעס... און גאָט צו דאַנקען: געוואָרען בעלי־בתים פון אַנ'איינענער וואוינונג אין אַרגענטינאַ! אַ פּאָאַר גאַלייעטען און פלייש האָבען מיר נאָך געהאַט. אָפּגעפּראַ־וועט אַ נאַכטמאַהל און מיט זונען אונטערגאַנג געשמאַק געשלאָפען אונטער אונזער דאַך. פון מורא האָבען מיר דאַמאָלסט נאָך ניט געוואוסט. די צויבערהאַפטע האָפנונג האָט אונז רייכע אילוזיעס געוועבט איבער אַ גליקליכע צוקונפט און די נאַכט איז רוהיג פאַראיבער.

אין דער פריה האָבען מיר שרעק געהאַט: מיין פרוי האָט נעבען איהר געלעגער באַמערקט עפּעס אַ קיילעכדיגס.

— זעה נור! — האָט זיך צו מיר געזאָגט. — מיר דוכט אַז ס'איז

א לעבעדיגע זאך!

מיר האבען דערזעהן א גרינע שלאנג מיט שווארצע פלעקען אויפ'ן רוקען, ליגט זיך דארט צוזאמענגעראלט... אומגעטראכט, אימפולסירט פון דער מורא אז ס'זאל אויף די שלאפענדע קינדער ניט ארויף, האב איך איהר גלייך אויפ'ן קאפ ארויפגעטראטען. דער געלעגער איז אבער געווען ווייך, די שלאנג איז ניט גע־טוידטעט געווארען אויף דיזען אופן, נור ס'האט מיט איהר עק ארומגעשוויקעלט מיין שטיוועל. אלס גרינער, וועמען די דאזיגע געפאהרען זיינען אומבאקאנט, האב איך זיך ניט דערשראקען, נאר געהייסען מיין פרוי מיר צו דערלאנגען א מעסער און דערמיט אפגעשניטען די שלאנג דעם קאפ... דאן אלס טראפען עס ארויס־געהאנגען אויפ'ן שפיציגען דאך פון פעלענעם געצעלט.

ערהאלענדיג זיך קוים פון דיזען שרעק, איז אונז אנאנדערער באפאלען: דריי רייטער אויף אויסגעפוצטע פערד, האבען אונזער געצעלט ארומגערינגעלט. צוויי האב איך גלייך דערקענט: גערביל און טיראטשיני. דער דריטער איז געווען א פרעמדער. א טונקעל־ברוינער, מיט זעהר גרויסע וואנצעס, שווארצע אויגען איינגע־פאסטע אין רויטליכע ווייסלעך, א פלאטשיגע נאז און די אונ־טערשטע ליפ איז איהם אראפגעהאנגען איבער א קויל־שווארצער בארד. אלע דריי האבען א הקפה געמאכט ארום געצעלט, דורך די אפענע זייטען בעטראכט אונזערע געלעגערס, די שלאפענדע קינדער, דאס געשיהר... האבען די טויטע שלאנג, וועלכע האט זיך נאך געצאפעלט אראפגענומען און גערביל האט געפרעגט:

— ווא האבען זי דיזע "קולעברא" געטוידטעט?

אזוי ווי כ'האב איהם גלייך ניט געענטפערט, האט ער באגריע־פען דאס איך פארשטעה איהם ניט און ער האט ערקלעהרט:

— איך פראגע איהנען, ווא זי דיזע שערצע, דען שלאנגע, געטראפען האבען אונד ווי זי איהן טוידטשלאגען?

— אויפ'ן געלעגער, נעבען מיין פרוי'ס זייט. — האב איך איהם געענטפערט און דערצעהלט ווי ס'איז פארגעקומען. ער האט דעם שפאניער דאס איבערגעגעבען.

— האבען זי פיעל שרעק געהאבט?

— יא. אביסעל און גאר ניט וועניג! — ענטפער איך איהרד

— ס'איז'ט איינע "קולעבראַ", האָט קיינער ניט: זי דירפען זיך פיר זעלכע ניכט שרעקען... וואָ האָבען זי דאָס פעל, אונד דיזע שטאַנגען בעקאָמען, אום דיזען, פאַלאַטץ צו בויען?

כ'האָב דערפיהלט ווי דאָס בלוט איז מיר אין פנים אריין. איך האָב מיט פאַרוואורף אַ בליק געוואָרפען אויף מיין פרוי, ווי איינער זאָגט: דורך דיר ווערל איך נאָך אלט גנב ערקלעהרט ווערען...

— האָט קיין פורכט, זאָגען זי די וואַרהייט! — האָט ער ווידער־האָלט, באַמערקענדיג מיין אונרוהיגקייט.

איך האָב איהם דערציילט דעם אמת דערצעהלט, דאָס מיין פרוי האָט אין דער מאַטושקאַ ניט געקענט זיין און זוכענדיג אַנ'אָרט צום נעכטיגען, האָבען מיר דאָס פעל געפונען. "גלויבטט מיר הערר גערבּיל, געפונען!" — האָב איך בעטאָנט, און ער האָט מיינע רייד איבערגעגעבען דעם ברוינעם, וועלכען ער האָט אַלע מאָהל באַטיטולט: "סעניאָר קאָמיסאַריאָ", וואָס האָט נאָך מיר מעהר פחד געבראַכט, אַזש די דמים זיינען מיר איינגעפאַלען..

— פאָן וואַנען זינד זי?

— פון יארמאָלינעץ, פאָדאָליער גובערניע.

— ווי הייסען זי?

— מאַרקוס אַלפּערסאָן.

— פאָן וואַנען איזט איהרע פרוי, ווי הייסט זי?

— פון באַרטשאָוו, גאַליציע, זי הייסט גיטעל וואַלפבערג.

— ווי אַלט זינד זי? וויפיעל קינדער האָבען זי?

איך האָב איהם אַלעס געזאָגט און ער האָט אין זיין נאָטיץ ביכעל פאַרצייכענט.

— האָבען זי שוין ערד געאַרבייטעט? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— איך האָב שוין אַלעס איבערגעטהאָן, מיט אַלצדינג געהאַנ־דעלט, נור ערד האָב איך ניט געאַרבייט...

— שפּעטער מיט אַ שטונדע זאָלט איהר קאָממען אין דער אַדמיניסטראַציאָן. — האָט ער באַפוילען און דערוועהענדיג, דאָס כ'בין פונ'ם פאַרהער שטאַרק צושראָקען געוואָרען, האָט ער שמייכלענד געזאָגט:

— מיר ווערדען אייך נאָך צוויי פעל געבען פיר די ווייטען־

ווענד, אויף האלץ, שטאנגען אונד שטריק, זאנסט ווירד דיזער פּאַ־לאַטץ אונד איהר׳ר פארמעגען פאַן ווינד וועקגעטראגען... אדיע! — האבען זיי אלע דריי געזאגט און אפגעריטען.

— ווי כ׳האב זיך דאס דערשראקען! — האט מיין פרוי גע־זאגט: — ווי ער האט דאס אלעס אויסגעפרעגט: ווייזט אויס ניט קיין שלעכטער מענש...

דער גלאָק האט געקלונגען, מ׳דאַרף געהן נאך גאַליעטען.

אנקומענדיג צו דער אדמיניסטראציע, זיינען שוין אלע געשטאַ־נען אין דריי שרענגעס און דער מיט׳ן פוסטען ארבעל, האט שוין געטהיילט די פּלעצלאך און דערביי איז ווידער א שמערצהאפטע פאַסירונג פאָרגעקומען, וואס האט אונז ערשיטערט.

א "כאלאסטאי" אהרן דאַבשיץ, א גוטער אכל׳ער, האט גע־וואלט באקומען מיט א גאַליעט מעהר. האט ער א שווינדעל גע־מאכט. אפנעהמענדיג זיין חלק אין דער ערשטער שורה האט ער זיך דאן אין דער צווייטער געשטעלט: אבער דער פאנאנדערגע־בער האט איהם דערקאנט און בעת יענער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד, האט דער בעל מום איהם מיט׳ן דארען גאַליעט פאַר־פאהרען אין די צייהן און דאס בלוט האט איהם בעוואשען...

דאַבשיצ׳עס א לאנדסמאן, דער עסטרייכער ישראל ביטעלמאן, איז צום שלעגער צוגעשפרונגען און איהם מכבד געווען מיט א פאטש... אבער דער ברוין־טונקעלער קאמיסאר, האט איהם מיט׳ן הענטעל פון זיין אראפניק אזא זעץ געטהון אין די ציין, אז צוויי זיינען תיכף ארויס... — נאך היינט צו טאג טרעפט מען דעם אנגערופענעם, אלס שטאדטישען רייכען סוחר מיט צוויי פע־דערשטע גאלדענע צייהן...

כ׳האב מיינע פינעף גאַליעטען גענומען און א בעטריבטער אוועק אין מיין ביידעל אדער סוכה, האב מיין פרוי דיזע שענד־ליכע טהאטזאך איבערגעגעבען, אבער זי האט מיך געטרייסט.

— מ׳מוז איינפיהרען דיסציפּלין! קארג שארלאטאנעס, בראַ־דיאגעס, זיינען פאראן צווישען אונז? געוויס ליידעט דער ארענט־ליכער אויך. כ׳בעט דיר, מיש זיך ניט!

מיר זיינען צעווישען עולם געגאנגען. די קעסלען פלייש זיינען שוין אויפ׳ן פייער געווען. דער רויך איז אקוראט ווי דער עמוד

ענן ביי די אידען אין דער מדבר, זיך געגאנגען גלייך. מען האט אויסגעגראבען א קיילעכדיגע קאנאווע, א רונדען גראבען פון א 60 צענטימעטער די טיעף, כדי ס'זאל באקוועם זיין ביי אזא קיי־לעכדיגען נאטור־טיש צו זיצען און די פיס אראפגעהאנגען צו האלטען אין גרוב אריין. דורך דיזער המצאה, איז געשאפען גע־ווארען דורכ'ן עולם, א גרויסער טיש מיט בענק. די פאמיליאנ־טען האבען זיך ארומגעזעצט און די "כאלאסטאיעס" האבען אונז צוגעטראגען די פארציעס פלייש און דעם מיטאג האבען מיר שוין געגעסען פון די שיסעלאך, גאר מעשה מענש.

נאכ'ן עסען איז געקומען די סדרה בריעף. דער גרויסער "טיש", איז רונד־ארום באזעצט געווארען פון די "כאלאסטאיעס". די ארימע, וואס האבען נעבאך זייערע ליעבע געלאזען ווייט אין דער היים, האבען בריעף געשריבען, אין וועלכע זיי האבען בעז און גיפטיג אויסגעגאסען זייער טרויעריגע שטימונג. מען האט אויך א לעבענס־שיין אין לאגער געזעהען: יונגוואַרג האבען זיך אין וועלדעל פארקליבען און געזונגען האפנונגספולע ליעדער. אבער די עלטערע האבען דיזע לוסטיגקייט דערשטיקט און די יונ־גע הערצער אנגעפילט מיט יאוש. זייער פרעהליכקייט איז אין טרויער פארזונקען געווארען: זייער פריינדליכקייט איז אין האס צו דער אדמיניסטראציע פארוואנדעלט געווארען. דער אויבען דערמאנטער בלומענפעלד, דאן שלמה קאביץ, משה גערצקי, האר־רישניק. בוריכאוויטש און סטאליאר, — זיי האבען די קערנער פון שנאה און בזיונות פארזעעט צווישען אונז און די בעאמטע פונ'ם באראן הירש.

יענע זריעה האט פרוכט געטראגען. מיר פיהלען זי אין דער טיעפענעש פון דער נשמה, די גאנצע דרייסיג יאהר. ס'וואקסט און ס'וועט וואקסען. יעדער בעאמטער פון דער קאלאניזאציע האט אונז פיינט און מיר איהם אויכעט. דאס איז ניט די שנאה פונ'ם ארון צום עבד אדער פון דער שפחה צו דער גבירה, — נור עפעס אקוראט ווי צווישען א שטיפמוטער און קינדער... מיר זעהען אין זיי — די פקידים, א מין גזלה... זיי בגזל'ענען דאס פארמעגען פון אונזער פאטער, דעם באראן הירש און לעבען א משוגע'נעם טאג דורך גנבה געלד און דערצו־נאך, קוקען זיי אויף אונז מיט

פעראכטונג... נור ניט דאס וויל איך דערצעהלען.

מ'האט יענעם טאג בריעף געשריבען און גאר ניט קיין פרעהלי־כע. איך האב אויך, אויפ'ן ערדענעם טיש, א קארעספאנדענץ צו־געגרייט צו א ל כ ס נ ד ר צ ע ד ע ר ב ױ ם, אין "המליץ".

גיך האבען איינינע שיפס־ברידער, מאזעס לעמבערסקי און בוזי שאראגראדסקי מיין ביישפיעל נאכגעפאלגט: האבען נעבען מיין געצעלט אויסגעגראבען זעמליאנקעס, צוגעדעקט מיט טשעראט און זיך "כאטעס" געמאכט, פטר'נדיג די מאטושקא.

ביי טאג פלעגען מיר פארברייננען צווישען עולם און אווענדס־צייט געגאנגען אונטערן פעל.

8.

קאַרפּאַס, קאַפּאַטאַסען, קיזיק און שאַר ירקות.

נאָך דריי וואָכען זיך וואַלגערן אין זעמליאַנקעס, פעל־געצעלטען און דאָס רוב אין דער "מאַטושקאַ", וואו די אונציכטיגקייט האָט כמעט אויפגעפרעסען, זיינען זונטאָג פריה, דעם 21־טען סעפטעמ־בער, אָנגעקומען 850 "קאַרפּאַס", — פּאַלאַטקעס פון לייוועגט. יעדע משפחה האָט בעקומען אַ פּאַלאַטקע און צו 6־5 כאַלאַסטאַיעס אויך אַ באַזונדער "קאַרפּאַ". אין אַ ל ג אַ ר א ב א, ווי מען האָט יענעם פּרימיטיווען כוטער אָנגערופען, אַנטקעגען דער אַדמי־ניסטראַציאָנס געביידע, איז אויסגעשטעלט געוואָרען אַ גאַנצע שורה פון דיזע ווייסע ביידלעך. אַ דריי קילאָמעטער פון דאָרט, אויפ'ן פּלאַטץ וואָס האָט געהייסען קאַמיסאַריאַ, האָט מען אויך אויפגעשטעלט אַ עהנליכע שרענגע און אַזוי האָט געֶרביל צו־טהיילט די "מאַטושקאַ" אין צוויי חלקים: פאַמיליעס מיט פּיצ־לעך קינדער, זיינען פאַרבליבען אין אַלגאַראַבאַ: די משפּחות מיט גרויסע קינדער, די שטרענג אָרטאָדאָקסישע, האָט ער אַריבערגע־פּעקעלט ווייטער. אייניגע כאַלאַסטאַיעס פון "חברה הינטען", — ווי מען האָט זיי אַ צונאָמען נעגעבען, דערפאַר וואָס זיי האָבען גע־געסען די הינטערשטע־טהייל פון די בהמות, וואָס מיר האָבען נישט טועם געווען, צוליעב דער אבוועזענהייט פון אַ מנקר, — דער גרופּע "זאַדעק," האָט ער אוועק געשיקט קיין "אַליסע", וואו ס'איז געווען אַ שייער מיט אַ צינקענעם דאַך, אַלס אַנדענק פון פריהער־דיגען "פּאַטראָן", אָדער ווירטה פון לאַנד. דאָרט אין אַליסע, איז אויך געווען אַ שעהנער וואַלד, א היבשער סאַד און דאָס אַלעס, האָט ער אָפּגעגעבען דער טרפה'נער חברה, זיינע ליעבלינגע, פון וועלכע ער האָט די פּוזשאַלעס אויסגעקליבען, אום אונז צו שמיי־סען. זיי זיינען געוואָרען די שוטרים, אָדער "קאַפּאַטאַסען" בלע"ז.

אַך! וויפיעל צרות און וועטאָגען האָבען זיי אונז פאַראורזאַכט! מיט דער צייט זיינען זיי אַלע אוועק פון דער קאָלאָניע. די פּאָאר

פון זיי וואָס זײַנען נאָך פאַרבליבען, זײַנען יעצט אויפריכטיגע בעלי תשובה געוואָרען.

אַזוי אַרום האָבען מיר זיך אַראָנזשירט אין די לײַוועגטענע ביידלאַך. פלייש איז געווען איבערגענוג — ס'איז אַזש, ווי דער שלו אין מדבר, געקראָכען צוריק... דאָס נויטהיגסטע צום פלייש, זאַלץ, וואָס גערביל האָט געזאָגט אַז ס'איז ניט בנמצא אין אַר־גענטינא, האָט אַ ליטוואַק אויסגעפונען. ביי די ברעגען פון דער גרויסער "לאַגונאַ", דער זומפּף וואָס ציהט זיך נעבען איצטיגען בית־עלמין, האָט ער באַמערקט אַ ווייסען שטויב, — סאַליטער, אַ גאַנץ גוטער, ווען אפילו ניט קיין דיסטאַלירטער זאַלץ. אַ צרה איז נור מיט די גאַליעטען געווען: מ'פלעגט זיי ברײַנגען פון שטעדי־טעל נועווע־דע־כוליא, אַ שעה רייזע מיט'ן באַהן פון קאַסאַרעס. זעלבסטפאַרשטענדליך האָט מען פון דאָרט צוגעשטעלט אַלע פאַר־שטיינערטע אָדער פאַרשימעלטע גאַליעטען, מעגליך נאָך פון קאָ־לומבוסעס צייטען און מיר, האָבען זיך ממש די צייהן מיט זיי אויסגעבראָכען. אַ סך קאַלאָניסטען האָבען זיך אייגנגעוועהנט טענוויז אָפּצולעבען בלויז מיט פלייש, אויסמיידענדיג דאָס מוטשענעס מיט די פאַרהאַרטעווועטע פלעצלאַך. דאָס ציגיינער־לעבען אונטער די "קאַרפּאַס" האָט זיך נאָרמאַליזירט. ס'וואָלט שוין געווען "אַלרייט!" — ווי די ענגלענדער זאָגען, אָדער "מוּאַי ביען!" אויפ'ן היגען לשון; איז אָבער אָנגעשטאַנען אַ נייע פּראָגע: הייצונג. דאָס האָלץ האָט זיך פאַרענדיגט און ס'איז ניט געווען מיט וואָס פייער צו מאַכען אום די "קאַרנע" צו בראָטען אָדער קאָכען.

— הערך גערביל, הייצונג! — האָט מען געשריען.

האָט מען ביסלעכווייז זיך גענומען צו די בוימער פון וואַלד און די אַקאַציעס זײַנען אַלס ערשטע כפרה געפאַלען.

— מיט אַ האַנדטוך — פאַרזיכערט אַנשעל פּאַק: — בינדט מען אַרום דאָס בוים און אַזוי הערט זיך גישט דאָס האַקען. און ביי נאַכט, ווען גערביל מיט די קאַפּאַטאַסען שלאָפען, מ אַ כ ט מ ע ן ה אָ ל ץ...

אָבער ניט אַ יעדער האָט אַזוי געקענט "מאַכען האָלץ". מען האָט אָפּאַר געכאַפּט און זיי אַרײַנגעצעהלט עטליכע אַראָפּני־

קעס... די פּראָבלעם האָט זיך פאַרשאַרפט. הייצונג — האָט מען געשריען.

די פראַגע איז גיך, גאַנץ לייכט געלייזט געוואָרען. דריי רייטער האָבען זיך צעלאָזט איבער'ן לאַגער און גענומען יעדער לייוועגטע־נער טהיר, אראָפּגעוואָרפען א לעדיגען זאַק. יענקעל ערעלמאַן, איז אין טלית און תפילין פון קאַרפּאַ ארויס אין טיראַטשיני, איז אנגע־לאָפען מיט זיין פערד און איהם מכבד געווען מיט א צוויי "רעווענ־קעס" איבערן קאָפּ.

— וואַרף אראָפּ פון זיך די "פּיקאַסאַ פּאַנטשאַ" (געפלעקטע פּאַנטשאַ). נעהם דעם זאַק און נעה קלויבען די קוה־מיסט, וועט איהר האָבען הייצונג! — אזוי האָט ער איהם דעם טייטש פון די שמיץ ערקלערט.

מען האָט פון די געצעלטען ארויסגעטריבען קינד און קייט. אלט און יונג און זיי פאַר "מקוששים" געמאַכט: "געהען זי, געהען זי קוה־מיסט זאַמלען!" — איז א פּאַראָל געוואָרען.

— יאַ, ארבייטען מוס מען! קוה־מיסט צוזאַמענשאַרען איז אויך איינע ארבייט! — האָט געקלונגען געדרונגען.

מיר, די רוסיש־פּוילישע שטאָדט־לייט, וואָס מיר האָבען אזאַ הייצונג קיינמאָהל ניט גענוצט, האָבען צונויפגעטראָגען מכל הבא, נאַסע באַליגע און מ'האָט אָנגעהויבען אויסרויכערן מיט'ן קיזיק, די ארגענטינער לופט. די ווייבער זיינען פון'ם געדיכטען שטיקענדען רויך, שיער בלינד געוואָרען און האָבען גיך די קיך אוועקגעוואָרפען, איבערגעבענדיג די מענער דיזע שטיקעל אר־בייט...

מיר האָבען אין דער ערד גריבער אויסגעגראָבען, אויפ'ן פייב־טען קיזיק אנגעלעגט שטיקער חלב, פון די בהמות וואָס מ'האָט יעדען טאָג געשלאָכטעט און אין אזעלכע פּרימיטיווע קיכען, האָ־בען מיר געהייצט און געקאָכט. די טעג זיינען פאַראיבער אין דער וויכטיגער ארבייט: קלויבען קיזיק, הייצען און בראָטען דאָס פלייש און ביי נאַכט, פלעגט מען זיך פערזאַמלען אין רעדלאַך, גע־פילאָזאָפירט און די צוקונפט באַטראַכט... און דערוויל האָבען די ימים נוראים אָנגערוקט.

— " —

ס'איז אנגעקומען ראש השנה תרנ"ב.

מ'האט אויסגעווענטאלירט די "מאטושקא" און דארט די זאַ־געגאַנגענע שוהל געמאכט. די ליטוואַקען האבען זיך מתעסק געווען מיט'ן רויכערן און רייניגען, באקרויגענדיג איהר, מיט'ן טיטעל: בית המדרש.

זשוראַווסקי, א יונגערמאַן פון קיעוו, א שעהנער מנגן, האט מוספים געדאַווענט און דער פרומער פוילישער שוחט, אייזיק גלאַזערמאַן, — האט שחריתים געפראַוועט.

נאך היינט, דערמאַנענדיג זיך אַן יענע תפלות, קען איך מיר ניט אפוואונדערן: וואו זיינען דאמאלסט אנטרונען געוואַרען די ראש־השנה ויום כפור טרערען? ניט איינער פון אונז האט גע־וויינט! מ'איז אויף די פיס געשטאַנען, (קיין ביינקלאך זיינען אין דער אימפּראָוויזירטער שוהל ניט געווען). מ'האט געקוקט צו דער פאס, וואס האט אלס עמוד געדיענט, זיך צוגעהערט צו די סקאָרבאָווע ניגונים, גאר א טרעהר? חלילה! דאס לעבען האט הפנים צו שטארק געשטראַמט, די האפנונג אויף א גלענצענדער צוקונפט, האט יעדען באהערשט און קיין דאגה ניט צוגעלאזט... אביסעלע משקה, וואס די אידעלאך האבען דורך די שפּאַנישע "דאַנען" פון ערגעץ אריינגעשמוגעלט אין לאגער אריין, האט דעם יום־טוב "מלא" געמאכט און אז ס'איז פרעהלאך געוואַרען, האט מען גענומען באַדויערן דעם באראָנ'ס מיליאָנען. מ'האט באַ'חשבונ'ט וויפיעל גערביל און טאַקע דר. לעווענטהאל אליין, גנב'נען.

פּרזמע, אידען און אידענעס, האבען אנגעהויבען אריינקוקען אין די פּאַלאַטקעס און קיין מה טובו אהליך יעקב... האבען זיי ניט געקענט זאגען... א היבשע ביסעל שמוץ האט דער עמיגראַ־ציאַנס־שטראָם אהערצו פארטראָגען: איינינע רוצחים פון די אסטראָגען ארוים; פיעלע גנבים; א פּאאר משומדים און אומעטום די וואַרשאַוער און אדעסער פּראָסטיטוציע... די אדמיניסטראַציע האט עס שפּעטער מיט א סך מיה און אויסגאבען קוים אויסגע־ראַמט...

הכלל דער געמיישעכץ, מיט אונצעהליגע רמשים, די פיעל־פּאר־בינע ברואים מכל המינים, האבען אלע זיך געפלאַדיעט און דער־ביי תכליתים געזוכט. איינינע האבען חטאים געזוכט און אנדערע

האבען זיך באשעפטיגט מיט דער פראגע: וואס וועט זיין דער סוף? וואס טהוען מיר אייגענטליך דא אין דעם נייעם לאנד? אויף וואס אנדערע האבען שוין בקול רם אויסגעדריקט מיט יאוש: וואו איז דען דאס פארשפראכענע לאנד? די פעלדער, וואו זיינען זיי ערגעץ?

אום שמחת תורה האט מען די אדמיניסטראציע באלאגערט. ס'האט געהייסען מ'געהט אפגעבען כבוד גערביל'ן... און ס'איז שיער צו א סקאנדאל געקומען. שלמה קאביץ מיט זיינע אנהענגער, האבען איהם דירעקט אטאקירט:

— דו לאנגער אחשתרון! — האט ער געוואלדעוועט. אויף דיין דייטשמערישען עהרען-ווארט האסטו אונז פארשפראכען, דאס אין פיערצעהן טאגע, וועט איהר אלעם בעקאממען: לאנד, פיה, "רעמאנענט"... די פיערצעהן טעג, זיינען שוין, פילע מאהל פאראיבער און וואו איז דאס לאנד? — די טרפה'נע חברה האבען אבער געשיצט גערביל'ן און ס'איז כמעט ארוים א געשלעג... שפעטער איז עס אנגענומען געווארען אלס כלל אין לשון סגי נהור, אז "פיערצען טאגע" — באדייטעט א יאהר; "בוענא" (גוט) — איז א ליגען: "מאניאנא" (מארגען) — איז קיינמאהל ניט! מיט דיזע דריי אויסדריקע: "בוענא", "מאניאנא" און "אין פיערצעהן טאגע ארום" — האבען אונז די בעאמטע טעגליך געקארמעט.

די וואס זיינען דא מיט זייערע משפחות געווען, האבען געליטען און געשוויגען: ווייל ווי קלעגליך די ביידלאך און די שפייז איז געווען, זיינען זיי באטש געווען מיט ווייב און קינד צוזאמען, אבער די "באלאסטאיעם", וואס האבען נעבאך זייערע פאמיליען ערגעץ אויפ'ן וועג, אדער אין דער ארימער היים געלאזען, זיי האבען אלע אומרוהען אין לאנגער געמאכט:

— גיט אונז ארבייט! — האבען זיי געשריען. — גיט אונז צו פארדינען! לאמיר וועניגסטענס קענען עפעס געלד א היים שיקען.

גערביל האט לעווענטהאל'ן דערפון געשריבען און אין א פראסטען מיטוואך, האבען מיר זוכה געווען צו זעהן דאס אנקומען פון א וואגען מיט רידלען. אויף דער הענטעל פון יעדען ריסקאל, איז אויסגעברענט געווען דער חותם פון דער "קאלאניזאציא" און יעדעס דאמאלסט, האבען מיר זיך אויף אזא

מערקווירדיגען אופן דערוואוסט דעם נאָמען פון אונזער קאָלאָ־ניע. דריי הונדערט "כאַלאַסטאַיעס" האָט מען מיט די דאָזיגע "זאַסטופּען" באַטהיילט און זיי געשטעלט ערד־גראָבען. דאָס האָט געהייסען אָפּצוגראָבען אַ וועג פון דער אדמיניסטראַציע ביז צום הויפּט־שליאַך וואָס פיהרט צו קאַסאַרעס און יעדען "אַרבייטער" איז באַשטימט געוואָרען אַ טעגליכער לויהן פון צוויי פּעזאָס.

דער אדמיניסטראַטאָר און דער אינזשעניער זיינען געווען די הויפּטמאַכער און צווישען דער חברה "הינטען", האָבען זיי אויס־געזוכט די "קאַפּאַטאַסען" אָדער אויפזעהער, ערגענענדיג־זיי אַלס די אַבאַכט־געבער, שומרים, וואָס זאָל היטען דאָס די אַרביי־טער זאָלען ניט פּאַלשעוועז... זיי וועלען אויך זיין די יעניגע, וואָס זאָלען באַשטימען, ווען יאָ און ווען ניט אויפצונעהמען, דאָן פאַרצייכענען די אַרבייטס־טעג. אויף דיזען אופן האָט זיך ווידערהאָלט די אַלטע היסטאָרישע מכה פון מצרים, — נוגשים און שוטרים!

דער רוסישער איד, אויפגעצויגען אויפ'ן "קנוט" פונ'ם "נאַ־טשאַלניק", דורכגעקנאָטען מיט'ן הייזוען פון "כאַבאַר", האָט גיך די זעלבע רפואה אַנגעווענדעט צו די נייע־מאָדנע קאַפּאַטאַסען.

— "גאַספּאַדין", פאַרשרייבט מיר אַ טאָג אַרבייט! חצי שלי וחצי שלך... — די טרפה'נע חברה לייט האָבען געשריבען.

מ'האָט אין גיכען אויך אויפגעשטעלט אַ גרויסע געביידע פון בלעך, אַלס אַן "אַלמאַסען" — אַ שפּייז־קראָם, אום דערין צו האַלטען עסענוואַרג און סחורות וואָס די קאָלאָניסטען פאַרצערען. "כאַלאַסטאַיעס" האָבען פאַרדיענט, אַרבייט האָט ניט געפעלט. פיעלע האָט מען אין זייערע ביכלאַך פאַרשריעבען אַזעלכע "טעג", ווען זיי האָבען די אַרבייט זאָגאַר ניט אַנגעקוקט. דערצו האָט מען נאָר געדאַרפט זיין "בלאַט" מיט'ן "קאַפּאַטאַס": דער־פאַר האָבען אָבער איינציגע שלימזלניקעס, נאָר אָרענטליכע לייט, קיין איינאיינציגען טאָג אַרבייט ניט בעקומען.

פון מיין זכרון וועט קיינמאָהל ניט פאַרשווינדען יענע סצענע וואָס איך האָב געזעהן אין יענער נגשים־ושוטרים עפּאָכע.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען בין איך מיט מיין שיפס־קאַמע־ראַד, בוזי שאַראַגראָדסקי, אַרויסגעגאַנגען אָנקוקען ווי מען פאַר־

שרייבט די "כאלאסטאיעס" צו דער ארבייט. צו יענער צייט האט מען די פאמיליאנטען נאך קיין ארבייט ניט געגעבען; ערשט אז מ'האט אנגעהויבען בויען "פיתום מיט רעמסס", גענומען מויערען די אדמיניסטראציע און דעם אסטראג, דאן ערשט, האט מען אונז אוועקגעשטעלט ביים לעהם־קנעטען און ציגעל טראגען. מיר האבען זיך געשטעלט נעבען דער אדמיניסטראציע און געקוקט.

אט לויפט אן דער "קאפאטאס" און שפרינגט אראפ פונ'ם פערד. די יונגע ארבייטער גיבען איהם אפ "משיעסט פא סאל־דאסטקאמו". עלטערע שמייכלען צו און חנפ'ענען... יעדערער טראגט צו דאס ביכעלע זיינס אין וועלכען ס'זיינען פארצייכענט די ארבייטס טעג און ווען דער "קאפאטאס" געפינט אז איינער האט שוין צופיעל פארדיענם, באקומט ער שוין מעהר קיין ארבייט ניט, לויט נערבילס באפעהל, בכדי א יעדערער זאל קענען פארדיענען, אלע זאלען זיין גלייך, ניט איינעם גאר אין גאנצען און א צווייטען — גאר ניט...

די "אויפזעהער" האבען אבער געהאט, ווי שוין געזאגט, זייערע מיוחסים. לויט אלע פליטערלאך, דער אלטער רוסישער סיסטעם.

דער "קאפאטאס" האט איבערגעקוקט די ביכלאך און א קאמאנדע געגעבען: "יעדער זיין "שופעל" אויפ'ן אקסעל און מארש"! אזוי איז מען געגאנגען אויפ'ן וועג צו דער ארבייט: פאראוים דעם שומר, הינטער איהם דרייסיג אדער פופציג ארבייטער. חוץ איהם, זיינען אויך געווען אונטער־קאפאטאסען, אויפזעהער איבער צעהן און צוואנציג און אויך דיזע שרי עשרה, האבען פארשטאנען ווי אנצוגעהן מיט'ן "כאבאר" סיסטעם...

— א שעהנע "סווינסטווא" (שווייניריי) פיהרט זיך דא. — זאגט מיר דער שיפס־ברודער. — זעהסט דארט ווי זיי לויפען נאך יענעם מיט די לאנגע כאליאווען, א ביטערער קאפאטאס, א אמת'ר נוגש פון מצרים; עפעס גוואלדעוועט ער דארט: קום לאמיר הערען וועגען וואס עס האנדעלט זיך.

— נעהמט מיך צו דער ארבייט! — בעט זיך א מיטעל־יעהריגער איד. — כ'האב פיער קינדער אין דער היים, זיי געהען אוים

פון הונגער...

— ווייזט אהער דאס ביכעלע! — זאגט כעס'נדיק דער "אויפ־זעהער" — שוין דריי טאג האסטו פארשריבענע! נענוג! פאר דיר איז מעהר ניטא, סטופאיי!

ס'קומט א דריטער, א פיערטער. דער נ:גש שפאנט ווייטער, שמייסט מיט דער "רעווענקע" איבער די כאליאוועס פון זיינע שטיוועל און האלט אין איין ארומשפאצירען. מענשען לויפען איהם נאך: מיט אלערליי חניפה־ווערטער לעקט מען איהם און מ'לאסטשעט איהם...

— פארשרייבט מיך, "סעניאר"!.. מיך "גאספאדין"!.. מיר, "מילאסטיווי גאסודאר"!,„ מיר "מוסיע", הערר, אדון, דאן, מיס־טער, עפענדי אין אלע מעגליכע און אונמעגליכע טיטלען וואס דער המון האט זיך אנגעהערט אויף דער רייזע... ער אבער שפאנט און קוקט זיך אפילו ניט אום אויף זיי.

עפעס איין אידעל האט זיך איינגע'עקשן'ט און לאזט איהם ניט אפ: "פארשרייבט מיך! — בעט ער רחמים, — כ'מוז מיין פא־מיליע עפעס געלד שיקען!"... דער נוגש וויל איהם אבער ניט אנ־נעהמען. דער איד לויפט איהם נאך און פלאנטערט זיך ביי זיינע פיס.

— "פאשאל וואן!" — ברומט דער קאפאטאס. -- דער איד הערט אלץ ניט און שטופט זיך איהם אין די אויגען.

— איך מוז עפעס פארדינען! — יאמערט ער: — מיין פאמיליע הונגערט דארט אין דער היים.

— "סטופאי מערזאוועץ." — גיט ער א שטויס דער אידען, וועל־כער פאלט אנידער.

מיר לויפען צו. מ'נעהמט זידלען דעם נוגש און די ביישטעהענ־דע פאמיליאנטען שרייען:

— נעהמט חברה די "זאסטופעס" און צושפאלט איהם דעם קאפ! אזא באד־יונג!

ס'ווערט א טומעל. חברה "הינטען" מיט זייערע בייטענצער ווילען צופיהרען די הענד... ווילען פארטהיידיגען ז י י ע ר קאפא־טאס און עס יאוועט זיך געדביל.

— וואס איזט דא? — פרעגט ער דעם "אויפזעהער".

— „גאספאדין" גערביל! — שרייעט א ליטוואק — מע נעהמט „לאפקע" און מע רייבט טעג!

— וואס איזט דאס „לאפקע"?

— „כאבאר" מיין העררי! דער טרפה'ניאק נעהמט כאבאר און שרייבט טעג. וויסען זי?

— ניין איך פערשטעהע זי ניכט! — ענטפערט גערביל אומר געדולדיג.

— וואס דולסטו דעם העררן גערביל א קאפ! — רוקט זיך צו א לאנדאנער אידעל. — דער העררן פערשטעהט ניט קיין רוסיש! איהר הייסט מיסטער גערביל, „גרעפט" הייסט דאס, מ'נעהמט אין יד אריין; נעהמט מען! — גערביל ציהט מיט זיינע שמאלע אקסלען.

— אה לאזט נאר מיר! — היצט זיך א איד פון זמירנא, אין א ציצענעם כאלאט. — אדוני גערביל, שוחד! באקשיש! נו יעצט ווייסט איהר שוין?

— יא, יא! — שרייען איינינע אימיגראנטען פון דער טערקיי! — באקשיש, די קאפאטאסען נעהמען באקשיש!

דער נוגש און א פאאר פון דער טרפה'נער חברה געהען צו און ערקלעהרען:

— סעניאר גערביל! דיזע לייט זיינען פוילענצער, ווילען ניט ארבייטען; קומען בלויז סקאנדאל צו מאכען!

גערביל ווערט אין כעס. א כעס'ן איז ער געווען ביז גאר! צו־לאזט־ער זיינע לאנגע הענד און לויפט אוועק, שרייענדיג: „סקאנ־דאל! סקאנדאל!" ס'וואקסען־אויס די „וויזשילאנטען" אינ'ם מיטט פו'נ'ם רעדעל, ציהען־ארוים די בלאנקע שווערדען און שא, ס'ווערט שטיל און מען צעגעהט זיך מיט ארונטערגעלאזענע קעפ...

מיט שברון לב האבען מיר ניט איין מאהל צוגעזעהען אזעלכע בילדער: עגמת נפש און פארדראס געהאט און אלץ געווארט אויף א בעסער־ער ממשלה, — ליידער, איז זי ביז היינטיגען טאג ניט געקומען.

9.

די באַקעסטיגונג און דער סקלאַד.

די טעג האבען זיך געצוינען. נייע אימיגראנטען זיינען אנגעקומען. כמעט אלע דריי טאָג איז געקומען א נייע פּארטיע. דיזע זיינען שוין בעסער אראנזשירט געווארען, ווייל מיט זיי צוזאמען, האט מען אויך געבראכט א סך האלץ און בלעך. אונזערע ארבייטער האבען אויפגעשטעלט שייערן, אדער "גאלפּאנען" וואו זיי האבען זיך פארלויפיג באזעצט, אנשטאט די "קארפּאס" מיט וועלכע מ'האט אונז באגליקט...

דעם בּאראַנס גרויסער סקלאַד האט אנגעהויבען פונקציאנירען.

אין דעם דאזיגען גרויסען "גאלפּאן", האבען זיך געפונען סחורות אויף שווערע טויזענדער. גרויסע אנגעלאדענע וועגען, האט מען טעגליך געבראכט און איך קלייט אפּגעלעגט. שרייבערס און פּריקאזשציקעס זיינען ערנאנט געווארען, אום דיזע קלייט צו פיהרען אין ארדנונג... די אדמיניסטראציע האט יעדען ארויסגעגעבען א ביכעלע, אויף וועלכען מ'האט באקומען אלע מיני פּראדוקטען: עסענווארג, רעמאנענט, אלעם לויט די צאהל פאמיליע מיטגליעדער. אום עפּעס ארויסצוגעבען איז נויטהיג געווען אן ארדער פונ'ם אדמיניסטראטער, — דער גאנצער בעל־הבית איבער אונז און איבער אלצדינג וואס ס'האט עפּעס א שייכות געהאט מיט די אימיגראנטען.

ווער איז דען אימשטאנד צו באשרייבען די שמחה פון די פארוואגעלטע, ווען זיי האבען פאר זיך דערזעהן דעם "אלמאסען" מיט שפּייז און מיט אלע אנדערע ארטיקלען וואס האבען זיי, אזוי שטארק געפעהלט?

מען האט שוין מעהר ניט געדארפט לעבען נאר מיט גאליעטען און פלייש. אויפ'ן ביכעלע האט מען געקענט באקומען רייז, בוימעל, "מאקאראנעס", ריין זאלץ, שוין ניט מעהר די בלאטיגע פון דער "לאגונא". ווער שמועסט ליכט און קעראסין! עפּעס א קלייניגקייט: ליכט! האט איהר שוין געפּרופט לעבען וואכענלאנג

אין דער פינסטער, ווי מיר האבען עס פארזוכט? יעדער פאמי־ליאנט האט בעקומען א לעמפעל: דעם באראנם לעמפעל, האט מען עס יאהרען לאנג גערופען און ביי איינינע קאלאניסטען איז עס באהאלטען אלס זכר, פון דעם חושך וואס האט אונז ארומגערינ־געלט. מיט וואס פאר א פערגעניגען האבען מיר עס אנגעצונדען דיזען קאניצעל און ווי מיר האבען זיך געפרעהט מיט איהם!!!

די צווייטע שמחה איז געווען: טאבאק. יעדערער האט ערהאל־טען 150 גראם טיטון ווכענטליך. (פון די מיוחסים וועלען מיר שפעטער ריידען, זיי האבען אלעס לרוב בעקומען). וועלכע פעדער איז דען אימשטאנד אבצומאלען די ענויים פונ'ם רויכערער בעת ס'פעהלט איהם אוים הער טאבאק! שטיקלעך לושפע פון קוקורו־זע און טרוקענע גראזען, האבען מיר ביז דאמאלסט גערויכערט! מיט שטיקער חלב אין א בלעכעל, אדער פשוט אין א גריבעל, מיט א קנייטעל פון דער ווייבס וואלענעם שאל נאך פון רוסלאנד, פלעגען איינינע דאס געצעלט בעלייכטען און ענדליך האט מען געפטר'ט דיזע פלאגענעש... אט אזוי ארום האבען מיר זיך דערזעהן אויפ'ן וועג פון פראנרעס.

דער "אלמאסען" איז אפען יעדען טאג. אלעס צום עסען איז פאראן, אפילו צימרינג מיט ראזשינקעס, א קוגעל צום מאכען איז אויך דא!

די משרתים און אויפזעהער זיינען טהעטיג געווארען. ס'האט זיך תיקף אנגעהויבען די גרויסע סדרה פון גנבה... אוי האט מען גע'גנב'ט! אויף טהאל און אויף בארג! אלעס איז געשטוילען גע־ווארען און נים נור די בעאמטע אליין האבען דערין א האנד גע־האט, זאנדערן דער גאנצער לאגער איז שנעל אנגעפילט געווארען מיט געלקחנ'טע חפצים... אויב ס'איז מעגליך אזוי זיך אויסצודריי־קען, קען מען זאגען: "הימעל און ערד האבען גע'גנב'ט. די זון, די לבנה האבען גענומען"... הער "לא תגנב" איז אויף צווייען געשפאלטען געווארען. דעם "לא" האט מען משלח געווען קיין איירא͏פּא און איבערגעלאזט דא דעם "אמעריטשקע גנב"...

פיעלע פון די "כאלאסטאיעס" האבען דעם זעקסטען "לא" פון די עשרת הדברות אויך אוועק געשיקט צו זייערע פרויען אויף יענ־נער זייט אקעאן, זאלען זיי עס דארטען אפהיטען און דא, האבען זיי

נים געקארגט די צווייטע העלפט מקיים צו זיין...

כ'האב געזעהען אידען מיט בארד און פאות, האבען אין זייערע קאפאטע קעשענעס פון קלייט ארויסגעטראגען צוקער, רייז, וכדומה, אונטער די פאלעס האבען זיי אַ ה י י ם געטאסקעט אי טעפ־לאך, אי טעה־קווערטלאך, אי אנדערע כלים, — מכל הבא בידם... קיינ־מאהל זיינען זיי פאר בושה ניט רויטה געווארען און זיך איינער פאר'ן צווייטען גאר ניט געשעמט; ווייל אייגענטליך האבען זיי דאך אַ תירוץ געהאט: "מ' ג ע ה מ ט ביים איינענעם טאטען"...

די טרפהנע חברה, די צוקמאנ'ס, די שווארצמאן'ס, זיי האבען בשותפות מיט די גאר גרויסע בעאמטע, געשעפטען געמאכט און קאַ־פיטאל געשלאגען.

נאך דער "גערביל רעוואלוציע", האבען מיר זיך ערשט דער־וואוסט, דאס גאנצע העגען מיט סחורה זיינען פון דער באהן, אנ־שטאט צום "אלמאסען", גאר געפיהרט געווארען צו דער סטאנציע דאנינא, אנ'אכט קילאמעטער פון קאסארעס, וואו מ'האט עס אפגע־זעצט... דיזע וואארע, זיינען בלויז אריין אין די ביכער, אבער ניט אין באראן'ס קלייט און דאך צאהלען מיר נאך פאר זיי יעצט אויך העם פראצענט.

אין לאגער איז געווען פרעהליך. עסען איז דא און צום רויכערן אויך! די תקיפים, די יאבעטניקעס, טאטעס פון שעהנע טעכטער, האבען פון קלייט געשלעפט, וואס זייער הארץ האט געגלוסט און די כפרה איז געווארען דער ארימער "בעזגראמאטנע", וואס אויף זיין חשבון איז פארשריבען געווארען די "ארויסגעטראגענע זאכען"...

דעם באראנס קלייט האט מיט איהר שם, גיך אפגעקלונגען אינ'ם אומגעגענד. פארברוינטע, האלב־ווילדע "גאאוטשאס", זיינען אויף זייערע פלינקע פערד געקומען צו רייטען און אויף שטום לשון, חליפין געמאכט מיט די אימיגראנטען. מ'האט אויסגעביטען אַ יונג "גאַ־מאסיליא", פאר אַ ביסעל טאבאק, אדער די פעהל פון אַ גרויסען הירש, פאר אַ ביסעל לאקשען. "גאמאס", גרויסע און קליינע הירש־ען און שטרויסען, זיינען אין די טויזענדער אין דער סביבה געווען.

ס'האט גערעש'ט און געזשומעט ווי אויף אַ גרויסען וועלט־יאריד. נעבען יעדער פאלאטקע האט געראוכערט דער קוזיק; די דארע גאַ־

ליעטען האט מען צושטויסען און געפרעגעלט לאטקעס אויף בוימעהל און געלעבט ווי גאט אין פראנקרייך!..

באלד נאכדעם האט מען גענומען בויען די תפיסה און די געביי־דע פון דער איצטיגער אדמיניסטראציע, געבענדיג אזוי־ארום אויך ארבייט די פאמיליאנטען. אונז האט מען נאר געצאהלט איין פעזא־מיט צוואנציג סענט א טאג, מחמת מ'האט דאך אונזערע משפחות געגעבען עקסטרא צום עסען! — אזוי האט מען אונז ערקלעהרט; אלא וואס אלעם ווערט דאך פארשריבען אין ביכעלע און וואס אונ־זער ארבייט איז א שווערע געווען, מיר האבען דאך געדארפט לעהם און ציגעל טראגען?! נור מיט אזעלכע קלייניגקייטען האט מען זיך דאן ניט גערעכענט.

מיר זיינען געווען צופריעדען: ראשית — אבי ניט זיצען לע־דיג און והשנית — עפעס פארדינען, אום ס'זאל זיין וועגען אזעל־כע ארטיקלען צו קויפען, וואס די קלייט האט אויפ'ן ביכעל ניט געוואלט ארויסגעבען.

א גאנצע וואך האט געטומעלט. איז געקומען שבת — דאן האט איינגעטראטען אמת'ע רוה. א מנוחה טאג. אין אונזער לאגער פון אלגאראבא, האט קיינער ניט געוואגט פייער צו מאכען. מ'האט געדראווענט אין מנינים, געגעסען קאלטע לאטקעס, פלייש, און די מהדרין האבען אויך א קאלטען קוגעל צוגעגרייט... נאכדעם האט מען זיך צוגעלעגט שלאפען. — עונג שבת.

פארנאכט, האט זיך אנגעהויבען דער שפאציר אין וועלדעל פון דער אדמיניסטראציע און אין גאס, פארביי דער שרעגנע געצעלטען. איינגלאך און מיידלאך האבען געזונגען: עלטערע בעלי־בתים האבען זיך נאכגעפרעגט איבערן תכלית: ווען וועט מען שוין פארטהיי־לען דאס לאנד? ווען וועלען זיך פארענדיגען גערביל'ס "פיער־צעהן טאגע?"

באמת האט מען גענארט נאכ'ן באראן'ס נחלה. יעדערער האט שטארק חשק געהאט א קאלאניסט צו ווערען און זיין אנ'ערד־אר־ביימער.

אינדעם איז אויך געקומען א זעלטענע איבעראשונג, וואס האט אונז אלעמען שטארק משמח געווען.

10.

אידיש מיליטער.

פון באראן הירש. איז א באפעהל אנגעקומען. דאס מ׳זאל שאַ־פען א נאציאנאלע גווארדיע אדער א טעריטאריאלען מיליץ. וואס זאל אפהיטען און באשיצען די קאלאניע. יעדער יונגערמאן פון 18 ביז 25 יאהר אלט, זאל איינגעשלאסען ווערען אינ׳ם אידישען מיליטער דיענסט.

מיט א גוואלדאוונער, בעגייסטערונג איז דיזע פעראָרדנונג אויפגענומען געווארען. פון אלע פאלאטקעס האבען זיך רעקרוטען געמאלדען. יונגע בחורים׳לאך, עלטערע אויסגעדינטע סאלדאטען פון רוסלאנד, אלע זיינען געלאָפען אין אדמיניסטראציע זיך איינ־צושרייבען אין "אידישען חיל".

גערביל, — א געוועזענער דייטשער אפיצער און טיראטשיני. א פראנצויזישער הולאנער, האבען באלד ארגאניזירט א רעגי־מענט קאוואלעריע. א ראטע אינפאנטערי, איז צוזאמענגעשטעלט געווארען אונטער דער קאמאנדע פון ישראל האלצקאן, — א געוועזענער קארפאראל פון רוסלאנד. דאס מושטשירען פונם חיל, איז אנפאנגס זעהר שווער געווען, ווייל די "סאלדאטען", א מיש־מאַש פון אלע לענדער: רוסען, עסטרייכער, רומענער, עטליכע ענגלישע און א פאאר טערקישע. — האבען זיך שווערליך געקענט איינ־פערשטעהן. נאכהער האט טיראטשיני, דער אבערקאמאנדיר, זיין "ארמעע", איינגעטהיילט אין בעזונדערע לעגיאָנען: רומענער מיט עסטרייכער און די גאר פרישע רעקרוטען, אדער ווי מען פלעגט זיי רופען: "נאַוואבראנצעס" — באזונדער. רוסען, די פאאר ענגלענ־דער און טירער, ווידער א לעגיאָן בעזונדער. איין "ראטע" אויף פערד מיט געוועהר, די צווייטע א פעכאטנע און אהן כלי־זין. דאס הייסט אז אייגענטליך זיינען פארלויפיג אלע געווען אהן געוועהר. נאר מ׳האט געווארט, אז ס׳זאל אין גיכען אנקומען...

אך! וואו נעהם איך אזא קרעפטיגע פעדער אום צו קענען באַ־שרייבען אונזער שמחה, אונזער גדולה און גאוה, בשעת מיר האַ־

בעז אונזער נאציאנאלער גווארדיע דערזעהן? ווער איז דען אימ־שטאנד אויסצומאלען אונזערע אילוזיעס, אונזערע חלומות און פאנטאזיען, וואס די דאזיגע אידישע סאלדאטען האבען אין אונ־זער מח ערוועקט? קינדער פון 15 יאהר, האבען זיך רחמים געבע־טען ביים אינזשעניער טיראטשיני, דאס ער זאל זיי אויפנעהמען אין אידישען לעגיאן! ער פלעגט אבער נאר אויסקלויבען די שטארקסטע און שעהנסטע און אין דער ברייטער פאמפא האט אפגעקלונגען דער רוסישער דערזעציר:

— שאגאם ארש! נא ליעווא! נא פראווא! ליעוואאי-אי־אי! ליעוואאי!

— רעכטס'אום! לינקס'אום! מארש! — האט דער עסטרייכי־שער לייטענאנט, יוסף אמרייך, אויף זיין שטייגער די אידישע יונים דערזעצירט.

מאמעס, שוועסטער, כלות, יונגע־פרויען, האבען זיך פון תענוג געשמאלצען אנ'קוקענדיג זייערע ליבלינגע, וואס האבען זוכה גע־וועזען צו דיענען אין בעראנס ארמעע.

אנ'אויסערגעוועהנליכען תענוג האבען די ארטאדאקסישע אי־דען געהאט פון דער דאזיגער מיליץ. זיי, די אייביגע בענקער און די אויפריכטיגע גלויבער אין דער ווידעראויפלעבונג פון דער אידישער אומה, זיי האבען תיכף אינ'ם חיל דערזעהן אנ'אתחלתא דגאולה... ווען דער עסקוואדראן הולאנער, אויף די פערד, מיט זייער קאמאנדאנט טיראטשיני, אין א רייטיז געשטרייפ־טער העמדעל און דער שפיץ, פלעגט דורכמארשירען פארביי די פא־לאטעס, האבען די עלטערע אידען מיט עקסטאז, געשריען: "יהודה המכבי קומט!" און פלעגען מיט פרייד צומורמלען: "מי כמוך באלים ד'?"

שניאור מלמד פלעגט מיט חדוה איינקנעלען מיט זיין יאסעלען:

— געדענק מיין זוהן, זאיי א גוטער סאלדאט און פארגעס ניט דעם פסוק: "ללמוד את בני יהודה קשת!"...

א זעהר ברייטער רייגער הימעל, מיט א טיעפען שעהנעם האָ־ריזאנט, האט זיך פאר אונז פארשפרייט. א ליכטיגע גלענצענדע האפנונג, האט דאמאלסט פאר די אויגען געשטראהלט אין אונז פאנטאסטיש צענעשעפטשעט: "אנ'אייגען פאטערלאנד! א אידישע

לאנד! וועניגסטענס א נייעם בבל וועט מען שאפען!"

ס'קלינגט מיר נאך אין די אויערן די דרשה פון דעם גרייז־גרויען לייבעלע, וועמעס ווערטער עס זיינען ביי מיר ווי מיט פייער, אינ'ם הארצען איינגעגראווירט געווארען:

"עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל העולם. — האט ער אנגע־פאנגען פאר'ן בינטעל אידען וואס זיינען נעבען זיין פאלאטקע געשטאנען בעת די סאלדאטען האבען אדורכגעמארשירט. — ברי־דער, דא וועט זיין ארץ ישראל, אן עכט אייגען אידיש לאנד: אייגענע סאלדאטען וואס וועלען היטען אונזער תורה, אונזער טרא־דיציע: אפילו ווען משיח וועט קומען, דארפען מיר ניט געהן אהין! סיי־ווי־סיי איז דאס אלטע ארץ אבות צו קליין אום אלע אידען אריינצונעהמען... דאן איז דער פעטער ישמעאל דאך אויכעט דארט... און איז נאך היינט אויך דער אלטער פרא אדם... אבער דא, אין דעם לאנד, וועלען מיר מיט די ארגענטינער זיך לעבען בשלום ואחדות... זיי שטאמען דאך אויכעט פון אונזער גזע! ס'איז דאך א סברה, אז זיי זיינען פון די עשרת השבטים... זעהט איהר! — שמייכעלט דער זקן צופרידען: — סאלדאטען פאר משיח'ן אויב ער וועט פארלאנגען, — דאס וועלען מיר איהם געבען! אה! חיל, וועלען מיר איהם שיקען!"

אט מיט אזעלכע רייכע חלומות האבען מיר דאמאלסט אונזע־רע נשמות געשפייזט. דער געדאנק זיך א זיכערע היים, א גליק־ליכע אויפצובויען, האט אונז געשטארקט. באמוטהיגט און כוח געגעבען אלע שווערינקייטען איבערצוטראגען.

מיט פריידען געשרייען מיט "הורא'ס!", מיט אויסרופונגען: "לעבען זאל דער באראן הירש! געבענשט זאל זיין ארגענטינא!" האבען מיר שטענדיג אויפגענומען אונזערע לעגיאנען, בשעת זיי פלעגען נעבען אונז דורכמארשירען.

לאנג האט דיזע שמחה ניט אנגעהאלטען. די קאטאסטראפע פונ'ם 26־טען דעצעמבער, האט אלעס פארניכטעט און מיט גע־שלעפט... דער אידישער לעגיאן איז אויך צעפאלען געווארען...

11.

די ערשטע קאַטאַסטראָפע אין מאַוריציאַ.

דעם 26־טען דעצעמבער פון 1891, אין א שבת פארנאכט, איז דאס געשעהן, צום אכטען חנוכה ליכטעל.

דער שבת־טאג איז א פראכטפאלער געווען: שעהן און ווארעם. הונדערטע קינדער האבען זיך געשפּיעלט פאר די קארפּאס און די ליעדער, וואס די מיידלאך האבען אין וואלד געזונגען, האבען זיך געטראגען איבער'ן גאנצען לאגער.

די זון, א צוקאשמערטע, מיט א טונקעל רויטהליכען לעבער־קאליר, האט זיך אין דער "לאגונא" ארונטער געלאזט. די וואַסער פון'ם זומפּף, האט זיך ווי אנגעצונדען און האט אונז אלע, ביים ברעג שפּאַצירענדע, בעגאסען מיט א משונה מאַדנעם שיין. איינער דעם צווייטען האבען מיר זיך אנגעקוקט מיט שרעק און געפארשט אויף שטום־לשון ביים אלטיטשקען אינדיאנער, וואס האט זיך ביז צו אונז צוגעשלאגען. ער האט אויף די "קארפּאס" געוויזען און דורך זיין מימיק צו פארשטעהן געגעבען, דאס מיר זאלען געהן אהין זיך דארט בעהאלטען:

— "טארמענטא!" — האט ער פאראומערט געזאגט. — "טארמענטא!" — און מיט'ן האנד אנגעוויזען צום מעריב־זייט.

מיר האבען געאיילט און אין די געצעלטען געגאנגען.

באלד איז פינסטער געווארען און דושנע היים, ממש אויף דערשטיקט צו ווערען. פון ווייטען האט זיך געהערט א מין רויש, וועדליג ווי עס וואלטען אנגעקומען ריעזיגע חילות.

ביי יעדען איז די האהר פון קאפּ פאר פחד שטייף געווארען. מיין פרוי מיט די דריי קינדער, האבען זיך צוגעטוליעט צום מיטעלסטען דריקעל פון דער "קארפּא" און איך מיט'ן כאלאסטאי, מאטעל טאבאקמאן, וועלכער איז גראדע דאמאלסט ביי מיר געווען, האבען מיט די רידלען גיך געגראבען די ערד ארום דער פּאַלאטקע און אנגעשאטען רונד־ארום אויף די ברעגען, אום דער ווינט זאל זי ניט אוועק־טראגען.

— צי — כ'האב מורא: — האט דער כאלאסטאי געזאגט, ס'קומט ניט ווידער אמאהל דער "פאמפעראַ", אזעלכען ווי מיר האבען געהאט ביים אנקומען אהערצו. גראבט שנעלער!

מיט אלע כוחות האבען מיר געגראבען און בערג ערד ארום אנ־געשאטען.

דאס וואיען פונ'ם ווינט, האט זיך וואס א סעקונדע מעהר, אלץ מורא'דיגער און דייטליכער געלאזט הערען. פלוצלונג איז אלעס שטיל־געבליבען, אזוי פירכטערליך שטיל, אז ס'האט אזש פאר־כאפט די נשמה. א טיעפער יאמער, מיט א דין קול'כעל ווי פון א וויינענדיג קינד, האט אריינגעדרונגען און געלעכערט די אויערן. באלד האט די גאנצע נאטור א קרעכץ געגעבען, אבער אזוי אימה'דיג, אז מיר האבען די זאסטופען אוועקגעווארפען און שנעל אריין אין פאלאטקע און דער ווינט נאך אונז... כהרף עין האט ער א כאפ געטהון דעם פרעזענט, האט אפגעפליקט אלע שריק־לעך און דאס לייוונט אוועק געטראגען אין דער לופטען איבער אונזערע קעפ, פאנאנדערפלאטערענדיג מיט די שטיקער "קאר־פא", ווי מיט די זעגלען פון א שיף... אלע האבען מיר זיך אנגע־קלאמערט אנ'עם מיטעלסטען סלופ, וועלכער איז געווען שטארק און טיעף אריינגעגראבען אין דער ערד און אזוי האט אונז דער שטורם ניט געקענט מיטשלעפען.

די קינדער האבען מיר צוגעבויגען ביז'ן ערד און מיט אונזערע קערפער זיי בעשיצט און איבער אונזערע קעפ זיינען געפלויגען שטיקער צופליקטע שמאטעס, בלעכענע שיסלאך, דאס געשיהר פונ'ם לאגער, קישעלאך און פעדערען, היטלען, זאמד, שטויב, שטי־קער קיזיק און ערד... משונה'דיגע קולות, האבען און דער לופט שרעקליך געהילכט און דאס פינסטערניש איז אזוי געדיכט געווען, אז ממש חושך: ס'איז אונמעגליך געווען אויף א שפאן פון זיך צו זעהן.

א שוידערליכען מאמענט האבען מיר איבערגעלעבט. ס'האט זיך אונז אויסגעוויזען, דאס נעבען סלופ וועט אונזער פאמיליען קבר זיין: אז די ערד וועט אונז פארשיטען און מיר וועלען אויף אייביג לעבעדיג בעגראבען ווערען.

ס'האט א בליץ געטהון. דער הימעל איז אויף צווייען צושפאל־

טען געוואָרען און דער עלעקטרישער שטראָם האָט איהם נאָכ־דעם צוריסען פון עק ביז עק, אָפּגלאַנצענדיג אַזוי העהל, מיט עפּעס אַזאַ קלאָהר־ווייסער ליכטיגקייט, אַז עס האָט אין די אויגען ווי מיט שפּיזלען געשטאָכען און טאַקע תיכף: טראַך! טראַך! טאַר־ראַראַך! איין דונער נאָכ׳ן צווייטען האָבען זיך אין דער לופט געקייקעלט און האָבען אונטער אונז די גאַנצע ערד צעוויעגט און צושאָקעלט.

לסוף האָבען זיך צעעפענט די וואָלקען: אַ שלאַגסרעגען האָט אויסגעבראָכען און אונז ביז די ביינער, אין איין אויגענ־בליק אדורכגענעצט. אָבער מיט׳ן מבול, איז דער ווינט געשטילט געוואָרען. יעדער פון אונז, האָט אויפ׳ן האַנד אַ קינד גענומען, קוקענדיג דערשראָקען אין אַלע זייטען.

— מיר מוזען זיך ראַטעווען! — האָט מיין פרוי געזאָגט. — לאָמיר זעהן זיך דערשלאָגען ביז צו דער אדמיניסטראַטיווער געביידע.

מיר האָבען זיך אָנגענומען ביי די הענד און נאָכ׳ן שיין פון די אַפּטע לאַנגע בליצען, זיך געלאָזט געהן אין ריכטונג צו דער אדמיניסטראַציאָן.

מיר האָבען ביז די קניע אין וואַסער געבראָזעט, זיך געשטופּט אַנטקעגען שטראָם פונ׳ם רעגען, ביז מיר האָבען דעם אדמיניסטראַ־ציאָנס וואַלד דערגרייכט: אָבער ווייטער איז כמעט אונמעגליך געווען צו געהן. פיעלע בוימער זיינען געלעגען אויסגעריסען מיט׳ן וואָרצעל; אָפּגעבראָכענע צווייגען, „אוליאַקעס", האָבען זיך גע־פּלאָנטערט און געקניפּט איינס אָנ׳עם אַנדערן און יעדע סטעזשקע פאַרצוימט. דאָס גליק איז געווען וואָס ס׳האָט אָפט און שאַרף געבליצט און מיר האָבען אַזוי געקענט זעהן ווי אַריבערצוקלע־טערן די קלעצער און זיך דורכשטופּען די צווייגען.

מיט אַלע קרעפטען זיינען מיר ווייטער געגאַנגען און זיך גענע־העטערט צו דער אדמיניסטראַציע, פון וואַנען ס׳האָט זיך גע־הערט אַ יאָמער־געשריי און שרעקליכע שמערצפולע קולות.

— דאָרט האָט זיכער עפּוואָס שרעקליכעס פּאַסירט: — האָט אונזער באַגלייטער, טאַבאַקמאַן, געדרונגען. — איהר הערט דעם געוואַלד? — מיר זיינען שנעלער געגאַנגען.

וואס פאר א שווידערליכע בילד מיר האבען דארט דערזעהן! נור די אייביג שטארקע "שכחה" איז אין קראפט דאס אפ צו-ווי־שען פון מיינע אויגען!

אלע צימערן פון הויז זיינען אנגעפרעסט און אנגעפילט גע־ווען מיט פרויען און קינדער. דער יאמער און קלאג האט די הימ־לען געשפאלטען... די מענער האבען געארבייט: אלע רגע געבראכט אנאנדער פרוי, א צובלוטיגטע, א פאר'חלש'טע...

דער שטורם האט שוין אויפגעהערט, אבער די פינסטערנעש איז געווען א אונדורכדרינגבארע און דער רעגען האט ווי מיט עמערס געגאסען. ס'איז געווען א מבול, אפשר ווי אין נח'ס צייטען.

— גוואלד, מיין ווייב! — שרייט יוסעל מלמד. — כ'פארמאג צוואנציג פעזאס, נאט איך גיב זיי אייך אוועק. נאר לויפט ברייגגט זי! זי איז דארט ערגעץ פארבליבען...

פיער מענשען ברייננען אריין א "קאטרע", אויף וועלכער זיי טראגען א ווייבעל, וועמען ס'האט זיך אין סאמע "טארמענטא" פארגלוסט געהן צו קינד... ס'לויפט איינער אריין מיט קולות: "קומט שנעל! א מענש ווערט דערטרונקען! דא נים ווייט שרייט ער פון א גרוב ארויס"...

אונזערע סאלדאטען לויפען ראטעווען. גערביל קאמאנדעוועט: "גווארדיא נאציאנאל! לויפט רעטעט!" אליין געהט ער ארום צע־ווישען די אהנמעכטיגע, טראגט צו אביסעל וואסער, א שטיקעל לימענע. (קיין מעדיצין איז נים בנמצא געווען)...

צוויי גווארדיסטען טראגען אריין א זעקסיעריגעס טוידטעס קינד. א דריקעל פון א פאלאטקע האט עם דעם מוח'ל צעשפאלטען. די מוטער האלט אין איין חלש'ן אז ס'איז איהר אונמעגליך צו דערמינטערן.

באלד קומען אויך אן די איינוואוינער פון דער "קאמיסאריע" גע־נענד. אלע האבען זיך געזוכט צו שיצען אין דער אדמיניסטרא־ציאנס געביידע. אלע זיינען זיי געווען אהן היטלען, די ווייבער מיט צושויבערטע און צעפלאנטערטע האהר פון וועלכע ס'האט דאס וואסער געקאפעט. פיעלע מיט צוקלאפטע אויגען און צעשלאגענע צייהן... אין הויז ווערט שרעקליך ענג, ס'קען שוין מעהר נים אריין.

געפינט מען אַ עצה: די געזינטערע מענער און פרויען שטעלען זיך אין דר׳יסען אויפ׳ן רעגען און די שלאָפּע און פּאַרוואונדעטע לאָזט מען אַריין אינוועניג, אונטערן דאַך.

מיר שטעהען געבען וואַנט. דער רעגען וואַשט אונז און די קעלט איז שרעקליך בעז און קריכט ביז די געדערים. ס׳קומען אָן די ברידער סווערדליק און טראָגען דעם גוף פון זייער טויטער מו־טער. אַ צינקענע בלעך פון אַנ׳אַראָפּגעטראָגענעם דאַך. האָט איהר אין קאָפּ געטראָפען אין דער׳הרג׳עט. מען לעגט אוועק די טוידטע און די פרויען הויבען אויף אַזאַ מורא׳דיגע יללה, אַז ס׳גרוילט אַזש דאָס לייב.

מיט טאָג גלייך האָט דער רעגען אויפגעהערט.

12.

דער דאָקטאָר יאַפפע, — אַ גוטע נשמה.

אַ ריינע, אַ קלאָהרע, אַנ'אויסגעצעוואָגענע, איז זיך די זון ארומגעשוואומען איבער'ן הימעל; מילד און ווייך, אומשולדיג איז זי געווען, אַקוראַט ווי עס וואָלט גאָר ניט פּאַסירט. די צוויי טוידטע, דאס קינד און די פיערציג־יעהריגע פרוי, האבען די שעהנע זון שוין מעהר ניט געזעהן.

פון די פּאַלאַטקעס איז גאָר ניט פאַרבליבען. עטליכע נאַקעטע אפּגעוואַשענע סלופּעס. האבען געהאַלטען אנגעבויגען די קעפּ און אריינגעקוקט אין די קאַליוזשעס, וואו ס'האבען זיך געוואלגערט די פעדערנע קישעלאך. דאס אידישע גלות פאַרמעגען וואס מיר האַבען מיטגעבראַכט פון דער היים. בלעכענע שיפס־געשיהר, וויבערשע טשיפּיקעס, קאַפּעליושלעך, האַבען ארויסגעקוקט פון די טייכלאך און עראינערט אן א געוועזענעם און פארלאַזענעם ישוב. דער אַנבליק פון דעם לאַגער, איז אַ פיינליכער, אַ אַיום'דיגער געווען.

— פּאַגראָם! אַ פּאַגראַם! — האַבען הויך געשריען די יעניגע וואַס האַבען אין רוסלאַנד פאַרזוכט דעם טעם פון קריסטליכער בארימהערציגקייט.

— נויטהיג באַראָפּט קומען קיין ארגענטינע! — הערט זיך א פארביטערטע שטימע.

מען האט אנגעהויבען חרטה האבען אויפ'ן גאנצען עסק. די פרויען זיינען ארומגעגאַנגען איבער די קאַליוזשעס, צוזאמענגעקליבען די חפצים, געקלאָגט און געשאַלטען זייער פינסטערן מזל און דעם רוסישען צאַר.

אויף מארגען, ארום אכט אַ זייגער אין דער פריה, איז אנגעקומען דאקטאר לעווענטהאַל מיט'ן רויטהען ראבינער העגרי יאַזעף. גראַדע איז טיראַטשיני געווען אין קאַסאַרעס בעת די "טאַרמענטאַ" האַט געבושעוועט און ער האַט טעלעגראַפירט צום דירעקטאָר לעוועטהאַל, דאַס די אימיגראַנטען אין די "קאר־

פאס" געפינען זיך אין גרויס געפאהר, אויב דעם "פאמפערא" וועט דארט דורכשטורעמען. דאס האט איהם באוואוינען ארויס־צופאהרען פון בוענאס־איירעס מיט'ן אוהענטדיגען צוג, אום אליין צו בעטראכטען די לאגע אין מאאוריציא. מיטנעהמענדיג דעם ראבינער יאזעף. פיליכט אום אויסצונוצען זיין זא געגאנטען רעליגיעזען איינפלוס...

איך האב דעם דאקטאר געגוי בעטראכט. אלס פילאזאף איז ער ניט געווען קיין מענש פון טרעהרען, נור יעדער נערוו האט אין איהם געצוקט און אין אלע געזיכטסשטריכען, האט מען באמערקט זיין פערביטערונג און זיין פראטעסט איבער אונזער צושטאנד.

— נו, א קאמיטעט! נו, א פילאנטראפיע! — דיזע ווערטער האב איך איהם געהערט ווידערהאלענדיג עטליכע מאהל, בעת ער האט בעטראכט די פערוואונדעטע און צושלאגענע. זיין שטאל־צער קערפער האט זיך מעהרערע מאהל ווי איינגעצויגען. האט געקרעמפפט אונטערן טיעפען צער און שמערץ.

ער האט תיכף באפוילען דאס דער "אלמאסען", — וואו ס'איז קיין שאדען ניט פאראורזאכט געווארען דורכ'ן שטורם און וואו ס'האבען זיך אויך גערעטעט מעהרערע משפחות, — זאל בריים געעפענט ווערן און מ'זאל פון דארט ארויסגעבען אלעס וואס קען נוצען פאר די קראנקע. קיין מעדיצין און קיין דאקטער איז נאך דאמאלסט ניט געווען: האט מען די וואונדען דעסאינפעקצירט מיט ספירט, און פון לייווענט געמאכט באנדאזשען; אויך תכריכים פאר די טוידטע האט די "קלייט" צוגעשטעלט...

—

ביי טאג האט מען אפגעקליעבען א פלאטץ אויף א בערגעל. נאהענט פון דער "לאגונא", וואו ס'איז טאקע ביז היינט פארבליע־בען דער בית עלמין. ארום די פרישע קברים, וואו די ברידער סווערדליק האבען זייער יונגע מוטער בעגראבען, די ארימע רומע־נישע משפחה, דוכט מיר צונקבלאט נאכ'ן פאמיליע נאמען. האבען זייער בן יחיד'ל "באהאלטען" און וואו דאס נפל'ע פון דער יולדות האט א קרקע בעקומען, — האבען זיך אלע אימי־גראנטען פערזאמעלט און הילכענדע קולות האבען זיך דארט פלוצ־לונג צעטראגען:

— א היים! א היים! מיר ווילען צוריק א היים! דאקטאר ישיקט

אונז אפ צוריק אהיים! האבען מיר דען קיין קברים ניט און רוס־לאנד? א היים! מען האט אונז נאר גענארט און באטראגען! ברי־דער, דער גאנצער קאלאניזאציאנס פלאן איז א פאלשער! מיר ווילען צוריק א היים!

קורץ: מיט׳ן צוג פון צוועלף ביינאכט און אין דער פריה מיט׳ן צעהנער, זיינען פיעלע פון דער "נאציאנאלער גווארדיע" אפגע־פאהרען פון אונז. די קרעפטיגסטע, געזינדסטע "כאלאסטאיעס", זיינען די ערשטע נברחים געווען. דער דר. לעווענטהאל האט זיי אלעמען באהן־בילעטען געגעבען. פון די פאמיליאנטען האט זיך אבער קיינער ניט גערירהרט.

ווידער זיינען מיר געשלאפען אין דרויסען. אייניגע האבען מיט א פאאר טאג שפעטער זיך צונויפגעשטעלט ביידלאך פון די רעש־טען וואס דער שטורם־ווינט האט איבערגעלאזען. גיך איז דיזע אומערטרעגליכע לאגע געענדערט געווארען צום בעסערן: דר. לעווענטהאל, האט צוגעשיקט ספעציעל צוגעשניטענעם אין געדרעקסעלטען געהילץ, טשוועקעס, שרויפען און בלעכען, און אנשטאט די פאלאטקעס, אדער די ביידלאך אויף היהנערשע פיס־לאך, האבען מיר שוין אויפגעשטעלט פעסטע געצעלטען.

"נאך יעדען חורבן וואקסט אויס א בעסערער בנין; דורך פוי־לענעש ענטוויקעלט זיך און עס נעדרעהעט א פראכטפאלע פלאנ־צע". — אויך דאנקענדיג דער קאטאסטראפע, האט זיך אנגע־הויבען אויפשלאגען די אידישע קהלה פון קאסארעס.

א פאאר ""כאלאסטאיעס" האבען דארט אויפגעשטעלט א בלעכען ביידעל, און איך בעט אייך, זאגט נאר קיינעם ניט אויס, — טאקע פון באראנ׳ס בלעכען... זיי האבען דארט גע־עפענט א צירולניע, א שענקעל און אנגעהויבען פיהרען קאמער׳ץ מיט די האלב־ווילדע, פון דער אונענדליכער סביבה, וואס האט כמעט ווי געפוסטעו:עט.

אויפ׳ן זעלבען אופן, זיינען שטעדלאך נעבען און ארום די קאלאניען, געשאפען געווארען דורך די ערשטע "אפגע־פאלענע און אנטלאפענע" און ווען איך זאל א טבע האבען ארויס־צוגעבען, וואלט איך אויך דערצעהלט דעם סוד ווי עס זיינען געווארען די ערשטע גבירים אין קאסארעס און וואס פאר א

שייכות זייער רייכטהום האט געהאט מיט'ן בארא'ס קלייט... נישט־קשה, מיר צאהלען פאר אלעס פראצענט! נאר ניט דאס בין איך אויסען. אויף שכנים טהאר מען בכלל ניט רעדען. איז זאל זיין שטיל, שא!

אין די נייע בלעכענע "גאלפאנעס" האבען מיר זיך איינגעאר־דענט. צוזאמענגעקליעבען די שטיקער שמאטעס און דאס ציניי־נער לעבען איז ווייטער געפיהרט געווארען: מיר האבען געקליע־בען קיזיק. געגאנגען נאך פלייש, צוויי מאהל אין וואך מיט'ן ביי־בעלע אין "אלמאסען" נאך פראוויאנט און גנבים האבען געשריע־בען און גערעכענט וואס זיי האבען אליין געוואלט... (ביי יעדען קאלאניסט געפינען זיך נאך די געלע פאפירען פון די חשבונות פון יענער גנב'ישער קלייט!) געווארט האט מען נאך אלץ, דאס גערבילס "פיערצעהן טאגע", זאלען סוף כל סוף דערפילט ווע־רען און מ'זאל שוין דאס לאנד פארטהיילען.

* * *

ס'איז אנגעקומען דער מאנאט יאנואר פון 1892־טען יאהר.

די זיד־אמעריקאנער היצען. צו וועלכע מיר זיינען ניט געווען צוגעוואהנט: דאס מיזעראבלע ציגיינער־לעבען, דאס רויהע פלייש אלס נאהרונג: די שמוציגקייט — אלצדינג צוזאמען, האט אין לא־נער דעם טיפוס אריינגעבראכט. קיין דאקטאר און קיין אפטהייק איז ניט געווען. דערפאר איז אבער אין יעדער ביידעל און פאלאט־קע געלעגען א חולה. מיט קרענעצע וואסער האט מען געהיילט די פיעבער־ברענענדע קראנקע: טאג און נאכט האט מען פון אדמי־ניסטראציאנס ברונען געטראגען עמערס מיט וואסער, פרויען און מענער האבען אין דעם די שמאטעס איינגענעצט און דערין איינגעוויקעלט די ליידענע.

ווער ווייסט וויפיעל עס וואלטען געוועסט אומגעקומען פון דער עפידעמיע, ווען עס וואלט פון פאריז ניט אנגעקומען דער גוטער, מענשענפריינדליכער דאקטאר יאפפע.

דר. לעווענטהאל, זעהענדיג די פערוואונדעטע פון דער קאטאס־טראפע, האט ער צום באראן דעפעשירט נאך אן ארצט און דער גרויסער פילאנטראפ, האט גלייך ארויסגעשיקט א דאקטער.

א טהייערער פריינד איז דער דר. יאפפע געווען. אלס ליכט

אלס שטערען, האט ער אונז אין דער פוסטיגיע געדיענט! גאט זאל איהם בענטשען דארט וואו ער איז! ווי עהרליך און מיט וויפיעל ליעבע, האט ער אונזערע קראנקע געהיילט. וויפיעל טרייסט און נחמה איז אין זיינע ווערטער געווען! ער האט אונז דא, ווי דער עמוד ענן ד א ר ט, אין מדבר דעם וועג געוויזען. ער האט געמונ־טערט, געשטארקט די נ ח ש ל י ם, מוטה אריינגעפליסט אום אלע ליידען, געדולדיג איבערצוטראגען. איהם, דעם דר. יאפפע, איז די קאלאניזאציע א דאנק שולדיג: — אויב ס'איז נאר פארהאן פאר וואס צו דאנקען.

דער דר. יאפפע האט תיכף באמערקט די מעשים פון דער טרפה'נער חברה און איינגעזעהן, דאס נערביל איז א לעמעשקע ביי זיי אין די הענד און דאס ער וועט קיינמאהל ניט אימשטאנד זיין, דאס לאנד געהעריג צו פאטהיילען. ער האט אויפגעקלעהרט דעם דאקטאר לעווענטהאל איבער'ן דאזיגען ענין און גיך האט זיך צעטראגען א קלאנג צווישען די אימיגראנטען, דאס נערביל איז ענטזאגט געווארען...

חברה "הינטען" האבען אנגעהויבען סטראשען די "קוגעל אי־הען" — ווי זיי האבען אונז גערופען. — אונז נעדראהעט מיט קלעפ, מיט פאליציי, באהויפטענדיג, דאס מיר האבען נערביל'ן פארמיאוסט ביי לעווענטהאל'ן אין די אויגען... אבער דעם גו־טען דר. יאפפע איז געלונגען זיי איינצושטילען.

ער האט זיך אויך פלייסיג גענומען איינצוארדנען א געמיינדע. האט איינגעפיהרט א רעגיסטער פון געבורטען, וואו מ'האט איינ־געשריבען די מאסע קינדער וואס זיינען אין די פאלאטקעס און שייערן געבוירען געווארען. פיעלע פון יענע נולדים, האבען שוין לאנג, אלס געטרייע ארגענטיניער, זייער מיליטער דיענסט ער־פילט.

אויפגערעגט און איבערראשט איז דר. יאפפע געווארען, ווען ער האט נאכגעקוקט די טהרת המשפחה צווישען די ווארשאווער און אדעסער חברותא און ער פלעגט זיך היצען:

— גוואלד ברידער, אונזער קאלאניע טרינקט זיך אין שמוץ! מען מוז רייניגען! שטארק רייניגען!...

אויף ווי ווייט מאראליש געזונקען עס זיינען איינינע געווען,

קען דיענען אלס ביישפּיעל פאלגענדער עפּיזאד, פון אן אדעסער פּאַר פאלק, איבער וועלכען דר. יאפּפּע פלעגט מיט פארדרוס און צאַרן זיך ערצעהלען. איך האב ביידען געקענט. זי, א פרומינקע, א שטילינקע, האט זיך כסדר באריהמט מיט איהר יחוס. — איהר פאטער איז געוועזן סופר ביים רבי'ן. ער, א לאנגער, א בלאנדער און א גרויסער טיפּוש. מיט אונז צוזאמען זיינען זיי אויף דער טיאקא געפאהרען. איהם האט מען געבענטשט מיט'ן צונאמען: "אביש דער לאנגער" און איהר "נעכע, די פרומע טויב"...

אין א שבת ביי טאג לויפט אריין אביש מיט א געוואלד:

— דאקטער, מיין ווייב! אוי גיכער, וואו איז דער דאקטער??..

יאפּפּע לאזט ניט מעהר ריידען: כאפּט זיין טעשעל אינסטרו־מענטען און לויפט גלייך צו דער "פּאלאטקע", וואוהין דער צו־שראקענער יונגערמאן ציינט איהם אן, שעפּטשענדיג כסדר: "אוי, מיין ווייב! דאקטער, מיין ווייב!..."

אויפ'ן טהיר פונ'ם געצעלט קומט איהם דאס ווייבעל אנטקעגען א פארדוויטעלטע, א צושויבערטע, נאר א געזונדטע...

— צו וואס האט איהר מיך גערופען? — פרעגט דער דר. אביש'ן.

— אוי וועה דאקטער! זי איז דאך אן אשת איש און ער א גוי! דערצו נאך שבת בייטאג!... — און צעוויינט זיך יאמערליך.— דאן כוליא איז ערשט דא געוועזן! — כליפּעט ער ווייטער. — כלעבען דר.. איך אליין האב זיי געטראפען.

דער דר. בייגט אראפּ זיין שווארץ געקרויזטען קאפּ און געהט אוועק פארשעהמט... יעטליכע יונגע לייט געהען איהם נאך.

— מען דארף מעלדען דעם דר. לעווענטהאל! — טענה'ט ער בא'צער'ט. — די זנות־מגפה, וועט ארומכאפּען די גאנצע קאלאני־זאציע און אונטערגראבען דעם ישוב וואס מיר געהען גרינדען. די דאזיגע ארגענטינישע אדעליגע, די "דאנען", פון דאן כוליא'ס כאליאסטרע, וואס האבען זיך ארום גערביל'ן קאנצענטרירט, זיי זיינען אן אומגליק פאר אונז. — פארענדיגט ער שטילינקערהייד.

מיט א דריי טאג שפּעטער איז געקומען לעווענטהאל. מיט נאך איינעם: א געזונדטען דייטש. ביידע זיינען זיי אינ'ם לאגער ארומ־געגאנגען, נאכגעקוקט, נאכגעפרעגט, אינספּעקציאנירט. נעבען

יעדערביידעל זיך אפגעשטעלט און אהינצו אריינגעבליקט.

איך מיט שאראנגראדצקי'ן, זיינען מיר פון ווייטען זיי נאכגע־גאנגען אום אויפצונעהמען די איינדריקע וואס אונזער דירעקטאר וועט בעקומען און ארויסוויזען...

פון א געצעלט האט זיך גראדע דאמאלסט ארויסגערוקט א איי־דעל וואס האט צוגעהונקען אויף א פוס. פארטנאי. האט ער געהיי־סען. ער איז געגאנגען פאר זיי און הינטער איהם. איז נאכגעלא־פען זיינע אנ'אלטע מויד, א צודולטע און האט געשריען אין איין קול: "טאטע. קום עסען לאטקעס!" דער "שניידער" נאליעט אויף זיין קורצען פוס. שפאנט טריט ביי טריט און די לאנגע קא־פאטע טעלעפעטשעט זיך איהם, ארויף און אראפ!

—זעהט! — זאגט דער דירעקטאר צום דייטש. — זעהט וואס פאר א קאלאניסטען דער קאמיטעט האט מיר געשיקט. גער, בוי עפעס מיט אזא עלעמענט! — און מיט'ן האנד האט ער אנגעצייגט אויפ'ן הינקענדיגען שניידער מיט זיין משוגע'נער טאכטער.

זיי געהען ווייטער. א יונגער בחור מיט א גרויסער טשופרינע, מיט א רויטהע "רובאשקא" און א קורצער "סערמיאגע", זיצט זיך אויף א קאסטען און שפיעלט אויף א גארמאניע א "קאמארינסקע". דר. לעווענטהאל באטראכט א ווייל דעם פארשוין און פרעגט איהם:

— ווער זיינט איהר?

— א איד! — ענטפערט ער גלייכגילטיג און שפיעלט ווייטער.

דער דירעקטאר באטראכט איהם לאנג מיט זיינע גרויסע שווארצע און פונקען־בליצענדע אויגען, שאקעלט צו מיט'ן קאפ און זאגט טרויעריג:

— א איד! א איד! קיין איד איזט עס! — און געהט זיך ווייטער.

נעבען א גרויסער דאפעלטענער ביידעל שטעהט לייביש־מאיר דער ווארשעווער, שאקעלט מיט די פאות און שעפשעט: דאס דא־ווענט ער מנחה. דער דר. קומט צו, גראדע דאמאלסט, ווען דער פרומאק שטעלט זיך שמונה עשרה. נערביל איז אויך אונטער־געקומען און דער דירעקטאר פרעגט איהם.

— הערד נערביל, וואדוב האט דיזער מאן אזא גרויסע, דא־פעלטע "קארפא"? נערביל אלס ענטפער. ציהט מיט די אקסלען

און שווייגט און לעווענטהאל ווארענט:

— גיט אבאכט, הערר גערביל, דיזער מאן געפעהלט מיר אבסאָ־לוט גישט!

ווי זיין אויג האט תיכף דערקענט. דיזער פרומאק, איז שפעטער מיט זיין טאכטער מלכה'ניו, — אן ערשט קלאסנע זונה, פון דער קאלאניע ארויסגעשיקט געווארען.

אויף מארגען איז קיינער צו דער ארבייט ניט געגאנגען. אלע האבען זיך פערזאמעלט נעבען דער אדמיניסטראציע. דער "רעַ־וואלוציאנער" בלומענפעלד, די יאבעדניקעס: שלמה קאביץ, גערצקי און הארישניק, צו זיי נאך אלע איבעריגע קהל'ס־לייט, סבארסציקעס, בעלי־טאקסעס און סתם גבאים פון קליינע שטעדט־לאך, דער גיהנום שמש, שניאר מלמד. אט דאס גאנצע געזינדעל, האט געליארעמט, געזשומעט און געגוואלדעוועט:

— אז עס זאל דאס האבען! לאנד! זאל ער אונז געבען לאנד! וואו איז אונזער נחלה? צו־וואס זיינען מיר אהער געקומען, צו וואס?

— שיקט דר. נאך אונזערע פאמיליעס! — האבען די "באלאס־טאיעס" געפאדערט.

— מ'גנב'ט! מען בע'גנב'ט דעם באראנס פארמעגען! — האַ־בען גע'טענה'ט די געוועזענע גרויס־שטעדטיגע מעקלער און סוחרים.

דער טומעל איז געווארען אזוי גרויס אז מ'האט שוין קיינעם מעהר ניט געקענט הערען. אלע האבען געשריען און יעדער האט גע־וואלט איבערשרייען דעם צווייטען. דר. לעווענטהאל איז געשטאנען אין דער מיטט פון דער גאנצער כאליאסטרע, האט מיט די ברעמען געצויגען און געשוויגען.

א ליטוואטשקע, א שוסטערקע, א הויכע מאגערע אידענע מיט'ן נאמען: ריינעס, האט זיך מיט איהרע דארע עלענבויגענס דורכ־געשטופט צווישען דער מאסע און זיך צוגערוקט ביז'ן דאק־טאר.

— הייצונג! — קוויטשעט זי אויף א דין קול'כעל. — גיט אונז האלץ, דאקטער! די פליים בלייבט רוי, דער קיזיק רויבערט — גיט עס ברענט! נאט און זעהט! — און שטופט דעם דירעקטאר

א נאַסען קיזיק אונטערן נאַז...

— ליעבע פרוי, — זאָגט לעווענטהאַל געלאַסען. — וואָס קען מען מאַכען? אין דעם געגענד איז קיין האָלץ ניטאָ און כאָטש ארגענטינא איז אַזוי רייך אין וואַלד, איז אָבער אומגעהייער טייער דאָס צושטעלונג. מען קען דערמיט אויך הייצען, אויסטריקענענדיג עס צוערשט...

— טריקענען? — פּיסטשעט די ליטוואַטשקע. — אז איינגעטריקענט און איינגעדאַרט זאָל ווערען דער לאָנדאָנער קאָמיטעט מיט אַלע נאַציאָנאַליקעס פון באַראָן גירש! וואָס האָט מיר געטויגט אַמעריקע, ווּאָס? נאָר געה סריי, אז כ׳האָב א מאַן א טוסטער, א סמאָלע-קאָפּ...

מען האָט די פרוי קוים אָפּגעשטופּט.

איינ־גע רוהיגע ״כאָלאָסטאָ־יעס״, האָבען פאָרלאַנגט בלויז אַן הבטחה פון׳ם דאָקטאָר׳ס מויל, אז מען וועט זיי גיך ברייגגען זייערע משפחות. מעהרערע פאַמיליאַנטען האָבען זיך פּשוט באַקלאָגט: ״וויפיעל איז דער שיער צו וואַרטען?״

דער דירעקטאָר האָט געטרייסט.

— ס׳איז נאָך ניט צוגעגרייט. עס מוז געדויערן, מיר האָבען נאָך ניט געפונען די פּאַסיגע מענשען אום איינצואָרדנען די אַגריקולטור אַרבייט. אָט האָב איך יעצט געבראַכט דעם הערר שמידט, — אַנצייגענדיג אויפ׳ן דייטש וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם. — דיזער הערר, איז א געניטער פאַך־מאַן אין קאָלאָניזאַציאָנס אַנגעלעגענהייטען: גערביל נוצט ניט פאַר זיין אַמט...

— הא, ער וויל צונעהמען גערבל׳ן — האָבען די גערביליסטען זיך צושריען! — מיר ווילען ניט דערלאָזען! — האָבען זיי געסטראַשעט.

און א נייער שטורם איז ענטשטאַנדען. דער דר. מיט׳ן דייטש זיינען אין שטוב אריין. דער עולם האָט געליאַרעמט, מיט די הענד געפאָכטען אין דער לופט און ס׳איז געוואָרען א געפעהרליכע ״באַרוזשאַ״ — א גרייליכער רעש. די גלאָזונע בונטאָווסטשיקעס, האָבען זיך פאַרקליעבען אַן א זייט און זיך גע׳סוד׳עט. זיי האָבען זיך פאַרנומען מיט׳ן בערגעל ארויף — נאָך דער קאָמיסאַריאַ.

13.

מען באפאלט לעוועטהאל׳ן.

אייגענטליך ווייס איך ניט ווי שפעט בייגאכט ס׳איז דאמאלסט געווען. כ׳בין געלעגען אויף הער ״קאטרע״, געשלאפען אין דער לייוועגטער שעהר־בעטעל. די טהיר פון געצעהלט האט זיך רעש׳יג צוֹעפענט, א האנד האט מיך אנגעכאפט ביי א פוס און אראפגעשלעפט אויף דער ערד.

— שלאפסט יאלד! — האט צו מיר דער בעוואוסטער יאבעד־ניק, האריישניק, געזאגט. — קום, אלע זיינען שוין דארטען ביי דער אדמיניסטראציע. מיר ווילען דער׳הרג׳נען דעם משומד לעוועג־טהאל. נא דיר, א דייטש האט ער אונז געבראכט! עפעס א מיסיאנער מסתמא! ער וויל צונעהמען געדבל׳ן! נאך די נאכט וועט ער זיין טוידט!

א דרייסיג מאן זיינען זיי ארומגעלאפען איבער די געצעלטען און יעדערן פון די געלעגערס ארונטער געשלעפט; ניט געזשאלעוועט א פאאר סטיסאקעס, אויב מען האט זיך געלאזט צופיעל בעטען.

און איך בין געגאנגען.

נעבען אדמיניסטראציע, האבען זיך געווייעגט א כוואליע פון מענשען־קעפ. צובארשטענע, צעשראקענע, זיינען זיי ווי די בייזע גייסטער גרייט געשטאנען, אום אפצושפיעלען עפעס א טראגעדיע אין סאמע מיטט־נאכט.

די לבנה, א פולע, א רונדע, האט בעגאסען מיט איהר בלאס־טויד־טען שיין דעם פיעל קעפיגען המון, צעווישען וועלכען אייניגע האָ־בען זיך כסדר ארומגעדרעהט, זיך שטיל געס׳וד׳עט און דעם פייער אונטערגעבלאזען.

איך בין געשטאנען א פארציטערטער, טראכטענדיג: ״ווער ווייסט וואס זיי ווילען דא אויפטהאן?״ ווען פלוצים ס׳איז די שטילקייט איבערגעריסען געווארען דורך דונערענדע קולות:

— טוידט צום משומד! טוידט צום דר. לעוועגטהאל. — און די

טשימע קאביק'ס, האָט איבערגעשריען די אַלע אַנדערע קולות.

עפּעס אויף אַן אימפּראָוויזירטען טיש איז אַרויפגעשפּרונגען בלומענפעלד און מיט זיין קלינגענדער שטימע גענומען ריידען:

— „גאַספּאַדאַ", פינף מינוט צייט גיבען מיר איהם, אַז ער זאָל צו אונז אַרויסקומען און אויף אַלעם ענטפערן... קוים ניט, שטור־מעווען מיר די אַדמיניסטראַציע און ס'וועט פון איהם, פונ'ם דייטש פון זיינעם, און פון דער גאַנצער געביידע, קיין זכר ניט פּאַבליי־בען!"

— הורראַ! „דאַ וזדראַוסטוואַיעט גאַספּאַדין בלומענפעלד! — האָבען די בונטאַוושטשיקעס זיך געהיצט.

— מיר'ן שטורעמען די באַסטיליע! — האָט דאָרט עפּעס אַ סי־ביריאַק אַרויס געגרילצט.

טוידט דעם משומד! — האָט דער המון געברומט! — זאָל ער אַרויסקומען!

שווערע, פיינליכע מינוטען זיינען אָנגעקומען... פרויען וואָס האָ־בען מורא געהאַט צו לאָזען די מענער זייערע אַליין געהן און האָבען זיי באַגלייט, האָבען זיך פאַר פּחד פאַנאַנדער־געוויינט.

פּלוצלונג האָט די מענגע, וואָס האָט די אַדמיניסטראַציע באַלאַ־גערט, זיך אויף צוויי צושפּאָלטען. דער שטאַלצער מאַן, דר. לע־ווענטהאַל, געאַרעמט מיט זיין פרוי, האָבען זיך באַוויזען אין דער ברייט געעפענטער טהיר. מיט פעסטע טריט, זיינען זיי שווייגזאַם אַדורכגעגאַנגען דורכ'ן שטראָם לאַווע, וואָס האָט זיי דעם וועג אָפּ־געטראָטען... זיינען צוגעקומען ביז'ן טיש, וואו בלומענפעלד איז געהאַט געשטאַנען און ביידע, ער מיט זיין פרוי וואָס האָט זיך אַן איהם פעסט אָנגעקלאַמערט. — זיינען אויף דער ברעט אַרויפגע־קראָכען.

אַ פּאָאַר סעקונדען איז ער געשטאַנען בלאַס, ווי די לבנה וואָס האָט אויף איהם אָפּגעשטראַהלט און האָט געשוויגען. זיינע היפּ־נאָטישע אויגען האָבען ווי פייערדיגע שפּיזלען אַ יעדען דורכגעשטאָ־כען. מיט זיין בליק האָט ער אונז אַלע מאַגנעטיזירט און באַהערשט. מיר איז אַ שרעק באַפאַלען. כ'האָב זיך געפיהלט ווי פּערלאָרען. אָהנמעכטיג. עהנליכעס איז געשעהן מיט אַלע איבעריגע פון די אַנ־וועזענדע. וויפיעל כ'וועל לעבען, וועל איך קיינמאָהל ניט פאַרגעסען.

זיין הערליכע און נאבעלע,געשטאלט. ווי א פאטריארך, ווי א נביא, איז ער געשטאנען פאר אונז! זיין ברייטע שווארצע באָרד, האט געפלאטערט איבער זיין איינגעפאלענער, יענטבלייזטער ברוסט: דעם שעהנעם ברונעטען קאפ, האט ער געהאלטען הויך און ווירדיג און די לבנה האט אויף איהם געשאטען מיט א ים זילבער־ליכט.

— שמע ישראל!" — האבען זיינע ליפען פעסט און הויך ארויס־גערעדט און ווי דורך א כישוף, איז מיט אמאהל שטיל־געווארען: אלע האבען זייער אטהעם איינגעהאלטען. די צוויי ווערטער, האבען שטענדיג א מורא׳דיגע ווירקונג אויף דער אידישער נשמה און אויך דאס מאהל, איז ווי א עלעקטרישער שטראם דורכגעדרונגען דער אויפגערעגטער מאסע און אלע האבען אויפגעשוידערט. שטעהענדיג נאהענט ביים טיש, האב איך דערפיהלט אקוראט ווי נאדלען זאלען זיך אריינבאפען אין מיין לייב און וואלטען ארומגעלאפען איבער אלע מיינע אברים, פון קאפ ביז די פיס...

— "שמע ישראל! — האט ער קרעפטיגער איבער׳גע׳חזר׳ט. — איהר זיינט אידען, א י ה ר וועט מיך ניט הרג׳ענען, ווייל איהר זיינט ק י י ן רוצחים ניט. איך האב פאר א י י ך קיין מורא ניט!" — און אין א מילדען, זיסען טאן האט ער ווייטער גערעדט און זיינע ווערטער האבען געטריעפט אזוי הערצליך ווייך, דאס זיי זיי־נען זיך צעגאנגען איבער אלע גליעדער; — "ס׳איז אייך שלעכט... איהר זיינט פון דער היים פארטריבען געווארען; זיינט איהר אפגע־ריסען געווארען פון אייער ארט און פון אלצדינג וואס ס׳איז אייך ליעב און טייער געוועזן און דערפאר זיינט איהר אזוי פארביטערט... צי ווייס איך דען דאס ניט? צי פיהל איך דען ניט אייערע וועטאגען? צי וויינט דען ניט אין מיר מיין הארץ אויף אייער טרויעריגער לא־גע? אבער? — דא ווערט זיין שטימע שטורמישער: — איהר דארפט אבער וויסען, אז איהר זענט פיאניהען, איהר געהט בוי׳ען א היים, ניט נאר פאר זיך אליין, נאר אויך פאר טויזענדער און טויזענדער פון אונזערע ברידער. וואס ליידען אין די לענדער וואו מען פאר־פאלגט זיי. א גרויסער אידעאל האט באזעלט דעם באראן הירש און אייך, האט די השגחה באשטימט, אז א י ה ר זאלט פארווירק־ליכען דעם וואונש פון באריהמטען וואהלטהעטער... איהר מוזט ליידען! דען איהר זיינט די מארטירער פון א גרויסער ליכטיגער צו־

קנפּם, וואָס צייגט זיך פאַר אונזער נעפּלאָגטער אומה אינ׳ם דאָזיגען געבענטשטען לאַנד״.

״איך האָב שוין איינמאָהל געזאָגט און ווידערהאָל עס איצט, — האָט ער פאָרטגעזעצט: — דער באַראָן האָט מיך מיט׳ן סער טשאַרל עדוואַרד קוליען געשיקט, אויסצוזוכען אַ פּרייען פּלאַטץ, אַנ׳אָרט און לאַנד, וואָס איז נאָך ניט פאַרפּעסטעט מיט שנאה צו אונזער פאָלק און וואו מ׳קען עסען אַ שטיקעל ברויט צו־זאַט, אָהן שאַנד און אָהן יסורים. פון אַלע לענדער וואָס מיר האָבען באַרייזט, האָבען מיר די פרייע רעפּובליק אַרגענטינאַ, פאַר דער פּאַסענדסטער געפונען. אין איהר ליעגען בעהאַלטען ריזיגע רייכטהימער. איהר וועט ווע־רען קאָלאָניסטען, איהר וועט זיך לאַנגזאַם צוגעוועהנען צו דער עהר־ליכער ערד אַרבייט און איהר וועט האָבען אַ גליקליכע היים, פאַר זיך און פיר דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. האָט נור צוטרויען צום גו־טען באַראָן און גלויבט, דאָס איך זוך נאָר אייער טובה, איך שטרעב נאָר אייך גליקליך צו זעהן! — און מיט אַ ציטערנדיגער שטימע האָט ער שטילער פאַרענדיגט: — איך האָב פאַרלאָזען מיין היים, מיינע פריינד און מיין קרייז, אַלעס האָב איך געאָפּפערט אום אייך צו העלפען. אום אייך צו שטיצען! מיינע יאָהרען — זעהר וועניג האָב איך זיי נאָך. האָב איך געדענקט, פאַר אייער וואָהלזיין אוועק־צו־געבען, זיי שענקען פאַר מיין אונגליקליך פאָלק. אָבער וועל איך אימשטאַנד זיין נוצליך און מאַסגעבענד צו זיין?״

״איך האָב אויסגעפונען אַז דער הערר גערביל איז צו שוואַך, אום אייך צו רעגירען: אַז ער איז אומפעהיג פאַר דער בעשטימטער מי־סיע: נו, האָט איהר זיך צובונטעוועט און מיך איבערגעפאַלען שפּעט ביי נאַכט!... אַ מענש! — האָט ער ווידער מעכטיג דערהויבען זיין קול! — אַ מענש, מוז קענען בייטען זיין מיינונג לטובת הכלל... איך וועל אייך דעם הערר גערביל איבערלאָזען. אָבער איך זאָג אייך, אַז איהר וועט חרטה האָבען! ער איז ניט פאַר אייך! איז ניט הערצו געשאַפען געוואָרען. איך אַליין קען זיך מיט אייך דירעקט ניט אָב־געבען: איך מוז אין זינען האָבען די גאַנצע קאָלאָניזאַציע. אַלע טאָג קומען אָן נייע שיפען און מיר האָבען שוין אויך לאַנד אין סאַנטאַ פּע און אומעטום, מוז מען אַראַנזשירען. זייט רוהיג ברידער, געהט אַהיים שלאָפען און פאַרשאַפט ניט קיין אומזיסטיגע שמערצען דעם

איידעלען באראן דע הירש!״

— הורראַ! — האָט דער פריהער צו־יושעטער עולם ענטוזיאַסטיש געשריען. פערגעסענדיג דאָס מיט אַ ווײלע צוריק. האָבען זײ דעם רעדנער געוואָלט הרג׳נען. — הורראַ! לעבען זאָל דער דר. לעווענ־טהאַל! לעבען זאָל דער דימענטענער באַראָן הירש! — און צו־פרידען איז יעדערער אוועק צו זיך אין ביידעל אַריין.

גלייך מיט טאָג, איז דר. לעווענטהאַל מיט זײן פרוי און מיט׳ן דייטש, שמידט, אַפגעפאָהרען פון מאַאוריציאַ. מעהר האָבען מיר שוין די זכיה ניט געהאַט איהם צו זעהן.

14.

מ׳עסט טשאָלענט און מ׳זעצט בלומר׳שט נערטנער.

גערביל׳ס ״פיערצעהן טאגע״ האבען זיך ווייטער געצויגען און נאך דרייסיג טעג זיינען פאראיבער.

הפנים אז דערפאר וואס מען האט זיך ביי לעווענטהאל׳ן אזוי איינגעשטעלט פאר איהם, איז גערביל זעהר גוט געווארען צו די אימיגראנטען. ער האט אנגעהויבען אויסטהיילען ביסלעכווייז עטוואס רעמאַנענט; געגעבען די נויטהיגע שטוב אינסטרומענטען: א האק, א ועגעל, מעסער,שטריק... יעדער איינער האט אויפ׳ן קלייט־ביכעלע, נעקענט באקומען א פאאר גראבע שיך מיט הילצערנע פאדעשוועס, וואס איז שטארק צונויז נעקומען, מחמת פיעלע זיינען שוין ממש ארומגעגאנגען בארוועס. מ׳האט אויך פאנאנדער געטהיילט צו עטליכע מעטר גראבע געשטייפטע לייווענט, וואס מ׳האט אנגערופען: ״אקספארד״. דאס דאזיגע לייווענט, איז באנוצט געווארען אי פאר העמדער אדער בלוזעס פאר די מענער, אי פאר קליידלעך פיר די פרויען. אויך די שטיינערנע גאליעטען האט מען גע׳פטר׳ט. מ׳האט געמאכט א גרויסען אייוועז צום באקען, געבראכט אז ״אמאסאדארא״ צום קנעטען דאס טייג, א ״מאלאקאט״ איז אינסטאלירט געווארען, אין וועלכען א מויל־אייזעל איז נעשפאנט געוועז און די מאשין גערדעהט. אט אזוי האבען מיר באקומען אז אייגענע נאליעטען פאבריקעל און טעגליך ערהאלטען פרישע פלעצלאך צום עסען. חסידים האבען ווידער באקומען זייער ליעבלינגס מאכל, דעם טשאלענט. שבח לערנער,א בלאנדער בחור פון דינאוויץ, וועלכער האט געארבייט אין דער בעקעריי ביים אויוועז, האט גענומען צו פינף סענט פאזיט, פאר א טעפעל ״טשאלענט מיט קוגעל״ צוזאמען... ער האט נאך דערצו, אזא טביעת־עין געהאט, דאס ער האט שבת אין דער פריה יעדער אידענע א י ה ר טעפעל מיט׳ן קוגעל אפגעגעבען און קיינמאהל חלילה קיין טעות ניט געהאט... ער האט ר״ל קיין איינציגע מאהל ניט פארביטען קיין ליטווישען קוגעל אויף א פוילישען. אדער להיפך...

פון די הייזער וואס מ'האט געבויעט, איז די תפיסה שוין פאר־ענדיגט געווארען... צו דער אדמיניסטראציאנס געביידע, האט נאך געפעהלט א קלייניגקייט און מען האט אלץ געווארט, אז מ'זאל שוין דאס לאנד פאנאנדער־טהיילען.

אין א שעהנעם טאג, איז נערביל, צוזאמען מיט'ן דר. יאפפע, דורכגעריעטען דעם לאגער און געמאלדען איבער א נייעם פראיעקט: איידער מ'וועט דאס לאנד פארטהיילען, זאל מען דערווייל "זעצען" גערטנער. ווער עס וויל, זאל זיך מעלדען אין אדמיניסטראציע, וועט מען איהם דערצו געבען א שטיקעל לאנד נאהענט פונ'ם לאגער.

צעהן קאלאניסטען, אונטער דער אנפיהרונג פון איצע וויינפעלד, האבען זיך געמאלדען. די איבעריגע האבען מורא געהאט, אז אויב מען וועט נעהמען דעם גארטען, קען מען נאך חלילה אנווערען דאס רעכט אויף דער פארשפראכענער גרויסער נחלה...

מען האט די צעהן ביירלעך פון די גערטנער, ווייט אויפ'ן פעלד אריבער געטראגען. יעדער גערטנער־משפחה, האט באקומען א האנד־פלוגעל מיט א פאאר אקסען, א "זשוג", אחער א יארמא, אום זיי איינצושפאנען. דערצו נאך אלע אנדערע מכשירים, דהיינו: רצועות פון רימענעס אדער "קאזשונטאס" וואס מיט זיי האט מען דעם "זשוג" צוגעבונדען צו די הערנער פון די אקסען, כדי זיי זאלען אזוי־ארום, מיט די קעפ ציהען דעם פלוג. אויך א "פיקאנא". — אלאנגער פארשפיצטער שטעקען צום אנטרייבען. א "וואשקע", אדער אויער־שטריקעל, וואס ווערט צוגעבונדען צום אקס רעכטען אויער און מען פיהרט איהם דערמיט, ווי מיט א לייצע. חוץ דעם, האט מען זיי פארזארגט מיט אלערליי זריעות פון גרינצייג, "לע־גומברעס" בלע"ז. די אלע זאכען האבען זיי ערהאלטען פונ'ם בא־ראנ'ס "גאלפאן".

אלע אימיגראנטען זיינען געוועהנליך געשטאנען דערביי, צוגע־קוקט און זיך געוואונדערט. אלעס איז זיי עפעס אזוי ניי, און משונה מאדנע אויסגעקומען... "אין ארגענטינא איז גאר אלצדינג פארקעהרט: א משוגע'נער ארבייטס סיסטעם איז עס!" — האבען די "ידעים", געוועזענע דארפס־אידען זייער מיינונג אויסגע־שפראכען.

עס זיינען אנגעקומען די רביים. די יעניגע וואס האבען נעדארפט

די קאלאנ־סטען לעהרנען די ערד ארבייט. דאן כוליא און דאן פערנאנדא: — שפעטער האט מען נאך אלס לעהרער צוגעדונגען, פארברוינטע קרעאלען און אויך דייטשען. אונזערע שפאגעל־נייע צעהן קאלאניסטען, זיינען געווארען געהארכזאמע תלמידים און געזוכט זיך אויסצולעהרנען הלכות עבודת האדמה.

אין לאגער איז פרעהליכער געווארען. אייניגע פון אונז ארבייטען שוין ערד און מיר וועלען אין גיכען אויך ווערען אסערבויער. פאר חדוה זיינען מיר אזש צעשמאלצען געווארען.

מיט'ן גערטנער משה בעבטשיק, האט אין גיכען פאסירט א טראגי־קאמישער פארפאל: איין אקס פון זיין פאאר, איז געוועזן אביסעל א פרעהליכער. פיליכט אויך א קלוגער... ער האט זיך אין "זשוג" ניט געלאזט איינשפאנען און זיך ביי איהם פון די הענד געריסען און בעבטשיק מיט זיין תם'עוואטער גרינקייט, איז אויף א שכל געפאלען: "דו וועסט זיך ביי מיר ניט אויסרייסען, אקס איינער!" — האט ער צו איהם אריינגע'טענה'ט און האט ארום זיך ארומגעוויקעלט דאס שטריקעל וואס איז צוגעבונדען געוועזן צום אקס הערנער, וועלענדיג אויף דיזען אופן איהם איינהאלטען. דער חכם'ישער אקס, האט אבער מיט כח א ציה געגעבען, אונזער העלדישען גבר אומגעווארפען און איהם געטאסקעט איבער'ן פעלד. דיזער טראנספארט־מיטעל איז דעם גערטנער הפנים ניט געפעלען געווארען, ווייל ער האט געגוואלדעוועט, געשריען, געשאלטען און פראטעסטירט. זיינע קולות האבען אבער די געגענווירקונג געהאט. דער אקס האט זיך אמת דערשראקען פאר זיי און אנגעפאנגען ווילד צו לויפען, שלעפענדיג בעבטשיקען ווי א שליטען, איבער'ן ווייכען גראז און אזוי האט ער איהם "אריינגעראסטירט" אין גאס צווישען די ביידלאך. דאס גליק איז געוועזן, וואס גראדע איינער פון די "בני דן", דאן כוליא, איז אויפ'ן פערד רייטענדיג אנגעלאפען און מיט זיין "גאאוטשא" פלינקקייט די שטריקעל איבערגעשניטען. דר. יאפפע האט געהאט ארבייט: איינצובאנדאזשירען דעם פארוואונדעטען און איהם א צעבראכען בייהן גיפסעווען... גאנצע פינף און צוואנציג יאהר איז ער פונדעסטוועגען קאלאניסט געוועזן, אבער לסוף האט ער זיין "קאמפ" פארקויפט און אליין געווארען א שטאדט־קרעמער. נור דאס געהערט צו די שפעטערדיגע ענינים.

ביסלעכווייז האט מען זיך צוגעוועהנט אויך צו דער גערטנער נייאיגקייט און ווידער אמאהל האט זיך דערוועקט די אלטע פראגע: "עד מתי?" ביז ווי לאנג נאך וועט מען זיצען אין די ביידלאך? ווארום פארטהיילט מען ניט דאס לאנד?

דער עולם איז פול געווארען מיט גרימצארן אויף די בונטאוויסטי־קעס: מען האט געדרוגגען דאס נאר זיי זיינען אין אלעמען שולדיג. "ווען דער דייטש שמיערט, וואלט געוועסט פארבלייבען אויף גער־ביל'ס פלאטץ, ווי דער דר. לעוועגטהאל האט עס געוואונשען, דאן וואלטען זיי שוין אלע לאנג אויפ'ן לאנד געזעסען און די ארומשליא־ענדע "כאלאסטאיעס", וואלטען זייערע פאמיליעס דא געהאט, דער לאנגער גערביל, הארעוועט אונז מיט נאך לענגערע "פיערצעהן טאג־נע". איז ביז וואנען וועט מען ווארטען?"

— סאביץ, גערצקי, זיינען דעריין שולדיג! — האט געפלונגען אינ'ם לאגער.

— א "ניעזשעלאעסטשע" דארף מען אויף זיי מאכען! — האבען קליינשטעדטלדיגע סבארשציקעס געפילדערט. — לאמיר צו־נויפנעמען חתימות!

די רעוואלוציאנערן האט עס גאר ניט געשמעקט. האבען זיי זיך גענומען צו גערבל'ן... זיינען איהם א פאאר־מאהל באפאלען, איהם געזידעלט "פא רוסקאמו" און רוסישע קולאקעס געוויזען.

— דר. לעוועגטהאל האט רעכט געהאט! — האט בלומענפעלד און סטאליאר צו איהם גע'טענה'ט. — ביזט אונפעהיג צו אזא אמט!

— מיר האבען אומזיסט און אומנישט, עגמת נפש פאר־שאפט דעם שווינדזיכטיגען מאן, העם ארענטליכען פילאזאפישען דר. לעוועגטהאל. מ'דארף גערבל'ן פון דאנען פארטרייבען, איהם פטר'ן פון קאלאניע! — האבען די פאאר איידעלע און זויבערע פא־מיליאנטען זייער מיינונג אויסגעשפראכען... און ס'איז כמעט אין הסכם געבליבען אז מען זאל פון איהם ערלייזט ווערען.

די טרפה'נע חברה, וואס זיינען מיט גערבל'ן געווען "בלאט", האבען זיך פאר איהם איינגעשטעלט און פארטהיידיגט. צווישען ביי־דע פארטייען איז געווארען א געפעהרליכע שנאה און די ערשטע האבען ווי ס'וויזט אויס, איינגערעדט גערביל'ן, אז די אימיגראנטען ווילען איהם דער'הרג'ענען. דערפון איז ענטשטאנען די רעוואלוציע.

15.

די גערביל רעוואָלוציע.

ביז היינט איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט די סבה. האָט גערבי־
טאַקע איין אמת'ן מורא געהאַט פאַר אַנ'אויפשטאַנד פון די איטי־
גראַנטען, און אום זיין לעבען צו זיכערן האָט ער ״אַנגעבראַכט״ אַלע
״גאַאוטשאָס״ מיט דער פאָליציי? אָדער, דאָס איז בלויז געווען אַ
פּאָליטישער איינפאַל, אַז אויפטהו מיט אַ כיוון, כדי פטור צו ווערען
פון די בונטאַווסציקעס? ווי די זאַך זאָל ניט זיין און צו וועלכען
צוועק יער זאָל געוועסט ״די רעוואָלוציע״ ניט האָבען קאָמבינירט,
שרעק האָט ער אונז איבערגענוג פאַראורזאַכט.

דאָס איז געקומען פּלוצלונג: סיינער האָט זיך דאַרויף ניט גע־
ריכט. אַ טאָג איז עס געווען אַ ליכטיגער, אַ הייסער, אַלעס האָט גע־
שיינט און געגלאַנצט. אַ פופציג ״כאַלאַסטאַיעס״ האָבען געאַרבייט
אויפ'ן פעלד ביי די איטאַליענער, אַגוסטינאַ אי ברונאַ, וועלכע האָ־
בען געדאַרפט שנעל אַרונטערנעהמען די ״קאָסעטשע״ פון די 500
העקטאַר וואָס זיי האָבען אין אַרענדע געהאַלטען, אום פון אונזערט־
וועגען דאָס לאַנד איבערצוגעבען. דאָרט האָבען זיי געאַרבייט אַלס
״פּעאָנען״, וועהרענד אַ 75 שלימזל'ניקעס, האָבען נאָך אַלץ זיך גע־
פּלאָנט ביים וועג מאַכען, ביים לעהם און די ציגעל, אונטער דער קאָ־
מאַנדע פון די נוגשים. מיר, כמעט אַלע פאַמיליאַנטען און די איבע־
ריגע ״כאַלאַסטאַיעס״, וואָס האָבען קיין אַרבייט ניט געהאַט, זיי־
נען מיר געלעגען פאַרשטעקט אין די ביידלאַך און הייזקעס אום פון
דער ברענענדער זון זיך צו שיצען. מיט אַ מאָהל, איז דער לאַגער
אויפגערודערט געוואָרען. אַלע זיינען פון די ביידלאַך אַרויס און
מיט ערשטוינונג צוגעקוקט ווי פון צפון און דרום, האָט זיך אַ
שטויב ביז צום הימעל דערהויבען. די איבערגעשראָקענע נודדים, האָ־
בען אָנפאַנגס געדענקט, אַז דאָס קומט אָן אַ נייער שטורם, נאָר גיך
האָט מען גאָר דערזעהן עפּעס אַ פופציג רייטער, אַלע אָפּגעפּליקטע
שוואַרצע באַסיאַקעס אויף האַלב-ווילדע פערד, וואָס האָבען זיך

בּיסלעכוויַיז האָט מען זיך צוגעוועהנט אויך צו דער נערטנער נייאיגקייט און ווידער אַמאָהל האָט זיך דערוועקט די אַלטע פראַגע: "עד מתי?" ביז ווי לאַנג נאָך וועט מען זיצען אין די ביידלאַך? וואָרום פאַרטהיילט מען נים דאָס לאַנד?

דער עולם איז פול געוואָרען מיט גרימצאָרן אויף די בונטאָוסצי־קעס: מען האָט געדרונגען דאָס נאָר זיי זיינען אין אַלעמען שולדיג. "ווען דער דייטש שמיערט, וואָלט געוועסט פאַרבלייבען אויף גער־ביל'ס פּלאַטץ. ווי דער דר. לעוועטהאַל האָט עס געוואונשען. דאַן וואָלטען זיי שוין אַלע לאַנג אויפ'ן לאַנד געזעסען און די אַרומשליא־ענדע "כאַלאַסטאַיעס", וואָלטען זייערע פאַמיליעס דאָ געהאַט, דער לאַנגער גערביל, האָרעוועט אונז מיט נאָך לענגערע "פיערצעהן טאַ־גע". איז ביז וואַנען וועט מען וואַרטען?"

— קאַביץ, גערצקי, זיינען דערין שולדיג! — האָט געקלונגען אינ'ם לאַגער.

— אַ "ניעזשעלאַעסטשע" דאַרף מען אויף זיי מאַכען! — האָ־בען קליינשטעדלדיגע סבאַרשציקעס געפילדערט. — לאָמיר צו־נויפנעמען חתימות!

די רעוואָלוציאָנערן האָט עס גאָר נים געשמעקט. האָבען זיי זיך גענומען צו גערבל'ן... זיינען איהם אַ פּאָאַר־מאָהל באַפאַלען, איהם געזידעלט "פּאַ רוסקאָמו" און רוסישע קולאַקעס געוויזען.

— דר. לעווענטהאַל האָט רעכט געהאַט! — האָט בלומענפעלד און סטאָליאַר צו איהם גע'טענה'ט. — ביזט אונפעהיג צו אַזאַ אַמט!

— מיר האָבען אומזיסט און אומנישט, עגמת נפש פאַר־שאַפט דעם שווינדזיכטיגען מאַן, דעם אַרענטליכען פילאַזאָפישען דר. לעווענטהאַל. מ'דאַרף גערבל'ן פון דאַנען פאַרטרייבען, איהם פּטר'ן פון קאָלאָניע! — האָבען די פּאָאַר איידעלע און זויבערע פאַ־מיליאַנטען זייער מיינונג אויסגעשפּראָכען... און ס'איז כמעט אין הסכם געבליבען אַז מען זאָל פון איהם ערלייזט ווערען.

די טרפה'נע חברה, וואָס זיינען מיט גערבל'ן געוועזן "בלאָט", האָ־בען זיך פאַר איהם איינגעשטעלט און פאַרטהיידיגט. צווישען ביי־דע פאַרטייען איז געוואָרען אַ געפעהרליכע שנאה און די ערשטע האָבען גוי ס'ווייזט אויס, איינגערעדט גערביל'ן, אַז די אימיגראַנטען ווילען איהם דער'הרג'ענען. דערפון איז ענטשטאַנען די רעוואָלוציע.

15.

די נערביל רעוואָלוציע.

ביז היינט איז נאך ניט פעסטגעשטעלט די סבה. האט נערביל־טאַקע אין אמת'ן מורא געהאט פאר אנ'אויפשטאַנד פון די איטי־גראַנטען, און אום זיין לעבען צו זיכערן האט ער "אַנגעבראַכט" אלע "גאַאוטשאָס" מיט דער פאליציי? אדער, דאס איז בלויז געווען א פאליטישער איינפאל. אז אויפטהו מיט א כיון, כדי פטור צו ווערען פון די בונטאַוויסציקעס? ווי די זאך זאל ניט זיין און צו וועלכען צוועק ער זאל געוועסט "די רעוואָלוציע" ניט האבען קאָמבינירט, שרעק האט ער אונז איבערגענוג פאראורזאכט.

דאס איז געקומען פלוצלונג: קיינער האט זיך דארויף ניט גע־ריכט. א טאג איז עס געווען א ליכטיגער, א הייסער, אלעס האט גע־שיינט און געגלאנצט. א פופציג "כאַלאַסטאַיעס" האבען געאַרבייט אויפ'ן פעלד ביי די איטאַליענער, אגוסטינא אי ברונא, וועלכע האָ־בען געדאַרפט שנעל ארונטערנעהמען די "קאַסעטשע" פון די 500 העקטאַר וואס זיי האבען אין ארענדע געהאלטען, אום פון אונזערט'־וועגען דאס לאנד איבערצוגעבען. דארט האבען זיי געאַרבייט אלס "פעאָנען", ווערענד א 75 שלימזל'ניקעס, האבען נאך אלע זיך גע־פלאָנט ביים וועג מאַכען, ביים לעהם און די ציגעל, אונטער דער קאַ־מאַנדע פון די נוגשים. מיר, כמעט אלע פאַמיליאַנטען און די איבע־ריגע "כאַלאַסטאַיעס", וואס האבען קיין ארבייט ניט געהאט, זיי־נען מיר געלעגען פארשטעקט אין די ביידלאך אין הייזקעס אום פון דער ברענענדער זון זיך צו שיצען. מיט א מאהל, איז דער לאַגער אויפגערודערט געוואָרען. אלע זיינען פון די ביידלאך ארויס און מיט ערשטוינונג צוגעקוקט ווי פון צפון און דרום, האט זיך א שטויב ביז צום הימעל דערהויבען. די איבערגעשראָקענע גודדים, האָ־בען אנפאַנגס געדענקט, אז דאס קומט אן א נייער שטורם, נאר גיך האט מען גאר דערזעהן עפעס א פופציג רייטער, אלע אפגעפליקטע שווארצע באַסיאַקעס אויף האלב־ווילדע פערד, וואס האבען זיך

ביסלעכווייז האט מען זיך צוגעוועהנט אויך צו דער גערטנער נייאינקייט און ווידער אמאהל האט זיך דערוועקט די אלטע פראגע: "עד מתי?" ביז ווי לאנג נאך וועט מען זיצען אין די ביידלאך? ווארום פארטהיילט מען נים דאס לאנד?

דער עולם איז פול געווארען מיט גרימצארן אויף די בונטאוסצי־קעס: מען האט געדרונגען דאס נאר זיי זיינען אין אלעמען שולדיג. "ווען דער דייטש שמיעדט, וואלט געוועסט פארבלייבען אויף גער־ביל'ס פלאטץ, ווי דער דר. לעווענטהאל האט עס געוואונשען, דאן וואלטען זיי שוין אלע לאנג אויפ'ן לאנד געזעסען און די ארומשליא־ענדע "כאלאסטאיעס", וואלטען זייערע פאמיליעס דא געהאט, דער לאנגער גערביל, הארדוועט אונז מיט נאך לענגערע "פיערצעהן טאג־גע". איז ביז ואנען וועט מען ווארטען?" ·

— קאביץ, גערצקי, זיינען דערין שולדיג! — האט געקלונגען אינ'ם לאגער.

— א "ניעזשעלאעסטשע" דארף מען אויף זיי מאכען! — הא־בען קליינשטעדלדיגע סבארשציקעס געפילדערט. — לאמיר צו־נויפנעמען חתימות!

די רעוואלוציאנערן האט עס גאר נים געשמעקט. האבען זיי זיך גענומען צו גערבל'ן... זיינען איהם א פאאר־מאהל באפאלען, איהם געזידעלט "פא רוסקאמו" און רוסישע קולאקעס געוויזען.

— דר. לעווענטהאל האט רעכט געהאט! — האט בלומענפעלד און סטאליאר צו איהם גע'טענה'ט. — ביזט אונפעהיג צו אזא אמט!

— מיר האבען אומזיסט און אומנישט, עגמת נפש פאר־שאפט דעם שווינדזיכטיגען מאן, דעם ארענטליכען פילאזאפישען דר. לעווענטהאל. מ'דארף גערבל'ן פון דאנען פארטרייבען, איהם פטר'ן פון קאלאניע! — האבען די פאאר איידעלע און זויבערע פא־מיליאנטען זייער מיינונג אויסגעשפראכען... און ס'איז כמעט אין הסכם געבליבען אז מען זאל פון איהם ערלייזט ווערען.

די טרפה'נע חברה, וואס זיינען מיט גערבל'ן געווען "בלאט", האבען זיך פאר איהם איינגעשטעלט און פארטהיידיגט. צווישען ביי־דע פארטייען איז געווארען א געפעהרליכע שנאה און די ערשטע האבען ווי ס'ווייזט אויס, איינגערעדט גערביל'ן, אז די אימיגראנטען ווילען איהם דער'הרג'ענען. דערפון איז ענטשטאנען די רעוואלוציע.

15.

די גערביל רעוואלוציע.

ביז היינט איז נאך ניט פעסטגעשטעלט די סבה. האט גערביטאסקע אין אמת'ן מורא געהאט פאר אנ'אויפשטאנד פון די איטיגראנטען, און אום זיין לעבען צו זיכערן האט ער "אנגעבראכט" אלע "גאאוטשאס" מיט דער פאליציי? אדער, דאס איז בלויז געוועזן א פאליטישער איינפאל, אן אויפטהו מיט א כיוון, כדי פטור צו ווערען פון די בונטאוואסציקעס? ווי די זאך זאל ניט זיין און צו וועלכען צוועק ער זאל געוועסט "די רעוואלוציע" ניט האבען קאמבינירט, שרעק האט ער אונז איבערגענוג פאראורזאכט.

דאס איז געקומען פלוצלונג: סיינער האט זיך דארויף ניט געריכט. א טאג איז עס געוועזן א ליכטיגער, א הייסער. אלעס האט געשיינט און געגלאנצט. א פופציג "כאלאסטאיעס" האבען געארבייט אויפ'ן פעלד ביי די איטאליענער, אגוסטינא אי ברונא, וועלכע האבען געדארפט שנעל ארונטערנעהמען די "קאסעטשע" פון די 500 העקטאר וואס זיי האבען אין ארענדע געהאלטען, אום פון אונזערט'וועגען דאס לאנד איבערצוגעבען. דארט האבען זיי געארבייט אלס "פעאנען", וועהרענד א 75 שלימזל'ניקעס, האבען נאך אלץ זיך געפלאגט ביים וועג מאכען, ביים לעהם און די ציגעל, אונטער דער קאמאנדע פון די נוגשים. מיר, כמעט אלע פאמיליאנטען און די איבעריגע "כאלאסטאיעס", וואס האבען קיין ארבייט ניט געהאט, זיינען מיר געלעגען פארשטעקט אין די ביידלאך און הייזקעס אום פון דער ברענענדער זון זיך צו שיצען. מיט א מאהל, איז דער לאגער אויפגערודערט געווארען. אלע זיינען פון די ביידלאך ארויס און מיט ערשטוינונג צוגעקוקט ווי פון צפון און דרום, האט זיך א שטויב ביז צום הימעל דערהויבען. די איבערגעשראקענע נודדים, האבען אנפאנגס געדענקט, אז דאס קומט אן א נייער שטורם, נאר גיך האט מען גאר דערזעהן עפעס א פופציג רייטער, אלע אפגעפליקטע שווארצע באסיאקעס אויף האלב-ווילדע פערד, וואס האבען זיך

ביסלעכוויז האט מען זיך צוגעוועהנט אויך צו דער גערמאנער נייאיגקייט און ווידער אמאהל האט זיך דערוועקט די אלטע פראגע: "עד מתי?" ביז ווי לאנג נאך וועט מען זיצען אין די ביידלאך? ווארום פארטהיילט מען נים דאס לאנד?

דער עולם איז פול געווארען מיט גרימצארן אויף די בונטאווסצי־קעס: מען האט געדרונגען דאס נאר זיי זיינען אין אלעמען שולדיג. "ווען דער דייטש שמיעדט, וואלט געוועסט פארבלייבען אויף גער־ביל'ס פלאטץ, ווי דער דר. לעווענטהאל האט עס געוואונשען, דאן וואלטען זיי שוין אלע לאנג אויפ'ן לאנד געזעסען און די ארומשליא־ענדע "כאלאסטאיעס", וואלטען זייערע פאמיליעס דא געהאט, דער לאנגער גערביל, האדרוועט אונז מיט נאך לענגערע "פיערצעהן טא־גע". איז ביז וואנען וועט מען ווארטען?" ·

— סאביץ, גערצקי, זיינען דערין שולדיג! — האט געקלונגען אינ'ם לאגער.

— א "ניעזשעלאעסטשע" דארף מען אויף זיי מאכען! — הא־בען קליינשטעדלדיגע סבארשציקעס געפילדערט. — לאמיר צו־נויפנעמען חתימות!

די רעוואלוציאנערן האט עס גאר נים געשמעקט. האבען זיי זיך גענומען צו גערבל'ן... זיינען איהם א פאאר־מאהל באפאלען, איהם געזידעלט "פא רוסקאמו" און רוסישע קולאקעס געוויזען.

— דר. לעווענטהאל האט רעכט געהאט! — האט בלומענפעלד און סטאליאר צו איהם גע'טענה'ט. — ביזט אונפעהיג צו אזא אמט!

— מיר האבען אומזיסט און אומנישט, עגמת נפש פאר־שאפט דעם שווינדזיכטיגען מאן, דעם ארענטליכען פילאזאפישען דר. לעוועטהאל. מ'דארף גערבל'ן פון דאנען פארטרייבען, איהם אטר'ן פון קאלאניע! — האבען די פאאר איידעלע און זויבערע פא־מיליאנטען זייער מיינונג ארויסגעשפראכען... און ס'איז כמעט אין הסכם געבליבען אז מען זאל פון איהם ערלייזט ווערען.

די טרפה'נע חברה, וואס זיינען מיט גערבל'ן געווען "בלאט", הא־בען זיך פאר איהם איינגעשטעלט און פארטהיידיגט. צווישען ביי־דע פארטייען איז געווארען א געפעהרליכע שנאה און די ערשטע האבען ווי ס'ווייזט אויס, איינגערעדט גערביל'ן, אז די אימיגראנטען ווילען איהם דער'הרג'ענען. דערפון איז ענטשטאנען די רעוואלוציע.

15.

די נערביל רעוואָלוציע.

ביז היינט איז נאך ניט פעסטגעשטעלט די סבה. האט נערביל טאקע אין אמת'ן מורא געהאט פאר אנ'אויפשטאנד פון די איטי-גראנטען, און אום זיין לעבען צו זיכערן האט ער "אנגעבראכט" אלע "גאאוטשאס" מיט דער פאליציי? אדער. דאס איז בלויז געווען א פאלימישער איינפאל. אן אויפטהו מיט א ביון. כדי פטור צו ווערען פון די בונטאוואסציקעס? ווי די זאך זאל ניט זיין און צו וועלכען צוועק ער זאל געוועסט "די רעוואלוציע" ניט האבען קאמבינירט, שרעק האט ער אונז איבערגעגוג פאראורזאכט.

דאס איז געקומען פלוצלונג: קיינער האט זיך דארויף ניט גע־ריכט. א טאג איז עס געווען א ליכטיגער, א הייסער. אלעס האט גע־שיינט און געגלאנצט. א פופציג "כאלאסטאיעס" האבען געארבייט אויפ'ן פעלד ביי די איטאליענער. אגוסטינא אי ברונא, וועלכע הא־בען געדארפט שנעל ארונטערנעהמען די "קאסעטשע" פון די 500 העקטאר וואס זיי האבען אין ארענדע געהאלטען, אום פון אונזערט'־וועגען דאס לאנד איבערצוגעבען. דארט האבען זיי געארבייט אלס "פעאנען", וועהרענד א 75 שלימזל'ניקעס, האבען נאך אלץ זיך גע־פלאנט ביים וועג מאכען, ביים לעהם און די ציגעל, אונטער דער קאָ־מאנדע פון די נוגשים. מיר, כמעט אלע פאמיליאנטען און די איבע־ריגע "כאלאסטאיעס", וואס האבען קיין ארבייט ניט געהאט, זיי־נען מיר געלעגען פארשטעקט אין די ביידלאך אין הייזקעס אום פון דער ברענענדער זון זיך צו שיצען. מיט א מאהל, איז דער לאגער אויפגערודערט געווארען. אלע זיינען פון די ביידלאך ארויס און מיט ערשטוינונג צוגעקוקט ווי פון צפון און דרום, האט זיך א שטויב ביז צום הימעל העררהויבען. די איבערגעשראקענע נודדים, הא־בען אנפאנגס געדענקט, אז דאס קומט אן א נייער שטורם, נאר גיך האט מען נאר דערזעהן עפעס א פופציג רייטער, אלע אפגעפליקטע שווארצע באסיאקעס אויף האלב-ווילדע פערד, וואס האבען זיך

ביסלעכוויין האט מען זיך צוגעוועהנט אויך צו דער גערטנער נייאינקייט און ווידער אמאהל האט זיך דערוועקט די אלטע פראגע: "עד מתי?" ביז ווי לאנג נאך וועט מען זיצען אין די ביידלאך? ווארום פארטהיילט מען ניט דאס לאנד?

דער עולם איז פול געווארען מיט גרימצארן אויף די בונטאווסצי־קעס: מען האט געדרונגען דאס נאר זיי זיינען אין אלעמען שולדיג. "ווען דער דייטש שמיערט, וואלט געוועסט פארבלייבען אויף גער־ביל'ס פלאטץ, ווי דער דר. לעווענטהאל האט עס געוואונשען. דאן וואלטען זיי שוין אלע לאנג אויפ'ן לאנד געזעסען און די ארומשליא־ענדע "כאלאסטאיעס", וואלטען זייערע פאמיליעס דא געהאט, דער לאנגער גערביל, האדעוועט אונז מיט נאך לענגערע "פיערצעהן טאַ־גע". איז ביז וואנען וועט מען ווארטען?"

— קאביץ, גערצקי, זיינען דעריין שולדיג! — האט געקלונגען אינ'ם לאגער.

— א "ניעזשעלאעסטשע" דארף מען אויף זיי מאכען! — האָ־בען קליינשטעטלדיגע סבארשציקעס געפילדערט. — לאמיר צו־נויפנעמען חתימות!

די רעוואלוציאנערן האט עס גאר ניט געשמעקט. האבען זיי זיך גענומען צו גערבל'ן... זיינען איהם א פאאר־מאהל באפאלען, איהם געזידעלט "פא רוסקאמו" און רוסישע קולאקעס געוויזען.

— דר. לעווענטהאל האט רעכט געהאט! — האט בלומענפעלד און סטאליאר צו איהם גע'טענה'ט. — ביזט אונפעהיג צו אזא אמט!

— מיר האבען אומזיסט און אומגישט, עגמת נפש פאר־שאפט דעם שווינדזיכטיגען מאן, העם ארענטליכען פילאזאפישען דר. לעווענטהאל. מ'דארף גערבל'ן פון דאנען פארטרייבען. איהם אטר'ן פון קאלאניע! — האבען די פאאר איידעלע און זוויבערע פאַ־מיליאנטען זייער מיינונג אויסגעשפראכען... און ס'איז כמעט אין הסכם געבליבען אז מען זאל פון איהם ערלייזט ווערען.

די טרפה'נע חברה, וואס זיינען מיט גערבל'ן געווען "בלאט", האָ־בען זיך פאר איהם איינגעשטעלט און פארטהיידיגט. צווישען ביי־דע פארטייען איז געווארען א געפעהרליכע שנאה און די ערשטע האבען גוי ס'ווייזט אויס, איינגערעדט גערביל'ן, אז די אימיגראנטען ווילען איהם דער'הרג'ענען. דערפון איז ענטשטאנען די רעוואלוציע.

15.

די גערביל רעוואלוציע.

ביז היינט איז נאך ניט פעסטגעשטעלט די סבה. האט גערביל טאקע אין אמת'ן מורא געהאט פאר אנ'אויפשטאנד פון די איטיגראנטען, און אום זיין לעבען צו זיכערן האט ער „אנגעבראכט" אלע „גאאוטשאס" מיט דער פאליציי? אדער, דאס איז בלויז געווען א פאליטישער איינפאל, אז אויפטהו מיט א כיוון, כדי פטור צו ווערען פון די בונטאוואסציקעס? ווי די זאך זאל ניט זיין און צו וועלכען צוועק ער זאל געוועסט „די רעוואלוציע" ניט האבען קאמבינירט, שרעק האט ער אונז איבערגענוג פאראורזאכט.

דאס איז געקומען פלוצלונג: סיינער האט זיך דארויף ניט גערעכט. א טאג איז עס געווען א ליכטיגער, א הייסער, אלעם האט גענשיינט און געגלאנצט. א פופציג „כאלאסטאיעס" האבען געארבייט אויפ'ן פעלד ביי די איטאליענער, אגוסטינא אי ברונא, וועלכע האבען געדארפט שנעל ארונטערנעהמען די „קאסעטשע" פון די 500 העקטאר וואס זיי האבען אין ארענדע געהאלטען, אום פון אונזערט'וועגען דאס לאנד איבערצוגעבען. דארט האבען זיי געארבייט אלס „פעאנען", וועהרענד א 75 שלימזל'ניקעס, האבען נאך אלץ זיך געפלאגט ביים וועג מאכען, ביים לעהם און די ציגעל, אונטער דער קאמאנדע פון די נוגשים. מיר, כמעט אלע פאמיליאנטען און די איבעריגע „כאלאסטאיעס", וואס האבען קיין ארבייט ניט געהאט, זיינען מיר געלעגען פארשטעקט אין די ביידלאך און הייזקעס אום פון דער ברענענדער זון זיך צו שיצען. מיט א מאהל, איז דער לאגער אויפגערודערט געווארען. אלע זיינען פון די ביידלאך ארויס און מיט ערשטוינונג צוגעקוקט ווי פון צפון און דרום, האט זיך א שטויב ביז צום הימעל דערהויבען. די איבערגעשראקענע נודדים, האבען אנפאנגס געדענקט, אז דאס קומט אן א נייער שטורם, נאר גיך האט מען גאר דערזעהן עפעס א פופציג רייטער, אלע אפגעפליקטע שווארצע באסיאקעס אויף האלב-ווילדע פערד, וואס האבען זיך

ווי א װיכער געטראָגען און זײַנען מיט בלאַנקע מעסערס אין מויל אין "רעװענקעס" אין די הענד, אײניגע מיט פאַרראָסטעטע ביקסלאַך און פאַרזשאַווערטע שווערדען און פיקעס, — באַפאַלען אונזערע געצעלטען... מיט ווילדע קולות, קווימשערייען און פײַפע־רײַען, אויפ'ן אינדיאַנער שטייגער, האָבען זיי זיך געוואָרפען אויף די ביידלאַך. אַלטע ווייבער האָבען ווידוי געזאָגט; די אינגערע, מע־נער ווי פרויען, האָבען זיך צוגעגרייט די קינדער צו באַשיצען... א קאַמיסאַר מיט א צוועלף "הײַזשילאַנטען" האָבען זיך בעוויזען צווישען די ווילדע "גאַאוטשאָס" און אנגעהויבען דורכפיהרען אן אונטערזוכונג אין אַלע פּאַלאַטקעס און גאַלפּאַנטשיקעס. אין יעדער ביידעל האָבען זיי א בושעווע געטהאָן. אַלעס איבערגעטרייסעלט, גענישטשערט, געטאַפּט און געפּאַרשט...

דאָס האָבען זיי כלומר'שט געוועהר געזוכט. ווער ס'האָט געהאַט א רעוואָלווער, א האַק, א מעסער, זאַגאר א זאַסטופּ, האָט מען עס רעקווירירט און נאָך יעדער רעוויזיע און "ענטוואָפנונג" פון א ביי־דעל, האָט מען ביים טהיר אוועק געשטעלט א פאַרקופּערטען שומר מיט א מעסער אין מויל. אײניגע מענער האָבען פּרובירט זיך אַנט־קעגען שטעלען. האָט מען זיי צעקלאַפּט און אַרעסטירט.

די פרויען און קינדער, דערזעהענדיג דאָס די "שוואַרצע" האָבען אוועק געפיהרט די מענער, האָבען א פירכטערליכע יללה אויפגעהויבען. א גרוזינער בחור'ל האָט זיך אַרויסגע'גנב'ט פון לאַגער. ער'האָט דערטאַפּט א פערד און איז אוועק אויפ'ן פעלד, אום די "כאַלאַס־טאַיעס" צו מעלדען מכח דעם איבערפאַל... ס'האָט פיעל ניט געדויערט; מיר האָבען דערהערט א רוסישע "פעסניע" און הורראַ'ס. א פופציג פון אונזערע בחורים, מיט די שטאַהלענע ווילעס, — מיט וועלכע זיי האָבען די סנאָפּעס אין סטערטע געלעגט, — אין די הענד, — זײַנען אנגעקומען אין שרעגעס, ווי די סאָלדאַטען, זיי האָבען מאַרשירט מיט קוראַזש, אויפ'ן רוסישען שטייגער. פאַרענט האָבען אײניגע אויף פערד געריטען, באַגלייט פון עטליכע איטאַ־ליענער, וואָס האָבען צוזאַמען מיט זיי געאַרבייט אַלס טאַגלייהנער און וועלכע האָבען זיך פרייוויליג אנגעשלאָסען אן אונזערע טאַפּפע־רע יונגע־לייט.

— האָט קיין מורא ניט, ברידער! מיר געהען אייך צו הילף!

מיר'ן זיך נוקם זיין אן זיי. מיר'ן די שפאניער ווי די מייז אויס־הרג'נען! — האבען זיך קולות געטראגען.

ביידע מחנות, אונזערע און פון די "גאאוטשאס" האבען זיך באגעגענט. מיר פון די ביידלאך, האבען זיך תיכף געשטעלט הינ־טער די, מיט ווילעס באוואפענטע ארבייטער. מיר זיינען צעהנפאך מעהר געווען פאר די באסיאקעס.

דער קאמיסאר האט אויסגעטהיילט באפעהלען. די וויזשילאנטען האבען אויסגעשאסען אין לופט. אונזעריגע האבען זיך שוין מיט די אויפגעהויבענע שטאהלענע גאפלען געווארפען אויף זיי. אבער אינ־דעם איז אנגעלאפען גערביל. — הפנים ס'איז אזוי אפגערעדט גע־ווען! — שר האט זיך צעווישען ביידע מחנות אריינגעווארפען און מעכטיג געשריען:

— יודען! אידען! זייט רוהיג! לאזט ארונטער די "הארקיזשאס" זאל קיין בלוט פערגאסען ווערען! דאס זינד ווילדע מענשען, זיי ווערדען אייך אויסשלאכטען!

קיינער האט זיך אבער צו זיינע רייד ניט צוגעהערט.

— האט מיטלייד אויף אייערע פרויען און קינדער! בלוט וועט זיך גיסען! — האט גערביל נאך העכער געשריען און דאס לעצטע האט געווירקט. אונזערע האבען די ווילעס ארונטערגעלאזט. האבען זיך אונטערגעגעבען... דער קאמיסאר האט 22 פון זיי, אויף וועלכע גערביל האט וואהרשיינליך אנגעצייגט, גלייך ארעסטירט און מיט זיי באנייעט די תפיסה, וואס מיר האבען אויפגעבויעט, אלס ערשטע אינסטיטוציע אויפ'ן באראנ'ס בארען...

ווי אפגעשמיסענע קינדער, מיט טרעהרען אויף די באקען, איז יע־דערער פארקראכען אין זיין נארע און אנגעהויבען טראכטען איבער די מיטלען ווי צו אנטלויפען. די חרטה, האט ווי תמיד נאך יעדער קאטאסטראפע, גענומען נאגען ביים הארצען.

* * *

ווי נאר די זא גענאנטע רעוואלוציאנערן זיינען אונטערן ריגעל פארשפארט געווארען, האט איינער פון די האלב־ווילדע געבראכט צוטאסקען מיט זיין לאסע, א רויטע יונגע קיה. אלע "גאאוטשאס" מיט'ן קאמיסאר בראש, זיינען פון די פערד אראפ, מ'האט דער בהמה פאסטאמפעוועט און דער עלצטער פון דער פאליציי, האט זיין

מעסער פון ווייטענס קינסטלעריש געווארפען. ארייננהאקענדיג איהם גלייך אין דער קיה'ס האלדז... א פאנטאן בלוט האט א שפריץ געטהון און די באנדע האט מיט א טייפלעשען געלעכטער אויסגעשאסען... נאכדעם האט יעדער איינער פון זיי, די זעלבע קונץ געוויזען, זיין מעסער געשליידערט און איהם אין דער קיה אריינגעשטאכען. די ארימע בהמה, האט יעדעס מאהל יווילד אונטערגעשפרונגען, שרעקליך און רחמנות'דיג געריעוועט און די נפשות האבען פשוט אנגעקוואלען פון אזא מין תענוג... ביז די קיה איז ענדליך געפאלען טוידט. דאן האט יעדער זיין מעסער ארויסגעצויגען, מ'האט דער קיה אין גרויסע העלפטען צושניטען און עס מיט'ן פעל צוזאמען בראטען געלענט.

אלע האבען זיך אויסגעזעצט ארום דעם גרויסען פייער. וואו מ'האט געפראוועט אן "אסאדא קאן קוערא", געשניטען שטיקער פון האלב רויען "בראטען מיט פעל" און פארטרונקען מיט א זויפ ווייץ פון א פעלענעם לאגעל. אלע האבען זיך אונגעהייער געפרעהט. וואס זיי האבען, מישטיינס געזאגט, די רעוואלוציע איינגעשטילט.

— " —

אכט טאג האט מען אונזערע צוויי אונ'צוואנציג אין תפיסה געהאלטען, מ'האט כלומר'שט פראטאקאלען געמאכט... די אנפיהרער: בלומענפעלד, קאביץ, נערצקי, — זיי האבען נעבאך קיין האניג ניט געלעקט... וואס האבען מיר געקענט טהון? מיר האבען פאר גערבל'ן געוויינט, געזוכט רחמנות צו דערוועקען: — ס'האט אבער ניט געהאלפען. זיך ווענדען צו א העכערען נאטשאלניק? זיינען מיר געווען גרינע און ניט געהאוסט צו וועמען און ניט וואוהין. דער איידעלער דר. לעווענטהאל האט דימיטירט זיין אמט. סער טשארל ערווארד קוליען מיט א געוויסען אדאלף ראטה, א דייטשער איד וואס האט זיך געפונען אין בוענאס-איירעס, — האבען איבערגענומען די דירעקציע פון דער קאלאניזאציע.

דיזער ראטה, איז שוין געווען דער אמת'ר פויגעל! א סברה אז אויף זיין פאראדנונג האט גערביל די "רעוואלוציע" ארגאניזירט, כדי דעם עולם איינצושרעקען: ל מ ע ן י ש מ ע ו ו י ר א ו...אין דער קורצער צייט פון זיין "רעגירונגס" פעריאד, האט ער אונז אומבע'רחנות'דיג געפלאגט און געקוועלט: אבער זיין אייגענער סוף

איז אויך א טראַנישער געווען.

זאָל איהם האָבען די השגחה פּיליכט בעשטראָפט פאַר זיין רשעות? פאַר די צרות וואָס ער האָט אונז פאַראורזאַכט און פאַר די מיליאָנען וואָס ער האָט גע'לקח'נט ביים איינהאַנדלען אלע לענדערייען פון סאַנטאַ־פע און פון דער ענטרע־ריאָס'ער פּראָווינץ? אפשר, ווער קען עס וויסען?! "גאָטס מיהלען מאָלען לאַנגזאַם, אבער זיי מאָלען דאָך!" פון דאַמאָלסט אַן האָבען מיר פון איהם ניט געהערט: נאָר פּלוצים, מיט א צוועלף יאָהר צוריק, אין 1909 האָט זיך ווידער גערעש'ט מיט דיזען ראָטה, און אלערליי קלאַנגען האָבען זיך איבער איהם פאַרשפּרייט און צעטראָגען.

"יום כפור פון יענעם יאָהר, איז פּלוצלונג ראָטה אויסגעוואַקסען אין טעמפּעל פון קאַזשע ליבערטאַד 785, אונגעאַכטעט דאַרויף, וואָס ער האָט יאָהרען לאַנג קיין שוהל ניט באַזוכט... א גאַנצען טאָג, ביז נאָך נעילה, איז ער אויף די פיס געשטאַנען, געוויינט און פלייסיג טריי געדאַווענט".

"אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט מען ערפאַהרען, דאָס מוצאי יום־כפור, האָט ער זעלבסטמאָרד בעגאַנגען, אריינישיענדיג זיך א קויל אין קאָפּ... דער פּרעזידענט פון טעמפּעל, לואיס ה. בריה און דער ראַבינער העגרי יאַזעף, וויסענדיג דאָס ראָטה'ס פרוי און זיינע קינדער האָבען זיך געטויפט, זיינען זיי נעגאַנגען נאָך זיין וואוינונג אום זיין קערפּער ארויסצובאַקומען און איהם צו קבר ישראל צו ברייגגען... אבער זיי האָבען שוין געטראָפען זיין גוף ארומגעשטעלט מיט צלמים און א גלח ביים צוקאָפּענס... די אידישע פאַרשטעהער האָבען אַנגעהויבען פּראָטעסטירען: אבער זיין טייער ווייבעל האָט ערקלעהרט און דער גלח באַשטעטיגט, דאָס פאַר'ן טוידט האָט ער זיך אָפּגעשמדט..."

"אידען האָבען געוואָלט א פּראָצעס פאַרפיהרען. האָבען זיך צו א ריכטער געווענדעט מיט דער טענה, דאָס ווען ער וואָלט בדעה געהאַט זיך צו שמד'ן, וואָלט ער זיכער ניט פערוויילט א גאַנצען מעת לעת אין טעמפּעל און חוץ דעם, איז דער זעלבסטמאָרד באַגאַנגען געוואָרען מיט קוים א האַלבע שעה נאָך זיין אוועק־געהן פון דער "קאָנגרעגאַציאָן איזראַעליטאַ" און ער האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך צו טויפען... אבער ס'האָבען זיך אַנגעהויבען אויפדעקען זעהר

שמוציגע פאמיליען־מעשים... די גאנצע משפחה ווערט אויסגעהאל־טען פון עפעס א גייסטליכען... אז פון זיין ריעזען פארמעגען, וואס ער האט ביים באראנ׳ס קאלאניזאציע געמאכט, איז קיין זכר ניט פארבליבען: אלעס איז מיאוס און העסליך פארשווענדעט געווארען. אלעס איז לאיבוד געגאנגען און אז זיין... קורץ, די אידען האבען זיך פון איהם אפגעשאקעלט. ער איז בעערדיגט געווארען אויפ׳ן קריסטליכען צווינטער און זיינע יורשים די משומדים, זיינען יעצט געטרייע קאטאליקען... ארימער ראטה נעבאך!״

נאר מיר׳ן נאך שפעטער הערמאנען דעם צווייטען דירעקטאר, — נאך דעם גרויסען גייסטרייכען דר. לעווענטהאל, — דעם ענגהערצי־גען אדאלף ראטה.

אויפ׳ן נייענטען טאג נאכ׳ן ״אויפשטאנד״, זיינען געקומען הויכע צווייערעדערדיגע וועגען: מ׳האט די 22 ארעסטאנטען ארויסגעפיהרט און יעדען צוגעבונדען צו די ברעטער פון דער ״קארעטא״. אייז באוואפענטער ״וויזשילאנט״ איז אויפ׳ן וואגען גופא געשטעלט געווארען און צוויי רייטענדיג, פון ביידע זייטען. עפעס א קלייניג־קייט? אזעלכע שרעקליכע פארברעכער! און אזוי האט מען זיי אונ־טער א מבול טרעהרען, אוועק־געפיהרט קיין קאסארעס און פון דארט מיט׳ן באהן, קיין נועווע־דע־כוליא, וואו דער ריכטער האט זיי געדארפט משפט׳ן פאר דער ״רעוואלוציע״ וואס זיי האבען ש ו י ן געמאכט...

דער גוטהערציגער דר. יאפפע איז נאכגעפאהרען, אום פאר זיי זיך משתדל צו זיין...

בעת מען האט זיי ארויסגעפיהרט פון דער קאלאניע, האבען זיך 48 ״כאלאסטאיעס״ אויפגעהויבען, און אלס פראטעסט געגען דעם אכזריות, זיינען זיי צופוס אוועק קיין קאסארעס מיט׳ן אבזיכט, פון דארט זיך צוצושלאגען ביז בוענאס־איירעס און זיך ווענדען נאך גערעכטיגקייט צום רוסישען קאנסול... גערביל איז זיי נאכגעפאה־רען און מיט דער הילף פון דער ״אפגעבעטער״ פאליציי, האט ער זיי אלע ארעסטירט, א מעת־לעת געהאלטען אין די קאסארעסער ״קאלאבאסען״, — ענגע, פינסטערע און נאקעטע געפענגענים חדרים׳־לאך, און נאכדעם האט מען זיי צוריק ״געטריעבען״ אין דער קאלאניע אריין...

צוויי וואכען זיינען די 22 ארעסטאנטען אפגעזעסען אין נעווע־דע־כוליא און נאך פיעל שתדלנות, האט מען זיי צוליעב רחמנות קוים בעפרייעט.

ס'איז אפילו א בושה, נאר דעם אמת מוז איך שרייבען: פיעלע פון די אימיגראנטען האבען דאמאלסט אונטערגעפאנגעט: "א מצוה אויף זיי! מ'דארף זיך ניט בונטעווען! נאטשאלסטווא דארף מען געהארכזאם זיין! אן אדמיניסטראטער איז ווי א ספראוויניק. מען ברויכט פאר איהם דעם קאפ בויגען!" אלע דארפס אידען, געוועזענע קרעטשמארעס, אפילו עהרליכע מענשען און ניט קיין עמי־הארצים, — נור פארגעהנטע צו שפאס און חוזק, צו חנפ'ענען דעם פריץ, אפלעקען דאס שפייעכץ וואס דער פאליאק האט זיי אין פנים אריינגעכראקעט און נאך זאגען, אז דאס איז א סגולה צו פרנסה... אט דיזע אידלאקעס, האבען מקבל באהבה געווען דעם אדמיניסטראציאנעס יאך און נאך ביז היינטיגען טאג, הגם זיי זיינען שוין כמעט פריי און זעלבסשטענדיג, בויגען זיי נאך אלץ דעם רוקען פאר יעדען לומפ פון דער אדמיניסטראציע...

אלע באפרייעטע ארעסטאנטען זיינען געקומען צוריק אין קאלאניע, חוץ בלומענפעלד. איהם האט מען "וויסילקע" געגעבען, ס'איז איהם פארבאטען געווארען דעם באראן'ס ערד צו באטרעטען... ער איז צוריק נאך רוסלאנד אפגעפאהרען. קאביע, גערצקי און די איבעריגע, האבען זיך ביים "כועז" אין נעווע־דע־כוליא אונטערגעשריעבען, דאס זיי וועלען שוין זיין גוט און פרום... א צייט לאנג, זיינען זיי צעווישען אונז מיט פארביסענע ליפען ארומגעגאנגען.

ערשט שפעטער מיט א יאהר האבען מיר זיך דערוואוסט, דאס דער "כועז" מיט'ן "קאמיסאר", האבען 500 קיה, פונ'ם סקאט וואס מען האט צוזאמען מיט'ן לאנד געקויפט, באקומען אלס מתנה פונ'ם דירעקטאר ראטה, דערפאר וואס זיי האבען אזוי בריה'ש געהאלפען דורכפיהרען דעם "אויפשטאנד"...

א מאסע פון די "כאלאסטאיעס", מענשען מיט פרייע נאטורען, האבען קלעק געשפיעגען אויף דער קאלאניאציע. האבען זיך באזעצט אין די סטאנציעס ארום דעם באראנ'ס נחלאות. אנדערע זיינען אוועק קיין בוענאס־איירעס און אט דיזע "אפגעפאלענע", האבען עס געבויעט די אידישע קהלות, וואס געפינען זיך איצט אין

אלע שטעדט און שטעדלאך פון דער רעפובליק.

אין קאלאניע זיינען פארבליבען, פון איין זייט: די מה יפית אידלאך, קנעכטישע־נשמות, אייניגע קרעמער, מעקלער, חזנים, מלמדים, מקבלים, סתם בטלנים און אויך די גנבים און זונות האבען זיך פארלויפיג ניט גערוהרט; און פון דער צווייטער זייט: א הייפע־לע בעלי־בתים בעלארענע מיט קליינע קינדער, וואס האבען זיך ווירקליך ניט געקענט ריהרען פון ארט... דאן א גרופע אידעאליסטען וואס האבען זיך פשוט מקריב געווען פאר׳ן הויכען רעיון: "אידען אין אקערבויער צו פארוואנדלען".

אט דיזע אפטימיסטען האבען געווארט און געהאפט, געגלויבט אז דער באראן וועט זיין אידעאל אדורכזעצען: אלעס וועט גענע־דערט ווערען און מ׳וועט נאך גליקליך זיין.

פון דיזע פאסירונגען האט געגאסען קאסארעס.

די שטאדט קאסארעס, וואס צעהלט יעצט כמעט ביז צוויי טוי־זענד אידישע איינוואוינער; קאסארעס וואס שלינגט איצט איין די קאלאניע; מיט איהר ערד, איהרע בהמות, איהר גאנצען דרייסיג־יעהריגען פארשריט; דאס דאזיגע קאסארעס. האט פון נאך דער רע־וואלוציע אן, געוואקסען פון טאג צו טאג.

די צירולניעס מיט די קאבאקלאך וואס די נברחים האבען נאך פריהער געעפענט, האבען נאכ׳ן "אויפשטאנד", פריש אויפגעלעבט אינ׳ם זכות פונ׳ם באראן הירש און דאנקענדיג דעם באראנ׳ס גרוי־סען פארמעגען און זיינע נאמנים, די געטרייע פעדוואלטער...

16.

מען שפּיעלט חתונות

ביי פּיעלע משפּחות איז די צייט געקומען קינדער חתונה צו מאַ-
כען.

קבצנים, רייך אין צו האַלבערט:צען מיידען, איינע גרעסער פאַר
דער אַנדערער, און אַז נדן האָט דער באַראָן הירש צוגעזאָגט צו גע-
בען: ערד, בהמות, אַ שטוב, — האָט דאָך טאַקע באמת פאַר יונגע-
לייט מעהר ניט געפעהלט ווי די עקרת הבית.

די השגחה האָט אַבאַכט געגעבען. ס'האָט זיך געיאַוועט פייטעל-
שדכן, אַ איד פון סמאַטריטש, פּאָדאָליער גובערניע, אַ טיפּ ווי גע-
שאַפען פאַר זיין מיסיע: אַליין אַ דאַרער, מיט אַ היבשען קנאָפּ אין
האַלדז, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון הינטער זיין געלער ציגען-
בערדעל און איז האַסטיג אַרומגעלאַפען הין און צוריק, בעת ער האָט
גערעדט... צוויי ווייסע אַרבעל האָבען איהם אַרויסגעשטעקט פון
זיין שוואַרצען פראַק, וואָס דער קאָמיטעט פון בערלין האָט איהם גע-
שענקט: אַ פאַטשיילע אין דאַמקע-קעסטלאַך האָט ער שטענדיג אין
האַנד געטראָגען און זיך כסדר געווישט דעם שווייס פון דער שווע-
רער ביטערער אַרבייט: מזווג זווגים צו זיין!

— "אויסגענאַרט ביים בורא עולם דעם שליסעל. האָב א י ך
פייטעל!" — איז זיין ווערטעל געווען. און ער איז אַרומגעלאַפען
צווישען די פּלאַטקעס און ביידלאַך, אויסגעזוכט אַלטע און יונגע
בחורים, זיי צוזאַמענגעפּאַרט מיט גרושות און בתולות און בחנם,
נאָר פון מצוה וועגען, גאָטס וועלט געבויעט... שפּעטער איז ער אויף
זיין לויהן געקומען: דער י ו ש ב ס ת ר, וואָס זאָרגט פאַר זיין וועלט
און זעהט דאָס זיין ברכה פון פרו ורבו זאָל מקויים ווערען, האָט
איהם עהרליך באַצאָהלט. אין שיקאַגאָ, נאָרד אַמעריקאַ, פערמאָגט ער
היינט דריי אייגענע הייזער, איז פאַבריקאַנט פון "ליידעס וועסט-
לאַך" און הייסט: מיסטער פּ. כץ...

די ערשטע חתונה. דער חתן יוסעל שטיינשלעגער און די כלה

פייגע, א יתומה, ביידע פון פראסקוראוו, פאדאליע.

ס'איז געווען פאר פורים. די נאכט זעהר א שעהנע. די לבנה אזוי העל און קלאהר — אויף פערל צו צעהלען. כ'בין געבען מיין בייי־דעל געזעסען און זיך מיט מיין פרוי געזארגט, איבער דעם יום־טוב פסח וואס קומט אן. פל׳צים דערזעה איך ווי א בינטעל מענשען צי־הען זיך צווישען די פאלאטקעס, קומען אלץ נעהענטער און בלייבען שטעהן נ׳בען מיין טהיר. א נידעריג אידעל, מיינער א בעקאנטער, אברהם'ל ראזענפעלד, קומט צו און ווענדעט זיך מיט פאלגענדער בקשה:

— מיר געהן צו אייך; ביי אייך איז א גרויסע און גראמע פאַ־לאטקע און כ'וויל שטעלען א חופה. מיין שוואגער'ל יוסעל, מיט מיי־נער א געשוועסטער קינד, — פיינע, אט זיינען זיי, מיט אונזערע מחותנים די שיפס־ברידער...

קעגען דער לבנה שיין, האב איך חתן־כלה בעטראכט: א הויכער שווארצער בחור'ל, אנגעטאהן אין א צילינדער פון עפעס א אלטען דייטש, א פאסקעוואטע רעקעל און א פאאר הילצערנע שיך, וואס די אדמיניסטראציע האט ארויסגעגעבען... ער שטעהט און שמייכעלט און נעבען איהם די כלה, — א יונג, שעהן, ווייס מיידעל. ניט רייכער געקליידעט פאר'ן חתן, איז צושראקען, צערויטעלט און פארשעמט אין קוקט צו דער לבנה ארויף, מעגליך דאס זי זוכט דארט איהרע עלטערן, וויל זעהן צי זיי קוקען אראפ פונ'ם הימעל אום זייער קינד צו דער חופה צו בענשען. און איהרע אויגען ווערען אנגעפילט מיט טרעהרען...

פון צווישען עולם איז ארויסגעוואקסען פייטעל שדכן, מיט א בלעכענעם בעקען אין האנד, אויף וועלכען ער האט אויפגעשפיעלט דעם חופה מארש. ווייבער האבען אויף א קעסטעל אין דער פאלאט־קע באזעצט די כלה. בוזי שארגאראדצקי און דער מחותן ראזענ־פעלד, האבען בדחנ'יש געפראוועט, דער כלה באזונגען און מיט גראַ־מען געשאטען... די פרויען און די כלה, האבען קיין טרעהרען ניט געשפארט.

אברהם "דער גיהנום שמש" האט אנגעהויבען קאמאנדעווען:

— ווייבער, צו דער חופה!

בחורים האבען אויף פיער ווילעם צוצויגען א שאל. דער שוחט

אייזיק גלאזערמאַן, האָט מסדר קדושין געווען און יצחק קרעגל שוחט, האָט דאָס גלעזעל בראַנפּען אין האַנט גענומען און די צווייטע ברכה געזאָגט, מיט ליטווישער עברי; און אונטער׳ן קלאַנג פון די טאַצען און בעקענס, האָט אין מאַאוריציאַ אָפּגעהילכט דער ערשטער "מזל טוב!"

גערביל מיט זיין פרוי, זיינען ביי דער צערעמאָניע געווען. א גאַנצען זאַק גאַליעטען מיט פינף פלאַש ספּירט, האָט ער געשאַנקען פאַר׳ן עולם; פון פלייש איז דאָך קיין רעדע ניט, דאָס איז דאָך געווען איבערגענוג — אויך צו אַרויסוואַרפען... נו, האָבען זיך א מאַסע אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע אימיגראַנטען ביי די הענד גענומען, געשלאָסען א קאַראַהאָד און דעם כשר׳ן כלה־טאַנץ אַנטקעגען דער זילבער־ריינער לבנה אויסגעהאָפּקעט און ביז׳ן טאָג, חתן־כלה משמח געווען.

דער באַוואַוסטער דר. שטיינשלעגער, פון קליניק אין בוענאָס־איירעס, איז די פּרוכט פון יענער ערשטער חתונה אין מאַאוריציאַ.

* * *

די איינגעאָרטיגע מידה פון קאָנקורענץ, וואָס אונזער פאָלק פאַרמאָגט, האָט זיך ביי די חתונות אויך אַרויסגעוויזען. איינער האָט זיך מתקנא געווען אין צווייטען. קיין נדן, אויסשטאַטונג דאָס האָט מען ניט גענדאַרפט! עטליכע בולקעלאַך, א זייט פון א קיה וואָס מ׳האָט אָפּגעבראָטען, צוויי פלעשלאַך בראַנפען. — דאָס האָט פאַרזאָרגט די אַדמיניסטראַציע; ביידע שוחטים האָבען אויך געשאַנקען די מצוה: חתונה מאַכען כדת משה וישראל... נו, האָט שוין פּייטעל שדכן מיט אברהם "גיהנום שמש", נאַכט ביי נאַכט פּאָאַרלאַך אויסגעזוכט...

— "דעם יחוס, האָט מען אין ים אַריינגעוואָרפען און דאגות פרנסה — אויפ׳ן באַראָן, און איהר רב זיידע מאַכט חתונה!" — דאָס איז געווען פּייטעלס לאָזונג אָדער מאָטאָ.

אָט אַזוי זיינען די פאַרוואָגעלטע עלטערן, פון אַלערליי גרושות, אַלמנות און אַלטע מיידען, — פּטור געוואָרען. די האָפנונג האָט געשמייכעלט, דאָס גליק האָט געשיינט, דער אָפּטימיזם פון דער אידישער נשמה, וואָס איז דורך געוועבט מיט פּעדים פון הערליכע איללוזיעס, — האָט אויך זיין גאָלדענער האַרפע א גרויסע סימפאָנישע

הללויה געשפיעלט, צו עהרע פונ'ם באראָן הירש, צום רוהם פון דאָס ווארימע פרייע לאַנד. וואס האט אונז אונטער איהר פלינלען ארונ־טערגענומען!

ניט איינמאָל פלעג איך 'אויפציטערן און אויפשווידערן, שטע־הענדיג ביינאַכט אנגעשפּאַרט אַן אַ ביידעל און צוקוקענדיג ווי די וואנדערער פּראַווען אַ חתונה. אָרימע מענשען, נאַקעטע און באָר־וועסע, אין אַ פרעמד לאַנד, שטומע ווי די בהמות און האַלטען זיך פיערציג־פופציג ביי די הענד און "געהען" אַ קאַראַהאָד, טאַנצען און זינגען פרעהליכע ליעדער. בעגייסטערט פון אַ שטאַרקער אמונה, בע־לאָדען מיט דער אידישער גאדולדזאַמקייט, קוקען זיי מונטער אין דער צוקונפט אריין. לאַכען מיט'ן פולען מויל. גלייך דער לבנה אין פּנים און הערען די וועלט ווי אין טראַם... דאַן פלעגט מיר איין רעיון באַהערשען: "אַה, היפּיעל ליעבענסקראפט פאַרמאַגט אין זיך אונזער אידיש פאָלק!"

אינטערעסאַנטער איז געווען די חתונה פונ'ם גרוזינער בחור מיט דער קאַווקאַזער מיידעל. — מירעלע באַכמוס.

די הערצרייסענדע הופּה ליעד וואס די כלה האט געזונגען, אַי־בער אַ טשערקעסיש מיידעל וואס ווערט געפאַנגען און איז דער פרעמד אוועקגעפיהרט. — דאָס ליעד וועלען די קאָלאָניסטען קיינ־מאָהל ניט פאַרגעסען!

דאַן דעם חתן'ס דרשה וועגען די גדולים פון די קאַמיטעטען אין לעמבערג, קראָקוי און האַמבורג, ווי זיי האבען אונזערע ברידער נעפּלאָנט און געפּייניגט. ער האט זיי פּשוט מיט תוכחה קללות גע־שאַלטען און מיט די האַרבסטע אויסדריקע פערדאַמט.

— זאָג איך דען ניט דעם ריינעם אמת? — פרעגט ער שטורמיש און שטעלט אויף אונז אַן זיינע שוואַרצע דיאַמאַנטענע אויגען.

— יאָ, אמת. — באַשטעטיגט אַ טונקעלע, הויכע, מאַגערע פרוי. — געלויבט איז גאָט, צוויי גלות'ן געפּטר'ט: פּאַניען און די הילפס קאַמיטעטען...

און בהרף עין נעהמט זי שוין מיט די הענד צונויף דאָס קליידעל, און טאַנצט אַ קאַזאַטשאָק... דער עולם פּליעסקעט צו.

כ'האָב דער פרוי גלייך דערקאַנט. ווייל די זעלבע ווערטער האָב

איך פון איהר געהערט אין א וואגאן אויף דער רייזע פון לעמבערג נאך קראקוי. דאמאלסט האט זי אויך געטאנצט, נאר מיט מעהר עקסטאז...

אה, יענע גדולים, ווי מיר קענען זיי ניט פארגעסען און ווי מיר פעראכטען זיי!

כ׳בין א בעלן צו פארצייכענען א קאפיטעל פון מיין רייזע קיין ארגענטינא און די באריהונג אין וועלבער כ׳בין געקומען מיט יע-נע צילינדער־הים, וואס האבען זיך דאמאלסט ארומגעפארעט ביים פעטען עמיגראציאנס טאפ... איהר לעזער ועט מיר מוזען פערצייהען פאר דיזער לאנגווייליגקייט. א ברירה האט איהר דען?

17.

הילפסקאמיטעטען פאר עמיגראנטען.

נאך פסח פון יאהר תרנ"א, ווען אויפ'ן אידישען הימעל פון רוסלאנד, האבען זיך אנגעקליעבען געדיכטע פינסטערע וואלקענס, האבען מיר ביי דער עסטרייכישער גרענעץ זיך צוזאמענגעטראפען זיעבען עמיגראנטען, פאהרענדיג אין דער וועלט אריין, אום ערגעץ א נייע היים צו זוכען.

אזוי ווי איך האב א בריעף געהאט פון מיינעם א חבר, גבריאל רייך, וועלכער איז מיט א פאאר יאהר פריהער אפגעפאהרען נאך ארגענטינא און אין וועלכען ער האט פארזיכערט, דאס מ'קען ביי דער ארגענטינישער רעגיערונג באקומען לאנד כמעט אומזיסט, האבען מיר זאלבע־זיעבעט בעשלאסען, קיין ארגענטינא צו פאהרען, כדי דארט אקערבויער צו ווערען. קיין קאמיטעטען, קיין קאלאניזאציע פונ'ם באראן הירש איז נאך יעמאלט ניט געווען.

אין באהן פאר סטאניסלאוו, האבען מיר זיך צושמועסט מיט א לעמבערגער תושב, וועלכער האט אונז געראטהען זיך אפצושטעלען אין לעמבערג, מחמת אין לעמבערגער קולסטוס־פארשטאנד, קומען כסדר אן גרויסע סומען געלד פונ'ם באראן רע הירש, מיט'ן צוועק אונטערצושטיצען די רוסישע אידען וואס פאהרען נאך אמעריקא. מיר האבען די עצה אנגענומען.

אין א שבת פארמיטאג, האבען מיר זיך פארגעשטעלט פאר'ן פרעזעס פון דער קולטוס־געמיינדע, אחער פונ'ם וויענער "אליאנץ", — הערר. אדער דר. ניערענשטיין. א שעהנער יונגערמאן מיט סימפאטישע געזיכטסציגען איז ער געווען און דערצו טאקע, א מענש מיט אן איידעלער נשמה. מיט אויפמערקזאמקייט האט אונז דר. ניערענשטיין אויסגעהערט און ערקלעהרט:

— "ריכטיג, דורך דער "אליאנץ" פון וויען, בעקומען מיר פונ'ם באראן הירש, זעקס טויזענד גולדען א מאנאט. אבער דאס געלד איז באשטימט, נור פאר די לעמבערגער האנד־ווערקער און ניט פאר רוסישע דורכרייזענדער", — נאכדעם האט ער אויסגעפרעגט מיינע

קאלענען ווארום זיי האבען פערלאזען רוסלאנד און ווען זיי, דארפס אידען פארטריבענע דורך איגנאטיעוו'ס גזרות, — האבען איהם זייער ביטער צרות דערצעהלט, האט ער זיך צו מיר, אלס צום ראש המדברים געווענדעט, זאגענדיג:

— קומט איהר אליין ארויף צו מיר היינט אין אווענד. וועלען מיר זיך דורכגעהן צום הר. שלמה באבער. אונזער עלטעסטער כלל-טהוער. וועלען מיר עפעס נאכטראכטען ווענען אייך.

אין אווענט, זיינען שוין אייניגע פון די "פני" פארזאמעלט גע-ווען אין הויז פון'ם ה' באבער. מען האט מיך אויסגעפרעגט, פאר-שריעבען אונזערע נעמען און ווען דער קליין געוויקסיגער און גרוי-סער געלעהרנטער, הערר שלמה באבער, האט דערהערט דאס איך דערמאן א פאר פון זיינע מאמרים וואס ער האט דאמאלסט אין "המליץ" געדרוקט איבער זיינע שפעטערדיגע "תנחומות" — איז ער, דער גרייז-גרויער מאן, ווי א קינד פרעהליך געווארען:

— אה איהר זיינט א בן תורה, מוז'ן מיר אייך העלפען!

זיי האבען אויסגעשטעלט א טעלעגראמע צום "איזראעליטישען אליאנץ" פון וויען און דר. ניערענשטיין האט צו מיר געזאגט:

— קומט מיט! איך וועל אייגענהעדיג די טעלעגראמע אוועק-שיקען און איהר וועט דערווייל מאכען די פראכטפאלע פאסט-ביורא פון לעמבערג: אזא שעהנע געביידע האט איהר געווים נאך נים געזעהן!

אז איך האב געוואלט באצאהלען פאר דער טעלעגראמע, האט ער נים דערלאזען.

— לאזט מיר די מצוה: —האט ער געטענה'ט. — קומט ארום מאנטאג נאך ענטפער, ווייל זונטאג ארבייטען זיי דארט נים.

מאנטאג איז אנגעקומען אן ענטפער וואס האט געלויטעט:

"פערזארגען זי די זיבען פאמיליען. מיר וועלען זיי נעקסטענס נאך ארגענטיניען שיקען".

פרעהליך זיינען מיר אויף דער אכסניה געגאנגען און באלד אנ-געשריעבען בריעף א היים צו די פאמיליעס, דאס זיי זאלען זיך רייזע-פערטיג מאכען, ווייל מען שיקט אונז קיין ארגענטינא.

מיר האבען גענומען ווארטען. ס'איז דערווייל אוועק א טאג נאך א טאג.

פלוצלונג האבען זיך גענומען יאוועון מאסען עמיגראנטען פון רוסלאנד: שטראמענווייז זיינען זיי אנגעקומען קיין לעמבערג. זיי האבען דער קולטוס־געמיינדע באלאגערט. דארט זיינען געווען ארי־מע אנגעלאפענע אידען פון אלע קאנטען, מיט זייערע ווייבער און קינדער און מיט זייערע בעבעכעס. זיי האבען שיפסקארטען געפא־דערט, האבען פערלאנגט עסען. — ביז ס'איז צו דיזען צוועק גע־שאפען געווארען א "נייער" קאמיטעט, א הילפסקאמיטעט מיט אלע באקאנטע לומפענייען... דר. ניערענשטיין און באבער ז"ל, האבען פונ'ם פרעזידיום רעזיגנירט: די נייע "פיהרער" האבען אנגעהויבען קאמאנדעווען און איינגעשטעלט א מאשין מיט אלע קליפערלאך. משרתים גערונגען, שווייצארען געשטעלט און אט דיזע, האבען זיך היבשליך נוסם געווען אן רוסישען עמיגראנט. פון די טרעפ פלעגען זיי ארונטערשליידערן, טרייבען ווי די הינט און זידלען ווי די שיכורים... דער קאמיטעט פלעגט זיך שטארק מתעסק זיין: האט געשריבען פראטאקאלען און באריכטען, אויסגעטהיילט פארציעס ברוידט מיט סטיסאקעס און באגאסען מיט שימפ־ווערטער, ווי: "רוסישער חזיר! שנאררער!" מיט דיזע טיטלען האבען אונז די בע־אמטע כסדר באעהרט...

דארט האב איך קענטשאפט געשלאסען מיט א יונגען מאן, א ברונעט, א לעמבערגער משכיל און א ליעבהארציגער מענש, מיט'ן נאמען ג ר ש ם ב א ד ע ר, וועלכער איז יעצט איינער פון די שטענ־דיגע מיטארבייטער אין ניו־יארקער "טאגעבלאט" און אין "די אי־דישע גאזעטען". מיר פלעגען צוזאמען טרויערן איבער די ענגהער־ציגע עוסקים בצרכי צבור מיט זייערע פארקריפעלטע נשמות.

אזוי זיינען פארביי גאנצע זיעבען וואכען. אין א טאג איז פון וויען אנגעקומען דר. קליין און א קלאנג איז ארוים: דאס מען הויבט שוין אן צו טראנספארטירען די עמיגראנטען קיין אמעריקא.

איך מיט מיינע זעקס קאלעגען, אלס די ערשטע אויפ'ן צעטעל אינ'ם קאמיטעט, האט מען אויך פארגערופען צוערשט און דר. קליין האט תיכף אויסגעפונען, דאס מיר ברויכט מען צו קנס'ענען און קיין אמעריקא נים שיקען.

צוליעב דיזער מאן, — האט ער ערקלעהרט. — איז דער קאמי־טעט אין לעמבערג געשאפען געווארען. ער האט אויף אונז די דא־

זינגע כאַליאַפּסטרע אנגעשיקט. ער האָט צושיקט בריעף אין אַלע שטעדטלאַך און די ראַזינע מאַסע ארימע־לייט, זיינען אויף אונז אנגעפאַלען!

קורץ, די זעקס האָט מען אויפגענומען און מיך אויסגעבראַקירט...

איך בין געלאָפען צום ה" באָבער און ער האָט טעלעפאָנירט צו ניערענשטיינ'ען, וועלכער איז גלייך געקומען און אַנ'געהמענדיג מיר ביים האַנד, האָט ער פאַרדראָסיג געזאָגט:

—קאָמען זי מיט מיר צו'ן קאָמיטעט!

דורך אַ גאַנצער "מאַלפּאַ" ווייבער און קינדער, מיט אַ פּאָאַר פּאָ־ליציאַנטען ביי די טרעפּ, האָבען די שווייצאַרען אונז אַ דורכגאַנג געעפענט. ביי אַ לאַנגען טיש, אַ פאַרלעגטען מיט פּאַפּירען, זיינען געזעסען די "אַז־אַר־אַון־ווּעה" גדולים, די עוסקי בצרכי צבור באמונה (?) און האָבען זיך געוויצעלט און לוסטיג געמאַכט, איבערן בראָד פונ'ם רוסישען אידען... ווי די רוסישע "סליעראַוואַטעלעס". האָט מען יעדען אויסגעפרעגט, אויסגעפאָרשט און די קעשענעס גע־טאַפּט, אום זיך צו איבערצייגען, צי באַהאַלט מען ניט קיין געלד... פון יעדען איינעם אביסעל דמים אַפּגעצאַפּט...

— נו, דעם מאַן מוזען מיר צוריק נאָך רוסלאַנד שיקען! — האָט זיך געוויצעלט אַ גראָבער בויך, מיט רייכע סיגנעטען אויף די פינ־גער און אַנ'אָרימע נשמה אין מוח. און דאָס האָט זיך געהאַנדעלט איבער אַ דעזוערטיר, וועלכער פלעגט אויפציטערן, אַז מען האָט איהם דערמאַנט זיין פאַרלאָזען לאַנד...

ביי יענע קאָמיטעטס פאַרשטעהער, האָב איך דעם "כובד ראש" ניט געזעהן; האָב ניט באַמערקט קיינשום מיטליידסגעפיהל צום פאַרוואָגעלטען "גולה". מען האָט נאָר אָפּגע'חוזק'ט, אָפּגעשפּאַט און כסדר אַרויסגעוויזען די פעראַכטונג פונ'ם נותן צום מקבל... חערצו נאָך, האָבען זיי זיך היפּאָקריטיש געפּוצט מיט'ן רחמנות אויס־דרוק און זיך אַרויסגעוויזען שטאָלץ און פול מיט גאַוה: פילייכט כדי מען זאָל נישט דערקאָנען, אַז דאָס וואָס גיבען איז ניט זייער'ס און דאָס אָפּטמאָהל זיינען זיי מעהר נהגה דערפון, ווי דער אָרימאַן פאַר וועמען דאָס געלד איז באַשטימט געוואָרען...

ווען כ'בין ערשיענען מיט'ן דר. ניערענשטיין, האָבען זיך אַלע אויפגעהויבען און איהם חעפליך באַגריסט. אַז די צערעמאָניעלע

עטיקעטע איז פּאַראיבער, האָט ניערענשטיין צו זיי מיט בעזקיים געזאָגט:

— מיינע העררן! אויב איהר האָט בעשלאָסען דעם ה׳ אַלפער־סאַן נאָך אַרגענטינא ניט צו שיקען, אונגעאַכטעט דאַרויף, וואָס די „אַליאַנץ" האָט צו מיר דעפּעשירט: „פּערזאָרגען זי דיזע לייטע מיר וועלען זיי נעקסטענס נ א ך א ר ג ע נ ט י נ א ש י־ק ע ן". דאַן ברויכט מען פאַרלויפיג דיזען מאַן טויזענד גולדען געבען און איהם אַ פּרנסה שאַפען אין לעמבערג גופא. אַדיע, מיינע העררן!" — האָט ער זיך צו זיי פאַרנייגט און מיך אַנ׳געהמענדיג ביים האַנד געזאָגט: — „קאָממען זי מיט!"

מיט אויפרעגונג און כעס האָט ער צו מיר געזאָגט שיין זייענ־דיג ביי זיך אין הויז:

האבען זי באַמערקט דיזע העררן אין די צילינדער־היט? אמ־מיינסטען דיעבע... איך קאָן זיי שוין פון לאַנג! איך וויל איהנען נור איין טהאַטזאַך ערצעהלען.

און מיט אַ בע׳צער׳טען טאָן האָט ער אַנגעפאַנגען:

אין יאהר 1882, אין דער צייט פון דער שרעקליכער עמיגראַציע פון רוסישע אידען און דעם אַנגעלאָף אין בראָד, האָט איך פון מיינע טאַנטע אויס וויען אַ טעלעגראַמע ערהאַלטען, דאָס איך זאָל ביים באַהן עמפּפאַנגען דעם סיר רבי שמואל מאָנטיאַגו פון לאָנדאָן (שפּעטער לאָרד סווייטלינג), מיט׳ן ראַבינער פון בראָדי, וועלכע פאַהרען אין די אַנגעלעגענהייטען פון דער עמיגראַציאָן. איך האָב עס ערפיהלט און דאָס ערשטע וואָס סיר מאָנטיאַגו האָט מיר געזאָגט איז פאָלגענדעס געוועזען:

— וויסען זי ניכט הערר ניערענשטיין וואו מיר קענען כשר עסען בעקומען?

„איך האָב איהם מיין הויז אַנגעבאָטען, אָבער ער האָט מיר גע־ענטפערט: „דאָס אויף זיין לעבען איז ער נאָך ניע, צו לאַסט געפאַלען"... כ׳האָב איהם אין אַ האָטעל געפיהרט, אויף זיין פער־לאַנג אונזער שוחט געשיקט און מיין פרומע, גאָטזעליגע מוטער. האָט איהרע כלים געשיקט און אַליין האָט זי אַ פּאָאַר טאָג אָבאַכט־געגעבען אויפ׳ן כשר׳ן אין קיך... ווען דיזער פרומער גאָטספאַרכטי־גער מאַן, איז נאָך עטליכע טעג פון שווערער אַרבייט אין דאַמאָל־

סטדיגען קאמיטעט, פון דאנען אפגעפאהרען, האט ער צו מיר גע־זאגט:

— הערר ניערענשטיין, עס טהוט מיר זעהר לייד; אייערע הערדן פון קאמיטעע... טהוען מיר שרעקליך וועה:

"ער האט זיי באלד דערקאנט! ער האט די לייט תופס געווען! און יעצט הערר אלפערסאן, — האט ער זיך צו מיר געווענדעט, — פאנגט ווידער אן א גרויסע עמיגראציאן פון רוסלאנד און די זעל־בע לייט זיינען אויבען ארויפגעשוואומען... שווערע טויזענדער וועלען זיי אין די קעשענעס ארונטערלאזען... איך און ה' באבער, האבען דימיטירט, אין זייער מיטט ווילען מיט ניט זיין!"

כ'האב נאך ניט אוספייעט צו מיין אכסניה צו קומען האט מיך שוין א קאמיטעטס דיענער געזוכט: "דער קאמיטעע רופט איהנען!"

דר. בייזער, דער פארזיטצענדער, האט מיך שמייכלענד אויפגע־נומען.

— הערר אלפערסאן: — האט ער געמיטליך גערעדט. — מיר האבען אייך בעשטימט פיר א צוג־פיהרער פון דרייסיג פאמיליעס. היינט אווענד'ס פאהרט איהר מיט זיי אב נאך קראקוי און פון דארט, וועט דער קאמיטעט אייך נאך ארגענטינא איבערשיקען. מאכט אייך רייזע־פערטיג. אום 9 אוהר געהט אב דער צוג.

אלע "גדולים" פונ'ם קאמיטעט זיינען אווענד'ס ביים באהן געווען, אום דעם ערשטען טראנספארט עמיגראנטען, וואס די לעמ־בערגער שיקען ארויס — צו באגלייטען. דר. ביק, האט מיר דרייסיג גולדען און דרייסיג פעקלאך טאבאק מיטגעגעבען, אום איך זאל עס פארטהיילען צווישען די רייזענדע עמיגראנטען און א בריעף האב איך באקומען צום דר. ראזענפעלד. א קארטעל צום פאליציי־שעף האט דר. בייזער מיר דערלאנגט.

— היט דאס קארטעל, זאגט וועט די קראקויער פאליציי ארעס־טירען דעם גאנצען צוג! — האט ער מיר געווארענט.

דער צוג האט גערוהרט. מיט דער ליסטע אין האנד בין איך ארומ־געגאנגען פון וואגאן צו וואגאן, יעדען אויסגערופען ביים נאמען. איהם איבערגעגעבען א זילבערנעם גולדען מיט א 13־נער פעקעל טאבאק. און אין איין וואגאן, בין איך איבעראשט געווארען: א שונקעלע פרוי, איז ביי די ווענט ארומגעשפרונגען און אויפגערעגט

ביז גאר. האט זי מיט ענטציקונג געשריען:

— געלויבט איז גאט! צוויי גלות'ן געפטר'ט! פאניען און דעם קאמיטעט! מיר פאהרען שוין קיין ארגענטינא! א קאלאניסטקע וועל איך זיין! אך, געלויבט איז גאט! לאנג לעבען זאל דער באראן!...

טרעהרען האבען זיך מיר אין די אויגען געשטעלט. ווי שטארק איז דער אידישער אפטימיזם און ווי גרויס איז די צעוועטאגטע אידישע נשמה!

איך האב אויך איהר מאן דערקאנט. ד״. נ״. איז פאר די גאנצע דרייסיג יאהר, איינער פון די בעסטע קאלאניסטען אין מאאוריציא.

אט יענע פרוי האט ביים גרוזינער אויף דער חתונה ווידערהאלט איהרע ווערטער פונ'ם וואגאן.

מיט מיין מענשען טראנספארט בין איך אנגעקומען קיין קראקוי. דער הויף פון אידישען שפיטאל, וואו ס'האט זיך געפונען די ביורא פונ'ם קאמיטעט, איז באלאגערט געווען פון טויזענדער עמיגראנטען. די משרתים האבען דארט אויך געטראטען איבער די אידישע קעפ... פרויען האבען דארט אויך, אויף די טרעפ גע'חלש'ט. אבער איניגע ווייניג זיינען ווייניגסטענס געזעסען צוויי גרויסע אידען: דר. לאנדוי און א צווייטער וועמען מ'האט הערר אהרן גערופען.

און ביי א קליין טישעלע איז א פאאר'ל געזעסען: רבי אברהם'עלע מלאך מיט זיין פרוי. וואס האבען ממש מיט געלד געשאטען:— ווי איך האב עס שוין פריהער ערקלערט.

אין דאזיגען קאמיטעט האט זיך א צארטע מילדקייט געשפירט. דער אידישער וועה האט זייער הארץ געריהרט... דארט האט מען ווייניגסטענס ניט געצאפט דעם אומגליקליכען וואנדערער אזוי פיעל בלוט ווי אין די אנדערע ערטער.

אנ' אומפערצייליכען פעהלער זיינען זיי בעגאנגען קעגען די פארבלאנדזשעטע נשמות. די משומדים... די געטריפטע אידען וואס דער עמיגראציאנס שטראם האט צווישען אונז פארטראגען. דיזע אומגליקליכע וואס האבען זיך געוואלט אומקעהרען צוריק צו זייער פאלק, צום גאט פון זייערע אבות, האבען די צוויי גרויסע ארטאדאקסישע אידען, רבי לאנדוי און רב אהרן, באיין אופן ניט געוואלט אויפנעהמען און האבען זיי אפגעשטויסען... וואס זיי האבען זיך ניט נעבעטען, וויפיעל זיי האבען ניט געוויינט — האט ניט געהאל-

פען: זיי האבען געבאר נאך אמאהל געמוזט פעלשען דעם נאמען... אין האמבורג זיינען פיעלע פון זיי איפגענומען געווארען קיין אר־גענטינא, זיי געפינען זיך צעווישען אונז און זיינען עהרליכע און טרייע אידען.

דאנעגען האבען די רערעל־פיהרער פון די קאמיטעטען א סך אנ־ערנערן קלאס ווי די משומדים אויפגענומען. דאס שמוץ פון זנות, גנבים, אסטראזשניקעס און נאך אזעלכע נפשות, האבען זיך דורכ־געשמוגעלט צעווישען די עמיגראנטען און אזוי ווי דער "קאמיטעט" האט קיין ארגענטינא מעהרסטענס געזוכט איינצעלנע מענשען, בחורים, און "כאלאסטאיעס", האבען א מאסע יונגע "פאדליע־צעס", פארלייקענט זייערע פרויען און זיך פארשריבען אלס "אונ־פארהייראטע".

אינ'ם חתונה פעריאד ביי אונז אין קאלאניע, האבען יענע פאר־שוינען זיך פארהייראט מיט פיעלע פון אונזערע מיידלאך און א היבשע צאהל ביגאמיסטען האבען מיר אויף אונזער חשבון באקומען.

18.

ביגאמיסטען.

איך וועל זייערע נעמען לאזען זינקען אין דער טיפענעש פון דער פארגעסענהייט; — ווייל פיעלע פון די אמאהליגע ביגאמיסטען, זיינען היינט גאנץ שעהנע און רייכע בעלי־בתים, האבען געבילדע־טע קינדער, איינינע אויסגעשטודירטע און מעהרערע פון יענע זינדיגע, זיינען איצט דערצו נאך די ראשים פון דער היגער אידי־שער קאלעקטיוויטעט... געוויס האבען זיי שוין פארגעסען די סקאנ־דאלען און די צרות וואס זיי האבען פאראורזאכט! איך וועל זיי חלילה דאס איצט ניט דערמאנען.

אין מיין זכרון זיינען זיי אבער טיעף איינגעקריצט געווארען און דאס שווימט מיר ארויף אין רעיון און עס שטעלט זיך מיר אזוי בולט פאר פאר מיינע אויגען, פונקט ווי דאס וואלט ערשט נעכטען געשעהן.

אט שטעהט זיסעל, די קליינשטעדטעלדיגע ווייבעל מיט א קינד אויפ׳ן האנד און באגיסט מיט איהרע טרעהרען די שוועל פון דער אדמיניסטראציע.

— שוחט! — שרייט גערביל און ווארפט מיט זיינע לאנגע הענד, — וואס זאגען זי, הא? אה, פערפלוכטער! זא איין אונרעכט! זא איין פערברעכען! איינע געזעצליכע פרוי מיט א קינד צו הויזע געלאסען ׳אונד היער איינע מעדכען געהייראטה!

די פאליציי האט דעם באטרעפענדען אין תפיסה אריינגעווארפען. דער סוביעקט האט אבער געלייקענט שטיין און בייהן... ״דאס איז ניט קיין כשר קינד״ — האט דער אויסוואורף גע׳טענה׳ט. אבער שוחטים האבען די כתובה געליינט, רחמנות האט זיך ווי וואסער געגאסען. אידען האבען זיך געהיצט און געגוואלדעוועט. ביז דער ה׳ ש. איז מרוצה געווארען... די שוחטים האבען דער ארימער פרוי א גט אויסגעשטעלט און דער ביגאמיע־העלד, איז מיט זיין נייער ווייבעל אפגעפאהרען קיין בוענאס איירעס...

אזעלכע סקאנדאלען האבען זיך מעהרערע מאהל ווידערהאלט. אייניגע פון דיזע 'א:מגליקליכע ווייבלאך, זיינען פאר צרות און עלענדקייט אוועק אהין, פון וואנען מען געהט שוין נאר אויפ'ן אפע־ראציאנס טיש פונ'ם שפיטאל... א סך עגונות זיינען אליין אהערצו געקומען און מעהרערע, האבען שריפטליך געבעטען דורך דער אדמי־ניסטראציע, דאס מען זאל ביי זייערע מאנען כאטש אויסווירקען בדאי א גט. ביסלעכווייז האט מען זיך צוגעוועהנט צו דער דאזיגער בושה. אין בוענאס־איירעס האט זיך גיך געעפענט א ג י ט י ן פאב־ריקעל... ס'איז געווארען א טאקסע: הונדערט מיט צעהן פעזאס א גט. די מוידען זיינען לאנגזאם איינגעגאנגען אויף דעם מקח: זיי האבען אין פאראוים די פרייז בעצאהלט, אבי א "באשעהרטען" צו בעקומען... ווי נאר מ'האט יענער, אויפ'ן צווייטען זייט אקעאן, אפגעשיקט ד י צ ו ז ע ל ע ף ש ו ר ו ת, איז דער יונגער־מאן גע:ווארען איהרער, פון דער היזיגער כלה־מויד יאון תיכף האבען מחותנים אויסגעפונען, דאס ער איז א כשר'ער, א זויבערער, ממש א צדיק געוועז...

פיין, ארענטליך און שטיל, איז דאס צוגעגאנגען. אידען גע־בענטשטע מיט א סך מיידען, האבען דערפון הנאה געהאט, יעם דבש"ע א דאנק גענעבען און אליין טאקע, זיך אלם עדות אויף ד גט'ן אונטערגעשריבען... הכלל דא איז געווארען א וואכעדיגער גע־שעפט...

איינס נור איז א גליק! זעהר ווענין פון די ביגאמיסטען זיינען אין דער קאלאניע פארבליבען. אייניגע זיינען אליין אוועק און די יעניגע וואס האבען זיך ניט געאיילט דאס צו טהון, האט מען שפעטער, אונטער קאלאנעל גאלדשמיעד'ס דירעקציע, בערקנהיים'ס אדמי־ניסטראציע און נאכהער אין לאפיז'ס פעריאד, פון דער קאלאניע פארטריבען און ארויסגעשיקט, צוזאמען מיט אלע איבעריגע שעדלי־כע עלעמענטען: די גנבים, פראסטיטוטקעס און סתם וואגאבונדען.

19.

דער ערשטער פסח אין מאָוריציאַ.

פסח! דער גליקליכער פרייהייטס יום טוב!

ווי פרעהליך מען איז געווען, אדער מען האט זיך בלויז "פרעה־ליך געמאכט" אויף א חתונה, איז מען טויזענד פאַל מעהר טרויעריג געוואָרען אין אַ יום־טוב.

יעדער יום טוב האט ארויסגערופען פערביטערנעש. נידערשלאָגען און באטריעבט האבען מיר דעם גרויסען נאציאָנאלען "זמן חרותינו" געפייערט.

ביים היסטאָרישען קאנעצעל, אדער דעם "באראנס לעמפעל", איז זיך יעדערער אין זיין האלב פינסטערער נארע געזעסען און ביי דער "גאַ:ויאדינא" מיט'ן לחם עני, זיך גוט אויסגעוויינט, דערמאנענדיג זיך, אַז די ליכטיגע סדרים וואָס מען האט אפגעריכט אין דער היים.

א שווערע אטמאָספערע האט יעדען גערריקט: א בענקעניש האט דאס הארץ גענאגט און עפעס א טרויעריגער. פיינליכער פארגע־פיהל האט נביאות געזאָגט, אויף א נייעם עבדים היינו— לאַדמיניסטראציאָן.

איינער האט פארגעשלאָגען דאס אלע אימיגראנטען זאָלען פסח אין דער פריה דאווענען אין דרויסען אין איין גרויסען מנין, — איינ־שטימונג איז עס אָנגענומען געוואָרען. אנשים, נשים וטף, האבען זיך פארזאמעלט אונטערן פרייען הימעל, אָנגעטאָהן אין די יום־טובדיגע מלבושים: ד. ה. טראנטעס און שמאטעס פון אלערליי מיתה משונה קאלירען, בארוועסע, אנדערע מיט הילצערנע שיך און אין אונזערע בגדים האבען מיר ווייזט אויס, נאָך מעהר גע־שיינט קעגען דער ליכטיגער זון, וואס האט אונז מיט איהרע שטראה־לען רייך באציערט און אויף אונז אראבגעגאָסען גאנצע שטראמען ליכטיגקייט. געדאווענט האט מען שטיל, כמעט שווייגזאם, ווייל יעדערער האט זיך געסטאַרעט איינצוהאלטען זיינע טרעהרען און ניט ארויס:ווייזען דעם גרויסען טרויער וואס האט אלעמען געדריקט אינ'ם פריהלינגס יום־טוב.

אבער בשעת דער חזן האט אנגעפאנגען הלל צו זאגען, האבען אלע דערשטיקטע ליידען אן אויסגאנג געפונען. א פערצאנטער יא־מער האט זיך אין רוים דערהויבען און אפשר דערגרייכט ביז דער פמליה של מעלה... איין הארבע קשיה האט יעדענס מחשבות באַ־הערשט: עד מתי? ביז וואנען וועלען מיר זיך וואלגערן אין די בייד־לאד און וואו איז שוין די נחלה? פארוואס ווערט דאס לאנד ניט פארטהיילט?

ס'איז אנגעקומען געווארען א בעשלוס, באלד נאך יום־טוב צו זעהן מאכען אן ענדע צו דער אונבאשטימטער לאגע. "אהער אדער אהין! לאנד: קוים ניט, געהען מיר אלע מענער, בדאי צו פוס, גלייך קיין בוענאס איירעס".

דעם צווייטען טאג פסח איז אין לאגער א בשורה טובה אנגעקו־מען און דעם אומעט פארטריבען. א קלאנג איז ארויס, דאס א זעהר גרויסע פערזענליכקייט, עפעס א גואל, קומט צו אונז דירעקט פון אייראפא.

אייניגע האבען באהויפטעט, דאס דער באראן הירש אליין קומט אינקאגניטא, ער וויל ניט מען זאל וויסען דאס ער איז אליין צו־ווישען אונז און ער פארשטעלט זיך. אנדערע האבען געדרונגען, דאס עס קומט זיינער א שוואגער און וועט אונז אריבערפעקלען קיין ארץ ישראל.

אין לאגער האט דערוויל געטומעלט און גערעש'ט.

אנפאנגס האבען מיר, די פאציפיסטען גערעכענט, אז די בשורה איז א פראדוקט פון די גאולה אילוזיעס, וואס דערוועקען זיך אין יעדער אידישער נשמה פסח צייט, ווען עס ווערען אזוי פיעל צערע־מאניעס געמאכט אין שייכות צו "פרייהייט". אבער נאכדעם, אום אחרון של פסח איז טאקע ערהאלטען געווארען א טעלעגראמע, דאס דער אינזשעניער טיראטשיני זאל גלייך קומען קיין בוענאס־איירעס מיט זיינע פלענער פון מאאוריציא, ווייל ס'איז אנגעקומען א נייער דירעקטאר, ס י ר א ל ב ע ר ט ג א ל ד ש מ י ע ד ט, א קאלאנעל פון דער ענגלישער ארמעע און דעם באראנס א פערטרויענס מאן, וועל־כער איז ספעציעל געשיקט געווארען, אום די קאלאניזאציע איינצו־ארדנען און די קאלאניסטען צו ארגאנזשירען.

אויף יעדען פנים האט געגלאנצט די פרייד. מען האט אין שפא־

נענדער ערוואַרטונג, געצעהלט די טעג, די מינוטען, אום ענדליך דעם ענגלישען גואל צו זעהן...

אויף מאָרגען, אסרו חג של פסח, איז אנגעקומען אַ נייער אדמי־ניסטראַטער, הערר וואולף, מיט אַ באַפעהל. פון גאָלד־שמיעדט'ן, דאַס ער צוזאַמען מיט נערבל'ן, זאָל אנפאַנגען צו באַזעצען די אימיגראַנטען אויף לאַנד.

אין הויף פון דער אדמיניסטראַציאָן, האָט מען פלייסיג געאַרבייט. עס זיינען אנגעקומען האַנד־פלוגען, אייזערנע און הילצערנע באַ־ראַנעס. מ'האָט אויך געבראַכט צוטרייבען 250 "מולאַס" — מויל־אייזלען: אַ 500 מאַנסירטע אדער געצאַהמטע אָקסען; ווייל די וואָס האָבען זיך געפונען אויף די פעלדער פון דער קאָלאָניע זיינען אַלע געווען ווילדע, פאַלגליך אומנוצליך צו דער באַלדיגער אַרבייט. הכלל די אדמיניסטראַציע איז טהעטיג געוואָרען.

מען האָט אנגעהויבען איינטהיילען דאָס לאַנד.

20.

דער „גורל״.

יעדער איינער וואס איז פארגערופען געווארען אין אדמיניסטראַ־ציע אויף "לאנד צו געהן", האט א "גורל" געצויגען און זיין נחלה איז באשטימט געווארען, לויט דעם נומער וואס דער מזל האט איהם אין האנד אריינגעבראכט. די חלקים ערד, זיינען אויפ'ן פלאן נו־מירירט געווען, באצייכענט און איינגעטהיילט אין גרו־פעס, צו אכט הייזער, צו זעקס און צו פיער אין יעדערער און ביים עק, צו גרענעץ פון לאנד, איז פארבליעבען א גרופע פון צוויי און אויך פון איין איינציגען קאלאניסט. אזוי איז ארוים פון אגרימענסאר'ס אויסמעסטעריי און דעם אינ־זשעניערס פלענער.

ווען אייניגע באקאנטע אדער פערוואנדטע משפחות, האבען זיך געוואלט באזעצען צוזאמען, אום זיי זאלען וואוינען אין שכנות — אין איין און דער זעלבער "גרופע", האט עס די אדמיניסטראציע ניט ערלויבט. יעדער איינצעלנער האט געמוזט ציהען א באזונדער נומער און וואו זיין "גורל" איז געפאלען, מיט ווילד פרעמדע, אפט אונוויררדיגע מענשען — אהין האט מען געמוזט געהן און פאר ליעב אנ'געהמען.

מיר האבען פראטעסטירט געגען דיזער פארארדנונג און גערביל האט זיך געהיצט:

— אה, זי וואללען אלע רעוואלוציאנערן צוזאמען זיין! וואהנען אלע באנאנד! אה ניין! ניין! ציהען זי א לאז'ע אונד באסטא!

מיט שוועריגקייט האבען מיר געפועל'ט דאס ברידער. א פאטער מיט קינדער, זאלען נאר איין נומער, דעם פון דער גרופע ארויסצי־העו. אויך די עלענדע, וואס האבען קיין קרובים ניט געהאט צוויי־שען די אימיגראנטען, מעגען זיך יעדערער צוזאמענפאארען מיט אנ' "אמיגא" און צוזאמען מיט דיזען "פריינד" איין גורל אויף צוויי נומערן לאנד ארויסציהען, בכדי זיי זאלען וואוינען אין שכנות. דאס האט מען אנגערופען דער "ברודער גורל" אדער "גורל שכן".

דאס איז דורכגעפיהרט געווארען אויף פאלגענדען אופן: צוערשט האט מען ארויסגעצויגען דעם נומער פון א "גרופע", נאכהער האבען די 8 אדער 6 קאלאניסטען פון דער גרופע, א יעדער געצויגען א נו־מער, אום צו באשטימען וואסער חלק לאנד ס'געהערט צו איהם, דא האט ווירקליך געשפיעלט דער מזל די איינציגע ראל: מחמת וואס פאר א לאנד, וואסערדיגס, טרוקענס, פעטס אדער מיזערנע ס'איז־אנ־געקומען, וועלכע שכנים ס'זיינען אויסגעפאלען — מיט דעם האט מען זיך געמוזט צופריעדען שטעלען און אנ'געהמען פאר ליעב.

זעקס "כאלאסטאיעס", ברידער און שוואגערס, די פאמיליע קיי־לעס און שמולטשוס, — זיינען די ערשטע אויפ'ן לאנד ארויף. פא־מיליאנטען האבען זיך ניט געוואלט ריהרען פון ארט, ביז עס וועט לען אויפ'ן "קאמפ" קיין הייזער ניט אויפגעבויעט ווערען.

פיעלע פון די אימיגראנטען זיינען נעגאנגען קוקען ווי מען וועט די קיילעסיעס ארויספיהרען אויפ'ן פעלד אום ענדליך קאלאניסטען צו ווערען. אנדערע האבען זיך געפרעהט: סוף כל סוף ווערט מען שוין אקערבויער. אבער די מעהרסטע האבען געוויינט, געשאלטען די גאנצע וועלט און פעסט בעשלאסען אין אזא קלעגליכער פארמע, מיט די ביידלאך, מיט א קליין האנד־פלוגעל און איין פאאר אק־סען, — אויפ'ן פעלד נישט צו געהן, סיידען מ'וועט פריהער גע־בען גוטען רעמאנענט און אויסבויען פאסיגע הייזער צום וואוינען.

איינציגע טעג נאך פסח, בין איך געגאנגען אין דער אדמיניסטרא־ציע אום דארט, ביים דר. יאפפע צו פערשרייבען מיין מיידעלע, וואס מיין פרוי האט אסרו חג של פסח געבוירען. איך האב גראדע גע־טראפען ביים דאקטער דעם ה' גערביל, מיט'ן נייעם אדמיניסטרא־טער וואולף.

— ווי וועט הייסען אייער ניי־געבוירענע טאכטער? — האט דער דר. געפרעגט.

— מרים אסתר, וועט איהר נאמען זיין. — האב איך געענטפערט.

— אה, וואס פאר א שעהנעס נאמען דאס איזט! — האט גער־ביל באהויפטעט, — פיעלעס איז ביי די יודען שעהן, שעהנע צארטע פרויען, שעהנע קינדער, אבער קיינע שעהנע זיטען! די זיטליכקייט איז געמיין, עקעלהאפט! — האט ער פארעכטליך געזאגט.

איך בין געבליבען שטעהן ווי פארגאפט און פערשעהמט, פיהלענ־

דיג דאס די בלוט איז מיר אין פנים אריין. ער האט וויזט אויס באמערקט און שוין מיט א פריינדליכען טאן געזאגט:

— זיינט רוהיג: איך דענק אייך ניכט צו סיקירען. איך זאג׳עס אין בעצוג צו דער אימיגראנטען מאסע... צווערשט שרייען זיי אלע: לאנד! לאנד! יעצט ווילען זי זיך פון פלעק ניכט ריהרען... נור די גרופע 41, מיט די געברידער קיילעס, איז׳טס אונז צום ארגאנזשי־רען געלונגען און ניכט מעהר!

— שיקט מיר, הערר גערביל! — האב איך ענטשלאסען געפא־דערט. — שיקט מיך, איך געה אין קאמפ און וועל אייך נאך דאנק־באר זיין.

— "בוענא": — האט ער צופרידען געענטפערט. — זוכען זי א לאז־ברודער אונד קאממען זי מיט צעהן טאגע שפעטער, אום אייער לאטערי־לאז׳ צו ציהען, דאן ווערדען מיר אייך אם לאנד שיקען.

מיט שמחה בין איך געלאפען דער קינפעטארען אנצוזאגען, דאס אין גיכען וועלען מיר בעקומען אונזער נחלה און פטור ווערען פון דעם לאגער, פון דער כאליאסטרע און פון דעם גאנצען אנגעזאמעל־טען שמוץ...

21.

הערש - לייביק׳ל גנב.

א פּאר טעג שפּעטער, זיץ איך מיר אין אַנ׳אָווענד אין מיין ביידעל און קוק אריין אין א ספר... אינעווייניג איז ציטליך קאַלט געוועזן, און די געווינערין, מיין פרוי, ליעגט מיט׳ן פּיצעל קינד אויף דער "קאטרע" און בעט מיך, איך זאל אויסזוכען נאך עפּעס א שמאטע און איהר בעסער איינדעקען, ווייל זי פיהלט א שרעקליכע קעלט. איך טוה אוים איינעם פון מיינע צוויי רעקלאך, די בגדי מלכות מיינע און דעק זי איין. אינדעם עפענט זיך שטיל דאס בלעך, וואס האט געדיענט אלס טהיר און עס קומט אריין א באוואַקסענער פנים, מיט א רויטע געדיכטע באָרד און א גאַנצע קוטשמע האאר.

— וואס טהוסטו, דו לעהרענסטו? — פרעגט ער מיר גראָב, אין א הייזעריגען קול, — דיין ווייב איז א יולדות און אין ביידעל אין דיינער, איז שטאַרק קאַלט! פאַרוואס מאכסטו ניט קיין פייער, יאלד איינער? די געווינערין קאָן דאך אזוי אויסגעהן פאַר קעלט!

איך האב זיך דערשראקען פאר׳ן ברייטביינערדיגען געזונדטען אידען. מיט דער האהריגער צורה און איבערהויפּט פאר׳ן פּלאַקען וואס ער האט אין האנד געהאלטען און דאן פאר זיין שטעכעדיגען בליק וואס ער האט אויף מיר שפּאָטיש געוואָרפען מיט זיינע גרויסע אויגען: — ער האט הפנים מיין שרעק באמערקט און האט זיך צו מיר געווענדעט שמייכלענדיג:

שרעקט אייך ניט. איך בין דער וועכטער. גערביל האט מיך אויסגעשטעלט אלס שומר אפּצוהיטען דאס געהילץ און דעם בוימאטעריאל וואס ליעגט אין דרויסען נעבען דער אדמיניסטראַציע. אום די אימיגראַנטען זאלען עס ניט צושלעפּען צום הייצען... וואַרט א מינוט, ס׳איז א רחמנות אויף דער קימפּעטאָרען, איך וועל דיר ברייגנען האלץ. האסט א האַק? אַה? געוויס צוגענומען ביי דיר בשעת ס׳איז די רעוואלוציע געוועזן? — האט ער מיט פאַרדראס א קריץ געטהאן מיט די ציינער און איז אוועק.

אין א פאאר מינוט ארום, איז ער צוריק געקומען מיטברייענגענדיג א לאפאטשע־ברעט, וואס האט געוויס אייניגע פעזאס די ווערטה געהאט. פונ'ם גארטעל האט ער ארויס גענומען א שארף העקעל און האט עס צוהאקט אויף שטיקלאך, מיך געבענדיג דערביי עצות:

— מאך פייער, יאלד! קאך אפ טהעע און דערלאנג דעד יולדות!

איך האב געפאלגט. ווען די טהעע איז פארטיג געווארען און די קינפעטארין האט אפגעטרונקען, האט ער זיך נעבען מיר אויפ'ן קעסטעל אוועקגעזעצט און מיך געפרעגט איראניש:

— ווייסטו ווער איך בין? ווייסט וועמען גערביל האט פאר א שומר געשטעלט?

— וואס זאל איך וויסען? — האב איך גלייכגילטיג געזאגט.— איך זעה דאס איהר האט א גוטע אידישע תארץ...

ער האט זיך פאנאנדערגעלאכט און פארטגעזעצט:

— "איך בין הערש־לייביק'ל גנב: דו הערסט? מיין פאמיליע נאמען איז ג י י ע ר, אין קאנסטאנטין פון רוסלאנד, האט מען פאר מיר מורא געהאט: אימת מות! די ערד האט דארט געברענט אונטער מיינע פיס... כ'בין פון טורמע אנטלאפען און דא בין איך א שומר געווארען: היט, דאס גנבים זאלען ניט לקח'ענען! כא! כא! כא!"

ער האט זיך..וויזט אויס, זעהר ענטוזיאזמירט מיט זיינע עראינערונגען און האט מיר גענומען דערצעהלען די פלאי פלאות פון זיינע גנבות, מערדערייען, כיטראסטען און זיין שפיצבובעריי, אז די האהר האבען זיך מיר אזש קאפויר געשטעלט.

עטליכע נעכט כסדר איז ער געקומען און אלץ דערצעהלט די עפיזאדען פון זיין לעבען און די וואונדער וואס זיינען מיט איהם געשעהן אין פון אלע זיינע מעשיות, פלעגט ער אלץ זאויסברייען, דאס קיינער איז ניט בעסער פון איהם; דאס יעדער מענש איז א גנב, א שווינדלער און א לומפ; אלע לעבען דאך פון גנבה, גזלה און אפנארעריי; איינער דעם אנדערן האלט מען אין איין באשווינדלען און באטריגען... נאר די איבעריגע מאכען עס פולירטער, מיט מעהר צביעות, מעהר פליטעדלאך און ז י י ן ח ב ר ה, מאכט עס פראסט אין פשוט...

— דא זיינען פאַרהאַן פיעלע פון אונזערע ברידער! — האט ער מיר איין מאהל אין א שמועס פארטרויט. — דא זיינען פארהא;

אונזעריגע פון אלע טורמעס... א טהייל פון זיי, ווילען טאקע אין אמת'ן אנהויבען פיהרען אנ'ארענטליכען לעבען. אוועק־ווארפען פריהערדיגע "פראפעסיע" און זיך אפגעבען מיט ערד ארבייט... ווייל נור ביי איהר, ביי דער "מאטושקא זעמליא", איז ניטא קיין גנבה און קיין שווינדעל. וואס ניט אזוי? הער נאר דו, קלויזניק וואס די ביזט! — גיט ער זיך שעלמיש א כאפ און שטעלט אויף מיר אן זייטע שווימענדע גרויע אויגען. — א יא אז די קאלאניזאציע איז א ריין, כשר, ארענטליך שטיקעל ברויט? אבער, — טהוט ער א טרייסעל מיט זיין באוואקסענעם קאפ, — אבער ס'איז שווער זיך דערצו צו־צוגעוועהנען! כ'לעבען שווער... בפרט דא אין ארגענטינא, אזא פרייע פעלד, א נייע וועלט... אונזער חברה וועט דא מאכען געשעפט און נתעשר ווערען...

— . —

איך האב קוים דערלעבט דאס מיין פרוי זאל אויפשטעהן פון קינפעט און תיקף בין איך געגאנגען צו גערבל'ן און איהם געבעטען, דאס ער זאל מיך אויף לאנד שיקען. כ'האב שוין אויך געפונען א גורל־שכן, א יונגען מאן פון א יאהר צוואנציג, לייב ווילענסקי, מיט זיין אכצעהן יעהריגער ווייבעל, ראזע — אויך עלענטע, אהן קרובים אין לאנער און וועמעסביידעל, איז געוועזן אין שכנות מיט מיין גאלפאנטשיק. הערר ווילענסקי האט היינט ב"ה צעהן קינדער, פיעלע אויסגעגעבענע, איז אנ'ארענטליכער קאלאניסט און מיר זיינען ביז היינט די בעסטע פריינד פארבליבען. אינ'ם לויף פון דער דערצעהלונג. וועט מיר נאך אויסקומען, א סך מאהל איהם צו דערמאנען.

איך האב ארויסגעצויגען דעם נומער 43, אי פיר מיר, אי פאר מיין שכן ווילענסקי און ס'איז בעשטימט געווארען, דאס מיר געהען אויפ'ן קאמפ.

22.

די ערשטע טעג אויפ׳ן קאמפ.

אין א פרייטאג גאנץ פריה, איז צו מייןביידעל צוגעפאהרען א "קארעטא" און מיך, מיין פאמיליע, מיין בלעכענער שטוב, מיין קליין הינטעלע: גלינקא, מיט בכל, מכל, כל, אלעס ארויפגענומען. געדביל איז הערביי געשטאנען און מיר פארשפראכען, דאס מיט א פאאר טעג שפעטער, וועט ער אויך ווילענסקי׳ן אריבערפיהרען. דער וואגען האט געריהרט און אויף א הייסבלוטיגען שווארצען פערד, האט פאראויס געלאפירט דעם אינזשעניער׳ס א פעאן מיט׳ן פלאן אין האנד, אום אנצוציינגען דעם נומער לאנד.

א שעה רייזע האט געדויערט מיט׳ן וואגען געשפאנט צו צעהן פערד. לאנגזאם האבען זיך די רעדער געקייקעלט צעווישען די הויכע דערנער און גראזען, ביז מיר זיינען געקומען צום באשטימטען פלאטץ, וואו מען האט אונז אראפגעווארפען אויפ׳ן סטעפ: א פוסטע פעלד, באוואקסען מיט הויכע ווילדע גראזען מכל המינים. דער אנטרייבער האט מיט זיין בייטש אויסגעקנאלט און איז אוועק געפאהרען.

האבען מיר אנגעפאנגען צוזאמענלעגען אונזער בעל־הבית׳ישקייט: א זעקעלע גאליעטען, א קאפעטשקע צוקער, טהעע, א שטיק פלייש— דעם פראוויאנט וואס מען האט אונז פון דער אדמיניסטראציע מיטגעגעבען. דאן דעם רעמאנענט: א ריסקאל, א האק, א שטריק, אנ׳עמער אויף וואסער, שוועבעלאד און קעראסען.

דערווייל איז אויך אנגעלאפען דעם אינזשעניערס "פעאן":

— קומט וועל איך אייך אנצייגען אייער לאנד! — ער האט פאנאנדערגעוויקעלט זיין פלאן און מיט׳ן פינגער געוויזען. — אט זעהט: גרופע נומער 43. טויזענד מעטר די לענג צו "אעסטע" — צום מערב־זייט, פינף־הונדערט די ברייט פון זיד צו נארד. — דאס שטעלט צוזאמען פופציג העקטאר. אט דאס איז אייער ערד! אדיע! — האט ער פארענדיגט. — די "עסטאקאס", דאס וועט איהר

שוין אליין געפינען: פלעקער פון רויטה־האלץ אויף וועלכע עס איז אויסגעברענט דער נומער 78 פון אייער לאַטע: פאַרשטאַנען האַ? — און ניט אפוואַרטענדיג קיין ענטפער האט ער צולאָזען זיין פלינקען פערד און איז פאַרשוואונדען.

— וואס זאגסטו אויף וואס פאַר אַ אַרט מען האָט אונז דאַס לאַנד איבערגעגעבען? האב איך צו מיין פרוי געזאָגט. — איך הויב ניט אַן וויסען וואס און ווען...

— אַ דאַנגה האסטו. — ענטפערט זי מיר. — מיר'ן שוין שפּעטער אויסגעפינען די גרענעצען און זיך אויסלעהרנען די מלאכה, דערווייל לאמיר אויפשטעלען אונזער געצעלט און אַנהאַדרעווען די קינדער. אָט לאָמיר עפּעס טהאָן און ניט זיצען לעדיג...

דאָס ערשטע נויטווענדיגקייט וואס מיר האבען באַלד דערפיהלט, איז געווען: וואַסער. עסען האבען מיר זיך פערזאָרגט. אבער וועגען וואסער האבען מיר אפילו ניט געטראַכט. וואו נעהמט מען וואסער? אַרום און אַרום, — פעלד און גראָז, פּוסט און לעער. הי־מעל און ערד. געהן ערגעץ זוכען אַ טייכעל, האבען מיר מורא געהאַט פאַר'ן ווילדען סקאָט וואס האָט זיך אין די טויזענדער שטיקלאַך אַרומגעדרעהט איבער'ן „קאַמפּ".

מיר האבען שוין אַ ביישפּיעל געהאַט פון יוסעל באַלאַטניקאָוו. ווען עס האבען אַ הונדערט „שטיקלאַך" אַרומגערינגעלט אי׳ מיט'ן פעלד, האבען געבריוועט, געברומט, מיט די פיס די ערד גע־וואַרפען און אַ דריי שעה איהם אין פּלען געהאַלטען. ער איז שיער ניט אויסגעגאַנגען פאַר שרעק, וואַרפענדיג זיך אויף אלע זייטען. גוואַלדעווענדיג און טרייבענדיג. וואס עס האָט זיי נאָך מעהר צו־רייצט. גליקליכערווייזע איז אַנגעלאָפען אַ רייטער, פאַר וועלכען זיי האבען גרעסטענטהיילס מורא און האָט זיי צעטריבען, באַפרייענ־דיג דעם געפאַנגענעם.

— אַ פעהלער האבען מיר געמאַכט. מיר האבען געדאַרפט מיט־נעהמען אַ „דאַמאַכוואַן" — אַ בוטעל מיט וואסער. — האָט מיין פרוי באַמערקט.

די נויטה איז דער בעסטער לעהרער און זי האָט אונז אַנגעוויזען דעם מיטעל. מיר האבען גענומען דעם ריסקאַל און זיך געשטעלט גראַבען די ווייכע ערד. וועקסלענדיג זיך מיט מיין פרוי, האבען מיר

מיט'ן שארפען רידעל, אויסגעגראבען אנ'אנדערטהאלבען מעטר די טיעף און באלד אנגעטראפען פריש־וואסער. היינט מוז מען שוין גראבען 10 און 15 מעטר די טיעף, אום צוצוקומען צו א וואסער־אדער. ווי גליקליך זיינען מיר געווען, באקומענדיג זיסע, גוטע וואסער! ס'איז נאך אמת געווען עטוואס לעהמיג, אבער בע'טעם'ט.

— ווי גליקליך! — האט מיין פרוי ענטציקט געזאגט. — אייגענע וואסער אויף אייגען לאנד און דורך אונזער אייגענער ארבייט בעקומען. אברהם: — האט זי זיך געווענדעט צו אונזער בכור, דעם אכט יאהריגען אינגעל, — מאך א ברכה און טרינק דאס זיסע וואסער!

— נאך מעהר דארפען מיר זיך פרעהען, וואס מיר האבען גע'פטר'ט די כאליאסטרע, דעם שמוץ, די פרויענהענדלער און די גנבים. — האב איך צוגעגעבען.

מיר האבען אויפגעגעסען א "גאליעט", פארטרונקען מיט דער געשמאקער וואסער און זיך פלייסיג גענומען אונזער געצעלט אויפצושטעלען. מיין אברהם און דאס מיידעלע רבקה, פון זעקס יאהר, האבען מיטגעהאלפען ארבייטען, דערלאנגענדיג אלעס צום האנד.

די נאכט איז אונטערגעפאלען און מיר האבען פון די בלעכען, קוים צוויי ווענט אויסבייעט אויפצושטעלען.

ס'איז שבת געווארען. מיין פרוי האט איהרע צוויי שבת־ליכט געבענשט און איך מיט מיין אינגעל, האבען אונטער גאט'ס גרויסען און ברייטען הימעל, מקבל שבת געווען.

אונזער פרייטאג־צו־נאכטיגע סעודה, איז נעבאך אן ארימע געווען. ווידער גאליעטען מיט וואסער. א שטיקעל פלייש קיין צייט נים געהאט אפצוקאכען אדער אפצובראטען. אין דער האלבערביידעל, האבען מיר די קינדער שלאפען געלעגט און אליין זיך אין דרויסען אויף א קעסטעל אנידערגעזעצט און גענומען פלאנעווען, ווי אונזער נייע היים איינצואָרדענען.

די לבנה איז פון די "זשוזשעס" ארויסגעקראכען און אין א צירקעל געשוואומען אנטקעגען אונז. איך האב דער נאכט הערשערין אין פנים אריינגעקוקט און מיר האט זיך געדאכט, דאס זי שמייכעלט צו אונז ביידען... זי איז הפנים צופריעדען געווען, מיט מענשען צו פארברייננגען אינ'ם פוסטען פעלד, וואו זי בלאנזשעט ארום

טויזענדער יאהרען און זעהט פאר זיך ניט קיין פריינדליכען געזיכט...

ס'האט זיך געהערט דאס קוואקען פון זשאבעס, — א סימן איז ניט ווייט איז אנ'אזערע פאראן... א פאאר סאוועס זיינען אנגעפלויגען און האבען זיך הפנים פארוואונדערט, דערזעהענדיג אומגעריכטע געסט. זיי האבען עטליכע הקפות געמאכט ארום אונזער געצעלט און אויף זייער לשון, געגרילצט אין די אויערן. האבען זיי געשאל־טען געבענטשט? ווער ווייסט עס. ענדליך זיינען זיי מיעד געווארען, האבען אויף אונז אנגעשטעלט זייערע געל־מעטאלענע, קיילעכדיגע אויגען, אונז צולעצט פארגלעזערט אנגעקוקט און לסוף זיך אוועק־געטראגען הינטער דער לבנה.

מיר זיינען פערבליבען אליין. גאנץ אליין אין דער מוטער־נאכט, צעווישען די ששת ימי בראשית'דיגע גראזען, וואס די פוס פון א ווייסען מענשען האט נאך געוויס ניט באטראטען... אליין איז גע־היימניספולען פאמפא־מדבר: — אבער די האפנונג וואס באגלייט אימער דעם מענשען אין זיין שווערען לעבענס־וועג, האט אונז דאן אויך ניט פארלאזען און האט אונז איינגעפליסטערט זיסע טרוימען איבער א גליקליכער צוקונפט.

זיינען מיר געזעסען און פראיעקטען געפלאכטען: פלענער גע־מאכט ווי די שטוב צו פארפוטצען, א גארטען זעצען, א סאד און א גאנצען וואלד פלאנצען. האדעווען בהמות און עופות און ענדליך ווערען רייך, שטיין רייך, אריבערברענגען די עלטערן פון רוסלאנד און פון גאליציע, קינדער אויפציהען און פאר לייט מאכען, און... און...

לאנג האבען מיר געשמועסט, ביז ס'איז געווארען שפעט ביי נאכט און ווען מיר האבען ערוואכט פון אונזערע חלומות אן זיך ארומגע־קוקט, האבען מיר זיך איבערראשט אויפגעשטעלט און מיין פרוי, צוטולענדיג זיך צו מיר, האט מיט ענטציקונג און עהרפורכט שטיל געפליסטערט.

— ווי שעהן די נאטור איז! ווי גראזארטיג ס'איז רונד־ארום: אך, ווי זעלטען שעהן!

ארום, אין דער אונענדליכער ווייטקייט, אויף וויפיעל דאס אויג האט פארכאפט, האבען געשעמערירט עלעקטרישע פונקען: ליכטלאך האבען אויפגעפלאמט און צווישען די גראזען געצאנקט... אויף

דער ערד איז צושאטען געווען, גין-גאלדענע פליטערלאך. א שטילעס מורמלען האט זיך געטראגען פון צווישען די גראזען. א לייכט ווינטעלע האט די קעפלאך פון די אייביגע געוויקסע, איינס צום אנדערן צוגעבויגען און זיי האבען זיך שטיל גע'סוד'עט: — הפנים פון ליעבען געשרעדט... איך קען שווערען, דאס מיר האבען אליין געהערט, ווי די נאטור זעלבסט האט צו אונז גערעדט און אונז איבערגעגעבען די אונשטערבליכקייט פון איהר גרויסער מיסטעריע...

מיר זיינען ביז צום העכסטען באגייסטערט געווארען. די מורא איז פון אונז פארשוואונדען און מיר האבען זיך געפיהלט זיכער, אונטער דיער שוץ פון גאטס גרויסקייט און אין דער נאהענטקייט פון נאטורס רייכטהימער...

קיין חיות רעות זיינען אין געגענד ניט געווען, — דאס האבען מיר געוואוסט. די אינדיאנער וואס האבען זיך אמאהל דא אויפגעהאלטען, זיינען שוין לאנג פארטריבען געווארען, העט־העט, גאנץ ווייט און פיהלענדיג זיך זיכער, ווען זאגאר איינזאם, האבען מיר אפאאר בלעכען אוועקגעלעגט קווער, ביי דער זייט פון ביידעל און מיט צופרידענהייט איינגעשלאפען די ערשטע נאכט אויף אונזער ערד.

שבת פריה. פייער טהאר מען ניט מאכען. די פרוי מיינע זויגט א פיצעל קינד, זי דארף נויטהיג א גלאז טהעע און כ'האב געוואלט מתיר זיין מיין אברהם'ן, דאס ער זאל פייער מאכען: אבער מיין פרוי, א שטרענג ארטאדאקסישע, האט עס ניט דערלאזט.

— מיר טהארען ניט ווייזען די קינדער קיין וועג מחלל־שבת צו זיין! — האט זי געפאדערט.

אבער יעצט האבען די קינדער אליין א היתר אויסגעפונען: און נאך וואס פאר א היתר: אויף כל התורה כולה...

דאמאלסט האבען מיר דעם טאג אפגעפאסט, די קינדער איינגעווייקטע גאליעטען מיט שווארצליכען זאמד־צוקער באשאטען און מיר האבען זיך געשפייזט מיט גאלדענע חלומות... דערפאר אבער מוצאי־שבת, האבען מיר פון א פאאר קילאס פלייש א בראטען געמאכט, געגעסען פעט־פלייש און פערטרונקען מיט זיסער טהעע.

זונטאג האבען מיר זיך גענומען צו דער ארבייט. די דריקלאך פון דער ביידעל זיינען געווען צוגעמאסטענע, צוגעפאסטע און צוגעשני־

טענע: שרויפען און טשוועקעס לרוב אזוי, אז גיך איז אונזער בלע-כעטע הייזקע פערטיג געווארען. דעם צינקענעם עמערל צוגעבונדען צו א שטריק און אויך צורעכט געמאכט דעם ברונעם דאס מ׳זאל קענען וואסער שעפען. אט אויף אזא אופן זיינען מיר צו מזל בעלי־בתים געווארען.

23.

אומזיסטע שרעק פאַר נוצליכע, רוהיגע חיות.

אויפ׳ן דריטען טאָג, האָבען מיר אָרום שטוב אָפּגעשאָבען אַ גרויסען פּלאַץ, אָפּגערייניגט די דערנער און גראָזען און אויסגעבויעט אַן ערדערנעם אויוועז. דאַמאָלסט האָבען מיר זיך אַרומגעזעהן, אַז עס וועט אונז פעהלען הייצונג.

— מען דאַרף געהן קלויבען קיזיס. קיין ווילדען סקאָט זעהט מען נים, איז נימאָ וואָס מורא צו האָבען.

— נעהם מיט גלינקאַ׳ן! — האָט מיר מיין פרוי אַנ׳עצה געגעבען. איך האָב גענומען אַ זאַק, גערופען מיין הינטעל, וואָס איז געווען אַ נאָמען נאָכ׳ן קאָמענדענצער געבערנאַטער און זיך געלאָזען אין פעלד אריין.

אָפּגעהענדיג אַ שטיק־וועג, האָב איך זיך בעטראַכט, דאָס מען דאַרף אָפּט זיך אומקוקען אויף הינטען, אום ניט צו פאַרבלאָנדזשען אינם וואַלד גראָזען. אויף אַ מרחק פון עטליכע הונדערט מעטר, האָבענדיג אָנגעקלויבען דאָס מין... נעהם איך מיר דעם פולען זאַק אויף די פּלייצעס און וויל זיך לאָזען געהן אַ היים: אָבער ווענדענדיג מיין בליק אין ריכטונג צו מיין הייזקע, דוכט זיך מיר, דאָס אַ מענש שטעהט אויפ׳ן דאַך. וואָס זאָל עס זיין? בלויז אַ מיראַזש? איז עס די קראַפט פון כח הדמיון, וואָס בלענדעט מיר די ראיה? אַ פּחד האָט מיך באַהערשט. זיינען דאָרט חלילה גאַאוטשאָס איבערגעפאַלען מיין פרוי מיט די קינדער? פיליכט בלאָנקען נאָך אָרום מענשעפרעסער אינ׳ם געגענד?

איך שליידער אָוועק דעם זאָק און לאָז מיך לויפען צווישען בוריאַן. וואָס איך דערנעהענטער זיך, אַלץ דייטליכער זעה איך דאָרט די מענשליכע פיגור: אָבער די שאַרפע זונען שטראַהלען וואָס פינקלען פונקט אַנטקעגען, הינדערען מיך די פערזאָן צו דערקאָנען.

— שנעל "גלינקאַ" — רעד איך צום הינטעל, אום אַזוי זיך מוטה צו שאַפען. — קום לאָמיר לויפען. עפּעס איז דאָרט געשעהן.

טענע: שרויפען און טשוועקעס לרוב אזוי, אז גיך איז אונזער בלע־בעטע הייזקע פערטיג געווארען. דעם צינקענעם עמערל צוגעבונדען צו א שטריק און אויך צורעכט געמאכט דעם ברונעם דאס מ׳זאל קענען וואסער שעפען. אט אויף אזא אופן זיינען מיר צו מזל בעלי־בתים געווארען.

23.

אומזיסטע שרעק פאר נוצליכע, רוהיגע חיות.

אויפ'ן דריטען טאג, האבען מיר ארום שטוב אפגעשאבען א גרויסען פלאטץ, אפגערייניגט די דערנער און גראזען און אויסגעבויעט אן ערדערנעם אויוען. דאמאלסט האבען מיר זיך ארומגעזעהן, אז עס וועט אונז פעהלען הייצונג.

— מען דארף געהן קלויבען קיזיס. קיין ווילדען סקאט זעהט מען ניט, איז ניטא וואס מורא צו האבען.

— נעהם מיט גלינקא'ן! — האט מיר מיין פרוי אנ'עצה געגעבען. איך האב גענומען א זאק, גערופען מיין הינטעל, וואס איז געווען א נאמען נאכ'ן סאמענעצער געבערנאטער און זיך געלאזען אין פעלד אריין.

אפגעהענדיג א שטיק־וועג, האב איך זיך בעטראכט, דאס מען דארף אפט זיך אומקוקען אויף הינטען, אום ניט צו פארבלאנדזשען אינם וואלד גראזען. אויף א מרחק פון עטליכע הונדערט מעטר, האבענדיג אנגעקלויבען דאס מין... נעהם איך מיר דעם פולען זאק אויף די פלייצעס און וויל זיך לאזען געהן א היים: אבער ווענדענדיג מיין בליק אין ריכטונג צו מיין הייזקע, דוכט זיך מיר, דאס א מענש שטעהט אויפ'ן דאך. וואס זאל עס זיין? בלויז א מיראזש? איז עס די קראפט פון כח הדמיון, וואס בלענדעט מיר די ראיה? א פחד האט מיך באהערשט. זיינען דארט חלילה גאאוטשאס אריבערגעפאלען מיין פרוי מיט די קינדער? פיליכט בלאנקען נאך ארום מענשעפרעסער אינ'ם געגענד?

איך שליידער אוועק דעם זאק און לאז מיך לויפען צווישען בוריאן. וואס איך דערנעהענטער זיך, אלץ דייטליכער זעה איך דארט די מענשליכע פיגור: אבער די שארפע זונען שטראהלען וואס פינקלען פונקט אנטקעגען, הינדערען מיך די פערזאן צו דערקאנען.

— שנעל "גלינקא" — רעד איך צום הינטעל, אום אזוי זיך מוטה צו שאפען. — קום לאמיר לויפען. עפעס איז דארט געשעהן.

איינגעטונקען אין שוויים, צעשמיסען ביז בלוט פון די בוריא־נעס און גראזען וואס האבען מיר איבערן געזיכט געצוויקט, בין איך מיט אימפעט און שרעק געלאפען... איך דערקען שוין די פערזאן: מיין פרוי מיט'ן אינגעל, שטעהען אויפ'ן פלאכען דעכעל און קוקען עפעס ווייט פאראיבער אין די גראזען. שרייען, האב איך מורא גע־האט, ווייל ווער ווייסט וואס דארט קומט פאר. און איך מיט מיינע קולות קען נאך פארגרעסערן די געפאהר... לויף איך נאך האסטי־גער. אבער "גלינקא" האט אנגעהויבען האווקען: מיין פרוי האט מיך דערזעהן און מיט'ן האנד האט זי מיך אנגעצייגט: דאס איך זאל זיך פארנעהמען לינקס און ניט געהן אין דער זייט וואוהין זי די פרוי מיינע — קוקט.

אין איינציגע מינוט ארום, בין איך אויך אויפ'ן דאך געשטאנען. מיין פרוי, א בלאסע, א דערשראקענע צייגט מיר, דאס דארט דרעהט זיך ארום עפעס א משונה'דיגע חיה, מיט א לאנגען האלדז און דערציהלט מיר, דאס די בריאה איז אקארשט געווען נאהענט פון הייזעל, האט זי פאר מורא גוט פארריגעלט די טהיר און ארויפ־געקלעטערט אויפ'ן דאך.

— זעה נאר, זעה נאר! דארט איז עס! — ציהט מיך ביים האנד מיין איבערראשטע פרוי.

"גלינקא" האט דער חיה דערפיהלט און זיך געווארפען אויף איהר סליאד און איהר צופוזשעט. ערשט דאן האב איך דערזעהן א פויגעל גרויס ווי א קאלב, מיט גרוי־ווייסליכע פעדערן, א פאאר שווארצע הויכע און פעסטע פיס, מיט א אומגעלומפערטען לאנגען האלדז.

— דאס איז דאך א שטרוים־פויגעל! — האב איך איהר בא־רוהיגט. אומזיסטיגע שרעק געווען.

שפעטער פלעגען מיר פאנגען די יונגע שטרויסען אקוראט ווי די גרויסע "גאמאס" — די הירשען און צוזאמען מיט זייער קליינווארג, זיי צוגעוועהנען צום שטוב און זיי פארוואנדלען אין נוצליכע הויז־טהיערע.

אויפ'ן דריטען טאג נאך דער פריהערדיגער פאסירונג, האט א וואגען געבראכט מיין גורל־שכן, ווילענסקי'ן מיט זיין פרוי.

אונזער שמחה איז געווארען אנ'אונבעשרייבליכע, מיר זיינען שוין מעהר ניט געווען איינזאם.

און פון דיזען מאמענט, הויבט זיך אן אונזער שאפען, בויען און פלאנצען, די לאנדווירטשאפטליכע איינארדענונג אין אונזער נייער היים.

24.

מיין ערשטע „מולא" און די ערשטע קוה.

אז מיר האבען מיין שכן'ס שטוב צונויפגעשטעלט, בין איך מיט איהם צופוס אוועק אין דער אדמיניסטראציע. מיר האבען זיך אדורכגעגנב'ט דורך די סטאדעס ווילדע פיה און בשלום אהינצו אנגעקומען. מיר האבען זיך צו די אדמיניסטראדארען מיט א בקשה געווענדעט, דאס זיי זאלען אונז געבען רעמאנענט אום צו קענען אקערן און זעען און פערד צום רייטען: ווייל אהן א פערד איז אין "קאמפ" אונמעגליך דורכצוקומען.

דער הערר וואולף האט שטיל זיך בעראטהען מיט גערבל'ן און באלד עפעס באפוילען דאן כוליא'ן, וועלכער איז שנעל אוועקגע־ריטען און גיך געבראכט א מוילאייזעל — "מולא" און איין פערד.

— איך זעה אן איין, — האט דער אדמיניסטראטער שמייכלענד געזאגט. — דאס איהר זיינט פון צו הויז ניט פון די גרויסע רייטער... דארום וועל איך אייך געבען א שפאנישען זאטעל מיט דער דאזיגער צאהמער געלער "מולא" און אייער "אמיגא" ווילענסקי, וואס שיינט א געשיקטער יונג צו זיין, וועל איך דער־ווייל געבען דעם ברוינעם "פאטרא", אבער אהן א זאטעל. שפעטער וועט ער אויך דאס באקומען.

א גאנצע מענגע, מענער, פרויען און קינדער, זיינען זיך פון לא־גער אנגעלאפען, כדי צו זעהן ווי די ערשטע קאלאניסטען.— אזוי האט מען אונז און די ברידער קיילעס אנגערופען: — וועלען זיך זעצען אויף די פערד. ווילענסקי איז טאקע געווען א גוטער רייי־טער נאך פון דער היים אויס: ער האט פלינק זיך אויפגעזעצט אויפ'ן יונגען, פרעהליכען פערדעל און הגם ער האט תחילת גע־טאנצט, זיך געווארפען און די ביישטעהענדע האבען אלע אפגע־ווארט צו זעהן, ווי ער שליידערט איהם ארונטער, — דאך האבען זיי אזא שמחה זיך ניט דערווארט. ווילענסקי האט דאס פערד בא־הערשט, די לייצעס פעסט געהאלטען און מיט'ן אייזערנעם מו־

שטוק, איהם צוערשט דאס מויל צובלוטיגט, ביז דער "פאמרא" האט זיך אונטערגעגעבען. דאגעגען איז מיין געלע "מולא" געווען א רוהיגע, שטילע בהמה... האט מיט מיר א פאאר הקפות געמאכט, זיך אויסגעהירזשעט און דערמיט, ווייזט אויס, אנערקענט מיין אויטאריטעט. מיך אוועקטראגענדיג גערולדיג.

די לאגער אידען, האבען אפגעשפאט פונ'ם גאנצען געשעפט. קאביץ מיט זיין חבריא, האבען אונז באדויערט, באמערקענדיג:

— מען האט געדארפט ווארטען אויף גאלדשמיעד'ן און ניט געהמען אויף זיך אזוי איילענד דעם שקלאפען יאך.

מיר האבען אונזערס געטהאן און רייטענדיג א היים געקומען.

— זעה נאר ראזע: — האט מיין שכן אנקומענדיג, פון ווייטען געשריען. — זעה נאר מיין "מישאפ". — אזוי האט ער זיין "ברוינעם" מיט א נאמען געבענטשט.

די פרויען און קינדער זיינען מלא שמחה געווארען, דערזעהענ־דיג דאס פערד מיט'ן מוילאייזעל.

— אהא! מיר ווערען טאקע קאלאניסטען אויף אנ'אמת! — האבען זיי פרעהליך אויסגעשריען.

צו אלעם ערשט, האבען זיך די פרויען און קינדער גענומען לעהר־נען רייטען. די גוטע, אלטע, רוהיגע "מולא", איז א געטרייע לעהרע־רין געווען. עטליכע טעג נאכאנאנד, האט זיך אלע מאהל אנאנדער פרוי ארויפגעזעצט אויפ'ן ווייכען זאטעל און איינער פון אונז, פלעגט זי אויפ'ן "מישאפ" באגלייטען. אזוי איז מען ארומגעריטען. איבערן סטעפ, געזוכט עהער פון פויגעל און באטראכט די פיה, וואס האבען זיך אין די אלפים געפאשעט אויפ'ן פעלד.

שפעטער זיינען די פרויען אויסגעצייכענטע רייטערינס געווארען און אונז דערמיט פיעל נוצען געבראכט. מיר פלעגען ארבייטען אין פעלד מיט'ן פלוג און זיי זיינען געפאהרען אין קלייט און געבראכט די נויטהיגע שפייז. נאר דערפון וועל איך נאך ריידען.

האבענדיג "פערד", האט זיך שוין אויך געגלוסט א קיה צו באַ־קומען. — אביסעל מילך פאר די קינדער.

— אזוי פיעל קיה מיט קעלבלאך דרעהען זיך ארום איבערן קאמפ! — טענה'ן די פרויען, — איהר האט שטריק, טא כאפט א קוה, וועלען מיר זי צאהמען און מילך האבען.

מיר האבען פון א שטריק א "לאסא" געמאכט, זיך געזעצט אויף די פערד און זיך געלאזט אויפ'ן גייעג.

אויפן גרענעץ פון אליסע מיט אלגאראבא, האט זיך דאמאלסט געפונען א גרויסער און היבשער וואלד. קיינער ווייסט ניט באשטימט ווער ס'האט איהם געפלאנצט, ווייל סעניאר רעמעלא פראנקא, דער ערשטער ווירטה פונ'ם לאנד פארזיכערט, דאס זיינע עלטערן וואס האבען דארט כסדר געקעמפפט מיט די אינדיאנער, האבען שוין דעם וואלד געטראפען פונקט אזוי צעוואקסען און געדיכט ווי ער איז איצט געווען. שפעטער איז דער דאזיגער וואלד נאכ'ן גורל, אריינגעפאלען צו אונזער שוחט יצחק קרעלל און ער האט פון זיין שעהנקייט און עלטער א תל געמאכט. מיט'ן אידישען מסחר־גייסט און שוחט'ישער תמימות, האט ער פונ'ם אורוואלד ביז צום לעצטען בוים אויסגעהאקט און פארקויפט... אט צו יענעם וואלד זיינען מיר צוגעריטען.

אונטער'ן שאטען פון די בוימער מיט די גרינע צווייגען, וועלכע זיינען אריבערגעהאנגען איבער א שמאל טייכעל, וואס איז באוואקסען געווען מיט טשעראט אדער קאמיש, האבען זיך געפאשעט א סך קיה מיט קעלבלאך. נארוואס געבוירענע קעלבעלאך, זיינען גע־לעגען נעבען די קוסטעס, פינטלענדיג אנטקעגען דער זון, מיט זייערע תם'עוואטע, פארטרעהרענטע אויגעלאך. ווילענסקי, אלס דארפס־מאן, איז ענטציקט געווארען פון סקאט.

— זעהט נאר, אט יענע ראבע קוה! — זאגט ער ענטוזיאס־טיש: — אן עכטע האלענדער און דארט זיינען שווייצארסקע קיה, ביי אונז אין אוקראינע האט א יעדע דעם ווערטה פון צווייהונדערט רובעל.

לאנגזאם זיינען מיר ארום וואלד געריטען און אלעס בעטראכט. יעדער קוה האט אויף די העהרנער געהאט אנ'אויסגעברענטען נומער: — "געווים פון רייך בלוטיגער ראסע" — האבען מיר גע־טראכט.

מיר האבען פלענער געמאכט ווי־אזוי איינער פון די "פינא" קיה צו פאנגען.

— אט־א־דא! — זאגט צו מיר מיין קאמעראד גאנץ שטיל: — איהר זעהט דא די צעצווייגטע ווערבע וואס איז אנגעבויגען ביז

צו דער עור? פאהרט נאר צו נעהענטער!

בליץ שנעל, איז ער פונ'ם פערד אראפגעשפרונגען, צווישען די צווייגען געכאפט א קליין קעלבעלע און דאס אריבערגעלעגט אי־בער מיין זאטעל און באפוילען: "פאהרט און האלט זיך נאר פעסט!" אליין איז ער שוין ווידער אויפ'ן "מישאק" געזעסען.

דאס קעלבעלע האט יאמערליך געמעקעט און א יונגע קאשטאנע־קוה, האט עס דערהערט און זיך ווילד געלאזט לויפען, אום מיך דורס צו זיין און איהר "קינד" צו פארטהיידיגען... ווילענסקי איז אבער פלינק צוגעשפרונגען מיט זיין פערד און מיט'ן שטילכען פון דעם אראפניק, דערלאנגט א מעכטיגען זעץ דער קוה צעווישען די עהרנער: די קוה איז אפגעלאפען אן א זייט, האט גערעוועט און בען מיט די קלויען די ערד געפארפעלט. איך האב דערווייל אפגעע־ריעטען א היבשע שטרעקע. דאס קעלבעל איז זיך געלעגען קווער איבער'ן זאטעל און אונאויפהערליך געמעקעט און די קוה האט עטליכע מאהל זיך געווארפען אויף דער "מולא". זוכענדיג מיט די עהרנער איהר דורכצולעכערען: אבער שטענדיג איז זי אפגעע־טראטען פאר דער "ריעווענקא" פון מיין שכן, וואס האט מיך באוואכט. אזוי זיינען מיר געקומען א היים, באגלייט מיט דער משונה־דיגער רעוועריי פון דער בהמה און פאמעלאך האבען מיר זי אויך ארייגגענארט אין "קאראל". — וואס מיר האבען נאך פון פריהער פארטיג געהאט, ארומצוימענדיג מיט סלופעס א שטיק פלאטץ. דארט האבען מיר אויף איהר די לאסע פארוואָרפען. איהר אויף דער ערד אנידערגעלעגט, אפגעזעגען די שפיצען פון איהרע עהרנער, אום זי זאל ניט קענען דורכלעכערען, אינפאלס זי וועט אימעצען שטעכען און טאקע ליגענדיגערהייד, איהר שוין אויך אויסגעמאלקען.

שפעטער האבען מיר נאך א פאר קיה געפאנגען. אייניגע האבען זיך איינגעגעבען: אנדערע האבען מחמת ווילדקייט פשוט געקרא־פירט, אדער פלעגען זיך פארפלאנטערען אין די שטריק און דער־ווארגען ווערען. די אלטע "מולא" פלעגט שוין מוזען מיט אלע כחות אוועקשלעפען די פגירות ביז דער אזערע, אום די לופט ניט צו פארפעסטען און בכדי די אדמיניסטראציע זאל זיך ניט דער־ווויסען.... צעהנדליגע בהמות זענען אזוי קאפוט געגאנגען אין די

הענד פון די ערשטע קאלאניסטען.

אויף אזא אופן, מיט מסירות נפש און שווערער מיה, איז אונז געלונגען אויסצושאנסירען צו צוויי סיה פון די בעסטע, מילך און פוטער, איז געווען לרוב.

25.

די אַקסען און אונזער „דזשאַנקאָ”.

אונזער גאַנצער אידעאַל איז דאַמאָלסט געווען: „ווערען אַ קאָלאָ-ניסט”, און דערצו האָבען מיר טאַקע געשטרעבט מיט אַלע כוחות.

האָט אונז דאָס גליק צוגעשפּילט. עפּעס אַ פרישער ווינטעל האָט געוועהט אין דער אַדמיניסטראַציע. בשעת מיר זיינען אַראָפּ־געקומען בעטען פּלוגעס און אַקסען וועגען לאַנד־אַרבייט, האָט מען אונז תּיכף געגעבען צו צוויי אַקסען אויף אַ משפּחה. מיר איינעם אַ שווארצען און איינעם אַ ווייסען. אַ „נעגראַ” און „פּאַלאָמאַ” און מיין שכן: אַ רויטען, „פּיקאַסאָ” און דעם צווייטען, אַ טונקעל־ברוי־נעם, וועלכען ער האָט אַ נאָמען געגעבען „טשאָווטשאַ”. ביידע פּאָרלאַך זיינען צוזאַמענגעבונדען געווען מיט נייע גראָבע שטריק. דערצו אויך צוויי קליינע איין־לעמישנע האַנד־פּלוגלאַך, מיט די נויטהיגע מכשירים צו דער אַרבייט; דהיינו: אַ הילצערנעם „זשוג”; „קאַזשונטאָס” אָדער רימענעס, אמת ווייכע ווי רצועות, אויסגע־גאַרבעוועט מיט חלב; אַ לאַנגע „פּיקאַנאַ” מיט אַ פאַרשאַרפטען טשוואָק, אום אַנצוטרייבען די אַקסען; אַנ'אויער שטריקעל פאַר'ן „רעכטען” אָקס... פרעהליך, בלויז אונטערן באַדויערענס בליק און קנאה פון די לאַגער אידען, זיינען מיר מיט'ן דאָזיגען אַגריקולטור־רכוש אַ היים געגאַנגען.

אונזערע פרויען, די קאָלאָניסטקעס, האָבען תענוג געשעפּט פון די צונויפגעבונדענע אַקסען. וואָס האָבען זיך רוהיג געפּאַשעט נעבען די הייזקעס. אַם־מייסטען איז זיי געפעלען געווען דער „פּאַלאָמאַ”. — ווייס ווי שנעע און גוט, ליעבליך ווי אַ טויב. אפשר דערפאַר האָט מען איהם באַקרוינט מיט'ן נאָמען „פּאַלאָ־מאַ” — טויב. די ווייבער האָבען איהם געגלעט, געלאַסטשעט און צו איהם גערעדט. און די קינדער האָבען זיך געצאַצקעט מיט די בליאַסקענדע שטאַהלענע לעמישעס פון די פּלוגלאַך און זיך גע־שפּיגעלט אין זייער מעטאַלענעם גלאַנץ.

צומארגענס, נאך איידער די זון האט זיך פון צעווישען די קאַ־מיש־גראזען ארויסגעפלאנטערט, ווען די טהוי האט נאך געטרייעפט איבער'ן קאפ; איז צו אונזערע הייזקעס צוגעפאהרען א רייטער, דער אלטער מ ו ר ע ט א, דער מחנך, וואס די אדמיניסטראציע האט באדונגען די רעקרוטען־קאלאניסטען צו לעהרנען אקערן...

אויפ'ן "דיאדקעס" בארד, האבען ווי די פליטערלאך, טראפענס טהוי געפינקעלט: א זיסער שמייכעל האט זיך איבער זיין צעפאלבטען ברוינעם פנים צעגאסען, בשעת זיינע דינע ליפען האבען מיט־גוטמוטהיגער ליעבליכקייט אונז באגריסט מיט א "בוען דיא".

— דער רבי איז געקומען אונז דאס ערשטע מאל אנצוטוהן די תפילין! — האט מיין שכן זיך געוויצעלט.

א חדוה האט אונז ארומגעכאפט, דאס הארץ האט זיך ווי אין האניג געגליטשט... יעפעס א קלייניגקייט! מיר הויבען זיך אן לעהרנען: ה ל כ ו ת ע ב ו ד ת ה א ד מ ה!

צוזאמען מיט'ן "דיאדקא" האבען מיר "מאטע" געטרונקען און זיך פלייסיג צוגעקוקט ווי דער אלטער קרעאל בינדט־צו די רצועות אויפ'ן זשוג און מאכט די הכנות צום סדר... די אקסען האט מען אין "קאראל" פארטריבען און דאן מורעטא האט אונז געגעבען די ערשטע לעקציע אין הלכות ז ש ו ג ע ו ו ע ן אקסען. געדולדיג און פאמעלאך האט ער אונז געוויזען ווי צו מאכען דער קשר: וויפיעל מאהל מען ברויכט די רצועה ארומוויקלען ארום רעכטען הארן און וויפיעל ארום לינקען. צוערשט דעם אקס רעכטס, נאכהער דעם צורקא־אקס — לינקס. ווי מ'דארף צוטשעפען דעם פלוג, אנבינדען דאס אויערל־שטריקעל, במקום וואשקע; ווי צו נעהמען דעם מלמד הבקר — די "פיקאנא" אין דער רעכטער האנד, די וואשקע אין דער לינקער, א שטורך געבען דעם אקס אין דער בראזנע — "צורקע", און זאגען די ברכה:

— "וואמאס"! — געגאנגען!

אלע זיינען מיר געגאנגען, אפילו די דריי־יעהריגע נאניע, האט אויך נאכגעפויזעט נאכ'ן פלוג. וואס האט זיך איבער די גראזען געגליטשט ווי אויף שנעע.

ווער איז דען אימשטאנד אונזער פרייד אפצומאלען. ווען נאכדעם ווי דער "דיאדקא" האט א פאאר "וואלטעס" געמאכט, האב איך

מיט ווילענסקי'ן ביי איהם דעם פלוג איבערגענומען און מיר האַ־בען אליין די ערד געעפענט? מיר האבען די "טיעררא ווירכען" — די קרקע בתולה, דאס אונבאַריהרטע ערד, וואס קיין מענשליכע האַנד האט נאך ניט בעאַרבייט, — אליין געאַקערט,! שווארצע, לאַנגע פּאַ־סען פון איבערגעקערטע סקיבעס, האבען זיך אויסגעלעגט אין א גלייַ־כער ליניע און פאַרדעקט די ששת ימי בראשית'דיגע גראזען. א פרי־שער דופט, א ריח שדה, האט אנגעפיהלט די לופט.

— קע בוענאס מוטשאַטשאס! — וואס פאר א וואוילע יונגען; האט דער קרעאל אונז א קאמפלימענט געמאַכט.

— מאַכט כאָטש א ברכה, גוים וואס איהר זיינט! — האט מיין פרוי געזאגט און פריידען־טרעהרען האבען איהרע אויגען אנגעפילט.

— ריכטיג, יעיי באגו פארגעסען! — פאַרענטפערט זיך דער נאַאיווער ווילענסקי. — מ'דאַרף מאַכען: "בורא פרי האדמה" מיט א "שהחיינו" דערצו...

— גאַטעניו, זאָל זיין אין א גוטער, אין א מזל'דיגער שעה! מיר זאלען שוין דא האבען א ז י כ ע ר ע היים און מעהר ניט וויסען פון קיין פּאגראַם! — האט די צאַרטע פרוי ווילענסקי מיט אנדאַכט גע־זאגט, איפהויבענדיג איהרע אויגען צום הימעל.

א היילינער עקסטאַז האט אונז באהערשט און א ציטער איז דורך אונזערע גליעדער, ווי א עלעקטרישער שטראם אדורכ־געפלאַסען, און פון אלעמענס ליפען האט הויך און ספאַנטאַנייַ אפגעקלונגען אן "אָמן!"

דער שוויים האט פון אונז געגאסען. ווען מיר האבען מיט'ן פלוג פאַרענדיגט די אַכט "וואַלטעס" איבער א בעדייטענדע שטיק פעלד. די פרויען זיינען באַרוועסע נאכגעגאַנגען אין דער מעזשע און האבען זיך געוויצעלט:

— א שעהנע סאַמעטענע סטענגע טוען זיי אַן אונזער נייער היים; — האט איינע באַמערקט.

— און ווי האַרציג דאָס פאַסט־איהר! — האט די צווייטע איהר פרעהליך אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין.

זיי האבען פון פרישע ווייכע ערד קייקעלאך געמאַכט און מיט א מין באַוואוסטזיניגען טריאומף, עס אויף אונז געוואָרפען איסדריקענ־דיג דערביי אזא מיינע, ווי זיי וואלטען געזאגט: "נאַט העלדען, קאַ־

בזעת אפיך תאכל לחם! — דער היגער אקסען־געשפאן.

לאניסטען אונזערע! איהר האט די שלאכט העלדיש געוואונען!"...

דער "דיאדקא" האט אפגעגעסען מיטאג, אנגעזאטעלט זיין "פאנגארעע" און זיך שמייכלענדיג געזעגענט מיט אונז:

— בוענא מוסשאטשאס, האסטא מאניאנא! — ער איז זיך אוועקגעריטען מיט דער פארשפרעכונג מארגען ווידער צו קומען.

26.

אונזערע טראַנספּאָרט מיטלען.

א ליכטיגע וועלט האט זיך אנגעהויבען ביי אונז. ס'איז געווען ארבייט און חשק צו ארבייטען... און די אקסען האבען אונז דאס לעבען פאַרגרינגערט.

פריהער, אז מען האט געדאַרפט פון אַלגאַראַבאַ ברייגנען היי־צונג אַדער פּראָוויאַנט, איז מען רייטענדיג געפאָהרען. די פרוי האָט זיך אויפ'ן מוילאייזעל געזעצט און דאס זויג־קינד אין אַ דעקע אויפגעהאַנגען אויפ'ן האַלדז, ווי אַ ציגאַנקע. פון ביידע זייטען זאַטעל זיינען נאכגעהאַנגען "מאַלעטאַס", אַדער סאַקוועס, וואוהין מ'האַט אַריינגעלעגט די גאַליעטען, צוקער, קעראַסען און איינער פון די מענער, איז געריטען אויפ'ן הוילען רוקען פונ'ם פערד, פיהרענדיג די איבעריגע אַרטיקלען: פלייש, קובעבע... מיט די אַקסען איז אבער שוין גאַר עפּעס אַנדערש!

פון אַ פאַאר בלעכען האבען מיר אַ שליטען געמאַכט: ארויפגעזעצט די פרוי מיט די קינדער, צוגעשפּאַנט די אקסען און היידאַ!— גלייך צום אַלמאַסען צו! די גראַזען האבען זיך אונטערן שליטען געלעגט ווי שנעע און מיר האבען זיך געשליטעלט — פשוט אַ מחיה...

אויב אפילו די אקסען האבען אפטמאל אַ נעהם געטהאַן אַ זייט, אַדער דער שליטען פלעגט זיך אַן אַ גראַבען בוריאַן פאַרטשעפּען און אונז אַלעמען אויסשיטען, איז אויך קיין אומגליק ניט געווען; מען האט זיך פרעהליך צעלאַכט און צוריק אויפ'ן בלעך ארויפגעקראַכען.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געווען, בעת מיר זיינען צום ערשטען מאָהל מיט אונזער "סאַניטשקע", געשפּאַנט צו מיין "נעגראַ" און "פּאַלאָמאַ", אין אַדמיניסטראַציע אַנגעקומען. אַלע זיינען מיר געווען בעשאָטען מיט אַ ווייס־געלבליכען שטויב — די גראַז־זוימען וואָס דער שליטען האָט צעריבען און דער ווינט האָט אויף אונז ארויפגעבלאָזען.

— א זאווערוכע! א זאווערוכע! וואו האט איהר געפאקט אזא רוסישען שנעע־שטורם? — האבען די לאגער־אידען פון אונז הוזק געמאכט.

— איהר קומט פון סיביר? האט מיר סארקאסטיש געפרעגט דער יאבעטניק קאביץ: — איז פאר וואס־זשע האט איהר ניט איינגע־שפאנט אין דער סאניטשקע א פאאר הינט, פון דעם באראן'ס משרתים?

— ווארטס, ווארטס, אלטיטשקער! — האט איהם דער יונגער ווילענסקי אפגעענטפערט. — מיר וועלען נאך דא פאהרען אין איי־גענע פייעטאנען, מיט פיער שפאנעס נאשפיץ...

— נישט ביי זייער לעבען! — האט בעז ערווידערט דער הייסגע־בארענער קאביץ, אנווייזענדיג אויף ביידע אדמיניסטראדארען, וועלכע זיינען געשטאנען אין טהיר.

די "פעאנען", די טאגלויהנער פון דער אדמיניסטראציע, די בני דאן, איז דער איינפאל מיט'ן שליטען שטארק געפעהלען:

— בוען קאטשעסימא! אנאויסגעצייכענטער קאטש; — האט אויך דער אדמיניסטראטאר וואולף לאכענדיג באמערקט. — איהר וועט מיט איהם מעגען פאהרען אנטקעגען דעם קאלאנעל גאלד־שמיעד, וואס דארף אין גיכען אהערצו קומען.

פון די לאגער אידען, האבען אייניגע מחמת קנאה, אויך געבעטען מען זאל זיי אויפ'ן לאנד ארויסשיקען — וואס די אדמיניסטראציע האט גערן געטהאן. אבער די מעהרצאהל פון זיי, האט זיך אלץ גע־בונטעוועט, געבלאזען דעם פייער פון שנאה צעווישען די קאלא־ניסטען געגען דער אדמיניסטראציע און האבען, געווארט אויף דעם קאלאנעל'ס באזוך.

27.

הויפּט־דירעקטאָר גאָלדשמיעד.

מאָנטאג, דעם 12־טען מאַי, איז צו אונז אין גרופּע 43, געקומען אַנ’אַדמיניסטראַציאָנס שליח אום צו מעלדען, דאָס מאָרגען גאַנץ פריה, זאָלען מיר אַלע זיין אין אַלגאַראָבאַ, כדי מקבל־פּנים זיין דעם קאָלאָנעל גאָלדשמיעד. דאָרט האָבען מיר שוין אַלעמען, אנשים, נשים וטף געטראָפען. זיי זיינען אויסגעשטעלט געווען אין צוויי שרענגעס ביי ביידע זייטען פון קאָסאָרעסער וועג, אַפּוואַרטענדיג דעם גאַסט.

די צוויי שורות האָבען זיך געצויגען אונגעהייער לאַנג און טיראַטשיני’ס מיטהעלפער, זיינען ווי זשאַנדאַרען אויף פערד, אַרומגעפלויגען איבערן מיטט־וועג, אום צו האַלטען אָרדנונג אין דער ליניע. יונגע לייט און אייניגע פריילינס האָבען אַ חופּה געהאַלטען און די שעהנסטע מיידעל — אַניטאַ ראָזענבלום, האָט אַ טאָרט געטראָגען. (שפּעטער האָט גאָלדשמיעד, איהר צוזאַמען מיט אַ ברודער, אַרויסגעשיקט פון דער קאָלאָניע!). די שוחטים אונזערע, מיט’ן זקן רבי הירש יאַקובאָף, זיינען געשטאַנען נעבען דער חופּה, מיט אַ ספר תורה אויפ’ן האַנד. די שטימונג איז אַן אויכטערלישע געווען. מ’איז געשטאַנען מיט אַזאַ יראת הכבוד, אַקוראַט ווי מען וואָלט אָפּגעוואַרט אַ קיסר.

די רגע האָט אויסגעשלאָגען. ס’איז אָנגעלאָפען דער קאָטש, געשפּאַנט נאַשפּיץ מיט ווייסע פערד און שטעהן געבליבען אונטער דער צועפּענטער חופּה.

— ברוך הבא! — האָט די אימיגראַנטען מחנה אויסגעהילכט.

— הורראַ! — האָבען אַ פּאָאַר טויזענדער העלדזער אַרויסגעדרונערט און כהרף עין, זיינען די פערד אויסגעשפּאַנט געוואָרען און אַ געדיכטער צירקעל פון מענשען קעפּ, האָבען זיך אַרום קאָטש צוזאַמענגעקוועטשט, שרייענדיג: ”הורראַ! היפּ, היפּ, הורראַ! קאָלאָנעל!”...

דער פאלקאוויניס, האט דעם ספר א קוש געטהאן, זיך העפליך פארנייגט פאר דאס שעהן מידעל מיט'ן צוקער־ברוידט און א מאך געטהאן מיט'ן האנד. ס'איז תיכף שטיל געווארען.

— ברוכים אתם אחי! — האט ער מיט א מעכטיגער שטימע געזאגט. — איך דאנקע פיר דיזער איפנאהמע! — ער האט זיך אויפגעשטעלט אינ'ם צועפענטען קאטש און מיט נייגערדע באטראכט די פיעל קעפיגע אימיגראנטען מאסע: — אלע ברודיגע, אפגעריסענע, בארוועסע און פאר'חושך'טע. א פאאר מינוט איז ער אזוי געשטאנען און די קאלירען האבען זיך אלע ווילע געביטען אויף זיין פנים.

דאמאלסט האב איך איהם גענוי באטראכט: אמיטעל־וואוקסיגער מענש, אין מיטעלע לעבענס־יאהרען. ער האט געטראגען אנ'אפיצערסקען שינעל מיט גאלדענע עפאלעטען און איז געשטאנען אויסגעצויגען ווי א קאמאנדיר וואס דארף מושצירען זיין חיל.

אין יענעם אויגענבליק האט מיר שרעקליך פארדראסען. איך האב דאן דערפיהלט אונזער גאנצע נישטיגקייט און קליינקייט אין בעצוג צו די געלד־מאגנאטען, אונזערע הערשער, און מיין נשמה איז אויפגעציטערט געווארען... ניט שוין־זשע זיינען מיר סאלדאטען? וואס עפעס שיקט מען אונז גאר א פאלקאוויניק מיט א מיליטערישער טאקטיק? אבער ארייגקוקענדיג אין זיינע אויגען, בין איך באהיגט געווארען. יענעם מילדען בליק זיינעם, וועל איך קיינמאהל ניט פארגעסען! די קארגע דרייסיג יאהר, אלע גוטע און שלעכטע צופעלע, זיינען עס ניט אימשטאנד געווען פון מיין זכרון אפצומעקען! מיר דוכט, דאס איך פיהל נאך איצט, ווי די מיסטעריעזע שיין פון זייגע בלויע אויגען רוהען אויף מיר, און ווי זיין מיסטישער־בליק, דרינגט מיר אדורך! עפעס טרוימערישעס, געהיימניספאלעס, האט זיך געוויעגט אינ'ם בלויען־ים פון זיינע פאר־חלום'טע אויגען... ניט קיין סאלדאטסקע הארטקייט, זאנדערן די זוייכקייט פון א גהעטא טרוימער, פון אפאלק'ס גואל, האט אין זיי געפינקעלט און געגלאנצט. וואס פאר א מאדנע קאנטראסטען, טראכט איך מיר, באזעלען דיזען מענשען: סאלדאט, הארטקייט און סוראזש — אויסערליך; ווייכקייט, צערטליכקייט און מילדקייט, ליגט אין זיין אינערליכען וועזען.

פיעל טראכטען האב איך דאן ניט געקענט; ווייל ער האט אנגע־הויבען רעדען. אנפאנגס האט ער געשפראכען שטיל, כמעט מיט א וויינענדיג־ציטערענדער שטימע: מען האט געזעהן דאס ער איז שטארק געריהרט פון אונזער עלענדען אויסזעהן, פון אונזער לאגע און דאס אונזער צושטאנד האט איהם אויפגערעגט: נאר ביסלעכווייז איז זיין טאן געווארען זיכערער, קרעפטיגער און ער האט צווישען אנדערעס געזאגט:

„ברידער: הער בארון, וועמעס אידעאל איז נור אייך גוטעס צו טהון, האט ביים ענגלישען גענעראל־שטאב פאר מיר אן אורלויב־אויסגעווירקט, אום איך זאל אימשטאנד זיין אויף א קורצער צייט אפפאהרען צו אייך קיין ארגעטינא און אייך ארגאנזשירען אין אייער נייער היימאטה. כ'בין שוין דריי וואכען דא אין לאנד, האב שוין אלעס געזעהן. אלע פראיעקטען און פלענער פון די לאקאלע בע־אמטע בעטראכט און ווייס אייך. פון אלע אייערע ליידען... אלעס וואס ס'איז אין מיין קראפט וועל איך אנווענדען, אום אייך מיטצוהעלפען. אבער איך בעט אייך, פארלויפיג געדולדיג און רו־היג זיך צו פערהאלטען! שטרענגט־אן אונזער אידישען פליים, געדולד־זאמקייט, ענערגיע און בטחון, און נעהמט אייך ארבייטען די ערד, אייער אייגען ערד... גרינדעט א פרייע היים אויפ'ן פרייען בארען, וואס זאל נוצען אי פאר א י י ך, אי פ י ר א י י ע ר ע געדריקטע און גערודפ'טע ברידער! לאמיר זעהן ערציהען א דור פון ערד־ארבייטער: זאל ענדליך פארשווינדען דאס שאנדווארט „שאכער־מאכער", מיט וועלכען די שונאים באטיטלען אונזער פאלק ישראל!..."

„איך בעט אייך ברידער! צייגט דער גאנצער וועלט דאס איהר זיינט די געווינשטע און פאסיגע פיאנירען: אז אין אייערע אדערן פליסט דאס בלוט פון די בני ראובן ובני גד: די געשיכטע האט אויף אייך איהר גורל געווארפען, דאס אין אייער דור זאל דער גוטער מלאך, דער בארון הירש לעבען און איהר זאלט זיין די חלוצים הראשונים, אום אויסצוטרעטען דעם גרויסען פרייען וועג פון אייער צוקונפט. דער וועג איז ווייט! — האט ער באגייסטערט געשריען. — די אידעע איז גרויס! מיר וועלען אנפאנגען מיט דער „א" — מיט ארגענטינא און פארענדיגען מיט'ן „זעט" מיט ציון!"

מיכאל שר חכמי ציון

— אמן! — האט די מאסע געיובעלט, — הורדא! — לעבען זאל דער באראן הירש! הורדא! לעבען זאל דעם חובב ציון קאלאנעל גאלדשמיעד!

די מענשען מאסע איז פלוצים אין עפעס אנדערש פאר־וואנדעלט געווארען... מען האט געכאפט דעם אפגעשפאנטען קאטש מיט'ן פאל־קאווניק און איהם א האלבען קילאמעטער געשלעפט ביז'ן הויף פון דער אדמיניסטראציע...

ער איז אריין אין דער אדמיניסטראציאנער הויז, מהסתם זיך ארומצו־וואשען... אבער אין דרויסען האבען די יאבעטניקעס אויפ־געהויבען א שרעקליכען געפילדער. ס'איז א מהומה געווארען, די בונטאווסטשיקעס האבען געשריען:

— דרשות האט ער אונז געבראכט! מיר זיינען שוין זאט מיט זייערע פזמונות! אלע האבען זיי איינע און די זעלבע ליעדעל!

דער המון, וואס האט איהם סיי ווי סיי נישט פארשטאנען, ווייל ער האט גערעדט אי שלעכט דייטש אי צוקאליעטשעטען אידיש, האט זיך געהאלטען אין איין ארומדרעהען און די "פיספאקעס", די שטענדיגע מתאוננים, זיינען אומעטום פול געווען, היצענדיג, שרייענדיג, אויף וואס די גרויסע מעהרהייט, האט גלייכגילטיג צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ...

— לאמיר צו איהם שיקען א קאמיסיע! זאל ער אליין ארויסקומען צו אונז! מיר ווילען קלאהרע דיבורים! — האט מען צום אדמיני־סטראטער וואולף פון אלע זייטען געשריען.

און ער איז ארויסגעקומען. אבער אין זיין בליק איז שוין מעהר ניט געווען די פריהערדיגע מילדקייט, זיינע אויגען זיין פארגלע־זערטע געווען און זיין שטימע האט פארלארען איהר ווייכקייט... ס'איז ערש־ענען דער סאלדאט: ס'האט גערעדט דער מושל צו זיין המון...

"איך פאדער פון אייך דאס איהר זאלט פאלגען און שווייגען! דיסציפלין פארלאנג איך פון אייך! — האט ער גערונערט. — איך בין ניט מעהר ווי דער דיענער פונ'ם באראן, געשיקט געווארען אום אויסצוריינינען די שטאל... ווער ס'איז ניט צופרידען זאל זיך פאה־רען וואוהין ער וויל! פאסאזשען! איך גיב אייך פאסאזשען קיין נארד־אמעריקא, קיין אייראפא, אויף דער גאנצער וועלט, נאר ניט

צוריק קיין רוסלאנד! זאלען די יעניגע וואס ווילען אבפאהרען זיך מעלדען אין דער אדמיניסטראציע און זיי וועלען די פאסאזשען ער־האלטען!... ביז צעהן טאג וועל איך אייער לאגער צעפליקען: די גאלפאנטשיקעס, ביידלאך און קארפאס, וועלען צעוואָרפען ווערען און די קאלאניסטען וועלען געהן אויף זייער לאנד! דעם סקלאד מיט אלע סחורות וועל איך פארקויפען! אוים אלמאסען, מיט ביכלאך, שרייבעריי און... געלד, געלד, וועל איך די קאלאניסטען געבען אויף זייער איינענעם חשבון! — האט ער נאך קרעפטיגער געשריען, — יעדערער וועט באקומען אויסגעצאהלט אזא סומע, לוים די צאהל פון זיינע פאמיליען מיטגליעדער און זאל זיך יעדער איינער קויפען מיט'ן געלד, וואס ער וויל און וואס איהם אליין וועט געפעהלען!"

שטאלץ ווי א קעניג האט ער אויסגעדרעהט זיין רוקען צום המון און איז צעהלענדיג די טריט, צוריק אריינגעגאנגען אין הויז פון דער אדמיניסטראציע, און איידער דער עולם איז זיך פאנאנדער־געגאנגען, זיינען שוין ארויסגעהאנגען געוואָרען גרויסע צעטלען מיט'ן פאלגענדען נוסח:

"ווער עס וויל אפפאהרען נאך אויסלאנד, חוץ קיין
"רוסלאנד, זאל זיך קומען פארשרייבען. אבער די
"פערשריבענע, וועלען אויסגעמעקט ווערען פונ'ם
"קאלאניסטען רייסטער און חרטה וועט ניט
"העלפען!".

מערקווירדיג, ס'איז כדאי איהר זאלט עס וויסען! ביז דאמאלסט האבען הונדערטער מענשען געשריען: "א ה י י ם! וואו נעהמט מען אויף הוצאות אום וואס גיכער צו אנטלויפען!" און ווי נאר גאלד־שמיעד האט געמאלדען, דאס ער גיט אלע רייזע שפייזען, האט מען זיך אויפגעהערט צו איילען... אין גאנצען זיינען אפגעפאהרען פיער פארטיעס, צו זיבעציג פערזאן יעדע. אזוי איז שוין אונזער פאלק, אן עם קשה עורף, "ווען י ע נ ע ר ו ו י ל, ו ו י ל ע ר נ י ט!"

אהרן ראזענצווייג און פישעל דרומער, האבען זיך פארשריעבען און נאכדעם חרטה געהאט, נו, האט זיי געקאסט גענוג טרעהרען און שתדלנות, ביז מען האט קוים גע'פועל'ט ביים שטרענגען קא־לאנעל, דאס ער זאל זיי איבערלאזען. דער ערשטער איז ביז היינט פארבליבען א קאלאניסט און דער צווייטער האט מיט דריי יאהר־

שפעטער די קאלאניע אוועק־געווארפען...

דער גרויסער איד, גאלדשמיעד, האט טאקע די שטאל אויסגעריי־ניגט, פונקט ווי זיין וואונש איז עס געווען. אבער שמוץ איז נאך אליץ געבליבען פארבליבען. דער קאלאניזאציאנס־קערפער האט אין זיך שוין אריינגענומען גענוג מיאזמען און האט צוגעקרענקט... ערשט דער דר. בערקנהיים פון פעטערסבורג, האט די ערשטע שווערע אפע־ראציע געמאכט און נאך איהם, האט אויך גענוג פארפוילטע אברים אפגעשניטען דער כירורג, י ה ו ש י ע ל א פ י ן. נאר פארלוי־פיג האלטען מיר נאך אין גאלדשמיעד'ס פעריאד און לאמיר דארום געהן כסדר.

פון דער בוענאס־איירעסער דירעקציאנס ביורא, איז א דעפעשע אנגעקומען צו גאלדשמיעד'ן, דאס זיין אנגעוועזענהייט איז נויטהיג אין ענטרע־ריאס. אויפ'ן דריטען טאג איז ער פון מאאוריציא אפ־געפאהרען

28.

מען האָט אַלעמען נעקאָלאָניזירט.

גאָלדשמיעד'ס פעראָרדנונג איז דורכגעפיהרט געוואָרען. אַלע ביידלאַך זיינען פאַנאַנדער־גענומען געוואָרען. דעם לאַגער האָט מען אויפגעהויבען און די פאַלאַטקע־אידען האָט מען, געגען אַלע זייערע טענות, אַרויפגעזעצט אויף וועגען און יעדען אַוועק־געפיהרט אויף זיין לאַנד.

אַלעס איז ערפילט געוואָרען מיט מיליטערישער שטרענגקייט און פונקטליכקייט. די פעלדער זיינען נאָכ'ן פלאַן־נאַך באַזעצט געוואָרען: צו אַכט, זעקס, פיער, אָדער צוויי הייזקעס זיינען אין אַ גרופע אויפגעשטעלט געוואָרען. אין דער מיטע פון דער הייזער־גרופע, איז אַוועק געשטעלט געוואָרען אַ שותפות'דיגער "קאַראַל" פאַר'ן סקאָט — און פאַרטיג: נאָט און ווערט אַקערבויער! די אָקסען, פערד, מולאָס, פלוגען, באַראַנעס, אַלצדינג וואָס ס'איז אַנגעגרייט געווען אין דער אַדמיניסטראַציע — איז צעטהיילט געוואָרען. איינינע קרעאַלען און אַ פּאָר דייטשען, זיינען אַנגעשטעלט געוואָרען, אום די קאָלאָניסטען צו לעהרנען ווי די ערד צו בעאַרבייטען. אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט דער "וואַמאָס!" געהילכט איבער די מאַאוריציער פעלדער.

אַ פשוט'ר חיות! אַ פאַרגעניגען אַנצוקוקען! אידען מעקלער, קרעמער, בטלנים און פוסט־און־פּאַסניקעס, אַ פּייטעל שדכן און זיין גלייכען — אַלע בעאַרבייטען שוין די ערד!

אָבער דאָס איז ניט אַזוי גיך און גרינג צוגעגאַנגען ווי עס שרייבט זיך. אַ סך האָבען אויפריכטיג ט אַ ק ע נ י ט ג ע ו ו אָ ל ט אַרבייטען. איינינע האָבען נעבאַך נ י ט ג ע ק ע נ ט: אַ גרויסע טהייל האָבען ניט ערהאַלטען דעם געהעריגען און פּאַסיגען רעמאָנענט: אָפטמאָל גאַר ווילדע אָקסען אָדער פשוט'ע פּגירות, צעפאַלענע פלוגלאַך... אָבער דאָך האָט איבעראַל געהערשט אַ רעגע־טהעטיגקייט. דער לעבענס־פולס האָט וואַרים און ראַשיג געשלאַגען: די שטראַה־

לען פון דער פריה־מארגנע זון. האבען באגאלדעט די צינקענע דע־
כער פון די, אויפ׳ן גלאטען שטח־ערד אויסגעשטעלטע הייזקעס:
און דער בת־קול פון דעם "וואמאס קאסטאניא!" "וואמאס נעג־
רא" דוקא מיט א אידישען אקצענט און א גמרא ניגון — האט
ווייט און ברייט אפגעהילכט איבער די "פאמפאס". דאס הארץ האט
ממש אנגעקוואלען פון תענוג, צוצוקוקען ווי שטערטעלדיגע לופט־
אידען באשעפטיגען זיך פלייסיג ביי לאנד־ארבייט.

איך מיט מיין שכן, האבען שוין פאראקערט א היבשע שטיק פעלד
און אונז האט אויסגעדוכט, דאס מיר האבען שוין איבערגענוג.
דארום האבען מיר צוגלייך מיט די קיילעס׳עם זריעה געבעטען,
אום מיט ווייץ דאס פעלד צו פארזעען. אויף דער נעקסטער וואך
האט אונז די אדמיניסטראציע געגעבען פיערציג זעק "סעמיזשא"
און געשיקט דעם דייטשען אגראנאם, הערר רוף, אז ער זאל אונז
לעהרנען ווי מיט דער זעע־מאשין צו ארבייטען.

מען קען זיך שאפען א באגריף אויף וויפיעל מיר, צוזאמען מיט
דער אדמיניסטראציע האבען א ידיעה געהאט אין אגריקולטור, אז
גאנצע אכצעהן טאג האט דער אגראנאם געארבייט ביי אונז אויפ׳ן
לאנד!... אלע טאג האט ער אביסעל געזעעט מיט דער מאשין, האט
אלערליי עקספערימענטען געמאכט: דריי מאהל אין טאג צושרויפט
דער "סעמבראדארא", אונז געוויזען דעם מעכאניזם,די שרייפעלאך
און די אייזענס. ביז ער האט ענדליך אלע פיערציג זעק ווייץ אויס־
געשאטען אויפ׳ן צואקערטען פעלד. וואס איז בסך הכל באשטאנען
פון גאנצע צוועלעף העקטאר! די ברידער קיילעס, אקער־
בויער נאך פון צו הויז, האבען חוזק געמאכט פונ׳ם "מאשיניסט"
אי־ער אגראנאם. און האבען פארזיכערט, דאס עס איז איבערגענוג
איין זאק זריעה פיר אן העקטאר. נאר ווער האט זיי געגלויבט? גע־
ווים, נאטשאלסטווא ווייסט מעהר!...

מיר האבען מיט גאוה געקוקט ווי דער געזעעטער ווייץ איז אויפגע־
גאנגען געדיכט ווי א בארשט, ווי געדיכטע גרינע נאדלען שטופען
זיך ארויס פון דער שווארצער ערד: פרעהליך זיינען מיר ביז גאר גע־
ווען: סטיימש א קלייניגקייט! אונזער אייגענע ארבייט! די מזוגות
קוקען שוין ארויס צו אונז פון דער מוטער־ערד!

אונזער שמחה איז נאך גרעסער געווארען ווען אין אונזער

גרופּע 43. זיינען נאר זעקס פאמיליעס באזעצט געווארען. זעקס נייע ביידלאך, זעקס נייע שכנים האט מען דורך גאלדשמיעד'ס באפעהל ביי אונז אפּגעווארפען... נו, ווידער א גדולה: מיר זיינען שוין זאלבע־אכט!

עסען, איז נאך דערווייל געווען פון באראן'ס סקלאד. די נ ה מ א ד כ ס י פ א, האט זיך שוין אין האלדז געגליטשעט גאנץ געשמאק... געפעהלט האבען אונז שיך. דעם "באראן'ס שיך" די הילצערנע, זיינען צובראכען געווארען און נייע סחורה האט מען אויף גאלדשמיעד'ס פעראָרדענונג מעהר ניט געבראכט. איז וואס זאל מען טהאן? געהן בארוועס ביים אנפאנג אקערן איז אונמעגליך געווע', צוליעב די שלענג און "לאנארטאס" — יאשטשערקעס מכל המינים, וואס האבען זיך אונטער די פיס געפלאנטערט. נו, האבען דארפס־אידען אן עצה געפונען: פון שטיקער רויע־פעל לאפּציעס אדער כאדאקעס אויפגענעעט און מיט רימענדלאך צוגעשנורעוועט צום פוס... מיט אן אלטען זאק ארומגעבונדען די לענדען, א שטיק טראנטע — אנשטאט א העמדעל און אט, אין די דאזיגע בגדי מלכות, ווי עם פאסט פאר'ן באראן'ס קינדער, האט מען דאס לאנד געאקערט.

אברהם וויינשטיין, איינער פון אונזער גרופּע, האט א שכל'דיגע ערפינדונג געמאכט: ביי א גע'פגר'טען פערד פון די פיס, גאנצערהייד, אראפּגעצויגען די שטיקער פעל און עס ארויפגעצויגען, ווי א כאליאווקע, אויף זיינע אייגענע נאקעטע פיס און מיט דיזער ערפינדונג, איז ער קיין אלגאראבא געגאנגען, כדי דארט זיך צו באריהמען: "גאט און זעהט! פארטיגע שטיוועל מיט כאליאוועס ביז איבער די קניע און זיי קאסטען מיר ניט קיין איין פיאטאק".

דיזער גראנדיעזער ערפינדער, איז אין די דאזיגע „ארט־נאווא" שטיועל, א גאנצען טאג אפּגעגאנגען. די זון האט אויסגעטריקענט די פעל אויף זיינע פיס און עס ממש צוגעזאטען צום לייב... שפּעטער האבען מיר זיך גענוג געמוטשעט, אום איהם דאס פעל אראפּצוציהען. די שמערצען וואס דער יונגער־מאן האט געבאך גע־ליטען, איז זיך גאר ניט פארצושטעלען! און אזוי־ווי אויפצושניידען די אויסגעדארטע פעל איז אויך ניט מעגליך געווען — חוץ דעם געפאהר איהם זיין לייב איינצושניידען, איז מען לסוף געפאלען

אויף א פלאן: איהם אין א ביטעל־וואסער אריינצוזעצן... א גאנצע נאכט האט ער זיך אין וואסער געווייקט, ביז ס'איז איהם געלונגען פון זיין ערפינדונג ערלייזט צו ווערן!

די שטימונג אין דער קאלאניע איז א געהויבענע געווען. שבת איז מען זיך צונויפגעקומען צו אונז, אין גרופע 43 און מען האט אנגעהויבן זארגן פאר א כפר תורה, כדי עס זאל א מנין זיין. מ'האט געשמועסט איבער פאליטיק און אומגערולדיג געווארט אויף גאלדשמיעד'ס הבטחה: ″געלד וועל איך אייך געבן!″ און אז מען וועט האבען מזומנים, וועט דאך טאקע ליכטיג ווערען אין די אויגען! צו אלעם ערשטען, וועט מען קויפען שיך און אפשר טאקע אייך א זעקעל מעהל אויף צו באקען ברוידט און פטור ווערען פון די גאליעטען...

אט אזוי איז ענדליך פארשוואונדען די פוסטקייט. די פעלדער רונד ארום, זיינען באזעצט און באלעבט געווארען. אומעטום האט מען מענשען געטראפען און אלעס איז אנגענעהמער און ליעבליכער געווארען.

אונזער וויין איז אויפגעגאנגען שעהן און געדיכט. פארשפרייטענדיג זיך ווי א גרינער טעפיך. מילך און פוטער האבען מיר געהאט לרוב און מיר האבען שוין ערווארטעט פויקעלאר... דיזע בשורה האט מיין פרוי אונז אנגעזאגט: זי אליין האט שוין געהערט ווי אונטער דער ″באטאראסא″ הויז, פיסטשען די הינרעלאך.

איהר לעזער פון דיזע שורות, וועט אפשר לאכען פון מיר. דען וואס פאר א ווערטה האט ביי אייך א קוואטשקע מיט פויסעלאך? אבער ביי אונז, מיט דרייסיג יאהר צוריק, ווייט פארוואגעלט פון דער היים, דערווייטערט פון טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער, קרובים און פריינד, עלענדע ווי דער פעלז אין רוישענדען ים — איז יעדעס וועזען, יעטווידער לעבעדיגע באשעפענים, געווען א גאנצע מציאה, א גרויסער פארמעגען. וואס האט אונז היימליכער געמאכט די משפחה און דאס לעבען פארזיסט: ווייל אין יעדער זאך, האט זיך אפגעשפיעגעלט אונזער גלענצענדע צוקונפט אין דער נייער היים! דאן, דארפט איהר וויסען, דאס יעדעס פיצעלע, איידער מ'האט עס ערווארבען, איז עס אונז אנגעקומען זעהר און זעהר שווער. אזש מיט בלוט פארלאפען...

אפשר מיינט איהר אז די קוואטשקעס זיינען גרינג אנגעקומען? דאן האט איהר א גרויסען טעות. דען וואו אייגענטליך נעהמט מען היהנער אין אזא ווינטער געגענד?

דאס האט אויך א ספעציעלע געשיכטע:

בעט דער בחור. א לאנג־אויסגעצויגענער דארער ליטוואק. מיט א צעשויבערטע טשופרינע, וועלכע האט קיין מאהל קיין קעמעל ניט געזעהן. איז אונזער היסטארישער קורעלאפניק געווען... ער האט זיך אוועק געלאזען ווייט, צווישען די האלב ווילדע נאמאדען און מיט זיי א חליפין־האנדעל געטריעבען: ווייל געלד, דארפט איהר וויסען, איז ביי קיינעם דאמאלסט ניט געווען! ער פלעגט ביי אונז נעהמען טאבאק, צוקער און אנדערע ארטיקלען וואס מיר האבען פון אלמאסען באקומען און פלעגט דאס אוועקפיהרען צו די ווילדע און אויסטוישען אויף היהנער, עהער, שטרויס־פויגעל און הירשלאך. איך האב אזוי, דעם גאנצען טאבאק פון א חודש צייט אוועקגענעבען פאר דער ערשטער פאאר היהנער, וועלכע האבען שוין פויקעלאך אויסגעבריהט. איהר פארשטעהט? דעם טאבאק אוועק געגעבען!

איז א קורצע צייט ארום האט דאס לעבען געשווייבעלט ארום אונז. ארום אונזער הייזקע האט געטרוישט און געזשומעט פון לע־בעדיגע באשעפעניסען. מיין "גלינקא", האט זיך צוגעוועהנט צום קליין הירשעלע און ביידע זיינען זיך געלעגען בשלום און ער פלעגט בלויז אפטמאהל אויסטשירען מיט קנאה די צייהן, ווען מען האט ארויף געטהאן "צבי" און דאס הירשעלע האט אינסטינקטיוו גע־וואוסט, אז דאס מיינט מען איהם און פלעגט צולויפען לעקען די הענד און דרעהען מיט'ן געל־ווייסליכען סארקעלע. דאס האט איהם פארדראסען — פארט א הונד!

מיר האבען אויך צוגעוועהנט צום שטוב, אפאאר יונגע שטרויסען און צו דעם, זיינען נאך צוגעקומען די קעלבלאך פון די מילך־סיה אזוי, אז די "כאדאבע" האט זיך פארגרעסערט און זיצענדיג אין דרויסען, טרינקענדיג א מאטע, האט מען אנגעקוואלען פון נחת.

אבער צווישען דיזען פרייד, האבען מיר אויך א צייטווייליגען עגמת־נפש געהאט.

ווען אונזער ווייץ איז שוין געווען א דרייסיג צענטימעטער די

הויך, זיינען אין א נאכט אויף איהם ארויף א פּאאר הונדערט שמיק־לאך סקאט: מסתם האט יעדער "שמיקעל" געוואלט טועס־זיין פונ'ם קולטיווירטען וויץ... נאכדעם ווי די סטאדע האט אפּגעפּאַשעט דאס גרינע פעלד, איז זי באפאלען אונזערע הייזקעס און זיך באקוועם געגומען קראצען ביי די ווענט, פיליינכט אום זיך צו אי־בערצייגען, ווי פעסט זיי זיינען... מיר זיינען אין איין שרעק געווען, דאס מיר זאלען ניט פארבלייבען אונטער די בלעך מיט'ן האלץ פון אונזערע ביידלאך: אבער גליקליכערווייזע, אפשר צוליעב "גלינקאס" בילען — זיינען זיי ענדליך אפּגעטראטען, איבערלאזענדיג אונז צו־טרייסעלטע הייזער און, אן אפּגעפּאשעט שווארץ פעלד, אקוראט ווי עס וואלט נאר וואס פריש צעאקערט געווארען.

וויפיעל טרעהרען האבען אונזערע פרויען פארגאסען אויף דיזען "חורבן". שייך, זיי האבען בע'גזל'ט אונזער ברוידט פון א גאנץ יאהר!

ערשט שפּעטער האבען מיר ערפאהרען, אז דאס איז גאר געווען א גליק וואס דער סקאט האט דאס פעלד אפּגעפרעסען: ווייל דער ווייץ איז צו־געדיכט פארזעעט געווען און ס'וואלט לחלוטין קיין תבואה ניט געווען, — אזוי האבען מיר כאטש א "קאסעטשע" (ערנטע) פון אכציג זעק אראפּגענומען!

ניט פיעל איז אונז אויסגעקומען צו ליידען פונ'ם סקאט: ווייל דער עהרליכער (?) דירעקטאר, אדאלף ראטה, האט נאך פריהער פאר קויפט עטליכע, היבשע עטליכע טויזענד "קעפּ", וואס מען האט גיך צוגענומען און זיי האבען די קאלאניסטען מעהר ניט דערקוטשעט... גליקליך זיינען בלויז געווען די מ ק ד י מ י ן, וואס האבען אויס־פּייעט א פּאאר מילך־קיה צו פאנגען: ווייל די שפּעטערדיגע, האַ־בען קיין בהמות נישט געהאט ביז וואנען דר. בערקנהיים איז אנגעקומען.

29.

אײנגעפיהרט א שטרענגע דיסציפּלין.

אין יולי פון 1892, צװײ מאָנאַט נאָך גאָלדשמיד'ס אנקומען, איז א נײער אדון ארױף אױפ'ן אדמיניסטראַציאָנס בענקעל... א רויטהעריער ענגלענדער, סער ארטהור בוטעל. קאַלט און שטרענג, האָט ער אױף אונז געקוקט פון אױבען אראָפּ... מיט פאראכטונג האָט ער אונז באטראכט: אונז אױפגענומען מיט א מין עקעל — װי עפּעס א שמוציגע באשעפענים.

א נידעריג נעמײן אידעל, איז אלס דאָלמאַטשער געבען זײן שטוהל געשטאַנען און האָט איהם אפּטמאָל איבערגעגעבען דאָס, װאָס מיר האָבען קײנמאָהל ניט גערעדט...

ניט צו יעדער צײט האָט מען געקענט צוקומען צום אדון און בכלל קײנמאָהל ניט האַלטען אױפגעהױבען דעם קאָפּ... א נײע אָרדנונג, א קאַזאַרמע לופט, האָט אנגעפיהלט די קאָלאָניע און א גרױזאַמע דיסציפּלין האָט גענומען הערשען.

אנ'אײזערנע ענערגיע און א קופּערנעם גערולד האָט מען גע־דאַרפט באזיצען, אום צו קענען איבערטראַגען די באלײדיגונגען און דעם דעספּאָטיזם װאָס גאָלדשמיעד'ס ממשלה האָט מיט זיך גע־בראַכט. דאָס אײנציגע װאָס האָט אונז מוטה געגעבען צו לײדען און שװײגען, איז געװען זײן אקטיװיטעט. די קאָלאָניע איז ראַשיג גע־בױט געװאָרען און מען האָט געזוכט שנעל דעם עולם אין אקערבױ־ער צו פערװאַנדלען — דאָס האָט טהײלװײז גערעכטפערטיגט די סאָלדאַטסקע דיסציפּלין.

די האָפענונג א זיכערע הײם ענדליך צו געפינען, האָט פאַרזיסט די גאַל־טראָפּענס, װאָס די קאַזאַרמע האָט אונז אין א גרױסען דאָ־זיס, טעגליך אײנגעגעבען און אױך פּאַרטריבען די מרה שחורה.

מיט שטורם, מיט ענגלישער פּינקטליכקײט און מיליטערישער שנעלקײט, האָט גאָלדשמיעד די קאָלאָניע געבױעט. מיט'ן פּאַרדיאַ־טישיק כוזן אלפּאַרא, איז א קאָנטראַקט געשלאָסען געװאָרען, אױפ־

אובזיען א שולע אין דער גרופע 39 און אויך די אויפשטעלונג פון סקעלעטען וועגען אונזערע הייזער, — וועלכע מען האט געמאכט פון א דאך מיט הילצערנע סלופעס, ארומגעצויגען מיט דראט און די קאלאניסטען אליין, האבען שוין געדארפט מאכען די ווענט, אויספילענדיג מיט געקנאטענער לעהמיגער בלאטע דעם שטח צווישען די דריפלאך און דעם דראטה. אזוי זיינען געוואלקעוועט געווארען אונזערע הייזקעס, אדער "ראנטשאס".

טעגליך האט מען געבראכט אלץ נייעס רעמאנענט: אלערליי מאטריאלען. אייזענס, האלץ, און מען האט די קאלאניסטען געטריעבען צו דער ארבייט. יעדערער האט אבער אויך געארבייט מיט חשק און פלייסיג זיך גענומען אקערן.

געאקערט האט מען וויאזוי מען האט נאר געקענט און וויפיעל מען האט געקענט. יעדערער האט געפראקטיקירט אויף זיין אופן, און די מעהרסטע האבען לחלוטין נישט געוואוסט ווי אזוי דערמיט אומצוגעהן.

דאס קען גענוי כאראקטיריזירען פאלגענדער עפיזאד:

"אין דער גרופע 47, איז באזעצט געווארען דער זקן, לייבעלע זיינערמאכער, מיט זיין 22־יעהריגען זוהן, ביידע אלס "כאלאסטאיעס". דער אלטער איז פארבליבען אין ביידעל, אום מיטאג צו קאכען און דער יונגערמאנטשיק, א קליינינטשקער, א מאגערער, איז מיט א פאאר אקסען און א האנד־פלוגעל, ארויסגעגאנגען אקערן.

"דער "דיארקא" האט די ערשטע מעלגע אפגעצויגען, איהם אבערפלעכליך געווייזען, ווי אזוי דעם פלוג צו האלטען און איז אוועקגעפאהרען און דער יונגער נאאיווער קאלאניסט, האט אנגעפאנגען די "וואלטעס" צו מאכען ארום דעם אפגעמעזשע־וועטען פעלד. נור אנשטאט צו שטעלען דעם לעמיש פונ'ם פלוגעל אויף דער הארטער־ערד, אז עס זאל שניידען אין דערברייט, האט ער דאס מעסער געשטעלט אלץ אין דער זעלבער בראזנע און געגראבען אין דער טיעף. אזוי איז זיך דער לינקער אקס כסדר געגאנגען אין דער זעלבער "צורקע" און דער רעכטער, אויס'ן אונבעארבייטען בארען. א צעהן־מאהל איז דער חכם דורכגעגאנגען אין דער זעלבער מעלגע ביז דער צורקע־אקס איז אויסגעקומען אין א טיעפען גראבען און דער רעכטער — ווי ער וואלט רייטען אויפ'ן

לינקען: אויף אזוי פיעל העבער איז ער געווען! ווען דער אלטער זייגערמאכער, איז ארויסגעגאנגען רופען זיין יורש צום מיטאג, האט ער זיך שטארק דערשראקען זעהענדיג בלויז איין אקס — און נים מעהר. האט ער זיך צעגוואלדעוועט... פון דער שכנ'ישער הייזקע איז מען אנגעלאפען, געאיילט אויפ'ן פעלד און ערשט דארט דער־זעהן, ווי דער כניאק געהט זיך גאנץ צופריעדען אינ'ם גראבען וואס ער האט אויסגעאקערט און זינגט נאך עפעס א ניגונ'דעל".

א סך יאהרען האבען די קאלאניסטען נאך אלץ געלאכט פון יע־נעם אקערבויער... דאך האבען אלע דאמאלסט געאקערט. שוסטער, שניידער, קרעמער, מעקלער, חזנים, מלמדים, זאגאר גנבים און אפילו גאלדשטיין, — וואס האט אונז שפעטער מיט א יאהר דעם ערשטען שאנד פלעק געמאכט עפענענדיג א בית־זונות אין קאסארעס. אט די־זער פארשוין מיט אלע איבעריגע איטשע־מייערס און לייבישעס, הא־בען אונטערן קאלאנעל'ס דיסציפלין, די ערד געאקערט און געארביים.

לאנגע שטיקער שווארצע פאסען האט מען פון דער "טיערראַ וויר־כען", פון דער קרקע בתולה געריסען, און אייניגע קאלאניסטען האבען נאך דעם זעלבען ווינטער פארזעעט ווייץ.

כדי די פארוואלטונג פון דער קאלאניע אויסצובעסערן און דעם ארמיניסטראטער צו פארלייכטערן זיין טהעטיגקייט, האט דער קא־לאנעל איינגעטהיילט די קאלאניע אין צוועלף דיסטריקטען אין אויף יעדערן אן אינספעקטאר באשטימט. די אינספעקטארן האבען גע־דארפט ארומפאהרען צעווישען די גרופעס און אכטונג געבען, דאס מ'זאל ארביימען, — נישט פוילענצען.

דיזע משרתים און די יוצר משרתים, אדער ווי די קאלאניסטען הא־בען זיי אנגערופען: "די נוגשים ושוטרים פון מצרים", זיי האבען די אינסטרוקציעס אויסגעפילט מיט אזא מין אכזריות, די סאוארמע דיסציפלין מיט אזא אייזערנע האנד ארויסגעדריקט, דאס מיר הא־בען אין אמת'ן באלד באגריפען דעם ריכטיגען זינען פון ע ב ד י ם ל ע ב ד י ם.

גיך האבען אנגעהויבען פליהען מסירות. איז געקומען די אלטע סדרה פון רוסישע "דאנאסען".

זאל ער מיר מוחל זיין, יענער גרויסער איד אין ענגלישען מונדיר! א סך פיין, פיעלע שמערצען און גייסטיגע פלאגענעש, האט ער־

אונז דאנקאַלסט דורך זיין סאָרט א ד א נ ז ש י ר ע ן צוגע־טהיילט; הגם ער האָט געווים נאָר צום גוטען געמיינט, הגם ער האָט די שטאָל טהיילווייז אויסגערייניגט, הגם ער האָט אונז צוויי שולען פאַר די קינדער אויסגעבויעט, הגם ער האָט דעם פאַר׳עיפּוש׳טען סמיטניק — דעם לאַגער צעשטערט און די אימיגראַנטען איבער די פעלדער צושפּרייט און באַזעצט!

אבער דעם אמת מוז מען פעסטשטעלען. א קורצזיכטיגער אָר־גאַניזאַטער איז ער דאָך געווען! נאָך א קלענערער פּסיכיאָרט. ער האָט ליידער די נשמה פונ׳ם רוסישען אידען לחלוטין ניט געקענט! ניכער וואָלט ער געקענט מושטירען א דיוויזיע, ווי איין גרופּע קאָ־לאָניסטען צו אָרגאַנזשירען!

ער האָט כלל ניט געזעהען דעם שקלאַפּישען יאָך וואָס ער לעגט ארויף אויף זיינע ברידער. וועלכע ער האָט אמת געליעבט. אונבאַ־וואוסטזיניג און בלינד, האָט ער אונז איבערגעגעבען אין די הענד פון דער אדמיניסטראַציע, וועלכע האָט אונז דערנידערט און דע־מאָראַליזירט, צונעהמענדיג ביי אונז יעדע מענשליכע ווירדע און זעלבסטשעצונג. די שפּורען פון יענער שקלאַפעריי, זיינען ביז היינט ניכר אין די קאָלאָניעס!

מאָנאָפּאָל און געלדשטראפּעס.

אַם ענדע יוני, האָט דער קאָלאָנעל צושטערט די גנבים נעסט — דעם בּאראָנ'ס גרויסע קלייט און אָנגעהויבּען אויסטהיילען די קאָלאָניסטען "סובסידיע", אָדער שטיצונג אין געלד... אַלע משרתים, בּוכהאַלטערס, פּערוואַלטער און שרייבּער, האָט ער פּשוט אַרויסגעטריעבּען און אָפּגעשלאָסען אַ קאָנטראַקט מיט די סעניאָרעס איגנאַסיאַ מורעטאַ און לאַזאַרא פּערנאַנדעז, און זיי האָבּען מאָנאָפּאָליזירט דעם גאַנצען האַנדעל אין דער קאָלאָניע.

קיין פּריוואַט מענש, נאָך ווייניגער אַ קאָלאָניסט, האָט דאָס רעכט געהאַט, אַריינצוברייגנען וואָסער ניט איז סחורה צום פּאַרקויפען אויף'ן גאַנצען שטח פון בּאַראָנ'ס לאַנד, חוץ די צוויי אויבּען־דערמאַנטע סוחרים, וועלכע האָבּען איבּערגענומען דעם אַלמאַסען, אַלע סחורות פונ'ם סקלאַד און אונז, עטליכע טויזענד נפשות אַלס פּאַנשטשיזניקעס, פּאַרטיגע קונים, וואָס האָבּען אומבּאַדינגט געמוזט קויפען נאָר בּיי זיי!

מכוח דער פּרייז, און כדי דיזע קאָמערציאַנטען זאָלען ניט בּערייסען אין די מקחים, איז בּאַשטימט געוואָרען, דאָס די אַדמיניסטראַציע זאָל זיי קאָנטראָלירען. כ'לעבּען אַ זיכערע בּאַוואָרענעש!..

מעגליך אַז דער געדאַנק איז געווען אַ גוטער. פּיליייכט איז עס בּאַצוועקט געווען, אָפּצוגעוועהנען אידען פון אַ קרעמעל, אַ שענקעל... אָבּער די פאָלגען זיינען זעהר טרויעריגע געווען. מען האָט אונז אונערבּאַרעהמליך די הויט געשונדען. פינפאַך, זיינען געווען די פּרייזען פון אַלע אַרטיקלען אין פערגלייך ווי אין די אַנדערע פּריוואַט קלייטען פון דער סביבה, און די אַדמיניסטראַציאָנס קאָנטראָלירער, האָבּען ווייזט־אויס, מיט די מאָנאָפּאָליזירער בּלאַט־געשלאָסען. אין גאַנצען די גליקליכע "סובּסידיע" וואָס מיר האָבּען בּאַקומען, איז בּיי זיי פאַרבּליבּען, און מיר האָבּען געהאַט אַ ברירה

צו הונגערן... אט דערצו, זיינען נאך אלס צוגאב געווען די מסירות, און אלס רעזולטאט די "מולטאס" — געלדשטראפעס פאר יעדער קליינינקייט און פאר'ן קלענסטען חטא... פון אט די דאזיגע צרות און די באליידיגונגען סתם אין דער וועלט אריין, איז ממש דאס לעבען נמאס געווארען.

אויך דאס פלייש, וואס איז ביז צו דער "סובסידיע" געווען פריי און אומזיסט, האט דער קאלאנעל איבערגעגעבען אין מאנאפאל איינעם א בערדיטשעווער, מיט'ן נאמען: מאטעל סאטאנאווסקי. וועלכער האט ביי גאלדשמיעד'ן אפגערונגען, אזוי צו זאגען: — די קאראבקע, און איינגעפיהרט א פשוט'ע טאקסע, 15 ס ע נ ט א קילא כשר פלייש און צ ע ה ן ס ע נ ט טרפה'נע. סקאט צום שעכטען האט ער לויט'ן אפמאך, געדארפט קויפען אין אדמי־ניסטראציע. נו, האט זיך שנעל ענטוויקעלט א נייער פארם פון גנבה און פלייש איז געווארען א צוגעקומענער גלות־פראדוקט.

יענער געניטער קאראבקע־איד, האט אין גאנצען צוויי יאטקעס געשטעלט, איינע אין אלגאראבא און די צווייטע אין אליסע. קעפ אויף קעפ, פון פריה ביז נאכט, איז מען ביי דער יאטקע געשטא־נען, ווארטענדיג אי אויף "אטשערעד", אי טאקע אויף פלייש... מען איז פון די קצבים געזידעלט געווארען און אפטמאל געכאפט א בייהן אין קאפ. זיך באקלאגען? וואוהין? צו־וועמען? דער שטור־מער ענגלענדער, סער בוטעל, האט געקוקט דעם דראגאמאן אין מויל אריין און דיזער, איז מיט'ן "קארניסערא", דעם בוטשער, איינס געווען... ווער ס'האט זיך געקלאגט איז מ ו ל ט י ר ט גע־זווארען...

זאל דא פארצייכענט ווערען דער פאקט איבער א "מולטא" פון 120 פעזאס, וואס אונזערער א קאלאניסט האט פאר גאלדשמיעד'ס פעריאד ג ע מ ו ז ט באצאהלען.

יצחק וויינפעלד, פון לאנצקארון, פאדאליע, א פעהיגער קאלא־ניסט און דער פאטער פון א זעהר גרויסע משפחה, האט זיך צו־נויפגערעדט מ ט א סך אנדערע קאלאניסטען און זיי האבען א בונט געמאכט, געגען בעל טאקסע סאטאנאווסקי. דיזער אבער, אום פון א נעגנער פטור צו ווערען, האט אפגעטהאן א רוסישע שטי־קל ארבייט: צוגעשיקט א דאנאס צו די מאנאפאליזירער פון

קליים מיט'ן בלבול. דאס וויינפעלד האט ביי זיך אין הייזקע א גע־היימע קליטעל... מען איז איבערגעפאלען זיין וואוינונג און באַגלייטונג פון א קאמיסאר מיט דעקס ו ו י י ז ש י ל א נ ט ע ן, אן אונטערזוכונג געמאכט און ליידער טאקע געפונען — צוויי קאס־מענס פארפאקעוועטע און פאר'חתמ'עטע, נאך מיט'ן שיפ'ס־זיגעל פון האמבורג.

— אהא, קאנטראבאנד! — האט דער קאמיסאר געשריען! — ער איספארטירט סחורה פון אייראפא און גנב'עט די "ארואנא". — צאהלט נית קיין טאמאזשנע!

מען האט דעם אלטען וויינפעלד'ן ארעסטירט, די "סחורה" קאנ־פיסקירט און אלעס איבערגעשיקט אין געריכטסהויז פון נועוע־דע־כוריא.

דארט האט מען די קאסטענס געעפענט און געטראפען געשיהר.. טייערע גלעזערנע און פארצעלייענע כלים. א גרויסען קריסטאלע־נעם כוס מיט'ן אויפשריפט: "כוסו של אליהו הנביא". וואס איז פאבריצירט געווארען אין וויען, עסטרייך, נאך אינ'ם יאהר 1845: טעצלאך, שיסעלאך, ווערטהפולע פאסודע. אט וואס דארט איז פארפאקעוועט געווען!

דער אלטער וויינפעלד האט גע'טענה'ט, אז דאס זיינען פסח'דיגע כלים, ירושה נאך פון זיין זיידען, רבי קלמן. "אלע, — האט ער געקרעכצט: — אלע, האב איך אין רוסלאנד אויסגעפאר־קויפט, נאר פון דיזע ירושה־כלים, האב איך זיך גיט געוואלט שיידען און האב זיי אהער געבראכט!"

נאר ווער האט איהם דען געוואלט גלויבען? אויף דער פאסודע איז דער קאמיסאר און דער ריכטער, דוקא אויף חמצ'דיגע. בעלנים געווען אין זיי האבען דעם קאלאניסט צוויי וואכען אין תפיסה גע־האלטען, ביז די ביורא האט נאך פאר איהם 120 פעזאס א "מולטע" באצאהלט...

אין ארכיוו וואס געפינט זיך איך דער אדמיניסטראציע פון מאאוריציא, קען מען נאך הייגט, אין דער אבטיילונג פון יאהר 1893, געפינען דעם בריעף מיט דער פאראדנונג פון סיר אלבערט גאלדשמיער, דאס מען זאל ביים קאלאניסט וויינפעלד, אלע מאנאט ארונטערנעהמען צוואנציג פעזאס פון זיין ס ו ב ס י ד י ע..

ביז ס'וועלען געדעקסט ווערען די 120. וואס די ביזורא האט פאר איהם, אלס געלדשטראף, באצאהלט אין "כוזגארא" פון נעווע דע בוליא.

אט אזוי זיינען מיר לאנגזאם געבוינגען און איינגעצאמט געווארען אונטער אן אייזערנער דיסציפלין. קיין פריי ווארט, האט מען פון מויל ניט געטהארט ארויסברייגנען. די קאפאטאסען, אינספעקטארען, מאנאפאליזירער און סתם מוסרים, האבען אונז טעראריזירט. פאר דער קלענסטער אונארדנונג, פאר ניט אפענטפערען מיט הכנעה, פאר וועלכען ס'איז ווארט — האט מען תיכף מ ו ל ט י ר ט, אדער גאר איינגעווארפען די הייזקע און דעם זינדיגען ארויסגעטריעבען פון דער קאלאניע דורך פאליצייליכען געוואלד...

אזוי האט מען "ארויסגעטריבען" די משפחות וועקסעלבלאט, קופערמאן און פייערמאן.

יענקעל קאלקער'ן און בעריש פינקעלשטיינען, האט א קאפאטאס פאר'מסור'ט, אז זיי האבען צופיעל געשלאגען א פערד — אן אדמיניסטראציאנעם פערד. האט דער קאלאנעל פון בוענאס איירעס שריפטליך באפוילען, דאס מען זאל ביי די צוויי קאלאניסטען פון זייער ש ט י צ ע אלס "מולטע" ארונטערציהען צי פינף פעזאס, און אויב דער פערד וועט חלילה פגר'ן, זאל מען פון זייער ווייץ־קאסעטשע, איינקאסירען דעם גאנצען ווערטה פון יענעם פערד. (דעם בריעף האב איך געזעהן אין ארכיוו פון דער אדמיניסטראציע).

פאר יעדער קלייניגקייט איז מען באשטראפט געווארען. א "מולטע" און ווידער א "מולטא"!

דער נעקסטער נאך סער בוטעל'ן, דער אדמיניסטראטער. ש ט ו ר ב, א דייטש, איז נאך ערגער און שטרענגער געווען. ער האט באשטראפט ווען א קאלאניסט האט זיך צופיעל אנגעשפארט אויפ'ן אדמיניסטראציאנעם דראטה...

פירבטערליך, גרויזאם, האט ער אונז אין סאלדאטען פארוואנדעלט! יענער גרויסער טרוימער, וואס האט גע'חלומ'ט אין ארגענטינא א גרויסע אגריקולטור שולע צו מאכען, אום נאכהער פעהיגע ערדארבייטער פאר ארץ ישראל צו בעקומען, האט אויף אונז א שווערען יאך ארויפגעלעגט. מיר זיינען געקומען זוכען פרייהייט און־

טער די שעהנע ארגענטינישע בלויע הימלען און געפונען האבען מיר שקלאפעריי! צו אייגענע פריצים זיינען מיר פארשקלאפט געווארען...

אה, ויאס פאר א נאבעלע אידישע הארץ ער האט פארמאגט! נאר זי האט געבאך געקלאפט אונטער א סאלדאטסקען אוניפארם. אויף זיין באזוך אין מיין גרופע, האב איך זעהר פיעל מיט איהם געשפראכען און כ'האב אין איהם דערקאנט א מענשען מיט א ווייכער און גוטער הארץ, און א מילדע נשמה — אבער דער סאלדאט האט איבערגעוואויגען ביי זיין קאלאניזאטארישער טהעטיגקייט.

אין חודש אויגוסט, סאמע ווינטער, האט ער אנגעטראפען די ברידער קיילעס גראבענדיג א "כאוואויל", ווייל ס'האט געפעהלט וואסער פאר'ן סקאט. א שוואגער זייערער, דער גאטזעליגער יענקעל שמוקלער, איז אין גרויסען ברונעם געשטאנען בארוועס, ארומגעוויקעלט מיט א זאק בלויז, און מיט א לאם געהאקט דעם שטייגערנעם גרונט.

— ווארום דיזער מאן אין זאק געקליידעט? — האט דער קאלאנעל געפרעגט אין זיין צובראכענעם אידיש־דייטש.

— ווייל ער פארמאגט נאר איין רעקעל מיט איין פאאר הויזען. כיוז ער זיי אפהיטען, — האט איהם דער שטילינקער יענקעל קעסלער אפגעענטפערט.

— איז ברונען ניט קאלט ארבייט צו מאכען? — האט ער אפזיפצענדיג ווידער געפרעגט.

— ביי דער ארבייט איז ניט שטארק קאלט! — האט מאזעס שמולמשוק, איהם פארזיכערט.

אויף מארגען האבען די פינף, וואס האבען דעם ברונען געגראבען, ערהאלטען פון גאלדשמיעד'ן א מתנה פון גאנצע 25 פעזאס.

אט אזוי האט זיך דארט אין זיין נשמה געפלאנטערט: ווייכקייט מיט הארטקייט, איידעלקייט און גראבקייט, אידעאלע טרוימען און סאלדאטסקע ווירקליכקייטען...

זאל איהם גאט מוחל זיין! ער האט־אונז בכלל ניט פארשטאנען.

31.

סובסידיע.

"געלט וועל איך אייך געבען!" — האט דער פאלקאווניק געזאגט צו די אימיגראנטען, וואס האבען זיך אלס פערד איינגעשפאנט אין זיין פאטש און איהם קייזערליך ארייגגעשלעפט קיין מאאוריצא.

וויקטאריעס ריענער, האט ווארט געהאלטען. אבער אז אך־און וועה איז צו דעם געלט געוועזן! סובסידיע — שטיצע האט דאס געהייסען.

וויפיעל דערנידערונגען, באליידיגונגען, חרפה, חניפה און קריכע־ריי, עס געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, איז דאס אין גאנצען און אפשר נאך מיט פראצענט, פארקניפט, פארבונדען און פארקערפערט מיט'ן שטיצע-סיסטעם!

מיין פעדער ציטערט מיר אין האנד, בעת איך שרייב די ראזיגע שורות, ווען פאר מיינע אויגען ערשיינען יענע בילדער, ווי מ'פלעגט אויסטהיילען די „סובסידיע", ווערט מיר דער פנים פארפלאמט פאר בושה און שאנד.

אט שטעלט אייך פאר דאס בילד:

א האלב־רונדער לאד, אויסגעשניטען אין א געל־געפארבטער ווענטעל פון ברעטער — דאס איז געווען די קצבה־לאד! א פלאכע לענגליכע ברעטעל, צוגענעגעלט אין פראנטביים חלל, וואס אויף דעם ליגט דער ספר החשבון וואו מ'דארף זיך אונטערשרייבען. פון יענער זייט ווענטעל, זיצט דער „קאבערא", אדער קאסירער פון דער אדמיניסטראציע, אדאלף בערנהיים, א קורצער עלזאסישער אידעל, און רופט אויס די נומערן, וועלכע דער משרת האט פריהער פארטהיילט אונטער די קאלאניסטען.

ווען דער "נומער" קומט צו צום לאד, הויבט זיך אן דער עקזאמען:

— ווי הייסען זיי? וויפיעל קינדער האבען זיי? ארביימען זיי? וויפיעל לאנד האבען זיי פערפלוגט?

— טרינקען זי שנאפס? — פלעגט דער אדמיניסטראטאר שטורם ארייגפאהרען מיט א שטעכעדיגען וויץ.

האט מען נאר דערטאפט א בעזגראמאטנע, און זייער צאהל איז א באדייטענדע געווען — אזוי האט מען איהם גענומען אפ'חוזק'ן און קיבעצען און מ'פלעגט פשוט אויסצאפען די דמים...

יענער בערנהיים, איז געווען א שטיק ליץ... ער פלעגט אפהאלטען א צייט־לאנג דעם "נומער" און זיך איבער איהם וויצלען. דער ציפער קאלאניסט, איז געשטאנען אין געהאקטע וואונדען און נעשווינען — ווייל רעדען גענען נאטשאלסטווא, האט מען איז גאלדשמיעד'ס צייטען נ'ט געטהארט. פאר א קרום ווארט איז די שטראף געווען: צום ערטשען מאהל — פינעף פעזאס, צום צווייטען — צעהן און דאס דריטע — וויסילקע, פשוט ארויסטרייבען פון דער קאלאניע און געעקט... דער נידעריגסטער משרת פון דער אדמיניסטראציע, האט מעהר צומרויען און גלויבען געהאט, ווי דער געאכטעטסטער און ארענטל'כסטער קאלאניסט און אט דיזע מכה איז כראניש פארבליבען, ביז צום היינט'גען טאג.

יענקעל ווינדאווסקי און קאפלאן, זיינען פאר'ן חטא: רעדען קעגען אדמיניסטראטער, "ארויסגעשמיסען" געווארען פון דער קאלאניע. סאלאמאן טראפ און בעריל שווארץ, זיינען פאר דער זעלבער עב'רה, צוויי מאהל מ ו ל ט י ר ט געווארען און צום דריטען, האבען די גאאוטשאס זייערע בעביכעס ארויפגעווארפען אויף די וועגען און מען האט זיי פארטאגט פון באראנ'ס טערריטאריע.

ביים צימער'ל וואו דאס שטיצע־לאד איז געווען, איז א מודעה געהאנגען מיט דער ווארנונג: „ווער עס וועט ניט אויספאלגען, אדער זיך אנטקעגען שטעלען דעם קלענסטען באפעהל פון אן אדמיניסטראציאנס בעאמטען — וועט באשטראפט ווערען מיט א "מולטא".

די נוגשים, די קאפאטאסען מכל המינים, פלעגען זיך אויסנוצען מיט דיזען "אוקאז". און וועמען ס'האט זיך זיי פארגלוסט, האבען זיי אונערבארעהמליך געפייניגט.

שטעלט אייך פאר: די "סובסידיע" איז אזוי אויסגערעכענט געווען, נור אום די נשמה צו דערהאלטען. אכט פעזאס פאר אנ'ערוואקסענ[illegible] פיער — אויף א קינד פון דריי־יאהר און; ביז דריי יאהר.

זאל זיך עס שפייזן פון דער מוטער! 8 און 4 — האט עס געהייסן. דער פּעזא האט דאמאלסט באטראפן קארגע פופציג רוסישע קאפּי־קעס. אלעס איז געווען שרעקליך טייער: די מאנאפּאל־קליים, האט די הויט געשונדען! נו, קומט מען אין קצבה־טאג, נעהמען די סוב־סידיע און מען רעכענט נאך ארונטער פינף, אדער צעהן פּעזאס אלס גילדשטראפע! וואס־איז? דער נוגש האט פאר'מסור'ט, דאס מען האט די אקסען ניט געגעבען צום טרינקען. א פערד געשלימסען. אדער אויפ'ן קייזערטהום גערערט: — און געהט לעבט דורך א חודש צייט מיט די מיזעראבלע סענטען וואס ס'זיינען פארבליבען!

יא, א קייזערליכע עהרע האבען די קאפאטאסען געפאדערט! דער "שווארצער מצרי", א נידריגער טונקעלער בחור'ל, מיט'ן נאמען ה. איז געווען דער בעסטער אינספעקטאר ביי גאלדשמידט'ן. א ביטע־רער שלעכטער יונג איז עס געווען! דיזער "מצרי", האט די קאלא־טען די יאהרען דערגאנגען... מיט א בלויען בליישטיפט, פלעגט ער אייגענהענדיג פארצייכענען אין שטיצע־בוך די שטראפעס און ווען דער אקערבויער איז נאך קצבה געקומען, האט ער שוין געטראפען א צעהנפעזאסדיגע "מולטע" און שריי חי וקיים!

ניט איינעם פון די מולטירטע פלעג איך טרעפען וויינענדיג נעבען דראט אנטקעגען דער שטיצע־טהיר: "מיינע קינדער וועלען שוין דאס מאנאט הונגערן, דער מצרי האט מיך פאר'מסור'ט!" — פלעגט נעבעך דער באשטראפטער שלוכצען.

א נומער נאך א נומער זיינען אזוי, אויפ'ן פארהער פונ'ם אדמי־ניסטראטער און קאסירער אויפגענומען געווארען און גליקליך זיינען געווען די יעניגע, וועלכע זיינען עס בשלום אדורכגעקומען, ערהאל־טענדיג די גאנצע שטיצע זייערע. וואס עס האט זעהר זעלטען געפאסירט! די בלעטער פונ'ם קאפיר בוך באשטעטיגען דיזע טהאט־זאך.

הונדערטע קאלאניסטען זיינען פון באגינען, ביז צעהן ביי נאכט געשטאנען און אויף "אטשערעד" געווארט. אפט איז מען אהיים גע־פאהרען מיט לעדיגען, אום אויף מארגען ווידער א גאנצען טאג ביים גיהנום טהיר אפּצוקרענקען. די מלאכי־חבלה פון דער אדמיניסטרא־ציע, האבען זיך ניט געאיילט. פלעגען אטפראווען א צעהנדליג קבצנים און זיך געהן עסען, טהעע טרינקען, קארעספאנדענין איבע־

נעהמען, א צייטונג לייענען אדער גאר אביסעל זיך איבערשלאפען... און ביים טהיר שטעהען מענשען, געוועזענע בעלי־בתים און הונ־גערן, פרירען, קוקען זשערגע אין קצבה־לאך און פארשעלטען זייער מזל, וואס האט זיי צו אזא מדרגה געבראכט.

— קצבה! פארפלוכט זאלסטו ווערען! "שנארער! בעטלער באנ־דע!" — פלעגט אונז שטורם אנרופען און דער קאסיר בערנהיים, שפעטער אדמיניסטראטער, דוקא ניט קיין שלעכטער מענש אין כא־ראקטער, א גוטער העברעער, וועלכער האט לשון־קודש זיך אויס־געלעהרענט ביי א גלח אין בעלגיע און וואס איז שפעטער זאגאר געווארען מיינער א פריינד. אט דער דאזיגער קאסירער, פלעגט אונז, מיט זיין לצנות שניידען פאסענוויין.

— ס'איז א צדקה געשעפט! פלעגט ער שטילערהייד זאגען צו די ווייסבערדיגע קאלאניסטען. — אנ'הכנסת אורחים! אן אזיל פאר קבצנים!

— נהמא דיכסיפא, אלפערסאן! — האט ער צו מיר ארויס־געשריען פונ'ם חלל ארויס און טרעהרען האבען מיך ביי דיזען שמאד־ווארט באוואשען. יא, "העסליך ברווידט". דאס איז דער אמת'ר טייטש־ווארט פון סובסידיע.

וואס האב איך געזאלט טהון? אין א פרעמד לאנד, שטום, ארים, מיט קליינע קינדער וואס ווילען עסען... אך, הונגער! וואס פאר א געפעהרליכער שונא דו ביזט!

מיט געבויגענע קעפ, פארפלאמטע פנים'ער, אהן א פונק פון מענ־שענווירדע, האט מען זיך געשטופט צום קצבה־לאך, גע'חנפ'ט דעם משרת, כדי ער זאל איבערבייטען דעם נומר אויף א פריהערדיגען — אום וואס שנעלער דעם באראנ'ס "נדבה" צו באקומען... הגם מיר באצאהלען איצט מיט פראצענט און פראצענט פון פראצענטען, פאר יענע כלומר'שטדיגע נדבות...

ברידער, מענשען! ווער פון אייך עס וועט אמאהל דיזע שורות לייענען: האט איהר שוין געפרופט נעהמען א נדבה? האט אייך דער שיקזאל געבראכט צו דער מדרגה, א מקבל צו ווערען? איהר קענט די שאנד און דעם וועטהאג נאר פיהלען, אויב א י ה ר אליין האט עס פארזוכט אדער כאטש געוועזען דערביי!

דאס הארץ ווערט פארקלעמט און טהוט שרעקליך וועה. די בלו־

טען פליסען מיט אזא האסטיגקייט אין די אדערען, אקוראט ווי עס וואלטען דארט ארומגעקראכען מיליאסען מוראשקעס: דער מוח ברענט און די גאל צעגיסט זיך אין יעדען אבר. אזש מען ווערט אנגעפילט מיט א פערבימערנעש אויף זיך אליין, אויף דער גאנצער מענשהייט, מיט איהר בארעמהערציגקייט, מיט איהר פארשאלטענער צדקה, מיט איהר אכזריות'דיגען רחמנות, מיט איהר גאנצען וואהלטהאט סיסטעם! א צוויקענדע בושה כאפט אן און פאר די אויגען שוועבען איראניש הארבע פראגע־צייכענס: פאר וואס? נאך־וואס? צו־וואס פריהער דורך אלערליי פסלנות צוזאמענשארען דעם פארפלוכטען מעטאל, אום נאכהער א פילאנטראפ צו ווערען? איז דען די צדקה אליין, ניט די גרעסטע נקמה־נעהמערין פון דער ארימער גערעכטיגקייט? נא, זעה, ווי דו מוזט שעהן געבויגען ביי מיין טהיר? איז דען בכלל דאס רחמנות, נישט די גרעסטע באליידיגונג, פאר דער מענשליכער נשמה? איז דען רחמנות, נישט קיין פאקטארין ביי גזלה אין די הענד? מען פארקריפעלט טויזענדער ארבייטער, מען פארשקלאפט די מוטער, מען פראסטיטואירט די טאכטער און ווען מען איז שוין אויפ'ן שפיץ פון סאציאלען לייטער, פארגלוסט זיך כבוד, עהרע, — דאן וויקעלט מען זיך איין אין מאנטעל פון רחמנות, מען ווערט א בעל צדקה און מען ווארפט צו די הונגעריגע א בייהן: "נאט גריזשעט און זינגט צו מיר שירים ותשבחות, איך וויל הנאה האבען פון מיין געלד און בין א נדבן, א פילאנטראפ!"

פארשאלטען זאל ווערען די חצופה רחמנות! פלוך אויפ'ן גאנצען צדקה סיסטעם!

נאר צו וואס האב איך זיך פלוצים פאנאנדער געפילאזאפירט? איך וויל דאך נאר דערצעהלען די געשיכטע פון דער קאלאניזאציע און ווי ס'איז צוגעגאנגען מיט'ן אויסטהיילען פון דער "סובסידיע".

מיט א טרוקענעם גאליעט אין קעשענע, אנגעטהאן די פעלענע לאפציעס צוגעבונדען מיט א ריהמענדעל פון א רויער־פעל, אינ'ם געשענקטען קאמיטעט־רעקעל, אויפ'ן קאפ א מיצעל מיט צוויי דאשקעס, — בין איך אויף דער געלער "מולא" נאך דער קצבה געפאהרען. עלטערע אידען פלעגען עולה־רגל זיין, מחמת זיי האבען אנפאנגס מורא געהאט צו רייטען אויף די היזיגע משוגע'נע פערד. די גרעסערע נומערן, פלעגען זיך צוזאמענקלייבען אין קרייזלאך ער־

גען אויף א בערגעל אדער אונטער א געדיכטען ביים, זיך אוים זע־צען ווי די טערקען מיט די פ ס אונטער זיך און איינער פאר'ן אנ־דערען אויסגיסען דאס פארביטערטע הארץ...

אזוי האט מען טעגוויין פארלוירען. ווארטענדיג אויף שטיצע!

תכליתים און פרוכטבארקייט.

עטליכע פון די עלטערע קאלאניסטען, וואס מען האט זיי גע־האלטען פאר די חכמים און אויף זיי האט מען ש:ין טאקע אויך ארויפגעלעגט דעם כלל'שען יאך, האב איך אין א "שטיצע טאג" געטראפען פארזאמעלט אונטער דער קלאגענדיגער וועררבע, וואס קוקט צום בית עלמין. אלע זיינען אויסגעזעצט געווען אויפ'ן גראז און א מאסע "באלאסטאיעס" און פאמיליאנ־טען, זיינען ארום זיי געשטאנען.

מען האט שטארק געזארגט איבערן נייעם נאמען וואס די קא־לאניזאציע האט באקומען. ביז'ן אכצעהנטען יאנואר פון 1893־טען יאהר, האט עס דא אפיציעל געהייסען: "די קאלאני־זאטארישע אונטערנעהמונג פון באראן הירש! און פלוצים איז עס פערוואנדעלט געווארען אין "די אידישע קאלאניזאציאנס געזעלשאפט — יק"א.

פון

EMPRESA COLONIZADORA "BARON HIRSCH"

אין

"JEWISH COLONIZATION ASOCIATION".

— מען האט ארויסגעווארפען דאס ווארט באראן הירש: א:ים טאטע! צו א שטיף־מאמע זיינען מיר איבערגעגעבען געווארען! צו עפעס א משונה בריאה, וואס הייסט: יק"א! — הא־בען אייניגע באמערקט און פון יענעם טאג אן, האבען די קאלא־ניסטען אינסטינקטיוו גענומען האסען דער דאזיגער באשעפעניש און איהר נאמען.

שניאור מלמד, יוסעל דראהל, אליהו פאק און דער כשר'ער מנקר, האבען געוואלט דרינגען, אז דאס דארף זיין עפעס א באנדע מי־

סיאנער'ן, רייכע ענגלענדער, וואס ווילען אונז מעביר זיין על דת...
דערפאר איז דער נאמען אין ע נ ג ל י ש.

דער קליינינקער קאנטאניסט ראגאוו, פון טאמבאוו דוכט מיר איז ער געווען און וועלכער האט זיך שטענדיג ארומגעטראגען מיט א ספר־תורה'לע, קושענדיג דאס מיט צערטליכקייט און מיט האר־ציגער תמימות, — האט זיך ווי א קינד צעכליפעט:

איך האב די שנעע־פעלדער פון סיביר אדורכגעבראושעט, ימים דורכגעפאהרען און געקומען, ווידער א איד צו זיין, דעם צלם אוועקשליידערן און טיפער'זש..

דער קליינער קיבוץ אויפ'ן גראז, האט ביי די ווערטער פון ני־קאלאיי'ס אנ:ס, די קעפ טרויעריג ארונטערגעלאזען און אלע האבען זיך פארטיעפט און פייגליכע געדאנקען.

ישראל ליסין אן עלטערער קלוגער איד, האט זיך אויפגעשטעלט און צושריען:

— ש:טים — טפושים! מלמדים וואס איהר זיינט! ווער דארף אייער דת, וואס האט איהר זיך פארזארגט, און וואס האט איהר מורא פאר'ן נייעם נאמען? מיר וועלען נאך פון דאנען פאהרען אין א קאמיסיע צום באראן, אדער מיר וועלען א י ה ם אהער, צו־אונז ברייגנען! מיר וועלען זיך ניט לאזען טרעטען מיט די פיס — ' האט קיין מורא ניט!

— אט דער דאזיגער ליסין, איז געווען א הייסער איד מיט א סך בטחון, דערפאר האט מען איהם שפעטער אלס רעוואלוציאנער, אויף לאפין'ס א באפעהל, ארויסגעווארפען אויף א וואגען און פון דער קאלאניע ארויסגעשיקט!... מיר'ן נאך צוריק־קומען צו זיין טהעטיגקייט.

ס'איז שטיל געווארען. דער אלטער וויינפעלד, וואס האט שטענ־דיג צווישען די צייהן געביסען דעם ציגארשפיצעל און משלים גע־זאגט, האט פלוצלונג אין א גאנץ ערנסטען טאן אפגעווענדעט דעם שמועס אויף אן אנדער ענין.

דערוויי: ברידער, איידער ה' ליסינ'ס חלום וועט פארווירק־ליכט ווערען און מיר וועלען די זכיה האבען דעם באראן דא צו זעהן, וואלט איך געזאגט, אז ס'איז א סך גלייכער א טראכט צו טהון מכות א דאקטער. דער ליעבער דר' יאפפע איז אוועק פון אונז. ער האט מעהר ניט געקענט איבערטראגען די פארפעסטעטע קא־

זארמע לופט פונ׳ם ענגלישען פאלקאוואדיעץ. ווען ער האט למשל פערד געבעטען, איז צו פאהרען צו א קראנקען — האט איהם די אדמיניסטראציע עגטזאגט. דאס ווייסט איהר דאך! און מיט אזעלכע ״שפיצלאך״ האבען זיי איהם געזוכט צו פטר׳ן און האבען עס דערגרייכט... דערוויל אבער ברידער, האבען זיך די ווייבלאך צעקינדעלט באלד ווי אין מצרים אונטער י ע נ ע נ ו ג ש י ם... צוועלף פאר׳לאך האבען מיר שוין דא געהאט און איצט איז ביי בצלאל ליפמאן א דריילינג געבוירען געווארען... מעהר פון הונדערט געבורטען אין פערציג טאג! און אחוץ די קימפעטאָרענס, זיינען פאראן א סך אנדערע קראנקע. זאל דער קאלאנעל אונז שיקען א דאקטער און פאר איהם באשטימען זעקס פערד און נישט די פאדלעס וואס די אדמיניסטראציע שטופט אונטער גראדע דעם דאקטער!...

— און טאקע ״מימעכאדאם״, לאמיר אויך שרייבען וועגען א מקוה! — האט רבי לייב דינער געפאדערט — די ווייבלאך געהען טבילה האבען אין דער ״לאגונא״, די ש װ א ר צ ע קוקען זיך אונטער... און ס׳איז קאלט... די סכנה איז א צוויייענדיגע!..

— נו, און אז אונז, אז די ״כאלאסטיאקעס״ פארגעסט מען? — האט זיך אויפגעהויבען א לאנגער איד מיט א באראדיווקע אוים׳ן נאז, א מעזשיביזשער חסיד מיט׳ן נאמען, לייזער ניסענזאהן — איהר — טענה׳ט ער, — זארגט זיך פאר פרו ורבו און מיר דוכט, אז די ״לאגונא״-וואסער, איז אויסגעצייכענט פאר פריה ורביה, א סימן: די צווילינגס און די דריילינגס וואס זיינען געבוירען געווארען... ווארום זארגט איהר ניט פאר א ו נ ז ע ר ע פרויען און קינדער וואס שמאכטען דארטען אין רוסלאנד? דארט ליידען זיי געבאד פון הונגער און פון קעלט! — זיין שטימע ווערט איבערגעריסען פון אויפרעגונג און ער שלעפט־ארוים דעם ברייטען ארבעל פון זיין העמד און ווישט זיך אוים די פייכט געווארענע אויגען — בערך! — גיט ער א געשריי און שטורכעט מיט׳ן עלענבויגען א ברייטבייהנערדיגען אידען, מיט א שעהנעד און גרויסער בלאנדער באָרד. — דער ״געלער ראבינאוויץ״, האט מען איהם גערופען, א איד פון ״עקרים״, ״כוזרי״ און ״עקידה״, וואס שווייגסטו וואס? גילם איינער! זעה דעם בן הרב, ווי ער קען א מויל ניט עפענען! די פאמיליאנטען האבען זיך אין זינען, און אז אונז פארגעסען זיי!

דער דאַזיגער בערל, בורטשעט אונטערן נאָז, לאָזט אַראָפּ זיין בליק צו די באַרוועסע פיס. — קיין ג ו י ' ש ע כ א ד א ק ע ס, אַזוי ווי מיר. האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט אַנטוהן — און ענטפערט אַנצייגענדיג מיט'ן האַנד אויף מיר:

—זאָל ער, מיט'ן פעלענעם גאַרטעל, מיט אליהו'ס אוזר עור, אייך אָנשרייבען אַ ביטע אין לשון הקודש, דער פּאָלקאָווניק זאָגט מען, קאָן די ציון'ס שפּראַך...

—צוערשט זאָל מען שרייבען פון די "כאַלאַסטאַיעס"! —היצט זיך אַ מאַגערער ווייסינקער מענשעלע, שמחה פליישהעקער איז זיין נאָמען געווען. —- לאָמיר אויך דאָ האָבען אונזערע משפּחות אַיז זיין גלייך מיט אַלעמען!

—מאַטעלע! — קאָמאַנדעוועט דער אַלטער ליסין. — מאַך אַ "טשאַרנע", מיט אַ קאַראַנדאַש, טאַקע דאָ אויפ'ן אָרט און מיר וועלען דיר שוין אויסטאַלקאָוועז!

ס'איז באַלד געשאַפען געוואָרען פּאַפּיער און אַ בליישטיפט און יונה פרענקעל, מיט זיין גלייכער פּלייצע, האָט געדיענט אַלס שרייבטיש... דער אַלטער ליסין, האָט דעם שפּיץ פון זיין ציגענער בערדעל אַריינגענומען אין מויל, האָט אַרויפגעצויגען די זאַק, וועלכע פּלעגט זיך איהם כסדר אַראָפּרוקען, האָט צוויי מאָהל אָפּגעווישט די נאָז, מיט דער האַנד וואו ס'האָט געפעהלט דער גראָבער פינגער, זיך צוגערוקט צום לעבעדיגען שרייבטיש און גענומען דיקטירען — איך האָב געשריבען...

דער עולם אַרום איז ערנסט געוואָרען און איז געשטאַנען שטיל רוהיג... ליב דינער, האָט נאָר איינאיינציגען מאָהל אַרויסגענומען זיין טאַבאַקירקע מיט'ן צוריבענעם טיטון — קיין שמעק־טאַבאַק איז נאָך דאַמאָלסט ניט בנמצא געווען. האָט מען זיך צופרידענגעשטעלט, שמעקענדיג צוריבענע מאַכאַרקע: —- און ווי די מאָדע זיינע איז געווען, האָט ער זיך גענומען מכין זיין צום דאַזיגען עונג... אָבער אין זעלבען אויגענבליק האָבען זיך דערהערט קולות פון צעוויִשען עולם: "לאָזט צורוה, רבי ליב, מיט אייער טאַבאַק שמעקען. עפּעס שרייבט מען דאָך!" און ווידער איז איינגעטראָטען די שטילקייט און איבער יעדענס געזיכט איז צום באַמערקען געווען, דאָס מען איז אין רעיונות פאַרטיעפט... אַלע האָבען פון זייער הײם גע-

טראכט און ביי די אומגליקליכע „כאלאסטאיעס“ זיינען די אויגען אנגעדראָלען געווארען...

איך האָב די"פראשעניע" גענענדיגט. אברהם'ל ראָזענפעלד, האָט דאס פאפיער אין האנד גענומען און איבערגעזעצט אין אידיש דעם אינהאלט פון דער העברעאישער בקשה.

פלוצים האט זיך אויפגעהויבען וועקסעלבלאט, א בכבוד'דיגער איד, א גאנצער פארנעם, האט געהאט א זעהר געבילדעטע פאמיליע, (גאלדשמיעד האט איהם טאקע אומגעזאמט, ארויסגעשיקט פון דער קאָלאָניע) און האָט אונז מיט זיין הייזעריגער שטימ'ע כמעט ווי אין צווייפעל געטריבען.

— דומהייטען! נארישקייטען! — האט ער מיט זיין פעסימיזם באהויפטעט. — אומזיסט איז אייער שרייבען! דאקטוירעם, מקוואות, די פאמיליעס זאלען זיי איך ברייננגען? ניין, ניין! איהר האט צוטהון מיט רשעים, מיט שקלאפענהענדלער! ס'איז גאר קיין באראן נישטא! מיר זיינען זעהר שלעכט פארפאהרען! מ'דאר‍ף טראכטען ווי זיך צוריק אהיים צו דערשלאגען...

דער עולם האט אויפגעציטערט. האָס ווארט: א ה י י ם! האט יע־דען 'עלעקטריזירט.

— א ה י י ם? — האט א הויכער קול אין א סארקאסטישען טאָן אפגעקלונגען. — א היים! וואט טיעבע נא!

דאס האט אויסגעשריען אברהם הויכבערג, אנ'אדעסער און א געוועזענער סאלדאט, וואס האט אימער גערעדט "פאפאלאם פא רוסקי"...

—א היים! — האט ער ווידער געשריען, נאכקרימענדיג זיך וועקסלבלאט'ן און האלטענדיג זיך פאָרבאָקאָם: — א היים! טאָם גדיע מ'ברענט הייזער, מ'זגראבעוועט די קלייטען, מ'הרג'עט די סטארצי, אי מען פיצעלט רעביאנושקי און מען ז'גוואלדעוועט אונ־זערע כיאסטרי! .... אה! — האט ער אזש געדונערט. — סאם יא ווידיעל א פאגראם! נו, דא, אליין געזעהן! מיין פראפארשטשיק געשטאנען נעבען מיר און געקוקט ווי די באסיאקעס בושעווען און ראזגראמליעוועז און מיר געהייסען האלטען קאראאול! א שעהנע היים! וואט טיעבע נא! היי ווילענסקי! — מיר זיינען זדיעס אין דער ראספובליקע ארגענטינא: זדיעס איז אונזער היים!

און יענער הויכער, פעסטגעבויטער איד, צעטאנצט זיך פרעהלאך פאר'ן גאנצען עולם.

מיר האבען אלע פרייער אפגעאטהעמט. דער יאוש איז פארשוואונדען און די האפענונג האט איהר געוועהנליכען ארט פארנומען.

אין צעהן טעג ארום, איז אויף אונזער ביטע אנגעקומען אן ענטפער.

גאלדשמיעד מעלדעט: "דאס קיין מקוה קען די ביורא ניט מאכען, עס דארף קאסטען פיעל געלט", און ברייננט א חשבון: 500 פעזאס א הויז, היינט די גרוב, ד. ה. די מקוה, דארף האבען ציגעל און צעמענט אין באטרעף פון נאך 200 פעזאס. די אדמיניסטראציע קען אזא אויסגאבע ניט מאכען. "אויב די קאלאניסטען ווילען, זאלען זיי עס אויסטרויען פון זייערע סובסידיע געלדער"....

— ווי געפעהלט אייך דער שפאס! — האט אימיצער אויסגעשריען.

ווענען א דאקטער, פארזיכערט ער, דאס מארגען שיקט ער ארויס דעם דר. שווארץ, אויף יאפפע'ס פאסטען און מכוח די פאמיליעס פון רוסלאנד צו ברייננען, ווערט פארשפראכען, אין גיכען צו באציהען די משפחות פון יענע "סאלטעראס", וועמעס אויפפירונג איז אין די פערוואלטונגס-ביכער פון מאאוריציער אדמיניסטראציע, פארצייכענט אלס א גוטע: די בונטאוושטיקעס און רעבעלען. האבען אבסאלוט ניט וואס צו ווארטען און האפען, דאס מען זאל זיי נאך זייערע פאמיליעס ברייננען!

באין ברירה, האבען מיר מיט פארדראס דעם ענטפער אראפגעשלונגען.

די פרומע אידען האבען שון מקוואות אליין פארזארגט: ביי מאטיע פרענקעל אין גרופע 54, האט מען איין גרוב אויסגעגראבען און ביי הירש שאפאטשניק, אין גרופע 31 — די צווייטע. מען האט געגראבען ביז'ן וואסער, נאכדעם איבערגעצויגען די גרוב מיט א לייוונטענעם דאך און די שוחטים, האבען די קאלטע וואסער גריבער מיט א הייסען מקוה־הכשר געווארימט... און דאכצעך דאס זיי האבען די דאזיגע מקוואות מיט מילך גע'כשר'ט... דער יונגער דור, די 20 ביז 30 יעהריגע, (מחמת עלטערע מענשען, זיינען גאר וועניג געווען), האבען זיך פאר צרות גענומען מעהרען און מעה־

רען, ווי אין פסוק שטעהט: וכאשר יענו אותו, כן ירבה!...

אבער קינדלען אין א בודקע פון בלער, דארט הארעווען קינדער: זיי זויגען און ערציהען אויף דער פארשאלטענער מאגערער ש ט י־צ ע. איז גאר נים אזוי קפריסינ'דיג געווען. האבען זיך מיישב גע־ווען אייניגע פון די יונגע קינפעטארינס און געווינערינס, און געכאפט א שטארב...

קיין דאקטער איז גיך ווידער נים געווארען. דר. שווארץ, איז קוים געווען פון יולי ביז סעפטעמבער. ער האט זיך מיט דער ארמיני־סטראציע צעריסען, אקוראט ווי אלע איבעריגע ערצטע און איז אב־געפאהען, שפייענדיג קלעק אויף זיי...

איז ווידער אמאהל א יללה געווארען:

— דאקטער: — האט מען פון אלע זייטען געשריען!

דא איז א קינפעטארין געשטארבען. דארט האט זיך א קאלאניסט פארטשעפעט אן א בראנע און דאס לייב צופליקט. אנאנדערער איז פון פערד אראפגעפאלען און א פוס צובראכען... איבערהויפט זיי־נען די שטאדטיגע אידען, כמעט אלע, גרויסע בריה'ס געווען, צום פאלען און זיך אויסצוגליטשען...

— גוואלד, א דאקטער! — האט די גאנצע קאלאניע געיאמערט. די אדמיניסטראציע האט צו דער דירעקציע געשריעבען און דער ענגלישער קאמאנדיר, וואס יעדער סאלדאט־קאלאניסט איז ביי איהם טייער געווען, האט פאראדרענט, אז די אדמיניסטראציע זאל יענע מיט די צעבראכענע בייהנער, אריבערשיקען קיין בוענאס־איי־רעס אין "האספיטאל־פראנסעס" און דאס די געווינערינס זאלען דערוויייל צו ווארטען... מילא, האט מען די קאליקעס אויף שליטענס פון בלער, צוגעטאסקעט ביז קיין אלגאראבא און די בארעמהערצי־גע ארמיניסטראציע פון גאלדשמיער'ס מאנארכיע, האט זיי אפ־פראוועט אין שטאדט אריין. וואלט דאך שוין געווען נישקשה! איז אבער דערביי אן ערגערע צרה געווען. אז מען האט דעם קאלאניסט דארט אויסגעקורירט און ווען ער איז מיט א פארגיפסעוועטען פוס, בשלום א היים געקומען, האט דאן זיין געזונדטע פאמיליע אנגע־הויבען קרענקען פשוט פאר הונגער... ווייל די אדמיניסטראציע האט אלע מאנאט אראפגעצויגען א חלק פון זיין שטיצע, אום צו דעקען די אויסגאבען פונ'ם קראנקענס רייזע קיין בוענאס־איירעס: פאר

די שפּייזען פון דער קוראַציע וואָס זי האָט דאָרט פאַר איהם באַצאָהלט, אָדער וועניגסטענס, געזאָלט באַצאָהלען!...

נאָך אַ פּאָאָר מאָהל האָבען מיר געשריבען צום קאַלאָנעל. ער האָט ענדליך געענטפערט, דאָס ער האָט וועגען עניין דאָקטער, דעפּעשירט צום בעראָן און ער האָט אַ תשובה באַקומען, אַז עס ווערט אַרויסגעשיקט אַנ׳ערצטין, אַ אידישע פריילין...

די אומגליקספעלע האָבען אָבער ניט געוואָלט וואַרטען אויף דער דאָקטערשע, די פריילען... יונגע מאַמעס זייגען דערווייל אַלס קרבנות געפאַלען!

האָט מען געמוזט באַדינגען אַ קריסטליכען אַרצט פון שטעדטעל סעהנאָבאַ. אַ מרחק פון צוועלף-לעגוועס (60 קילאָמעטער) פון אונזער קאָלאָניע. צוויי מאָהל אין וואָך, פלעגט ער קומען צופאָהרען און מיט דעם דאָזיגען אַרצט, איז אונזער ביטערער כוס פאָרפולט געוואָרען...

33.

צעזאַר זהאַרעס, — אַנאַרצט, און „האָטעל טשאַנטשאָ“ — אַ שפּיטאָל.

אויך ביי די מהויערען פון מענשליכע שמערצען און יאמערן, אויפ'ן שוועל פון שפּיטאָל, האבען די בעאמטע פון דער בארעמהארציגער פילאַנטראָפּיע, אונז אויף חוזק גענומען; האבען זיך אויסגעלאכט פון אונזערע וועהטהאגען, זאלין געשאסטען אויף אונזערע וואונדען און זיך געוויצעלט איבער אונזערע שטערבענדע...

יענע בילדער, קענען פון מיינע אויגען ניט פארשווינדען. אימער ערשיינען זיי בולט און שטענדיג ערוועקען זיי ביי מיר די פראגע: איז טאקע ווירקליך דער איידעלער קאלאנעל אזוי בלינד געווען, אז ער האט דאס אלעס גאר ניט געזעהן? ווארום האט ער עס ניט פארהיט? פארוואס האט ער דאס ניט געהינדערט? ווי אזוי האט ער עס געקענט געבען אזא אומבאגרענעצטע ממשלה, אין די הענד פון א באנדע וואגאבונדען וואס האבען נאר געוואוסט, דאס זיי דארפען די אומגליקליכע אימיגראנטען פייניגען? ווי קומט עס, וואס פאר אלעמען און אויף אלעס, האט ער אזא אפענע רייכע האנד גע־האט, אחוץ פאר אונז קאלאניסטען?

הערט חידושים! אויף אלצדינג האט דעם באראן'ס פארמעגען נעסטאיעט! א קאמיסאריע האט מען אויסגעבויעט ביד רחבה, זאל פאליציי האבען וואו צו וואוינען און פארברייננגען! א תפיסה, מיט א סך קאזאמאטען, צימערלאך מיט אייזערנע גראטעס, גוטע זיכע־רע שלעסער, מיט באקוועהמע וואוינונגען פאר די וועכטער, אלעס פון ציגעל מיט צעמענט, גוטע טהירען, פענסטער, כרבעי... אן אדמי־ניסטראציאנס געביידע, הויך און לאנג ווי דער אידישער גלות... מיט צימערן גרויסע און ברייטע — אהן א שיעור. אפילו פאר דער בלאנדער פראנצוזקע, דעם אינזשעניערס מעטרעסע, וועלכע פלעגט מיט איהר אויסגעלאסענעם געלעכטער פארהילכען דעם גאנצען „הויף“, האט מען צוויי חדרים אויסגעסטרויעט. די צוויי ריעזיגע

נאלפאנעס, פאר די פערד און די קאטשען פון דער אדמיניסטראציע, האבען מיר מיט אונזערע הענד אויסגעבויעט: „פיתום און רעמסס" האבען מיר זיי א נאמען געגעבען: — אויף אלעס, איז די האנד ברייט צועפענט געווארען: נור פאר אונז קאלאניסטען איז זי פעסט געשלאסען געווען!

מילא א באד, א מקוה האט גאלדשמיעד אפגעזאגט, דאן ווען זאגאר ארעסטאנטען איז סיביר באקומען אויך א באד זיך צום ריי־ניגען... די אדמיניסטראציע קען קיין געלד אויף א באד ניט פאר־שפענדען! אויף מקוואות — נו פאנאטיזם אפשר, איך ווייס? אבער א האספיטאל? אך מיין גאט! ווייסט איהר וואו ער האט א פלאץ געפונען פאר אזא דרינגענד נויטהיגען אינסטיטוט? ס'איז מיר פשוט א בושה צו דערצעהלען. יענער אויבען־דערמאנטער חזיר שטאל, וואו מיר זיינען צוזאמען מיט די שווינען געלעגען ביים אנ־קומען, אהין האט מען איצט די חולאים פארשיקט! די וואנט פון בלאטע, דער דאך פון שטרוי, — איז דער באריהמטער "האטעל טשאנטשא" געשטאנען אויף א בערגעל אנטקעגען בית עלמין און פארבליבען בירושה פון דעם עקס־פאטראן'ס, רעמעלא פראנקא'ס חזירים!

יענע "ראנטשא" האט דער קאלאנעל געהייסען כלומר'שט פאר־ריכטען. מען האט אויפ'ן שטרויענעם דאך ארויפגעלעגט בלעכען, די וואנט מיט קאלך אפגעווייסט, אפגעטהיילט צוויי פראנט צימער־לאך, איינעם אלס קאנסולטאריע פאר'ן דאקטער וואו קראנקע אויפ־צונעהמען און דעם צווייטען, ווענען די עטליכע פלעשלאך מעדיצין, וואס מ'האט אנגערופען אפטהעק.

הינטער די צוויי חדרים, איז געווען א לאנגער שמאלער חדר, מיט צוויי קליינע בויער־פענסטערלאך וואס האבען ארויסגעקוקט צום "הייליגען ארט". אין יענעם צימער האט מען אריינגעשטעלט צוויי "קאטרעס", און דאס האט מען א נאמען געגעבען שפיטאל! נעהמט אידען, ווי איינער רעדט — און קרענקט אייך וויפיעל איהר ווילט: איהר קענט אויך דורך די פענסטער־לעכער, קוקען גלייך צום עולם האמת — און צעפרידען זיין.

אט דיזער "האספיטאל", וואו עס געפינט זיך נאך עטליכע פלעש־לאך מיט מעדיקאמענטען, שטעהט ביז היינט אויפ'ן זעלבען ארט.

קיין בעסערן האבען מיר ניט זוכה געווען אויפצובויען: נאר היינט דרעהען זיך דארט ארום גרויסע ספשוריעס, ראצען און מייז פון אלע סארטען און מינים.

דער פאראנדעק איז געווען פאלגענדער: צוויי מאהל אין וואך, זיי־נען די "דאקטער טעג" געווען — מאנטאג און דאנערשטאג.
הונדערט חלאים זיינען זיך צוזאמען געפארען. אדער צונויפ־געקומען קיין אלגאראבא און זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, פון ביידע זייטען וועג וואס ציהט זיך פון דער אדמיניסטראציע ביז'ן "האטעל טשאנטשא-האספיטאל". דארט איז מען געזעסען און גע־ווארט אויפ'ן דאקטער פון פעהואכא.

נאך יעצט דוכט זיך מיר, ווי איך זעה יענע ארימע קראנקע: אווירקליכע גיהנום בילד, וואס נאר א דאנטע, וואלט א מייסטער גע־ווען ריכטיג צו שילדערן!

אט ליגט דער אכצעהן־יעהריגער שעהנער בחור, שמשון מעלמאן. וועלכער איז פון א פערד ארונטערגעפאלען און א פוס צעבראכען. ער קרעכצט און אויפעט אז עס שניידט אזש ביים הארצען. זיין פאטער, משה חנה־גאלדעס פון סקאלא, — א שפעטערדי־גער רעווערענד, חזן ומוהל אין ניו־יארק. — שטעהט נעבען איהם, לעגט איהם צו קאמפרעסען פון קאלט וואסער און באוואשט זיך מיט טרעהרען... ווייטער אביסעל, ליגט ליב יונטעס מיט א צעבראָ־כענעם ריפ אין זייט. אביסעל אפגערוקט, טרעפען מיר אונזער באַ־קאנטען, דעם אלטען ישראל ליסין, וועלכער איז געפאלען אויף א בראנע און אפאאר אייזערנע צייהן זיך אריינגעשטאכען. נאכהער קומען יונגע פרויען, מיט ארומגעבונדענע קראנקע ברוסטען. פארקיהלט צווישען די אנגעפרוירענע קאלטע בלעכע; מא־מעס מיט שלאפע און קראנקע קינדער, ריהנענדיגע אויערן, שטיקענדיגע העלדזער, צעיאטרעטע מכות און שלעק פון דער גאנצער וועלט... אט די דאזיגע אלע פארוואגעלטע, ליגען אויפ'ן גראז און ווארטען דער דאקטער זאל זיי ברייגנען זיין מעדיצינישע הילף. הימעל! איז דען מעגליך דאס בילד צו פארגעסען?

אויף א לייכט רייט־וועגעלע, איינגעשפאנט צו א ברענענדיג שווארץ סאמעטענעם פערד, לויפט אן דער דאקטער צעזאר רהארס. ער איז שנעל מיט זיין געשפאן דורכגעלאפען די צוועלף־לעגועסדי־

גע שטרעקע. די בעאַמטע פון דער אדמיניסטראַציע, שטעהען און גלע־טען דעם פאַרשוויצטען "נעגראַ", פּאַטשען איהם אין הינטען, גלע־טען איהם די גריווע, קוקען איהם אין די ציינער און זאָגען מבינות, לויבענדיג דעם פערד ביז גאָר... דער דאָקטער שמועסט מיט זיי און צעשמעלצט זיך פון נחת. אויף די קראַנקע קוקט מען זיך אפילו ניט אַרום!

דער דאָקטער וואַשט זיך אַרום, טרינקט מיט'ן אדמיניסטראַטער קאַפע און וואַרפט-צו עטליכע קאָמפּלימענטען דער יונגער פראַנטשו־זשינקע... ערשט אַרום עלף אַ זייגער, קומט ער אַרויס, אַפּט באַגלייט פון'ם אדמיניסטראַטער, שפּאַצירט אַדורך די שורות מיט קראַנקע, פאַרשרייבט, אַז די מיט צעבראָכענע גליעדער, זאָל מען שיקען אין אַ שפּיטאָל קיין בוענאָס איירעס און פאַר די איבעריגע חולאים, פאַר־אָרדענט ער אַביסעל מאַגנעזיע, ביקאַרבאָנאַטאַ פון סאָדיום, זאָגט עטליכע פאַרנאָרגראַפישע פראַזען צו די יונגע ווייבלאַך און גיהט ווייל ס'איז אומזיסט די קוראַציע... ווע זיי וואָלטען דאַרפען צאַה־תיכף אַוועק; אום מיטאָג צו עסען...

זיצען די קראַנקע און וואַרטען ביז צוויי אַ זייגער! ווען דער דאָק־טער קומט פון'ם עסען מ ר א ה כ ה נ'ד י ג, זעצט ער זיך אַוועק אויף אַ שטול און באַהאַנדעלט אונזערע קראַנקע מיט'ן גרעסטען ציניזם...

— משע גרינגאָ! — זאָגט ער צום יונגענמאַנטשיק וואָס פאַר־טרעט כלומר'שט אַ אַפּטהעקער און פאַרוואַלטעט די עטליכע פלעש־לאַך און פעקלאַך רפואות. — דו ווייסט דאָך שוין אַליין! זאָלע — די האַלבע קראַנקע, יאַדאַ טינקטור — פאַר די פאַרוואונדעטע...

דריי אַ זייגער קומט אַריין דער אדמיניסטראַטער און מ'שמועסט אַביסעל, מען לאַכט, מ'חוזק'ט און מען טרינקט "מאַטע", וואָס אַ שותפות'דיגע שיסעל דערלאַנגט... אַזוי ווערט צווישען זיי באַ־שטימט בהסכם, דאָס די אַלע קאָלאָניסטען קרענקען נאָר דערפאַר, ווייל ס'איז אומזיסט די קוראַציע... ווען זיי וואָלטען דאַרפען צאָה־לען פאַר יעדער וויזיט פון'ם דאָקטער און פאַר די מעדיקאַמענטען, דאַן וואָלט קיינער פון זיי ניט שלאָף געווען...

זייגער פיער איז שוין דער „נעגראַ“ אָפּגעבאָדען, אַרומגעוואַשען, אויסגעזעסט, אַנגעהאַרעוועט און איינגעשפּאַנט — און דער דר. פּאָהרס אַוועק.



ווי דער דאקטער מיט'ן אדמיניסטראטער קורירען קראנקע. (ז. 191)

אויף אזא סמך האבען די רשעים אויפגעהויבען א פראטאקאל און צעזאר רהאדעס האט באשטעטיגט, דאס די אימיגראנטען קרענקען פשוט פון וואוילטאג און זיי קורירען זיך נור, ווייל דאס איז אויפ'ן באראן'ס חשבון. „זעהר ווייניג זיינען ווירקליך קראנק!" — פארזיכערט מען דארט. אט דאס איז אפגעזיגעלט געווארען מיט'ן שווארצען חותם פון דער אדמיניסטראציע און איבערגעשיקט געווארען אין דער דירעקציע פון בוענאס-איירעס.

אומגעזאמט איז אנגעקומען אן אוקאז פונ'ם קאלאנעל, דאס יעדער קראנקער זאל צאהלען פון 50 ביז 80 סענט פאר יעדער מעדיצין, וואס ער באקומט פון אפטהעק... דאס זאל זעלבסטפארשטענדליך ארונטערגערעכענט ווערען יעדען מאנאט פון דער „סובסידיע".

און די נוגשים האבען טריאומפירט, אנצייגענדיג דעם פאלקאווניק, דאס זייער מיינונג איז א ריכטיגע געווען; דאס זינט ס'איז איינגעפיהרט געווארען דער אפצאהל, קומען א סך וועניגער די קאלאניסטען צום דאקטער... אה! דער ר י י כ ע ר גאלדשמיעד האט מן הסתם ניט געוואוסט, דאס דער ארימער טאטע וואס ברויכט די 80 סענט אויף ברויט פיר זיינע קינדער, וועט גיכער ליידען דעם וועטהאג, זיך בעסער פארלאזען אויפ'ן בורא'ס רפואות, איידער ביי זיינע בני-ביתו צוצונעהמען דאס עסען!...

נייענציג פראצענט פון די ערשטע קאלאניסטען זיינען טאקע ביז היינט פארבליבען קראנקע, רעוומאטיזגע, געבראכענע פון דער צו שווערער ארבייט, פון דאס לעבען אין דחקות בעת דער פארפלוכטער שטיצע-עפאכע, פון דאס וואלגערן זיך אריבער א יאהר אין „קארפאס" און אין בלעכענע בודקעס. — און אלעם צוזאמען האט אונטערגעגראבען די געזונדהייט פון די ערשטע פיאנירען.

א גרויסע טהייל פון די כוחות האט פארצעהרט דאס הייזער-בויען. בעת דער פאדריאטשיק האט שוין אויפגעשטעלט די הייזער-סקעלעטען, האבען מיר אליין געדארפט אויסקנעטען די בלאטע, אום די ווענט צו מאכען. אונזערע פרויען און קינדער האבען ווי ביי פרעה'ן, אין די גרעסטע קעלטען געקנאטען בארוועסערהייד דאס לעהם. אין יולי און אויגוסט, אין סאמע-מיטט פון היגען ווינטער, זיינען מיר ביז'ן האלדז אין בלאטע געלעגען און אזוי זיך הייזער געבויעט...

איז דען א חידוש דאס מען האט ביי אזוינע אומשטענדען אלער־
ליי קראנקהייטען ערווארבען און אפט א דאקטער געברויכט? די
פילאנטראפען האבען עס אבער ג י ט ג ע ו ו א ל ט באגרייפען.

34.

קורצזיכטיגקייט און אומפארשעמטקייט.

נאך א מיהזאמער פלאגונג פון פיערציג טעג, נאכדעם ווי אונזערע פיס זיינען געשוואלען געווארען קנעטענדיג דאס לעהם, איז ענדליך אונזער "ראנטשא". געדעקט מיט שטרוי, פארטיג געווארען אויף שבת סליחות פון תרנ"ג. איך עראינער זיך איצט, מיט פון טרעהרען אנגעפילטע אויגען, אן יענעם מאמענט, ווען מיר האבען אונזערע צרה'דיגע געלעגערס אריבערטראגען פון הער בודקע אין שטוב אריין און ווי מיין פרוי, האט באגייסטערט אויפגעהויבען די אויגען צום קאמישענעם דאך זאגענדיג:

— אה, איך דאנק דיר גאט! מיר שלאפען שוין אונטער א דאך מיט ווענט!

ווען איך חענק איצט, איבער יענע יאהרען: ווען איך טראכט נאך, איבער די ליידען און שמערצען וואס מיר האבען דאן איבערגעטראגען. באגרייף איך באין אופן נים. פון וואנען מיר האבען דאמאלסט אזוי פיעל ענערגיע, מוטה, אויסדויער און כוחות גענומען, איבערצוטראגען דעם שווערען יאך וואס דער ענגלישער איך האט אויף אונז ארויפגעלעגט. ער האט אונז פשוט פאר'ן באראן'ס שקלאפען געמאכט, פאר זיין לייב־אייגענטהום פאררעכענט.

— מיר זיינען קנין כספו של הבאראן! — פלעגען די תלמוד־איסטען, ניסענזאהן און ראבינאוויץ, כסדר באהויפטען.

גאלדשמיעד האט נאר אבאכט געגעבען, דאס מ'זאל פאלגען נאטשאלסטווא. מען זאל חלילה ניט עובר־זיין אויפ'ן קלענסטען פארשריפט. וואס דער קאפריז פון זיינע משרתים האט דיקטירט. אונז האט ער באטראכט אלס אונוויסענדע ברואים. וועלכע מען דארף האלטען און קולאק, ווי סאלדאטען אין א קאזארמע... דערצו נאך, איז ער געווען א קמצן, א קארגער פון דעם סארט, וואס צעהלט די גרייפען אין טאפ און לאזט אויסרינען די מילך... אין איינינע פרטים איז זיין באנריעף איבער עקאנאמיע פשוט צום לאבעי געווען.

אין ארכיוו פון סעפטעמבער 1892, טרעפט מען א פעראָרדנונג צום אדמיניסטראטער פון מאאוריציא, דאס ער זאל ניט שרייבען אויף קיין גרויסען בלאַק־פאַפּיער, די קליינינקע באריכטען פון דער קאלאָניע, וואס קענען געשריבען ווערען אויף פיערטעל־בויגעלאך פון די מעמאראנדום'ס, ווייל ס'איז א שאד געלד... דאס בלאַק־פּאַפּיער קאסט צו טייער!

דאס וואס די בעאמטע האבען טויזענדער געשטוילען — דאס האט איהם ניט געאַרט, אדער אויף אזוי וויט האט ער מיט זיין שכל ניט געקענט זעהן... ער האט אויך ניט באמערקט דעם טעררֹאר. וואס די בעאמטע זיינע איבען אויס איבער אונז און זייערע אומפארשעהמטע באנעהמונגען און באציהונגען צו אונז. ווייל חוץ וואס זיי האבען אונז קערפערליך געבראכען, האבען זיי נאך אונזער גייסט אויך געוואלט פארטיליגען; און אונזער טהרת המשפחה געזוכט צו פארניכטען.

א געוויסער אדמיניסטראטער, גאספאדין ב. ז., א רוטהער בייזער נאטשאלניק, וועלכער פלעגט שטענדיג אונטערפאנפען און ווטען מיר האבען אלס פארזארגער געהאט, ביים סוף פון גאלדשמיעד'ס פעריאד און פאר דער גאנצער צייט וואס דער פראוויזארישער דירעקטאר, מאקסים קאגאן, האט געוועלטיגט: — האט פיעלע פון אונזערע פרויען באלעסטיגט מיט די שמוציגסטע אבזיכטען...

אין א "דאקטער־טאג", האב איך געבען דער אדמיניסטראציע אנגעטראפען א פרוי, שטעהענדיג אונטער א בוים און ביטער וויינענדיג. איך בין געהענטער צוגעגאנגען און א בעקאנטע דערזעהן — איהר מאן איז מיינער א גוטער ברודער געווען און מיר זיינען אויף דער זעלבער שיף געפאהרען.

— וואס וויינט איהר? וואס איז אייך געשעהן?—האב איך זיך גענומען ערקונדיגען.

דאס ווייבעל האט זיך אנפאנגס געקווענקעלט. ערעס האבען זיך איהר פאר שאנדע, אלע ווייל די קאלירען געביטען און ענדליך האט זי, אונטער א ים טרעהרען מיר דערצעהלט: דאס זי ליידעט שוין א צייט לאנג אויף א ברוסט, ערעס א צוקיהלונג. איז זי צום דאקטער געגאנגען, האט איהר דערזעהן דער אדמיניסטראטער און

איהר צוגערופען.

— איהר ברויכט צום דאָקטער? — האט ער געפרעגט: דער־צעהלט זי ווייטער: — קומט אריין, ער איז אט־דאָ אין צימער.

ווען זי איז אריין, האט ער די טהיר הינטער זיך פארמאכט און זיך צו איהר געווענדעט:

— אנו ווייזט נאר די ברוסט, איך וועל אייער דאָקטאר זיין און אייך קינצלעריש אויסהיילען... — און דא האבען געפאלגט א רייהע פון ציניש אויסדריקע און שמוציגע ווערטער, וועלכע זיי־נען באגלייט געווארען מיט געוואגטען געוואלדטהאט...

זי האט גענומען שרייען, גוואלדעווען און זיך קוים פון זיינע הענד, אנ'אונבאפלעקטע גערעטעט.

א סך אזעלכע לומפיגע סצענעס זיינען פארגעקומען. ס'האט זיך זיי אבער ניט איינגעגעבען: יענע וויסטלינגע איז ניט געלונגען, אונזער פאמיליען ריינהייט צו פארשוועכען.

אמת, זיי האבען געהאט גענוג א ו מ ר י נ ע, וואס דער עמיגראציאָנס שטראָם האט ביז צו די ארגענטינער גרענעצען פאר־טראגען און ארויסגעווארפען אויף מאאוריציער פעלדער. ד"ר. בערקנהיים און לאפין, האבען שפעטער אט די אלע דאזיגע נפשות פארטריעבען און ארויסגעיאגט: די קאָלאָניע איז פארבליבען א ריינע, אנ'אונבאפלעקטע, ביז צום היינטיגען טאָג.

אט אזוי האט מען אלעס נעדולדיג אריבערגעטראגען. געשפיע־נען די לידען אין פנים אריין... די האפנונג האט אלצדינג פאר־זיסט מיט איהר פארשפרעכען:

— מיר וועלען אלע אדונים איבערקומען, אפילו דעם קאָלאָנעל מיט זיינע גאלדענע עפאָלעטען איבערלעבען!

פלייסיג האט מען אלץ ווייטער געארבייט: מענער, קינדער און פרויען זיינען קיינמאהל ניט אפגעשטאנען.

35.

אונזערע פרויען.

איך זעה זיי ארומגעהילט אין א שעמערירענדער ליכטיגקייט— יענע מ:טהיגע און שטאלצע קאלאניסטישע פרויען.

ניט דער שווארצער טעראר פון יענער פארפלוכטער צייט; ניט די דערנידערנדיגע שמוציגע ש ט י צ ע: ניט יענע פארדארבענע נאטשאלניקעס — האבען זיי געקענט פארטונקלען, זיי מאכען קאמפפלאז אדער פארצווייפעלט. האנד ביי האנד מיט זייערע מענער, האבען זיי העלדיש געשטריטען, און די נויט אויסגעלאכט.

זיי האבען די גאלדענע האפענונג מיט זייער פרויען־חן באפוצט. אין זייער פאנטאזיע, האבען זיי געמאלען די שענסטע צוקונפטס־בילדער און פאר די מענער פארגעשטעלט, גלויבענדיג־פעסט אין א רייכען, פרייען, גליקליכען עתיד אין דער נייער היים, פארזיסענדיג הערוויל די גאל־ביטערנעש פון דער פינסטערער געגענוואַרט.

ווי די ליכטיגע פינקלענדע שטערען אין א פינסטערער נאכט, אזוי שיינען יענע פרויען פיאנירינען פון דער ארגענטינישער קאלאניזאציע, ורעלכע, אויב זי ורעט נאר לאנג אויסהאלטען און עקזיסטירען — וועט א גרויסען דאנק שולדיג בלייבען, אט צו יענע נאבעלע דאמען.

באלד ווי די ווענט פון הייזעל זיינען מיט די בלאטע אנגעוואלקעווע געווארען, ווי די פרוי האט איהרע עופה'לאך דערזעהן אונטער א דאך, געשיצט צווישען פעסטע ווענט, אזוי האט זי זיך תיכף מיט לייב און זעעלע צו דער לאנדווירטשאפט איבערגעגעבען. אונטער די שניידענדע פאמפא־ווינטען, אין דער ברוכטאגיגער ניפטיגער קעלט, איז זי שוין געשטאנען אין "קאראל" נעבען איהר מאן און געהאלפען א יי נ ז ש ו נ ע ו ו ע ן די אקסען. אויסריכטענדיג איהר מאן צום אקערן, איז זי באלד אויפ'ן פערד געזעסען און ווי א ווינט זיך געטראגען קיין אליסע ארער נאך אלגאראבא, אום צו ברייגען פלייש פון דער יאטקע. אט אזוי ארום,

זיינע פיעלע פון זיי, פלינקע און פעהיגע רייטערינס געווארען: גאנצע סקוואדראנען אזעלכע אמאזאנינס, פלעגען זיך יאגען איבער די וועגען אום פונ'ם מאנאפאליזירטען אלמאסען פראוויאנט צו ברייגנען.

פעשע רעזניק און מלכה דיניעץ, פלעגען זיך פארוועטען מיט די נעשיקסטעסטע יונגע רייטער א "קארערא" צו מאכען, און זיינען שטענדיג די רייסעס געווינערינס געווען.

פיעלע מירלאך און ווייבלאך, זיינען מיט די פלוגעס געגאנגען: האבען געאקערט און געבאראנאוועט צוגלייך מיט די מענער.

שרה ניעמיטשיניצער און חוה חיה וויינגאסט, האבען דעם ערשטען שנים געמאכט מיט'ן סערפ: פון פריה ביז נאכט האבען זיי דעם חייץ־צוזאמענגעקליבען. דבורה חת, א הויכע, קרעפטיגע טונקעל־ברוינע פרוי, האט זיך דאס "סיעווא" אנגעטהון אויפ'ן האלדז, און מ׳ט'ן זאק, געשפאנט אויף דער ר ע ל י ע א און די קוקורוזע געזעעט. איהר מאן, שלמה חת, א שטיק שלומיאל, איז געגאנגען פאראויס, אום איהר די ליניע אנצוצייגען און זי האט אלע וויילע צו איהם געשריען:

— שלמה. אט־א־דא! דו האסט פארפעלט א מ ע ל נ ע, ס'וועט זיין א פליער!..

די הארץ האט געפרעהט צוקוקענדיג ווי די שטאדטיגע אידישע טעכטער, וועלכע זיינען פארוועהנט געווען צו געהן אין סאמעט און אין זייד, אין האנדשוה און אין היטעלאך, געהען איצט אנגעטוהן אין אקספארד און אין ציצענס, שטעהען אין פעלד און ארבייטען באגלייך מיט די מענער!

די אידישע פרוי, האט ארויסגעצייגט איהר טרייהייט און־איבערגעבענהייט צום ארענטליכען פאמיליע־לעבען און צו דער עהרליכער אגריקולטור ארבייט! ניט אין שענק, אין קלייט צי אין מארק, צווישען טענדלערס, מוכרים און קונים — איז דער פלאטץ פון דער אויפריכטיגער אשה עבריה, —זאנדערן אין פעלד, אין גארטען, ביי דער לאנדווירטשאפט! גאר דארט, דערקענט מען דער עקרת הבית. אין גארטען און אין סאד, מיט די בוימער און בלומען, וואו ס'שיינט ארויס די וויס־געקאלכטע שטוב, מיט'ן אויפגעראמטען הויף, וואו התדערטער עופות פון אלערליי סארטען און מינים.

פילען אז די לופט מיט זייער פיסטשעריי און קוואקעריי; — אט דארט אין דעם נ ו ה ה ש ל ו ם, דערקענט זיך די א ש ת ח י ל, וועלכע איז א קרוין פאר איהר מאן און א ציערונג פיר איהרע קינדער!
און דאס זיינען די מאאוריציער קאלאניסטישע פרויען טרייליך געווען.

ניט נאר ביי העך אגריקולטור אליין, האט זיך די פרוי צו העך העכסטער שטופע דערהויבען: אויך ביי דער קולטורעלער ענטוויקלונג, ביי דער פארשפרייטונג פון ק ע נ ע ז און ו ו י ס ע ן, זיינען די קאלאניסטקעס, די ערשטע איניציאטארינס און מיטארבייטער געווען.

אין דעצעמבער פון 1892, איז די ערשטע שולע אין אליסע פערטיג געווארען. האבען די פרויען זייערע קינדער געפיהרט אין שולע רייטענדיג. (מיר מענער זיינען נאך אזוי פארטאראמעט געווען, אז מיר האבען דאמאלסט לחלוטין ניט איין זינען געהאט די קינדער ערציהונג.) ווען די פרויען האבען באמערקט דאס סאלאמאן כהן, דער ערשטער לעהרער, פארנאכלעסיגט זיין אויפגאבע, זיינען ז י י געווען די פראטעסטירערינס און האבען זיך דירעקט איבער דיזען ענין צו גאלדשמידט'ן געווענדעט.
זיי האבען געפאדערט, דאס מען זאל זארגען פאר די עלטערע, צוועלף יעהריגע אינגלאך, וואס זיינען שוין „אין די פלונעס אייגעשפאנט געווען" — ווי זייער ווייבערשער אויסדרוק איז געווען. ז י י האבען געליארעמט, דאס מען זאל אווענד־שולעס מאכען און מען זאל שאפען פון זייער'טוועגען ביכער צום לעזען, כדי זיי זאלען ניט פארגרעבט ווערען...

אכט פרויען, רייטענדיג אויף פערד, האבען מיך אין א טאג ארומגערינגעלט, בשעת כ'האב אין פעלד פארבראנעוועט דעם פארזעטען מאאיס, און האבען פון מיר געפאדערט, דאס איך זאל מיטהעלפען ליטעראטור צו פארשפרייטען און שאפען די נויטהיגע ביכער, כדי עס זאל זיין וואס צו לייענען אין די שבת'דיגע טעג און אין די ווינטער אווענדען.

כ'האב דאמאלסט אין "המליץ", פארעפענטליכט אן ארטיקעל אונטערן איבערשריפט: "לא מעבר לים היא" — "מיר זיינען אהן תורה. מיר האבען ניט איין ספר, מיר ווערען פארגרעבט אין אר־

גענטינא!" — איז מיין געשריי געווען.

אונזערע ברידער פון יענער זייט ים, האבען זיך תיכף אפגערו־פען. פיעלע מחברים, האבען אונז זייערע ווערק צוגעשיקט. דר. אייזענשטאדט, האט דער ערשטער אונז א סך ביכער אריינגעשיקט, אונטער וועלכע ס'איז אויך געווען פיעלע עקזעמפליארען פון זיין בוך, "יודען און יודענטהום", — דאס ביכעל האבען כמעט אלע קא־נאניסטען זיך אייסגעלעהרענט אויסענווענינ. דר. קאצענעלענסאן, האט געשיקט זיין ווערט: "רמ"ח אברים". הערר שלמה בובר זיין: "מדרש תנחומא". — דערצו זיינען אויך געקומען פיעלע ביכער אין אידיש. דער באריהמטער און גרויסער איד, קלמן וויסאצקי, האט צוגעשיקט צוויי קאסטענס מיט ביכער, אבער אויפ'ן אדרעס פון דער יק"א, און די וואהלטעטיגע בעאמטע, האבען ווייזט אויס אונז ניט פארגונען אזוי פיעל ליטעראטור און האבען עס געלאזט פארפאלען ווערען אין אפצאהל־אמט (אדואנא). א ספר־תורה דאט אונז צוגעשיקט דער ראבינער צוקערמאן, פון קיעוו.

אין קעסטלאך פון קעראסין האב איך ביי מיר אין „ראנטשא", די דאזיגע ביכער געהאלטען און פרייטאג נאך חצות, פלעג איך מיהען איבערלאזען דעם פלג, אום א ביבליאטעקאר צו ווערע.

ווי גראסארטיג און ווי אנגענעהם איז דער שבת־טאג געווען! דאכאלבט האט מען נאך דעם רוה־טאג שטרענג אפגעהיט און די גאנצע גרופע, פלעגט צו פוס ארויסגעהן אין פעלד, אום די אקסען צו פאשען. אלע פלעגען זיך אויסזעצען אויפ'ן גראז, געוועהנליך אנטקעגען דעם ארט, וואו די אקסען האבען זיך ארומגעדרעהט און איינער פון אונז, האט אנגעהויבען פארלעזען פאר'ן עולם. אז מ'האט געדארפט אפטרייבען די אקסען, דאס זיי זאלען ניט ארויף אויפ'ן פארועטען, האט מען מיט'ן לייענען אפגעווארט, ביז דער פאכטוך פלעגט צוריק־קומען. אזוי האבען מיר אויפגעהאלטען די פעלד־ביבליאטעק, מיט'ן פרייען לעזע זאאל אונטער גאטס הימעל, ביז צו האפין'ס צייט.

די טאדאס האפין, א דיפלאמירטע ערצטין, זעהר א געבילדעטע און ערעלע פרוי, זי האט אונז מיטגעהאלפען, א רייכע ביבליאטעק צו שאפען. צוזייהונדערט פעזאס, האט זי אליין דארויף געשאנקען און גע'פועל'ט ביים ארון לאפין, דאס ער זאל אין אדמיניסטרא־

ציע געבען א צימער וועגען די ביכער. די מאָאוריציער ביב־ליאָטעק, געפינט זיך ביז היינטיגען טאג אין זעלבען חדר.

דאס ביסעל קולטור, הגם זי איז געבאך זעהר ארים אין דער קאָלאָניע, האט זיי אבער, יענע ערשטע מוטהיגע קאָלאָניסטישע פרויען צו פארדאנקען איהר עקזיסטענץ און זיי קומט, אלס צו טרייע פיאָנירירען. — ליבע און כבוד.

אַ פראנצויזישער שפּיאָן, די האַראַוואַניע פון דער „אַליאַנץ".

גאלדשמיער איז דא אין לאנד געווען, ביז-צום צוועלפטען יולי פון 1893 און איהם איז צו פערדאנקען, וואס די אימיגראנטען זיי־נען געווארען קאלאניסטען.

פאר זיין צייט, איז דאס לאנד איינגעטהיילט געווארען. א גרוי־סע פאמיליע האט באקומען 50 העקטאר און קליינע משפחות — צו 25. יעדען קאלאניסט האט מען געגעבען צו זעקס אקסען, איין פערד, א פלוג, א בראנע און אלעמען אויף לאנד באזעצט. דער קאלאנעל האט נאך די זכיה געהאט צו זעהן די ערשטע "קאסעטשע" פון 1892־טען יאהר, וואס איינינגע קאלאניסטען האבען געמאכט.

— אלפערסאן. — האט צו מיר גאלדשמיער מיט שמאלץ גע־זאגט. — אייערע פיערציג זעק ווייץ, האבען מיר פארקויפט צו 7.60 $! — אבער דאס געלד דערפון, האב איך קיינמאל ניט גע־זעהן און אין חשבון מיט דער יק"א, זיינען זיי אויך ניט אריינ־גערעכענט געווארען!

דער פאלקאווניק האט נאך אוספייעט, כמעט די לעצטע 3200 פיה־שטיקלעך צו פארקויפען דעם סעניאר כאסע פערעז, אין פרייז פון צוועלעף פעזאס א קאפ... ס'קען זיין אז דאס האט ער געטהאן, בכדי זיי זאלען הפנים קיין שאדען ניט מאכען אויף די פארזעעטע פעלדער, אדער פיליכט די בעאמטע איינצושפארען די מיהזאמע ארבייט פון גנבה... ווער ווייסט, וואס פאר א טובה ער האט געמיינט דערמיט די קאלאניסטען צו טהון?! און פלוצים, שטיל, אומבאמערקבאר, אהן באגלייטונג, אהן א "זיי געזונד", איז ער פון ארגענטינא אפגעפאהרען און קיינער האט איהם קיין ברכה ניט נאכגעשיקט אויף זיין רייזע...

א פראוויזארישער דירעקטאר, א רוסישער איד, גאספאדין מאק־סים קאגאן, איז פון לאנדאן געשיקט געווארען. גאלדשמיער'ס אמט איבערצונעהמען. מיט דיזען, איז געקומען אלס מיטהעלפער, דער

פעטערסבורגער דאקטער, בערנקהיים. אדמיניסטראטער ביי אונז אין קאלאניע, איז געווען א געוויסער ראזענבערג, אויך א רוסישער איד — און דער דעספאטישער רעזשים פון רוסלאנד, איז צו אונז אריבערגעטראגען געווארען.

נאך איידער די רוסישע האבען די הענד צופיהרט, איז אין קאלאניע אנגעקומען גאר א נייער נפש. א קורצער און א דיקער, מיט א ווייסען געזיכט און קליינע הענטעלאך... א שטימע האט ער געהאט א מיידעלשע, אויגען שמייכלענדע, אנ׳אויסזעהן פון א גאנצען פרומאק, וואס איז גאט די נשמה שולדיג! זיין נאמען איז געווען פ ר א פ ע ס א ר ה י י א י ם (חיים), און די קאלאניסטען האבען איהם מיט א צונאמען געבענשט: "דער ווייסער יעזואיט" אדער "דער פראנצויזישער שפיאן".

געווען איז ער, דוכט מיר פון די מאראקאנער־שפאניאלישע־פראנצויזען: א פראדוקט פון דער "אליאנץ איזראעלים אוניווערזעל", אדער פון דער ארצי־אסימילירטער פראנצויזיש־אידישער חברה, וועלכער מען האט אין אלטע צייטען אנגערופען "חברת כל ישראל חברים".

געשיקט האט מען איהם, לויט ס׳האט געהייסען, נאר וועגען די שולעס: אבער מיט׳ן ערציהונגס פראבלעם האט ער זיך אבסאלוט ניט באקימערט. ער האט בלויז שפיאנירט די קאלאניסטען און זיי ווי א שלאנג, הינטען ארום, געביסען, קרענקענדיג א יעדען ביז אין דער טיפעניש פון זיין נשמה...

מענליך אז ער האט געוואוסט פונ׳ם: כ ל ה מ י צ ר ל י ש ר א ל נ ע ש ה ר א ש: ער האט אונז גענוג וועה געטהאן און גע׳רודף׳ט, און סאקע באלד, איז ער געווארען דער הויפט־מאכער, אדמיניסטראטער און ארגאניזאטער.

ביים "טרעהרען דראטה", ביי דער "אלאמבראַ" וואס צאמט־ארום דעם אדמיניסטראציאנס הויף, פלעגט ער זיך ארומדרעהען מיט ביידע הענד אין די ארבעל ארייננעשטעקט. אז ער האט דערזעהן א קאלאניסט פארביינעהן, האט ער איהם מיט א יעזואיטישען שמייכעלע א "גוט־מארגען" אנטקעגען געטראגען: מיט א נעבאך־פנים׳ל און אנ׳אומשולדיגער מיענע, פלעגט ער כלומר׳שט גלייכגילטיג פרעגען, אויף זיין דין און קוויטשיק קול׳כעל:

— ווי הייסען זי? וואס פיר א גרופע? קענען זי יענעם קאלא־ניסט וואס געהט דארט? וואס פיר א מענש איז ט־ער? זא? ער וויל ניכט ארבייטען? א פוילענצער? שפיעלט אין קארטען? אה'זא? אה, זא? דאנקע־שאהן פיר דיזע אויסקינפטע!

דער יעזואיט האט דעם קאלאניסט אפגעלאזט און גלייך אלעס אין זיין ביכעלע פארצייכענט און באלד באנגענט א צווייטען קא־לאניסט, צו וועלכען ער האט זיך מיט נייע שאלות געווענדעט:

— ביטטע, קאנען זי דעם מאן וואס האט מיט מיר יעצט גע־שפראכען? וואס, ער איז א פעהיגער, גוטער ארבייטער? וואס נייך? זא, זא, א אונגנוצליכער בורזשע: טרינקט פיעל שנאפס? אה, זא? דאנקע... דאנקע שאן!

אט אזוי פלעגט ער שפיאנירען. אויספרעגען ביי די תמימות'דיגע מענשען, די חסרונות פון איינעם אויפ'ן צווייטען... און פון אזעל־כע ארויסגעפרעסטע ווערטער. האט ער שוין אויסגעקנאטען א מסירה־קיכעל, צוגעגעבען זיינע אייגענע געווירצען און עס צוגע־טראגען אלס פאטראווע צו די הויכע שרים, וואס האבען שוין גע־ווארט אויף די דאזיגע מטעמים...

די קאלאניסטען האבען ניט געוואוסט, דאס א וואלף אין א שעפ־סען־פעל, דרעהט זיך ארום צווישען זיי. מען האט איהם געהאלטען פאר א פראפעסאר, א לעהרער פאר די קינדער: אבער די אדונים אין פאריז, וואס האבען דאמאלסט איבערגענומען דאס אפוטרופסות פון דער קאלאניזאציע, זיי האבען הפנים גוט געוואוסט, וועמען זיי שיקען... ער האט געשפיאנירט אי די קאלאניסטען, אי דעם רוסי־שען רעזשים, וואס האט דאן פראוויזאריש די ממשלה איבער די קאלאניעס איבערגענומען און איז אויף דער ביהנע ארויפגעטרא־טען.

37.

אונזעריגע זיינען דאָ!

אין א פריה־מארגען, אם ענדע פון מאנאט יולי 1893־טען יאהר,
בין איך מיר געגאנגען ביי מיין פלוג, געשפאנט צו זעקס אקסען,
רייסענדיג די "צעלענא". דער ווינטערדיגער טעבעל האט זיך נאר־
וואס אויפגעהויבען, אנטרינענדיג פאר דער גרויסער, קיילעכדיגער
זון. וואס האט גענומען ווארימען די שווארצע פאסען ערד, וועלכע
מיר האבען אויפגעאקערט, כדי ווייץ צו פארזייען. פלוצלונג איז
אויף זיין "שימעל" אנגעלאפען א פארסמייעטער דער אלטער לי־
סין. די פאלעס פון זיין קאפאטע האבען געפלאטערט אין דער לופ־
טען און געטריעבען דעם ווייסען פערד—ווי די זעגלען פון א קארא־
ווענע: ביידע זאקען זיינען ביי איהם ארונטערגעקאטשעט געווען
אריבער די שיך און זיין פנים האט געפלאמט. ווי נאר ער האט מיך
דערזעהן, האט ער פרעהליך זיך צעשריען:

— נייעס, מאטעל, נייעס. א ו נ ז ע ר ע זיינען דא! אונזערע רו־
סישע זיינען אנגעקומען!

לופטיג, שפרינגט דער אלטער אראפ פון זיין פערדעל און טאקע
בהרף עין, איז ער שוין נעבען מיר אויפ'ן גראז געלעגען: האט די
זאקען צוערשט ארויפגעצויגען און דאן גענומען דערצעהלען מיט
באגייסטערונג און פרייד, דאס מיר האבען ענדליך דערלעבט, אז
אונזער חלום זאל פארווירקליכט ווערען: רוסישע אידען, אונזערע
ברידער, האבען איבערגענומען די הנהגה פון דער קאלאניזאציע.

— איצט וועלען מיר דעם קאפ אויפהויבען! — יחמור'ט־זיך
דער אלטער ליסין. — באפרייעט געווארען פון ענגלישען יאך!
ארים מיט גאלדשמיעד'ס טערראר! אונזעריגע זיינען דא!

דער געטרייער כלל־טוהער ווערט אלץ מעהר ענטוזיאזמירט,
ווישט דעם נאז מיט דער פיערפינגערדיגער האנד, שלעפט די פא־
לע פון דער קאפאטע און ווישט ווייטער, ווישט און רעדט:

— צוויי זיינען זיי דא. דער דירעקטאר, א פיינער, דיקליכער

דער אלטער רב ישראל ליססין.

רוסישער איד, קאגאן אדער כהן איז זיין נאמען. א מאסקווער איז ער! דער צווייטער, איז א קליינשטעטלער, א מאגערער און מען רופט איהם: דר. בערקנהיים,—קומט פון פעטערבורג. מיר—דערצעהלט ער ווייטער אין איין אטהעם, — מיר עלטערע מענשען, זיינען נעכטען געווען ביי זיי און שוין אלעס גע'פועל'ט. מיר האבען זיי פשוט געזאגט, אז ס'וואקסט־אויס א גאנצער דור בני־נידה... די ווייבלאך ווילען נימ געהן טבילה האבען אין די קאלטע גריבער, און די וואס געהען שוין יא — ווערען קראנק פאר קעלט... האבען זיי קיין צוויי ווערטער ניט איבערגערעדט און אונז באלד געגעבען ציגעל, אום א באד צו סטרויען: — בכלל ניט אזוי ווי דער ענגלישער פאלקאוואדיעץ!

און ליסין ציינט מיר א "וואלע" פון מאקסים קאגאן. אין דיזען קוויטעל צום פאדריאטשיק אלפארא, ווערט פעראָרדענט צו געבען ציגעל, האלץ, טהירען און פענסטער, אלעס וואס מען ברויכט פיר אזא געביידע.

— יעצט, - - באפעלט מיר דער זקן: — שפאזיר־אוים די אקסען און קום אין שטוב אריין: מ'דארף אויסשטעלען אן אויפרוף צו די קאלאניסטען, דאס יעדער גרופע זאל ארויסשיקען א „קאמונוואגען” מיט צוויי ארבייטער, כדי דעם מאטריאל אריבערצופיהרען פון דער גרופע 39, ביז צו דער גרויסער "לאגונא" אין אלגאראבא וואו ס'איז באשטימט דער פלאטץ פיר דער באד. און מלאכה־געלד, — זאגט ער ווייטער, — וועלען מיר אליין שאפען. יעדערער זאל א פעזא אראפגעבען פון דער שטיצע... אזוי זאלסטו שרייבען. הערסט? מ'דארף זעהן וואס שנעלער דאס צו מאכען! ס'איז פיקוח־נפש! פארשטעהסט?

איך האב איהם געפאלגט. דעם קול קורא מיט'ן פלאן פון דער באד און מקוה פערטיג געמאכט. דער אלטער קהל'ס־מאן האט די פאפיערען צוגענומען און די ארבייט אנגעהויבען. נאך א פאאר חדשים פון שווערער מיה, האט ישראל ליסין, פארענדיגט די ערשטע קהל'שע געביידע — א באד...

די קאלאניע האט גע'רעש'ט: נייע ארונים — נייע פעראָרדענונגען, נייע גזירות און נייע משפטים. פיעלע קאלאניסטען האבען פאר שמחה אזש געטאנצט. האבען די נייע בעלי־בתים געלויבט ביז'ן

הימעל... נאר עס זיינען געווען אויך אזעלכע, וואס האבען געשאָל־טען מיט טויטע קללות.

— א רוצח איז אט דער דאזיגער יונגער בערנקהיים! — פאר־זיכערט מיר מאזעס קנעפלער, איינער פון די "סאלטעראס" — דער שפאנישער איבערגעלעגטער נאמען פון די "כאלאסטאיעס" — אה; רחמנות שיקט ער ארויס די קאלאניסטען! אויפ'ן צעטעל ביי איהם, שטעהען שוין א גאנצע מאסע. דער "מצרי" האט פון ס'ניי איינגעלעבט און איז זיך נוקם אן די קאלאניסטען.

די שכנים פון מיין גרופע זיינען דאגעגען געקומען פון אלגארא־בא דוקא מיט גוטע נייעס.

אונזערע רוסישע זיינען בעסער און פראקטישער פאר די ענגלי־שע: — דערציהלען זיי, - - אין א גרופע א ל א מ ב ר י ר ט מען שוין ארום א "סינאדע" - - א "פאטרערא" פון 50 העקטאר, וואוהין אריינצולאזען דעם סקאט אויף ביי נאכט צום פאשען. מען וועט שוין מעהר ניט דארפען אלע פריהמארגען ארומלויפען זוכען די אקסען און אפטמאהל גאר נישט געפינען, ווייל אנאנדער קאלא־ניסט פון א ווייטער גרופע, האט זיך הערוויייל אויף זיי מרחם גע־ווען און האט זיי איינגעשפאנט אין פלוג... אדער דער בעל טאקסע איז איבער זיי געקומען און געלאזט מאכען א ברכה על השחיטה...

אזעלכע עראייגניסע פלעגען גאנץ אפט פאסירען. אן ארענטלי־כער רוהיגער קאלאניסט פלעגט מיט מסירות נפש אויסצאמען א פאאר ווילדע יונגע "נאוויזשאס", אום ער זאל האבען גוטע פרי־שע עקסלאך צו דער ארבייט; — אבער אפלאזענדיג זיי אויף פאשע, האט ער זיי אויך שוין מעהר ניט געפונען. אפטמאל פלעגט ער זיי מחילה פשוט ניט דערקענען... הגם א פאאר קרעמער, האבען א תחבולה אויסגעקלעהרט: האבען זייערע אקסען אנגעבונדען אויף די העהרנער קאלירנע בענדלאך... אבער מיט די "קאמונאלע פאט־רעראס" צום פאשען, וועט דאס אויך שוין מעהר ניט פארקומען.

גוטע און שלעכטע ידיעות האבען זיך פארשפרייט און אלערליי קלאנגען האבען זיך געטראגען: מען גיט זריעה אויף ווייץ: מ'טוישט אין דער אדמיניסטראציע די אקסען! אנשטאט די ווילדע, פוילע, אלטע אדער נארעווויסטע, גיט מען אויסגעלעהרענטע און פאסיגע צו דער ארבייט: פעהיגע, פלייסיגע קאלאניסטען, באקומען איצט

נאך א פאאר אקסען פרישע, א חוץ די פריהערדיגע זעקס.

איך האב אט די אלע ישועות אויסגעהערט און ביים אינס־פעקטאר פון דער גרופע, ביים יונגען דייטש פעטערסאן, א קוויטעל געבעטען, דאס מען זאל מיר אויך געבען א פרישע פאאר אקסען: ס'האט זיך מיר געגלוסט, צווישען די פלייסיגע קאלאנסטען אריינגערעכענט צו ווערען.

דער אינספעקטאר האט מיר צוליעב געטאהן, ער האט אבער דערביי, עפעס רעטזעלהאפט מיט די אקסלען געצויגען.

— פערענדיגען זי דאס פפלוגען: — האט ער מיר געזאגט, — אונד קאממען זי דאננערשטאג אראב נאך אלגאראבא; דר. בערקנהיים ווירד זעלבסט פארטהיילען די אקסען. זי ווערדען דארט אויך, איינע "וואלע" ביי'ן פראפעסאר הייאים בעקאממען, אום ווייצען־סעמיליא אבצוהאלען! — האט ער מיט אן אונזיכערען טאן פארענדיגט.

דאנערשטאג פארטאג, איז גראדע אויסגעפאלען א וויסער שטארקער פראסט. איך האב מיינע פאסטאלעס אויף די פיס ארומגעשנורעוועט, צוגעבונדען דעם רעקעל מיט'ן ריהמענדעל פון דער רויער־פעל: א גרינעם רוסישען שארף האב איך ארום האלדז פארוויקעלט, אנגעטאהן מיין היטעל מיט די צוויי דאשקעס און אין אזא הלבשה, אראפ־געפאהרען אין דער אדמיניסטראציע.

א מעננגע קאלאניסטען, ציטערנדיג און פלאטערנדיג פאר קעלט, זיינען דארט געשטאנען נעבען "קאראל" און מיט די צייהן געקלאפט... זיי האבען געקוקט אויף די איינגעשפארטע אקסען און האבען פאר'גנב'עט בליקען געווארפען אויפ'ן צווייטען זייט פון צאם, וואו ס'האבען זיך געפונען די גאנצע כאליאסטרע ארונים, אינספעקטארען און קאפאטאסען, וועלכע האבען מיט קריכערישער חניפה צוגעשמייכעלט צום יונגעטשקען דר. בערקנהיים, וואס איז אין זייער מיטט געווען.

דער אדמיניסטראטער ראזענבערג, האט אינ'ם קאראל ארומגעשפאנט מיט זיינע רויטהע כאליאוועס, און געקאמאנדעוועט מיט די גאאוטשאס וואס האבען זיך דארט ארומגעדרעהט רייטענדיג, און ארויסגעגעבען די אקסען צו די גליקליכע וואס זיינען ביים דר. בערקנהיים בשלום אדורכגעגאנגען דעם עקזאמען.

יעדער אינספעקטאר האט פארגערופען זיינע קאלאניסטען און איינציגווייז, אזוי ווי די שאף צו דער שחיטה, זיינען זיי פארבייגעגאנגען. דער דר. האט יעדען באטראכט פון קאפ ביז די פיס, האט אריינגעקוקט אין א פאק געלע פאפירען, וואס ער האט אין האנד געהאלטען און דעם קאלאניסט, פארשיעדענע שאלות געשטעלט, אויף וואס מען פלעגט געוועהנליך שטאמלענדיג און דערשראקען אפ־ענטפערן. אייניגע, זיינען פונ׳ם פארהער פרעהליך אוועק, זיי האבען נושא־חן געווען ביים פריץ, — האבען באקומען אקסען, זריעה און נאך דערצו א פריינדליכען שמייכעל אלס „א לא זשאפא"...

אנדערע אבער, זיינען אוועק מיט אראפגעלאזטע קעפ און בלוט פארלאפענע אויגען...

— רעסגראסיארא! — אנ׳אומגליקליכער, האבען די גאאוטשאס אזעלכען נאכגעמורמעלט.

— די וועהסט? — זאגט צו מיר לייזער ווילדער, אנ׳אלטער מענש און א זעהר בכבוד׳דיגער קאלאניסט. — פיינשטיינען האט ער שוין אפגעשאכטען; א רחמנות נעבאך, פיער קינדער האט ער!

ס׳איז דעם „מצרי׳ס" ארבייט! — האט יוסעל מלמד זיין מיינונג געזאגט. — אט דער ש ו ו א ר צ ע ר, האט אין יענע געלע פאפיערען איבערגענוג אנגעפינטעלט.

איך בין געשטאנען און האב זיך צוגעקוקט צו דיזער נייער אינקוויזיציע און די בלוטען האבען זיך אין מיר געקאכט.

— גלויבט איהר אין השגחה? — האט מיר געפרעגט משה סאפיאן, א איד א חקרן, וועלכער איז גראדע געשטאנען נעבען מיר ביים דראטה: — יא, זאגט איהר? פארוואס־זשע האט זי בעדארפט געבען דעם באראן אזוי פיעל מיליאנען און נאך אזא גוטע הארץ דערצו? האט זיך דען דאס אידישע פאלק ניט געקענט באגעהן אהן איהם, אהן דעם בעל רחמים מיט זיין גאנצער עקעלהאפטער צדקה־קאלאניזאציע? אלע מאהל שיקט ער נייע אדונים — און נייע בלוט, ווערט פארגאסען! ווי אזוי, פרעג איך אייך, האבען אונזערע עלטערן יאהרען אבגעלעבט אהן א באראן? נו, איהר שווייגט, וואס? השגחה פרטיות...

פאר פארדראס האב איך דעם פארפרוירענעם דראטה אריינ־

גענומען צעווישען די ציינער און האב איהם מיט כעס נעגריזשעט...
נור פלוציב האב איך דערהערט ארויסרופענדיג מיין נאמען.

איך בין צוגעגאנגען און דערלאנגט די "וואלע" פון אונזער אינספעקטאר פעטערסאן. דער איינגעל, וואס האט זיך גערופען דר. בערקנהיים, האט זי ביי מיר צוגענומען, האט מיך דרינגליך אנגעקוקט, געבלעטערט אביסעל זיינע פאפיערען און זיך געווענדעט צו מיר מיט געשפעט:

— איהר זיינט עס אלפערסאן? איהר ארבייט מיט אייערן א זוהן פון 9-10 יאהר? א שעהנע ארבייט קען דאס זיין?!

איך האב שוין מעהר ניט געקענט איבערטראגען. דער כעס וואס האט אין מיר פריהער געזאדען — האט אויסגעבראכען און מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ, קוקענדיג איהם גלייך אין פנים אריין, האב א י ך געפרעגט:

— און ווער זיינט איהר? איהר זיינט עס דעם דר. בערקנהיים? אונזער א רוסישער, פון דער רוסישער אינטעליגענץ, גישט וואהר? און איהר מיט אייער בילדונג, זיינט געקומען אפשפאטען פון אונזערע ליידען? זיינט איהר געווען ביי מיר אויפ'ן קאמפ? האט איהר געזעהן מיין ארבייט? אין די געלע דאנאסען זוכט איהר די ארבייט פון אונזערע געפלאגטע קאלאניסטען? ס'איז בלעבען א חרפה און א בושה! איהר גלויבט דאקטער, אין מסירות און משפט אזוי לייכטזיניג דיני נפשות...

ער איז אונגעהייער בלאס געווארען און האט אויגענבליקליך איבערגעביעטען זיין טאקטיק.

— בערוהיגען זי זיך, הערר אלפערסאן! — האט ער גענומען מילד ריידען. — איהר האט רעכט... איך וועל זיין ביי אייך... פעטערסאן! — האט ער זיך צום אינספעקטאר באפעלעריש געווענדעט. — גיבען זי דעם סעניאר, א פאאר פון די בעסטע אקסען!...

איך האב די אקסען געטריבען אהיים אין באגלייטונג פון עטליכע קאלאניסטען, וועלכע האבען הנאה געהאט, וואס איך האב דעם קליינעם אינגעלשען דאקטער'ל, אזוי שטאלץ גע'מוסר'ט.

אויפ'ן וועג, שמועס'נדיג צווישען זיך, זיינען מיר צום הסכם געקומען, אז דער נייער רוסישער רעזשים — מיט די דאנאסען, דער פראנצוייזישער שפיאנאזש און די ענגליש-עקשנות'דיגע הארטקייט,

וועט אונז קיין גליק קיינמאהל ניט ברייגגען!... דאס א שווערע מלחמה שטעהט אונז פאר. א ביטערער קאמפף מיט די בעאמטע פונ'ם באראן הירש!

דר. בערקנהיים, — א רוסישער צענזאָר!

אומגעריכט, שפעטער מיט א פאאר טעג, ווען כ'בין געשטאנען ארומגעבונדען מיט א זאק און געמויערט א באַק־אויוועו. מיין פרוי און קינדער האבען מיטגעהאלפען, דערלאנגענדיג צום האנד ציגעל און בלאטע – איז אויסגעוואקסען ביי מיר אין שטוב דער דר. בערקנהיים.

— אה! — האט ער פאר'חידוש'ט אויסגעשריען. — איהר זיינט אויך א מוליער? מאדאם, — ווענדעט ער זיך שפאסענדיג צו מיין פרוי; — וויפיעל צאהלט איהר דעם מוליער אייערן?—ער האט אריינגעקוקט אין דער סקליעפניע און באטראכט די שטיקער אייזערנע רויפען וואס האבען געדיענט אויף אויפצוהאלטען די "ארקאדע" און האט געפרעגט:

— וואו האט איהר זיך די מלאכה אויסגעלערענט?

— צוויי לעהרער האבען מיר! — האב איך געענטפערט.

— אזוי? און ווער זיינען זיי?

— די נויט, און די צייט! זיי האבען אונז אלעם אויסגעלערענט און צו אלצדינג צוגעוועהנט.

ער האט ארונטערגעזונקען זיין קאפ און זיך א רגע פארטראכט.

ער איז אריין, — אנרופענדיג עס אויפ'ן ציוויליזירטען אופן — אין מיין זאאל, וועלכער איז אין דער ווירקליכקייט געווען א שווארצע פינסטערע גרוב, באדעקט מיט טשערעט; פון הייסע ברעטער—א טהיר און א פיערקאנטיגער לאך, אנשטאט א פענסטער. שויבען האט גאלדשמיער באהויפטעט, איז א לוקסוס ארטיקעל און דאַרום האט מען, מיט א וויים ברעטעל, פארשטעלט דעם חלול אין א שלעכטען וועטער אדער אויף ביי נאכט.

ער האט נייגעריג באטראכט מיין מעבעל: צוויי "קאטרעס", א טישעל און אלס בענקלאך — א פאאר קעסטלאך פון קעראסין. ער האט א טיעפען זיפץ געטהון.

— אבער עס וועט אייך זיין גוט! דער בעראן זארגט זעהר פיעל פאר אייך! — האט ער פאר גויטיג געפונען צו געבען א תירוץ אויף דער דריקענדער לאגע און דעם זעלבען פזמון. פלעגען מיר הערען פון אלע נאטשאלניקעס.

אויפ׳ן טישעל האט ער באמערקט אייניגע פארשריבענע בויגע־לאך פאפיער.

— וואוהין שרייבט איהר, אין ״המליץ״? און וואס אייגענטליך שרייבט איהר?

די גונשים, די גאנצע כאפטע בעאמטע, די ר ו ס י ש ע קליקע, האט מיך שוין פאר׳מסור׳ט ביים אדון, דאס איך שרייב שלעכטעס אויף דער קאלאניזאציאנס פארם און איך האב איהם אנ׳אפענ־הערציגע תשובה געגעבען:

— קיין גוטס דאקטער, שרייב איך נים!

— אבער איהר דארפט ענדערן אייער מיינונג. איך און דער הערר קאגאן, זיינען אהערצו געקומען נאר לטובת פון אונזערע ברידער. מיר זיינען אויך רוסישע אידען און מיר פיהלען־מיט אייער נויטה. איך מוז נאר א קליינע אפעראציאן מאכען אונטער די קאלאניזירטע, ווייל, — און זיין פנים האט א פיינליכע גרימאַ־סע אויסגעדריקט — ווייל ס׳האט זיך אנגעזאמעלט א היבש־ביסעל ווילדפלייש! ס׳זיינען פאראן פראפעסיאנעלע גנבים; אייניגע רוצחים, אנטלאפענע פון דער רוסישער טורמע... דער צענטראל קאמיטעט פון פעטערסבורג האט מיך געשיקט, אום דעם שמוץ אויסצוריינינגען, אפשניידען די פארפוילטע אברים... דער ה״ מאַק־סים קאגאן ווידער, גיט אבאכט אויף די אדמיניסטראציאנס אנגע־לעגענהייטען: איהר ווייסט, — האט ער צוגעגעבען שטילערהייד, ווי פארשעהמט: — מעהר ווי א מיליאן פראנק זיינען שוין געלם געווארען... און דאס וועט אלצדינג אויף אייער חשבון ארויפגערע־בענט ווערען! מיר ווילען צו אזא אומרעכט נישט דערלאזען... דער בעראן ווייסט שוין דערפון... איהר מעגט זיין רוהיג: קיין שלעכטס דארף מען איבערהויפט נים שרייבען!..

צו מייז פרוי האט ער זיך מיט א זיסינקען שמייכעלע געווענ־דעט:

— בעטס עפעס מאראם! אפשר פעהלט אייך א מילך־סוה? מיר

האבען איצט א סך קיה וואס עס לאזען איבער די קאלאניסטען וועלכע פאהרען אוועק פון דאנען...

— מילך דר. האבען מיר: דאך וואלט ניט געשאדט נאך א קיה! —האט מיין פרוי געענטפערט. — אבער וואס מיר ברויכען נויטיג, איז א פערדעל א רוהיגס, פאר די קינדער, כדי זיי זאלען האבען אויף וואס צו פאהרען אין שולע אריין.

ער האט עפעס פארצייכענט אין זיין נאטיץ ביכעלע און זיך געזעגענענדיג איז ער אפגעפאהרען.

אויף מארגען האבען צוויי קרעאלען (קריאזשאס) געבראכט מיט דער לאסע, א רויטהליכע־קיה מיט א קעלבעל און א דריטער, האט מיט'ן "באסאל" א "פעטיסא" — א קליין שווארץ־פערדעל, איר בערגעגעבען מיינע קינדער, אויף וועלכען זיי פלעגען נאכדעם זאלבעצווייט און זאלבעדריט, רייטען אין שולע ארויין.

מיט א קורצע צייט נאכדעם, האט דר. בערקנהיים, אדער די קליקע מיטהעלפער זיינע אויך באווארענט, דאס מען זאל קיין שלעכטס קיין איירא פא ניט שרייבען, — ווי ער האט עס ביי מיר פארלאנגט. א געוויסער טאגער, א קורלענדישער בחור, וועלכער האט געדיענט אין דער ביורא, האט מיט א צייט שפעטער, דעם סוד אויפגעדעקט.

מען האט געמליך דורכגעפיהרט ביי דער רעגירונג, דאס אין מא־אוריציא זאל געעפענט ווערען א פאטשט־אבטהיילונג און טאקע דער אדמיניסטראטער אליין, איז אלס "בעפע דע קאררעא" — אדער פאסטמייסטער ערנאנט געווארען און אלס שעף, האט ער זיך ערלויבט אלע אונזערע בריעף צו צענזורירען.

דאס איז די סבה וואס צו יענער צייט, איז פון אונז כמעט גאר ניט געשריעבען געווארען אין דער אייראפעאישער פרעסע, אונגע־אכטעט דארויף, וואס איך האב מעהרערע קארעספאנדענציעס גע־שיקט אין "המליץ", אברהם ראזענפעלד — אין דער "הצפירה" און אלכסנדר יאקובאוו — צום "וואסכאד". בלויז עפעס א פאאר בריעף וואס ס'האט דעם צענזאר געלוינגט, זיינען אדורכגעלאזען געווארען און זיינען, צו יענער צייט פארעפענטליכט געווען.

א נייער סארט ארנזשעמענט האט אנגעפאנגען. פרישע טרעה־רען האבען די דערנער פון דער פאמפא אין זיך איינגעזאפט.

אידישע טרעהרען! טרעהרען פון עמיגראנטען! אך, ווי ביליג און וואלוועל איהר זיינט, צו אלע צייטען און אומעטום! גאנצע פעסער וואלט מען געקענט אנזאמלען פון זיי! אבער ווער קימערט עס? ווער איז אזוי גוט און וועט בעטראכטען זיי רען?...

39.

אפעראציעס.

א שרעקליכער אפעראטאר איז דר. בערקנהיים געוועזן! אהן רחמנות האט ער געשניטען און צופיערטעלט א סך פון די יעניגע וואס האבען זיך אזוי פיעל אנגעפלאגט, זיך גאנצע צוויי יאהר אפגעוואלגערט אין דרויסען, אין "קארפאס" און אין ביידלאר, האבען אלערליי יסורים איבערגעטראגען און קוים דערלעבט א שטיקעלגרוב — פיער ווענט מיט א דאך, אביסעל מילך פאר די קינדער און א צרה'דיגען געלעגער פאר די פרויען: און פלוצלונג איז איינער געקומען און באפוילען: "ארוים פונ'ם גרוב וואס דו האסט זיך געמאכט! געה ווייטער! געה בלאנדזשע ווייטער, איבער גאטס גרויסע וועלט! אין נאמען פון אידעאל, שיק איך דיר ארוים פון דאנען ווי א פערברעכער! דא איז אדמת קודש, דא געהט דער באראן שאפען א רוהיגע היים: גרינדען קאלאניען, מאכען אגריקולטארען, וואס זאלען מיט זייער עהרליכקייט באשעהנען און פארדעקען אלע פגימות פון פאלק ישראל... און דא, איז קיין פלאטץ ניטא, פאר קיין בעטלער, שנארער און גנבים, וואס ווילען זיך אנלענען אויפ'ן באראנ'ס רייכטהימער!"

— און וואס דארף מען איינגעטליך טהון מיט'ן געוועזענעם גנב וואס וויל אין דער נייער היים אנהויבען פיהרען אנ'ארענטליך לעבען? — האב איך אין א טאג דעם דר. געפרעגט. — און וואס קומט דען דעם שנארער, ווען ער נעהמט זיך פלייסיג צו דער ארבייט? טהאר מען זיי דען ניט מוחל זיין זייער פארגאנגענהייט? דארף מען זיי דען ניט אונטערשטיצען, אום זיי זאלען שוין אויף ווייטער, געהן אין דרך הישר?

— עט! — גיט ער א מאך מיט'ן האנד. — דא שפיעלט מען זיך ניט מיט קיין סענטימענטאליזם! די קאלאניזאציע פארערט הרבנות!...

אין קרבנות האט ער לרוב געבראכט. מיט'ן ביסעל ווילד־פלייש,

האט ער מיטגעשניטען געזונדטע אברים און א תל געמאכט פון קרעפטיגע קערפער....

אה, וויפיעל בלומען האט ער אויסגעפליקט צוזאמען מיט'ן בוריאן, און וויפיעל דערנער האט ער פארזעהן און דאנקענדיג די פושעים, די מיטהעלפער זיינע — איבערגעלאזען!

אבער אין אמת'ן האבען איינינע זיך ניט שטארק מצער געווען, וואס מען שיקט זיי ארויס. אבי מען האט זיי באלוינט מיט אביסעל געלד, שיפסקארטען געגעבען, זיינען זיי תיכף מרוצה געווארען אפצופאהרען.

די גנבים אבער, האבען זיך ניט אזוי לייכט געלאזט ארויסשיקען! מיט'ן אויבען דערמאנטען, הערש לייביקעל גיהער, האט ער געגוג שוועריגקייטען געהאט. אלע שויבען פון דער אדמיניסטראציע האט ער אויסגעזעצט און א רעוואלווער געצויגען קעגען דר. טאקע אין ביורא גופא. אבער דער יונגער בערנקהיים, האט זיך פונ'ם בענקעל אפילו קיין ריהר ניט געטהון און קאלטבלוטיג צו איהם גערעדט:

— גייער, דו וועסט ניט שיסען! דיך קען איך אין דער קאלאניע ניט איבער לאזען. ווייל דו ביזט א רוצח! איך וועל דיר געבען געלד, וויפיעל דו דארפסט און פון דאנען מוזטו אוועק!

אט דעם דאזיגען נפש און אנדערע אזעלכע, האט ער אנגעשאטען פולע סעשענעס מיט גאלדענע מטבעות און זיי משלח געווען.

די ארענטליכע שלימזל'ניקעס, די יעניגע וואס די אדמיניסטראציע האט פאר זיי מורא געהאט, דאס זיי זאלען צו לאסט ניט פאלען אויף דער גרויסער קהל'שער שיסעל, זיי האט מען געשניטען און כיט זיי זאגאר קיין טענות ניט געמאכט. זיי האבען קיין חוצפה ניט געהאט זיך אנטקעגען צו שטעלען, האבען בלויז געקלאגט, געגאסען מיט טרעהרען און רחמים געבעטען:

— לאזט אונז לעבען, הארציגער דאקטאר! מיר וועלען זיך בעסערן, מיר וועלען פלייסיג ווערען!

איינינע האט ער איבערגעלאזען און אין בוך דארט סימנים געמאכט ווענען א שפעטערדיגער אפעראציע... לאפין, האט נאכדעם דעם סימן געפונען און האט זיי דעם דרך געגעבען. אבער די מעהרסט'ע זיינען מיט געוואלד ארויסגעווארפען געווארען אויף די

ווענען און מ'האט זיי "וויסילקע" געגעבען.

גיך האט זיך אלעס איבערגעקאכט. די טרעהרען פון די ארויס־געטריבענע, האבען זיך אפגעטריקענט. די קולות און גוואלדען פון שפרה דער געלער מיט איהרע קינדער, וואס האבען די הימלען גע־שפאלטען, בעת מען האט זיי אויפ'ן וואגען ארויפגעלעגט, — האר בען זיך ערגעץ פארטראגען, העט וויים. אהין צו די ארומוואנ־דערענדע ווילדע שבטים און אפשר דארט, אין די הערצער פון די נאטור־קינדער, די אינדיאנער, אן אפקלאנג געפונען... ביי אונז איז אלעס געווען גוט, פיין און וואויל...

די צעאקערטע פעלדער, טהיילווייז שוין אויך פארזעעטע, די ירושה פון די ארויסגעשיקטע, האט מען צעווישען אונז פאר־טהיילט... מען האט אויך אויסגעשטעלט א צעמעל, פון אלע פרומע און גוטע "כאלאסטאיעס", מיט וועלכע די אדמיניסטראציע איז צופרידען געווען און זיי מבטיח געווען, — שוין א רוסישע הבטחה אנשטאט דער ענגלישער: — זייערע פאמיליעס פון אייראפא אין גיכען צו ברייגנען.

דאס לעבען איז זיך ווייטער זיין וועג געגאנגען.

40.

נייע ווינטען. א געהויבענע שטימונג.

מען האט פארענדיגט זעען דעם ווייץ. יענעם ווינטער איז אין קאלאניע פארזעעט געווארען 3250 העקטאר: אמת, ווי די מאדע איז, אביסעל נאך הער צייט: מחמת די אדמיניסטראציע האט די זריעה נעגעבען שפעט, אקוראט ווי אלצדינג וואס זיינט, מוז קומען נאך דער צייט! דאך איז דאס פאראקערטע לאנד, העט אין גאנצען, שוין איינגערעכענט די ירושה פון די ארויסגעשיקטע — פארזעעט געווארען.

ווער איז דען אימשטאנד פארצושטעלען די פרייד פון די פארבליבענע קאלאניסטען, פון די מיוחסים אדער נבחרים, ווען זיי האבען דערזעהן אזעלכע גרויסע גרינע פעלדער? געוועזענע קרעמער, גרויסע שאצער, וואס קענען שטענדיג חשבון'ען ביז א פרוטה, האבען באלד אויסגערעכענט דעם ריינעם רווח: אזוי און אזוי פיעל פאנענא (100 קילאס, א פאנעגא) פונ'ם העקטאר, אויף צו 7.60 א קינטאל (100 קילאס) נו, איז וויפיעל געלד וועט נאך אין קעשענע פארבלייבען? עס האט זיך צושפיעלט די פאנטאזיע פון די אמעריקאנער גליקען און דאס האט געמאכט פארגעסען אן די צרות, די דיסציפלין, די נאטשאלניקעס. די שטימונג איז געווארען א געהויבענע און אלע זיינען ארומגעגאנגען באגייסטערט.

איך ערא־ינער זיך, דאס אין מיין גרופע, צווערשט די 43־טע און נאכהער די 55־טע, זיינען מיר אכט פאמיליעס געווען. צווישען אונז זיינען געווען די ברידער ווינארסקי, איזוואזטשיקעס פון קיעוו. דער עלטערער, שלמה ווינארסקי, א פעסט־געבויטער, ברייט־בייהנערדיגער־איד, זעהר א פרעהליכער מענש, א לעבהאפטער טעמפעראמענט, ווען ער איז מיט אונז שבת געגאנגען באקוקען דעם פאסיעו", דערזעהענדיג די 123 העקטאר גרינע ווייץ פון אונזער גרופע, האט ער פון התפעלות זיין היטעל געשמיצט אן דער ערד און אויף זיין באסאווער שטימע זיך צו יחמור'ט:

— יעיי באגו! וואו זיינען זיי דארט? זאלען זיי קומען זעהן און

צעפיקט ווערען! אט דער קוואַרטאַלנע, דער פּאָליצמייסטער און טאַקע דער גרויסער, דער סאַמע גרויסער גובערנאַטאָר, דרענטל אַליין! זאָלען זיי זעהן, ווי מיר אידען, די שאַכערניקעס, בעאַרביי־טען די ערד! יעיי באָגו, פּוסט־פּריכאַדיאַט! 123 העקטאַר ווייץ האָבען מיר! און ווער זיינען מיר? — האָט ער זיך "גראַמקאָ" צע־שריען. — אפילו ניט אייך "זעמליעדעלעץ" פון דער היים!

דאַן הויבט ער זיך אַן ווינצלען: יעדען איינעם פון אונז, רעכענט ער אויס מיט'ן מורי מורינו, מיט זיין פריהערדיגער פּרנסה און זינגט צו מיט'ן ניגון פון די שמחת־תורה'דיגע הקפות:

"פּיאַווסקי הערש! געגאַנגען מיט באָרזשעס און גאַלערעס אויף'ן דניעסטער און דניעפּער. פּאַרדינט זעקס קאַרבאָוויצעס אַ וואָך!"

"לעוועגזאָהן שמעון! אַרומגעפיהרט לעהם אין קאַמענעץ פּאָ־דאָלסק, אַ רובעל פופציג קאָפּיקעס, פּאַר אַ גאַנץ פוהרעל...."

"וויניאַרסקי סאָלאָמאָן! געפיהרט באַרעשניעס מיט פּריצים צום וואָקזאַל אין קיעוו. און באַקומען נאַ טשאַייקו! פּרנסות, באָזשע טי מאָוי!"

מיר האָבען זיך ביי די זייטען געהאַלטען לאַכענדיג, אַנקוועלענ־דיג פון אונזער מזל.

אַזוי האָבען מיר ביסלעכווייז ליעב באַקומען די ערד־אַרבייט און דאָס פעלד־לעבען. און ווי נור די אָקסען האָבען זיך אַביסעל אויס־גערוהט פונ'ם פּאַסיען ווייץ, האָט מען זיך גלייך גענומען ווידער אַקערן, אום צוצוגרייטען לאַנד אויף צו פּאַרזשען קוקורוזע.

דער ווינטער האָט זיך שוין געהאַלטען ביים געזעגענען. דער נע־בעלדיגער מאָנאַט אויגוסט פון 1893, איז צו ענדע געגאַנגען. דער אַר־גענטינישער מאַי, דער פריהלינג, האָט זיך מיט זיין ליעב־ליכע וואַרימקייט שוין באַוויזען און פּלאַנצען ווי מענשען, האָבען פריש אויפגעוואַכט.

די קאָלאָניסטקעס מיט זייערע קינדערלאַך, האָבען זיך ווי די מוראַשקעס פאַרשפּרייט איבער די גערטנער און האָבען געגראַבען, געזייט און געפּלאַנצט. די מענער האָבען צוגעגרייט די מכשירים דעם מאַאיס צו זייען און אַלעס איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ מחיה'דיגען טהעטיגקייטס פּערפיום.

פון אונזער גענעראַל דירעקציע אין בוענאָס איירעס, האָט אויך

א פרישער ווינטעל געבלאזען. ס'איז אנגעקומען די בשורה דאס צוויי העפינימיווע דירעקטארען, ס א מ ו ע ל ה י ר ש און ד ו ד ק א ז ע ס, האבען איבערגענומען די הנהגה פון דער קאלאניזאציע.

אט די־עדע הערען, וואס האבען מיט אונז צוזאמען דורכגעמאכט א משך פון צוועלף יאהר, זיי אינאיינעם מיט'ן פראוויזארישען דירעקטאר, מאקסים קאגאן און דעם דר. בערקנהיים, וועלכע זיינען נאר ניט אפגעפאהרען, האבען ערנסט זיך פארטיעפט אין אונזער לאגע. מען האט אנגעהויבען באהאנדלען דעם קאלאניסט מיט מעהר, אזוי צו זאגען: דיפלאמאטיע. ווענינסטענס האט מען ניט געשפיגען אזוי פיעל אין פנים אריין, ווי פאר דער רעגירונגס צייט פונ'ם פאלקאווניס.

דעם ווייץ וואס מיר האבען פארזעעט, האט וואס א טאג ווייטער, אלץ מעהר די ערד באדעקט. די פעלדער האבען זיך געגרינט און אין אונז האפנונג אריינגעבלאזען. דאס גאר גיך וועלען מיר פטור ווערען פון דער קצבה, זיך ענדליך זעהן באקליידט און צו זאט אנגעגעסען...

פון די נייע דירעקטארען איז אנגעקומען א צירקוליאר. דאס יעדער קאלאניסט זאל נעבען זיין שטוב, פארפלאנצען פופציג בוימער. די אדמיניסטראציאנע־וועלדער פון אליסע און אלגאראבא, האבען צוגעשטעלט די נויטהיגע בוימלאך.

ס'האט אויך אנגעהויבען אנצוקומען א סך רעמאנענט. די אגריקולטור מאשינען וועלכע האבען אויסגעפעהלט, האט מען געבראכט. יעדער איינציגער, האט באקומען א וואגען אויף פיער רעדער, אנשטאט דעם "קאמון־וואגען". וואס מ'האט פריהער געגעבען פאר דער גאנצער גרופע. זעקס־און'דרייסיג נייע שנייד־מאשינען, פון סיסטעם "וואלטער עט וואוד" אין די אכטצעהן אלטע, פריהערדיגע מאשינען, זיינען פארריכט און צוגעגרייט געווארען פאר דער קומענדער קאסעטשע פון ווייץ, וואס איז אזוי פארשפרעכענד געוועזען און געוואקסען גראסארטיג־שעהן.

די דריי "טריזשאדאראס", די דרעש־מאשינען וועלכע זיינען נאך פארבליבען פונ'ם געוועזענעם לאנד־איינענטהימער, רעמעלא פראנקא, זיינען אויך אויסגעפוצט געווארען, אום גרייט צו זיין דעם ווייץ אדיסצודרעשען.

אויף שריט און טריט האט מען געזעהן, ווי עס שפּינט און עס וועבט זיך א נייע־לעבען א.ז מיט'ן ווארימען פריהלינג וואס איז אנ־געקומען. האט צו אונז אויך דערגרייכט א פריינדליך־הארציגער בריעף פונ'ם באראן הירש, אין וועלכען עס בעט, דאס מ'זאל איהם קיין פּאריז צושיקען א מוסטער פון אונזער ווייץ. "ער וויל — שרייבט ער, — מיט זיינע אייגענע אויגען זעהן די תבואה, וואס זיינע קאלאניסטען האבען אויף דער וועלט געבראכט דורך זייער ארבייטסזאמקייט און פלייס".

א גרויסע שמחה, א גדולה האט אונז אלעמען באהערשט. מיר זיינען אויפ'ן שוועל פון א זיכערער, א רוהיגער פרנסה און דאס גאר, אין אזא פריי־לאנד! פריי פון פּאגראמען, פון פּאניעס גלות, ס'איז פאר קיינעם ניטא וואס מורא צו האבען, מען פרעגט ניט אויף קיין פּאספּארטען, מען געהט וואו מ'וויל, מ'שלאפט מיט אפענע טהירען — א געבענשט לאנד! א אידישע לאנד!

עס שיינט אבער, דאס הינטער יעדען זיסען בעכער, איז אימער צוגעגרייט א ביטערער טראפּען. הער ביטערער שיקזאל, פארגינט זאגאר ניט דעם ארימען אימיגראנט, צופיעל צו פאנטאזירען פון גליק!..

אין דער פראכטפולער פריהלינגס צייט, האט זיך שנעל דער הי־מעל פארטונקעלט. איבער אונזערע קעפּ האבען זיך פארצויגען פינסטערע, חושך'דיגע וואלקענס: שרעק און יסורים זיינען אנגע־קומען.

א גרויסע טהייל קאלאניסטען האבען אלצדינג איבערגעלאזען: דעם ווייץ, די גערטנער, די פארפלאנצטע בוימער, די ווייס־אויס־געקאלכטע שטיבער — אלעס, אלעס האבען זיי אוועק־געווארפען, אום די נאקעטע נשמה צו רעטען, כדי מיט'ן לעבען זיכער צו זיין!

ווילדע פארפלייצען די קאלאניע און באפאלען פרויען.

קיינער ווייסט ניט פון וואנען די ווילדע גאאוטשאס פון דער פאמפא האבען זיך דערוואוסט, דאס צווישען אונז זיינען פאראן שעהנע פרויען. ווער האט דעם פינדיק אנגעזאגט, דעם אינדיאנער פון פאטאגאניע געמאלהען: דעם קרעאל ביי די היילען און ססאלעס פון די אנדען־בערג מיטגעטיילט: דעם אייביגען נאמאד פון די אוראלטע וועלדער אין נעאוקען די בשורה געבראכט. — דאס אין דער קאלאניע רוסא־כוריא, געפינען זיך ווייסע, ציכטיגע און חנ׳עוודיגע מיידלאך?

פון אלע זייטען זיינען פלוצים דיזע נפשות אנגעקומען. יעדער איז געקומען צו רייטען אויף זיין "פאנגארעע": ארומגעווי־קעלט דעם אונטערשטען טהייל פון קערפער מיט דער "טשיריפא"; ארום די לענדען ארומגעבונדען די "באליאדאראס", אדער די שליידער־קוילען פון לעדערנעם גארטעל האט ארויסגע־שטעקט די הענטעל פון לאנגען שארפען "פאקאן" וואס איז אריינ־געשטעקט געווען אין דער "וויינא"; און פיעלע האבען נאך געטרא־גען אנגעהאנגען א גיטארא אויף די פלייצעס. זיי זיינען אנגעקו־מען מיט זייער גאנצען פארמעגען, ווארפענדיג גלאצענדיגע בליקען ארום זיך, ניסטשערענדיג מיט זייערע שווארצע ארלער־אויגען און בעטענדיג:

— פאטראן, גיב מיר ארבייט! לאז מיר דא, נעבען דיין שטוב נעכטיגען, בדאי אין דרויסען שלאפען.

אברהם אבינו׳ס אייניקלאך, האלטען פון הכנסת אורחים. מיר — האבען זיי מקרב געווען. ווי אנגענעהם, ווי שעצבאר־טייער איז ביי אונז געווען דער וואנדערער, דער גר, ווען ער פלעגט אנטקעגען דער לבנה זיך צעזינגען מיט זיינע עצבות־מעלאדיען און צושפיע־לען מעלאנכאליש אויף זיין גיטארא! אין זיינע טרויער־טענער, האבען מיר אונזערע בענקענדע נשמות דערקענט: דער היים־וועה,

פלעגט זיך אין הארצען, ווי אייל פאנאנדערגיסען און מיר האבען זיי מיט פריינדשאפט באהאנדעלט און דאנקבאר געווען, וואס זיי פארזיסען אונזער איינזאמקייט.

די אדמיניסטראציע איז אויך צופרידען געווען מיט זייער אנקומען. די קאסעטשע האט זיך געוויזען, וועט זיין א געראטענע און מען וועט דארפען א סך ארבייטער הענד.

גיך זיינען אבער מעהרערע אקצידענטען פארגעקומען. אין איינע „פאטרעראס" האט מען געטראפען דערשטאכענע קיה. פון אזא „שטיקעל", פלעגט אויסגעשניטען ווערען 10-15 קילא פלייש און דאס רעשט מיט'ן פעל, האט מען געפונען וואלגערענדיג... מען האט גלייך פארשטאנען אז דאס איז ז יי ע ר ארבייט. דאס האבען זיי בלויז גענומען א שטיקעל פלייש אויף אן „אסאדא" — און נישט מעהר!

אין אנדערע גרופעס האט מען פון לעבעדיגע אקסען, אפגעשניטען א שטיק פלייש אום אפצובראטען א ב ר מ ן ה ח י און דעם „נאוויזשא" געלאזט לעבען.

און ביים גאאוטשא איז דאס א גאנץ נאטירליכע זאך געווען! ער ווייסט גיט פון קיין אייגענטום באגריף; פארשטעהט ניט דעם חילוק פון מ יי נ ס און ד יי נ ס; ער נ ע ה מ ט וואו ער טרעפט זיין געברויך און גענוג...

אפילו אין געשלעכטס אנגעלעגענהייטען, איז ער אויך פריי געווען, ווי דער פויגעל אין וואלד! קיין הייראטה'ס צערעמאניע עקזיסטירט ניט ביי איהם. פון מאראליטעט האט ער ניט געוואוסט און פון קיין רעליגיאן קיין באגריעף ניט געהאט! ווער שמועס'ט דאן, מיט דרייסיג יאהר צוריק, האט ער די אלע זאכען בכלל ניט פארשטאנען און איז געווען א אינסטינקטיווער געגנער פון פריוואט אייגענטהום... וואס ע ר האט פארמאגט איז עס אלעמענס געווען און י ע נ ע מ ס איז אויך זיינס — ווען ער דארף עס נאר!

ווען ער האט געפאנגען א הירשעלע, א „מארטינעטא", א „מורליטא", אדער זאגאר א „פעלודא", האט ער ז ך צוזעצט רחבות'ד ג ביים פייער, עס אפגעבראטען און איינגעלאדען דעם פאטראן, דער פאטראנא, יעדען איינציגען וואס איז דערביי געווען, דאס זיי זאלען מיט איהם מיטשפייזען: — וואס ער האט, איז פאר יעדען.

פריי... נו, האט ער זיך אנגעשלאגען אן דער ציוויליזירטער מאָראַל, אן דער געזעצליכער ארדנונג, — אליין עסען צוזאמ און דער אנדערער מעג פארהונגערן! דא זעהט ער, ווי מען שעכט גאנצע בהמות, מען טראגט זייטען פלייש, אלע עסען און ער שלינגט די סלינע און ווען ער בעט אן "אסאדא", פאדערט מען "פלאטא" — זילבערנע מטבעות: האט ער זיך מיישב געווען, דער ארימער נאטור־מענש און אליין גענומען — מכל הבא בידו.

דעם אמת זאגענדיג, האט עס אונז קאלאניסטען ווייניג וואס געקימערט: ס'איז דאך געווען דעם באראָן'ס סקאט! די גדולים גנב'ענען אזוי פיעל: נו, מעג דער גאאוטש כאטש באקומען צום עסען... און מיר האבען צוגעקוקט און געשוויגען. ווען דער האלב־ווילדער קרעאל, האט הפנים דערזעהן דאס מען שווייגט, איז ער נאך דרייסטער געווארען און האט זייגע אויגען אויפגעהויבען צום שעהנעם, אבער שוואכען געשלעכט.

— לינדאס מוטשאטשאס! — שעהנע מיידלאך. האט ער אנגעפאנגען אונטער־צומורמלען.

דערזעהענדיג דעם ווידערשטאנד פון די שעהנע מיידלאך, וועלכע האבען איהם גאר מיט פאראכטונג אויסגעווייכט, דאן האט ער גענומען אנווענדען גוואלד־מיטלען... עס זיינען פארגעקומען אונאויפהערליכע אקצידענטען.

די פרוי ק'. איז מיר איהר טאכטער פון א יאהר אכטצעהן, געגאנגען פון איהר גרופע קיין אלנאראבא. נעבען דער "לאגונא" פון צעווישען די דערנער און בודזשיקעס, איז ארויסגעשפרונגען א גאאוטש און האט דאס מיידעל געכאפט... די מוטער האט איהר קינד פארטהייטיגט און דער ליידענשאפטליכער קרעאל, האט איהר א האנד צעבראכען. גליקליכערווייזע, איז רייטענדיג אנגעלאפען דער אינזשעניער דאן סאהאל, האט אויפ'ן גאאוטש אויסגעשאסען און דער איבערפאלער איז אויף זיין פלינקען פערד פארשוואונדען געווארען.

אן עלטערע פרוי, וועלכע איז פון איהר שטוב אפגעגאנגען א פאאר הונדערט מעטר צווישען די גראזען, איז דארט באפאלען און פארגוואלדיגט געווארען.

זיי האבען געכאפט א מוטער פון קינדער, איהר ווייט אוועקגע־

שלעפּט, און דער אומגליקליכער דאָרט אָפּגעהאַלטען א גאַנצע נאַכט...

אָבער נאָך שרעקליכערעס איז געשעהן מיט דער יונגער אַקו־שאַרקע ראָזע; יענץ בילד, וואָס כ'האָב צופעליג געזעהן, מאַכט מיר נאָך יעצט אויפשוידערען, בלויז ביי דער ערינערונג.

אין א דאָנערשטאָג, א טאָג וואָס די פרומע קאַלאַניסטקעס האָ־בען שטענדיג פאַר א טבילה־טאָג געהאַלטען, ווייל אין זעלבען פלעגט מען אויך פאַהרען קיין אַלגאַראַבאַ איינצוקויפען אויף שבת, האָט זיך סאָסעל וואַגמייסטער אַביסעל פאַרשפּעטיגט און שוין ניט גע־האַט קיין קאָמפּאַניערקע אויף אַראָפּצוגעהן ביז'ן באָד, וואו די מקוה האָט זיך געפונען. אַליין האָט זי מורא געהאַט צו געהן הינטערן בערגעל ביז צו דער "לאַגונאַ".

די שעהנינקע אַקושאַרקע ראָזע, א זעהר מוטהיגע פרוי, האָט זיך אָנגעבאָטען איהר צו באַגלייטען און מיט א וויג־קינד אויף די הענד, איז זי מיטגעגאַנגען.

אין א ווײַלע אַרום איז די פרוי וואַגמייסטער אַרויפגעלאָפען אויף דעם בערגעל, רופענדיג צו הילף דורך שרעקליכע קולות און גוואַלדען.

— גוואַלד! אידען ראַטעוועט! א שפּאַניער איז דער אַקושאַרקע באַפאַלען! ראַטעוועט! גוואַלד! געוואַלד!

א סך וואָס זיינען ביים אַדמיניסטראַציאָנס הראַטה געשטאַנען, האָבען זיך תיכף געלאָזט לויפען; אָבער שרעקליך, שוידערליך איז דאָס בילד געווען, וואָס מען האָט דערזעהן.

א צוטראַטענע, א געשענדעטע, מיט צעפליקטע קליידער, איז די אַקושאַרקע געלעגען אין גראָז אין האָט זיך געבאַדען און טרערען און אין שאַנד... איהר זויגלינג, האָט זיך עטליכע מעטר ווייטער געוואַלגערט און פירכטערליך געשריען; דער באַנדיט האָט עס אַהין פאַרשליידערט .. דעם פאַרברעכער האָט מען שוין ניט געטראָפען, ער איז צעווישען די גראָזען נעלם געוואָרען.

די אומגליקליכע, אָרענטליכע פרוי, האָט שלוכצענד געבעטען, דאָס מען זאָל ביי אייזיק שוחט פאַרשרייבען דעם פינסטערן טאָג, אום מען זאָל וויסען, טאָמער חלילה וועט זי שוואַנגערן... ווייל איהר מאַן איז שוין פיער מאָנאַט אַבוועזענד געווען פון דער היים...

א פאניק האט ארומגעכאפט דער גאנצער קאלאניע. קיין פרווו האט זיך ניט געוואגט ארויס־צו געהן פון שטוב. און אזוי ווי תמיד, נאך יעטווידער קאטאסטראפע, האבען די שוואכערע, די וואקלענ־דע אידעאליסטען אנגעהויבען פאדערן, שרייענדיג:

— א היים! דאקטאר, שיקט אונז א היים! צו פארגוואלטיגען אונזערע פרויען, צו שענדען אונזערע טעכטער — דאס האבען מיר דאך ביי פאניען אויך געהאט!

דר. בערקנהיים האט זיך פאר עגמת נפש, אזש די האהר פון קאפ געריסען און האט גענעטען:

— פאהרט ניט! לויפט ניט! איך וועל באווארענען, אז אזוינ׳ס זאל מעהר ניט פארקומען ...

ער האט געפלאנט א אידישע מיליץ, ווי פאר גערביל׳ס צייטען, ווידער איינצופיהרען.

— לאמיר נאר האבען אונזער אייגענע פאליציי, דאן וועט צו די גוואלדטהאטען אן ענדע נעהמען!—האט ער דעם עולם געטרייסט.

ער האט דערפון געשריעבען צו די דירעקטארען און געבעטען מען זאל צושיקען א פאאר הונדערט ביקסען. די הערען קאזעס און הירש, האבען זיך געווענדעט נאך אן ערלויבניס צו דער פראווינציעלער רע־גיערונג און דער פאליצמייסטער פון לא־פלאטא, א געוויסער לאפעז, האט די דאזיגע בקשה ענטזאגט. "ווי אזוי מעג מען באוואפענען פשוט׳ע בירגער?" — איז זיין שאלה געווען.

אלע מאהל איז עהגער געווארען און די גאאוטשאס פרעכער. זיי זיינען שוין פשוט געקראכען אין די שטיבער אריין...

די קאלאניסטען, צום אנפאנג די יעניגע וואס האבען אין זייערע משפחות געליטען און נאכדעם די צושראקענע — האבען אנגע־הויבען מאכען פליטה...

מאקסים קאגאן און דר. בערקנהיים, אליין רוסישע אידען, האבען שנעל אויסגעפונען די רפואה צום פאליצייסקען "ניעלזא"... זיי האבען, אין די הויכע פענסטער פון לא־פלאטא און נועווע־דע־בוליא, איינגעגעבען א היבשע דאזע פון דער קלינגעדיגער רפואה — און דאס האט געווירקט... אנשטאט ביקסען, האט די רעגיערונג מתיר געמאכט רעוואלווערן. צוויי קאסטענס פיסטאליעטען האט מען פון בוענאס־איירעס געבראכט און יעדען קאלאניסט געגעבען איינעם

אדער צוויי און געהייסען שיסען... דער עולם האט געפאלגט און געשאסען...

מען האט געשאסען אין דער לופט. א פאאר פונדיקעס האט מען פארוואונדעט. אומגערן האט מען אויך געטראפען דעם סקאט אויפ'ן פעלד און א סך בהמות דער'הרג'ט. אפטמאל האט מען פאר גרוים בריה'שקייט זיך אליין אין פוס געטראפען... ווי ס'איז נאר צוגע־פאלען די נאכט, האט מען פון אלע גרופעס געהערט דאס אונאויפ־הערליכע קנאלען פון די רעוואלווערן.

דער גאאוטשא, וועלכער איז אונגעהויער געשיקט מיט'ן מע־סער און איז א ערשט־קלאסנער פעכטער, האט אבער דאמאלסט שטארק מורא געהאט פאר'ן פייער־געוועהר. (היינט האט ער שוין יענעם פורכט פארלוירען). פאר א "שפייער" האט ער דאן געציטערט און פיעלע פונדיקעס זיינען זיך צולאפען.

די ווייבער זיינען אין מקוה געגאנגען, באגלייט פון די מענער... די שומרים, פלעגען שטעהן אנגעשפארט אין וואנט פון באד און ווארטען ביז זייער פלונית'טע, א פערפלאמטע, א פארשעהמטע, איינגעוויקעלט אין דעם צניעות פון דער טבילה — פלעגט ארויס־קומען...

אין א דאנערשטאג־טאג, האט מען אפט געקענט טרעפען א פאאר מנינים קאלאניסטען, שטעהענדיג מיט די בייטשען אין די הענד נע־בען דער באד, און בעת א ליידענשאפטליכער שמייכעל פלעגט זיך קרייזלען איבער זייערע ליפען, פלעגען זיי גאר שמועס'ן איבער וועלט פאליטיק, איבער אידישע ענינים און באשטימען די קהל'שע אינטערעסען...

מען איז פארזיכטיגער געווארען מיט די גאאוטשאס. די פאליציי איז אויך פארדאפעלט געווארען און מען האט ארעסטירט יעדען פארדעכטיגען.

איינעם, וועלכען מען האט חושד געוועזן, דאס ער האט מאנס גע־וועזן דער עלטערער פרוי, האט די פאליציי א צייט־לאנג נאכגע־שפירט ביז זי האט איהם באלאגערט אין א פוסטער שטוב, פון דער גרופע 57, ביי שמואל ראבינאוויץ. אכצעהן שטונדען האט מען צו איהם ניט געקענט צוקומען. ער האט געהאט א ביקס, א היבש־ביי־סעל פולווער און האט כסדר דורכ'ן פענסטער און די שפאלטען פון

טהיר בעפייערט אויף דעם פאליציי — ביז ער האט פארוואונדעט א סארזשענט. דיזער, ווערענדיג ווילד פון צארן, האט זיך געווארפען צום פענסטער און מיט זיין "רעמינגטאן" דעם פארברעכער דער־שאסען.

פאר'ן טויט האט דער באנדיט נאך אוספייעט אויסצושרייען:

— און דאך זיינען די אידישע פרויען די שעהנסטע!...

ערשט דאמאלסט, האט די אדמיניסטראציע געלאזט ריכטען אין באפעסטיגען די "אלאמבראדאס" וואס צאמען ארום דער קאלאניע. מען האט די דראטהען אנגעצויגען מיט נייע שלעסער, אריינגעגראבען גוטע, שטארקע "פאסטען" (סלופעס), און אוועק־געזעצט שומרים ביי די טהויערן, וואס פיהרען קיין קאסארעס און פאלאמאס און זיי באאויפטראגט ניט אריינצולאזען קיין גאאוטש, אהן דער שריפטליכער ערלויבניס פונ'ם אדמיניסטראטער.

איינער פון אונזערע קאלאניסטען, דוד טשערניע, א אמת'ר העלד, ער האט איבערגענומען דעם אמט פון אבער שומר. בלויז פיערציג פעזאס מאנאטליך האט ער געפאדערט אויף אמוניציע און געארבייט האט ער אומזיסט. ער האט וויךקליך געטריי געהיט דעם גרענעץ און די האלב ווילדע קרעאלען, האבען פאר איהם געציטערט אימת מות, ווייל ער האט פיעלע פון זיי אוועק געלעגט...

די קאלאניע האט זיך דערוויל כלומר'שט בארוהיגט און די ארבייט, האט אנגענומען איהר נארמאלען גאנג.

42.

נייע פּנים'ר אין דער קאָלאָניע.

דעם 19־טען אויגוסט פון יאהר 1893, איז אנגעקומען יהושיע לאַפּין, א דיפּלאָמירטער אגראָנאָם, געבוירען אין גראָדנא, ליטא. ער האָט מיטגעבראַכט א פאַראָרדנונג פון'ם באַראָן, דאָס מען זאָל איהם צום דיענסט שטעלען אַלע מיטלען, דאָס ער זאָל אימשטאַנד זיין באַזוכען די קאָלאָניען און אויספאָרשען דעם באָדען, אויסשטודירען די געאָלאָגישע צוזאַמענשטעלונג, דעם קלימאַט, די פּראָדוקציע און נאָכהער זאָל ער פערזענליך ברייננען דעם באַריכט אין פּאַריז שטעלען דעם ריכטיגען צושטאַנד פון דער לאַנדווירטשאַפט אין ארגענטינא. ער האָט מיט דיעזען צוועק אונז דעם ערשטען באַזוך אָפּגעשטאַט.

אָט דיזער בלאָנדער יונגערמאַנטשיק, אין א פּאָאר אַלטע שטיוועל, מיט א באַראַשקאַווען ברוינעם רעקעל, האָט פייערדיגע בליקען איבעראַל געוואָרפען, וועלכע האָבען אַמעטום טיעף אריינגעדרונגען... מעגליך אַז דאַמאָלסט איז דאָס זיין איינציגער פאַרמעגען געוועזן!

ביי דער אדמיניסטראַציע האָט ער בלויז פּאַרלאַנגט א פערד מיט א זאָטעל און דעם פּלאַן פון מאָאוריציא און שטיל, אָהן געוויש, אָהן באָמבאַסטיק, איז ער אומעטום ארומגעפאָהרען און אין אַלע ווינקעלאַך געשנייטשערט. יעדען קאָלאָניסט פלעגט ער אויספרעגען, נאָכפאָרשען זיינע מעשים און אויך די טהאַטען פון די נ א ב ע ל ע הערען בעאַמטע אין דער אדמיניסטראַציע... דאָס איז זיין ארבייט געוועזן דורכ'ן גאַנצען טאָג און ביינאַכט האָט ער געשריעבען, באַריכטען צוגעגרייט. אַזוי האָט ער באַזוכט אַלע קאָלאָניען, זיך אָפּגעזאָמט גאַנצע צעהן מאָנאָט אין ארגענטינא און איז אָפּגעפאָהרען.

אבער גיך איז ער פון אייראָפּא צוריק געקומען, שוין דירעקט קיין מאָאוריציא און אַלס "גראַן סעניאָר" — דער דיקטאַטער לאַפּין, פון'ם באַראָן זעלבסט באַפּאָלמעכטיגט די קאָלאָניסטען צו אָראַנ־

זשירען נאך זיין אייגענער, נאך ל א פ י ן׳ ס מ ע ט א ד ע.

איז א נייע איבערקעהרעניש געווארען. ווידער א בהלה, אנ׳ארויס־שיקעניש, ארויסשמייסענעש און נייע עקספערימענטען פון אלערליי סארטען, איבער וועלכע מיר׳ן נאך שמועס׳ן.

צו יענער צייט, זיינען פון אלע זייטען געסט געקומען. פריינד־פונ׳ם באראן, און סתם פריינד פון דער גאנצער מענשהייט, פוס־טעפאסניקעס, אומזיסטיגע און אומגעבעטענע פארזארגער און גלאט רייזענדער פון איירא פא. אייניגע באריהמטע זשורנאליסטען, צייטונגס־קארעספאנדענטען, צווישען וועלכע ס׳איז אויך געווען דער פעטערסבורגער, גאספאדין נ. שעלין.

די אדמיניסטראציע פלעגט געוועהנליך שוין ערהאלטען געהיימע־אינסטרוקציעס פון דער בוענאס־איירעסער הויפט־ביורא, וואוהין; און צו וועמען, דיזע געסט צו פיהרען: וואס זיי יא און וואס נ י ט צו ווייזען... שטענדיג האבען דיזע אלע טוריסטען, נאר איין זייט פון דער מטבע געזעהן... און דאס איז די אמת׳ע אורזאכע, וואס אלע ידיעות און מיטהיילונגען אין די צייטונגען, זיינען נאר געווען פרעהליכע, גוטע, האפנונגספולע און קלינגענדע...

פון אויגוסט ביז אקטאבער האט דאמאלסט ניט גערעגענט. די ווייצען זיינען געווארען פארגעלט און הינטערשטעליג. מיר האבען מורא געהאט דאס אונזער "אוראזשאי" וועט שוין פארלארען געהן: נאר גליקליכערווייזע האט דעם 20-טען אקטאבער אנגעהויבען רעגענען און אזוי אונז די "קאסעטשע" אפגעראטעוועט.

די דירעקציע האט תיכף געמאלדען קיין פאריז צום באראן, דאס די קאלאניסטען זיינען מזל׳דיג... מיט׳ן רעגען. ער ווידער האט גע־ענטפערט, אז מען זאל באצייטענס זיך צוגרייטען אריינצונעהמען די תבואות אין שייער אריין... און די ביורא, אדער לאמיר איהר רופען ביי איהר ריכטיגען נאמען: יק״א, האט זיך גענומען זאר־גען גאנץ ערנסט, פאר דער ערשטער, כמעט גרויסער ערנטע פון מאאוריציא: אבער זארגען גאר אויף אן אנדער שטייגער! איהר מענט כ׳לעבען ויסען ווי אזוי און אויף וואס פאר אן אופן.

צו אלעם ערשטען, האט מען באשטימט דריי נייע אינספעקטא־רען: איינעם צו יעדער דרעש־מאשין, וועלכע מ׳פלעגט אויך רופען אגענטען. דער הויפט פון זיי, איז געווען מ א א ו ר י ס י א כ ה ן.

א גאנץ וואוילער יונגערמאן,—שפעטער איז ער געווארען אדמיניס־טראטער אין דער קאלאניע מאזעסוויל. דער צווייטער איז געווען איגנאסיא שטרוד, א פוילישער בחור, וואס האט געלויפיג געשפראכען אייניגע שפראך און איז רעקאמענדירט געווען פון עפעס א גדול... — שפעטער האט ער פון דער יק"א באקומען דעם פארעם אדער "עסטאנסיא" אליסע, וואו ער האט אויפגעשפיעלט זעהר גרויס, האט ערווארבען א פאאר מיליאן פעזאס און נאכהער איז עם צעריבען געווארען צעווישען די שרעקליכע צייהן פונ'ם קריזיס, און ער איז אזוי אראפ פון דער סצענע... דער דריטער איז געווען א נידריגער אדעסיט וואס האט געקוקט דורך פאנסנע, האט זיך גערופען לעאן סיגאל און וועלכער איז נאכהער געווען א צייטווייליגער רייכער קאמערציאנט און קהל'ס־מאן אין בוענאס איי־רעס און איז א כלל טהוער אין משילע.

אט די דאזיגע דריי אויפזעהער, האבען געדארפט מיטגעהן מיט די דרעש־מאשינען, אכטונג געבען ביים אויסדרעשען דעם ווייץ און זעהן ערפילען דעם אוקאז וואס די ליבהארציגע מוהמע, די יק"א, האט ארויסגעגעבען אלס איהר ערשטען צירקוליאר אין שייכות צו איהר קאלאניזאטארישע טהעטיגקייט אין ארגענטינא.

אט דער דעקרעט פארדיענט בנאמנות א קאפיטעל באזונדער.

43.

דער ערשטער יק״א דעקרעט.

ביידע דירעקטארען, קאזעס און הירש, האבען דעם דעקרעט אונטערגעשריעבען.

דאס איז געווען עפעס א סארט מיליטערישער אוקאז, וואו די ווערטער האבען זיך געשאטען ווי שרוט און האבען פארוואונדעט די קאלאניסטישע הערצער.

זיין אינהאלט איז פאלגענדער געווען:

א) יעדער קאלאניסט מיט זיינע קינדער, אין עלטער פון 12 יאהר אן, מוזען ארבייטען ביי דער דרעש מאשין; אלע איינוואוינער פון א גרופע צוזאמען, אין קאמונע, אום דעם ווייץ אויסצודרעשען.

ב) א פיערטעל, 25 פראצענט פון׳ם ריינעם ווייץ, ברויכט די אדמיניסטראציע אראפ־נעהמען אויף׳ן חשבון פון דער "סובסידיע", וואס דער קאלאניסט האט באקומען.

ג) דער גאנצער ווייץ, מוז אריינגעפיהרט ווערען אין די אדמיניסטראציאנע "גאלפאנעס". דער קאלאניסט האט ניט קיין רעכט זיך איבערצולאזען אין שטוב איין קערענדעל פון׳ם ווייץ.

ד) פון די דריי פיערטעל, די 75 פראצענט, דארף די אדמיניסטראציע ארונטערנעהמען קערענדל־פער־קערענדל, פונקט אין גלייכען ווערטה, פאר דער זריעה וואס זי האט דעם קאלאניסט אויסגעבארגט. וויפיעל זעק, אדער קילאגראם דער קאלאניסט האט גענומען, דארף עס ארונטערגערעכענט ווערען פון די 75 פראצענט. דאן אויך פאר׳ן דרעשען, די אויסגאבען פון דער "טריזשאדארא" מיט איהר מאנשאפט, קאפאטאסען און מאשיניסטען. אויך די שפייזען וואס זיינען פעראורזאכט געווארען ביים שניידען די תבואה, בינדען די סנאפעס; פאר די טאגלויהנער וואס האבען געארבייט ביי דער "קאסעטשע", בכלל — פאר אלעס דארף צוערשט באצאהלט ווערען דורכ׳ן פראדוקט אליין, פון די 75 פראצענט.

ה) דאס רעשט וואס עס וועט בלייבען, נאכהער ווי אלע הוצאות וועלען גערעקט זיין, און נאכדעם ווי מען וועט אפגעבען דער וואכט איהרס, (דעם טייוועל זיינס און אין ים אויך עפעס אריינוואַרפען, אויב עס וועט בכלל נאך עטוואס פארבלייבען!), זאל דער אדמיניסט־ראַטער אויסקלויבען דריי חשוב'ע בעלי־בתים און מיט זיי צוזאמען פארקויפען דעם פראדוקט.

ו) אינפאלס דער אדמיניסטראַטער וועט מיט די דריי ח ש ו ב י ם ניט קענען איינשטימען ביים פארקויפען, — פארזארגט אויסדריק־ליך דער צירקוליאר:—האט דער אדון א ל י י ן, דאס רעכט צו טהון ו ו י ע ר פארשטעהט.

דעם צירקוליאר טרעפט מען נאך יעצט אויך אין ארכיוו פון דער מאַאוריציער אדמיניסטראַציע און ער איז ווירקליך א זעלטענהייט דורך זיין אינהאלט.

די אַגענטען האבען די דאזיגע דעקרעטען, פארטהיילט אונטער די קאלאניסטען און די קאלאניע האט אויפגעזאדען. א פאלשטענ־דיגער בונט איז ענטשטאנען...

— סטייטש, היתכן? — האבען די פארשטענדיגערע געשריען: — איז דען מעגליך דעם ערשטען יאהר שוין צאהלען די שולדען? אלעם ווילען זיי צונעהמען און אונז כסדר האלטען ביי דער טהיר אלס בעטלער און אונז בעטיטלען, אלס שנאררער?!

אבער די קרעמער, די בעלי חשבון האבען געדרונגען אז עס וועט סטייען אי אבצוגעבען דער אדמינסטראַציע אלצדינג וואס זי פער־לאנגט, אי דורכצולעבען דעם קומענדען יאהר.

— עפעס א קלייניגקייט, ערד! — האבען זיי זיך גע'כופל'ט. — וואס ערד קען נאר ארויסגעבען! זי איז דאך אזוי רייך! משמעות?

די פשוט'ע קאלאניסטען האבען גלאט געשאלטען דעם נאמען יק"א: — הגם מען האט נאך דאמאלסט קיינעם פון די חשוב'ע יק"א־פארטרעטער ניט געזעהן: קאזעס און הירש, האבען נאך די קאלאניע זאגאר ניט באזוכט. מען איז סתם ברוגז געווען אויף'ן באַראן, וואס ער האט די קאלאניסטען איבערגעגעבען אויף פרעמדע הענט... און מען האט געפלוכט, אויף וואס די וועלט שטעהט! דער אדמיניסטראַציע האט מען פיינט באקומען ווי א פעסט, ווי א מגפה האט מען זי ניט געקענט ליידען און מ'האט זיך פשוט ארומגעטרא־

נען מיט ראכע־געפיהלען.

אבער איהר מעגט לאכען. די נקמה האבען די קאלאניסטען שנעל געהאט אויף גאר א זאנדערבארען אופן און האבען אנגעקוואלען.

44.

פאַרשוואונדען די אייזערנע קאַסע, און אַ דירעקטאָר פאַהרט-אָפּ.

אָט האָבען מיר אַ נקמה דערלעבט אָן די אדונים!

דעם 29־טען אָקטאָבער, ביי נאַכט, האָט מען גענומען די פייער־קאַסע. גנבים האָבען איהר פון דער אדמיניסטראַציע אַרויסגעשטוילען... וויפיעל געלד און דאָקומענטען ס'האָבען זיך אין דער אייזערנער קאַסע געפונען — דאָס ווייסען נאָר יענע צדיקים, איך נים! איך וויים נאָר, אַז דער געבורטס־רעגיסטער וואָס ד"ר יאָפּפע האָט איינגעפיהרט, איז אויך דאָרט אין קאַסע געווען און אַז מ'האָט איהם שפּעטער גוט געזוכט...

די פּאָליציי האָט צוגעשיקט "פּעסקיסעס" אָדער דעקטעקטיווס. זיי האָבען געפאָרשט, געשפּיאָנירט, — און גאָר נים געפונען. דער אייזערנער שראַנק איז ווי אין וואַסער אַריין!

די לאָקאַלע בעאַמטע האָבען איינער דעם צווייטען חושד געווען. די דירעקטאָרען האָבען פּייעדדיגע בריעף געשריעבען און ווי דער מנהג פון דער וועלט איז "אַ גנבה ביים גביר, איז די דיענסט אַ כפּרה", אַזוי איז דאָ אויך געשעהן. באַצאָלט האָט דער אָרענטליכער פּעטערסאָן און נאָך אַ פּאָאַר קלענערע בעאַמטע, וועלכע האָבען עפּעס אַ מורמעל געטהאָן אויף אַ גדול... ז י י האָט מען ענטזאָגט. אויף אימיצען האָט מען דאָך געמוזט דעם חשד אַרויפוואַרפען!

מיר האָבען דערפון הנאה געהאַט.

אָבער דער צופאַל האָט אונז נאָך מעהר פרייד געבראַכט. ווען מיט אַכט טאָג שפּעטער, נאָך דער ערשטער גנבה, האָט זיך אַרויסגעוויזען נאָך אַ גרעסערע.

עטליכע פון די גוטסבעזיצער, ביי וועלכע מען האָט די געצאַמטע אָקסען געקויפט אום אונז ג עמ אַ נ ס י ר ט ע צו געבען, זיינען דעם 7־טען נאָוועמבער געקומען און צוריק־געפאָדערט די אָקסען, אָדער געלד פאַר זיי, טענה'נדיג דאָס די פריהערדיגע פאַרוואַלטער.

האבען די אקסען אויף קרעדיט געקויפט...

די נייע דירעקטארען האבען די ליפען פארביסען און כדי קיין סקאנדאל ניט ארויסצורופען, ניט אויסגעלאכט צו ווערען און משפטים אין די געריכטס־הייזער אויסצומיידען — האבען זיי נע־באך געצאהלט פאר די זעלבע אקסען צום צווייטען מאהל!

איי האבען מיר געלאכט! מיר האבען גוט געקענט און קענען נאך איצט אויך יענע מחותנים, וואס האבען זיך ארומגעשארט ביים "פעטען טאפ מיט גריוועו" און אפטמאל דערפון גענאשט — און דאס האט אונז געגעבען א גענוג שטאף זיך צו וויצלען און אפצושפא־טען פון אלע דעקטעקטיוו'ס און אונטערזוכער...

אונז האט נאר באנג געטהון, וואס דער גוטער מאקסים קאגאן האט שוין די גנבות ניט געזעהן. פריהער מיט צוויי־טאג, דעם 27־טען אקטאבער איז ער אפגעפאהרען. אבער ער האט אלע דאמאלסט־דיגע הערשאפטען גוט געקענט. דאס האבען מיר ארויסגעזעהן פון זיין אפשייד'ס בריעף.

דעם 27־טען אקטאבער האט מען אויסגעקלעפט מודעות אויף די ווענט פון דער אדמיניסטראציע, דער קלייט און דער "קארניסעריא" מיטטהיילענדיג, דאס דער פראוויזארישער דירעקטאר מ. קאגאן, פאהרט־אפ קיין פאריז, וואו ער וועט זיך טרעפען מיט'ן באראן הירש. ער האט איבערגעלאזען אן אבשיידס בריעף צו די קאלא־ניסטען מיט דער הבטחה, דאס ער וועט דעם באראן גענוי פאר־שטעלען די ריכטיגע לאגע, איהם אויפקלעהרען איבער'ן צושטאנד פון די קאלאניסטען, איהם דערצעהלען וואס דא איז פארגעקומען און זעהן, אז מיר זאלען ניט דארפען ליידען און צאהלען פאר פרעמ־דע פעהלערן און שגעונות. ער האט אבער ניט דערמאנט די גנבות פון די ערשטע בעאמטע, וועלכע זיינען אויף אונזער חשבון פאר־צייכענט געווארען...

קלאנגען האבען זיך געטראגען, אז יענער נאבעלער רוסישער איד, האט זיין פארשפרעכען ערפילט. אז דאס פיערטעל פון אונזערע חובות, וואס דער באראן האט אין זיין צוואה אונז געשענקט, האבען מיר דעם הערר קאגאן צו פארדאנקען.

דערווייל איז אנגעקומען די קאסעטשע־צייט.

45.

די "קאַסעטשע" 1893-4.

די "קאַסעטשע" איז געװען אַ פאַרשפּעטיגטע.

דעם 20־טען דעצעמבער, האָט די אַדמיניסטראַציע באַפוילען דאָס מ'זאָל זיך נעהמען שניידען. צי דער װייץ איז שוין צייטיג, אָדער נאָך גרין, דאָס האָט איהר ניט געקימערט. די פעראָרדענונג האָט געמוזט אויסגעפאָלגט װערען! האָט מען די שנייד־מאַשינען אַרויסגעפיהרט אויפ'ן פעלד און זיך גענומען צו דער קצירה.

אומפּראַקטישע שטאָדט־אידען, װאָס האָבען ביי זייער לעבען קיין תבואה פון פעלד ניט אַרונטערגענומען און זאָגאָר די עטליכע דאָרפס־אידען, װאָס האָבען ב ל ו י ז ג ע ז ע ה ן װי די גוים בעאַרבייטען די ערד, אָבער מיט גאַנץ פּרימיטיװע מיטלען און ניט מיט די מאָדערנע מאַשינען, די "אַטאַדאַראַס", װעלכע װאַרפען אַרויס צו 4־5 געבונדענע סנאָפּעס אויף איינמאָל. אַט אַזעלכע מענשען האָבען זיך אליין געשטעלט אַרבייטען מיט די בינדמאַשינען.

צום אומגליק האָבען נאָך די יק"א בעאַמטע איינגעהאַנדעלט די שנייד־מאַשינען פון דער פירמע "װאָלטער ענד װאוד", אַן אומגעלומפּערטע אַנטיקװאַרנע באַנדורע, װאָס די סוחרים כװאַן אי כאַסע דרייסדאַל, האָבען יאָהרען לאַנג ניט געקענט פטור'ן, ביז זיי האָבען אויסגעזוכט אונזערע פילאַנטראָפּען. — אונזערע אונערפאַהרענע אידלאַך האָבען זיך אַזוי נאָך געהאַט צו מוטשען, מיט די דאָזיגע "קאַליקעס".

נו, האָט מען זיך שוין איינמאָל געמוטשעט און געפּלאָגט!

דער מאַשיניסט װעלכען די פירמע האָט כלומר'שט געשיקט, אום די מאַשינען דאָס ערשטע מאָהל "דורכצולאָזען" איבערן פעלד, האָט װי אַנ'אָרצט. אָפּגעשטאַט יעדער גרופּע אַ װיזיט, האָט אַ פּאָאַר מאָהל פון מויל אויסגעשפּיגען דעם זאַפּט פון זיין קיי־טאַבאַק, אָפּגעזאָגט אַן "אַללרייט" און גלייכגילטיג זיך װייטער געפאָהרען...

האָט זיך אָנגעהויבען דאָס שניידען, ס'האָט אונז געשניטען אין

בויך און אין האריץ... איז מען אפגעגאנגען א צווייי "וואלטאס" און "סטאפ מאשינא!" — ניט איין טריט ווייטער! דא פארגרחניעט זי ביז אריבער די רעדער. דארט כאפט זי אריין א קוסט אינ'ם בינ־דער, אדער עס האקט כסדר דעם פאדעם... דערצו פאלט אלע ווייר־לע אראפ די גרויסע קעהט וואס פיהרט דעם בינדער, פון די צייהן ביים ראד און די וויכטיגסטע העלפט בלייבט פאראליזירט.

שטופט יענקעל די האנד אין בינדער און לאזט איבער א פינ־גער... משה פינקעל, פאלט ארויף, דוקא אויף דער זעג און צוקא־ראוואטשעט זיך ביז'ן טוידט...

דארף נאך צום אומגליק אין סאמע ברען פון דער ארבייט. ווען פערוואונדעטע און קראנקע מעהרען זיך פון טאג צו טאג, איינפא־לען דעם הר. רהארעס מעהר ניט צו ארבייטען: מוז מען די געפעהר־ליך צושניטענע מענשען פיהרען קיין בוענאס־איירעס און די לייכט־פארוואונדעטע, קרענקען זיך ביסלעכווייז ביי זיך אין שטוב. טע־לעגראפירט מען צום באראן און מ'בעט רחמים אז ארצט און ער ענטפערט, דאס מיט'ן ערשטען דאמפפער, פאהרט ארויס א דאק־טער, מיט'ן נאמען וועקסלער: — אבער פארלויפיג מוז מען גערול־דיג צו־ווארטען...

גאר וועמען קימערט אין אזא ברען דאס געזונד? אבי מ'קען ארבייטען! בינדט מען צו דעם קאפ אדער די האנד מיט א שמאטע און מ'שניידט־ווייטער דעם ווייץ... רייטערס לויפען ווי די שדים, איינגעטונקען אינ'ם מאשין־בוימאייל, אויסגעניורעטע ווי רוחות. אהן חעקלאך, מיט די הוילע ארבעל, פארסמאיעטע, קומט מען אין דעפא פון דער אדמיניסטראציע, וואו דער "ווייסער יעזואיט", דער פראפעסאר הייאים, טהיילט־ארויס די ערזאץ־שטיקער: רעד־לאך, שרייפלאך, פלינעל, און אנדערע "פיעסאס", וועלכע ברע־כען זיך פונקט ווי גלאז און אז מ'ברייגגט צו איהם די צעבראכע־נע שטיקער, גיט ער אן אנדערע א גאנצע, אויב ער האט נאר אזעלכע און קוים ניט, טעלעגראפירט ער צו דער הויפט־ביורא קיין בוענאס־איירעס, וועלכע שיקט אין דריי אדער אכט טאג ארום, די געפאדערטע "שטיק" — און דערוויל, שטעהט דער ווייץ אויפ'ן "פיען" און שיט זיך ביסלעכווייז פון די זאנגען ארויס...

ווען דער יעזואיט דערזעהט דער פארסאפעטען רייטער מיט'ן

בר־ד־שטיק אין האנד, געהט ער איהם אנטקעגען מיט א היפּאָ־קריטישען שמייכעל:

— גוט מאָרגען! שוין צ בראָכען? יאָ, שוין? נון מזל טוב! — און הויבט זיך אן ווייצלען אויפ׳ן חשבון פון די דאזיגע אונפּראַק־טישע ערד־ארבייטער, וועלכע מוטשען זיך מכּש ביז׳ן טויט מיט די אומנוצליכע מאשינען

רייטער זעהט מען לויפען ווי פון א שלאַכט פעלד. איינער מיט א פארבונדענעם קאָפּ, אנאנדערער מיט א האנד, א פוס און ווער מיט א צעבראָכענעם רעדעל פון מאשין. די אדונים מיט די רויטהע באַליאָוועס, אנגעפּרעסענע ווי די חזירים, אנדערע אנגע׳שיכור׳טע ווי לוט, פאהרען ארום צווישען די ווייס־שניידער, קאָמאַנדעווען, באַפעהלען, זידלען, שפּאַטען און מאַכען סתם חוזק, גלאַט אין דער וועלט אריין, פון די נארישע ערשט געוואָרענע קאָלאָניסטען, וועל־כע באָדען זיך געבאָר אין שוויים, באוואַשען זיך אפּט אין טרעהרען, באַקלאָגענדיג די "וואָלטער ענד וואוד" מאשין און זייער ביטערן מזל, וואס האט זיי פּאַראורטהיילט צו ווערען עבדים ביים בּאַראָן׳ס אדונים.

אט אזוי האט זיך דאס שניידען געשלעפּט. וויפיעל די 36 נייע מאשינען האָבען די קאָלאָניסטען מקצר־ימים געווען, האבען די צוועלף אַלטע, די ירושה פון רעמעלא פראנקא, נאך טויזענד מאָהל מעהר דאָס לעבען גענומען...

דאס זיינען געווען פונ׳ם אלטען סאָרט מאשינען, מיט בלויז איין באוועגליכען לייוועגט: אַלט און פארזשאַווערט זיינען זיי גע־ווען און אַלע ווייל, האט אנאנדער "פּיעסאָ" געפּלאַצט...

אויף מיין גרופּע איז אויסגעפאַלען אין גורל, איין אַלטע איז איין נייע מאשין, צו פּיער קאָלאָניסטען אויף א מאשין. איך, ווילענסקי, וויינשטיין און פּיאָווסקי, האבען אלע פּיער באַקומען די אַלטע און די איבעריגע פיער שכנים — די נייע.

אין א טאָג זוען מיר האָבען אַלע פּיער געשניטען אויפ׳ן פעלד מיט דער אַלטער מאשין, האט זי זיך פאַרגרוזניעט, די אַקסען האָ־בען זיך שיער אונטערגעריסען, די קעהטען האָבען געפּלאַצט און ס׳איז ניט פונ׳ם אָרט צו ריהרען. בעת מיר זיינען אין שוויים פאַר־טונקען געווען פון דער האַראַוואַניע, אום ארויסצושלעפּען די באָנ־

דורע, איז גראָדע אנגעלאָפען דעם אדמיניסטראַטער ר. וועלכער האָט זיך געפונען אין א האַלב־באַזויפענעם צושטאַנד און איהם האָט באַגלייט דער שוואַרצער מצרי.

קיין "גאָט העלף!", קיין "בוענאָס־טאַרדעס!" ניט קיין שוואַרץ יאָהר האָבען זיי געזאָגט. נאָר דער פאַר'שיכור'טער אדון, האָט זיך הילכענד פאַנאַנדערגעלאַכט.

— שעהנע קאָלאָניסטען! — האָט ער זיך געקאַכט. — אט אזוי אַרבייט־מען מיט א מאַשין? ניעגאַדיאַיעס וואָס איהר זיינט! מלמדים!

וויינשטיין, וואָס איז גראָדע דאַמאָלסט געלעגען אונטערן מאַשין און זיך דאָרט געפּאָרעט מיט די שרייפלאָך, האָט דערהערט דאָס פאַנפעוואַטע קול'כעל פון'ם נאַטשאַלניק. האָט דאָס איהם שטאַרק פאַרדראָסען, איז ער ארויסגעקראָכען און האָט זיך צו איהם געווענדעט:

— אַנו, פּריציל! קריכט ארונטער אט־אַ־דאָ, אונטער דער מאַשין, און ווייזט נאָר אַקאָרשט, ווי־אזוי מ'דאַרף ארבייטען? אייך איז גוט צו לאַכען! וויפיעל כאַבאַר האָט איהר גענומען ביי די פאַרקויפער פון די אומנוצליכע אגריקולטור מאַשינען?

דער אדון איז געוואָרען ווי א בוראַק: האָט זיך אָנגעצונדען פאַר כעס און בײַן זיך צעשריגען:

— מאַלטשי סוואָלאַטש! — און צוזאַמען מיט'ן מצרי, האָבען זיי זיך געלאָזען מיט די פערד, א.ס וויינשטיינען דורס צו זיין; אָבער דיזער, האָט פון מיין האַנד ארויסגעכאַפּט די "פיקאַנאַ" און דערמיט פאַרפאַהרען איבער די פערד, וועלכע האָבען פאַר שרעק אָנ וועהכאַג אָנגעהויבען ווילד צו שפּרינגען. דער "מצרי" איז א געשיקטער רייטער געווען, האָט ער זיין צופּודזשעטען "אלאַסאָן" באַלד איינגעהאַלטען, וועהרענד דעם אדון, האָט זיין פערד ווייט אוועקגעטאַסקעט... דער באַזויפענער האָט אָנגעהויבען גוואַלדעווען, שרייען "קאַראַאול" און איז שיער ניט נהרג געוואָרען.

מיר האָבען צוגעקוקט און אָנגעקוואַלען פון אזאַ מין נקמה... אָבער ס'האָט אונז טייער געקאָסט די מאָמענטאַלע פרייד! וויינשטיין איז באַשטראָפט געוואָרען מיט א "מולטע" פון א גאַנצען חודש שטיצע און מיר, די איבעריגע דריי, זיינען אָפּגעקומען מיט צו

צעהן פעזאס שטראף!

דאס שניידען האט זיך געצויגען ביז צום 21־טען יאנואר 1894. א סך האבען אבגעשניטענע לעדיגע זאנגען, די קערנער זיינען לאנג אויסגעשאטען געווארען פאר צייטיגקייט. דאנקענדיג דאס אפטע וארטענעש אויף "פיעסאס" וועגען די מאשינען און די פיעלע אנדערע שטערונגען.

א גאסט אויף א ווילע, — און די ארבייט ברענט!

ענדע יאנואר, אז מ'האט אנגעהויבען צוזאמענפיהרען דאס בוידעם, האט דער דירעקטאר ס א מ ו ע ל ה י ר ש, צום ערשטען מאהל באזוכט אונזער קאלאניע. ער האט מיטגעבראכט א נייעם אדמיניסטראטער, דעם מוסיע ערנעסט בראנדעס, א פאריזער לע־בע־יונג.

דער דירעקטאר הירש, איז דאמאלסט געווען א מאן פון א יאהר פופציג, א נערוועזער מענש מיט א בלאהליכער נאז; פריהער איז ער פיערצעהן יאהר כסדר געווען לעהרער און נאכהער דירעקטער פון דער שולע "מקוה ישראל", וואס די "אליאנץ" האלט־אוים אין פאלעסטינא. א גרויסער קפדן און א קליינער חכם — איז ער געווען, נאר אנ'ארענטליכער מענש. פון אגריקולטור האט ער געוואוסט אזוי פיעל, פונקט ווי די מיינסטע קאלאניסטען.

צו יענער צייט, האט ער איין גרויסע מעלה געהאט: ער האט דעם ריינעם אמת ארויסגעזאגט. ביים קבלת פנים וואס מיר האבען איהם געמאכט, האט ער אונז ערקלעהרט:

— איהר זיינט די קרבנות פון דער אונוויסענהייט. מיט אייך ווערט געמאכט עקספערימענטען. דורך אייך ווערט דאס גאנצע אידישע פאלק אויסגעפרופט, אום צו וויסען צי ס'איז מסוגל צו דער עבודת האדמה... אייך מיינט מען כלל וכלל ניט, מען דענקט נאר פון אייערע קינדער, צי ז י י וועלען שוין ווענינגסטענס זיין גוטע ערד־ארבייטער...

ווען מיר האבען רעקלאמירט מכוח דעם צירקולאר, באמערקענדיג דאס די גאנצע קאסעטשע פערבלייבט דאך ביי דער אדמיניסטראציע, האט ער זיך צושמייכעלט:

— שוטים! קינדער! — האט ער געזאגט, — מיר ווילען ב י י א י י ד געלד צונעהמען? מיר'ן דאנקען גאט אז איהר זאלט ניט דארפען ביי אונז נעהמען! איהר ארבייטס נאר און האט אייך...

ס'איז אייער איינענם!

ער מעג מיר מוחל זיין, דער זקן. ער האט אונז אפגענארט, אדער ער איז אליין געגארט געווען. ער לעבט דאך נאך און זאל ער לאנג לעבען! דאן זאל ער זעהן, ווי מען מאנט איצט ביי אונז געלד... פאר שבת, ריפוי און בושת — לאזט מען זיך רייכליך באצאהלען! מען פאדערט און מען רייסט דורך די געריכטס־הייזער, וואו מען האלט אנגעשטעלט גאנצע באנדעס מיט געזעצליכע "אוועס נעגראס", — שווארצע פויגלען, וועלכע פיקען צוזאמען מיט די צעהנדליגע אדוואקאטען, אוועקרויבענדיג פון אונז דאס לעצטע ביסעל חיות. דאנקענדיג דער יק"א, נעהמט מען יעצט צו ביים קאלאניסט זיין לעצטע מילך־קיה, מען שניידט שטיקער לעבען'ס — אפרייסענדיג גאנצע שטיקער פעלד: מען שמייסט ארוים די ערשטע פיאנירען, וועלכע ער האט דאמאלסט אנגערופען: "שוטים, קינדער" און זיי געזאגט דאס זיי זאלען קיין מורא ניט האבען, מען וועט ביי זיי "גארניט צונעהמען". אונזער שעהנע מאאוריציא, ווערט יעצט פארוואנדעלט אין רואינען, אין חורבות. פיעלע פון די קאמפען, ווערען דורך די יק"א משרתים צו גוים פארקויפט, צו פ ר ע מ ד ע ווערט עס איבערגעגעבען און נאר איין גאט אין הימעל ווייסט, צי ס'וועט אפילו א זכר פערבלייבען פון אונזער, מיט בלוט און שוויים דורכגעווייקטער קאלאניע...

נאך לאמיר געהן כסדר, ניט פארלויפען דעם וועג, און איבער־געבען דברים כהויתן.

דער דירעקטאר הירש. האט ביי אונז אין קאלאניע פארזאמט אפאאר טעג און איז אוועקגעפאהרען, איבערלאזענדיג בראנדעס'ן אלם מושל. און מיר האבען ווייטער פלייסיג געארביים ביז, און איבער די כוחות.

ווי נאר מיר זיינען ערלייזט געווארען פון די שנייד־מאשינען, מיט די אדמיניסטראטיווע אגענטען, איז די ארבייט אוועק פיעל בעסער.

פרויען און קינדער האבען זינגענדיג, פרעהליך געארביים אין פעלד. מען האט צונויפגעשטעלט די סנאפעס, געמאכט קאפיצעס און נאכהער צוזאמענגעפיהרט דאס ברויזט אין "פארווא" אריין. פיעלע כוואסטקע ווייבלאך זיינען מיט די וועגען געגאנגען, גע־

לאדען הויכע "טשאטאס" און צו דער "פּאַרווע", צום סטויג צו־געפיהרט. אַלע האבען מיטגעארבייט אין דער "וואַזאָוויצע".

אייגענטליך קען איך עס מיר ניט ערקלעהרען, ווי אזוי די שטאָדטישע מענשען האבען זיך אזוי גיך צוגעוועהנט, צו שטעהן א לאנגען, 18־שעה'דיגען טאָג אויף דער "פּאַרווע", אונטער דער גליהענדער יאַנואַר זון און צונויפלעגען די סטויגען תבואות!!!

וואו האט מרדכי בליצמאַן, א צעלניק־קרעמער פון קאַמענעץ, זיך אויסגעלערענט אַזעלכע גלייכע און שעהנע סטערטעס צונויפ־לעגען? וואו האט זיך גענומען, ביי די קיעווער און אָדעסער באַריש־ניעס, אזוי פיעל כח און חושק, אום מיט דער ווילע פון פיער איי־זערנע צייהן, א גאַנצען טאָג אויף דער סטרעטע צו שטעהן אַלס מיטהעלפערינס אום די "פּאַראָדאָרען" די סנאָפּעס צו דערלאַנ־גען? אַט די דאָזיגע מיידלאַך, וואס זיינען פּאַרוועהנט געווען אין זייד׳ענע האַנדשוה צו געהן און זאַנטיקעס צו טראַגען, זיינען פריי־ווילינג "אזשודאַנטע דע פּאַרוואָדאָרעס" ביי די סטויג־צונויפ־לעגער געוואָרען!

מעגליך אז דרינען ליעגט טאַקע דער סוד פון אידישען פאָלק: דער־יין זאָל מען אויך טרעפען דעם קערן פון זיין אייביגער געדע־הונג און עקזיסטענץ: זיין צוגעוועהנען זיך שנעל צו יעטווידען קלי־מאַט, צו יעדער אַרבייט, צו אַלע לעבענספאָדערונגען. מעגליך, ווער ווייסט עס?

אָך, מיט וואס פאַר א ליבע און איבערגעבענהייט דאס ברוידט איז צוזאַמענגעפיהרט געוואָרען! ווער איז עס דען אימשטאַנד צו באַשרייבען?

אַז די "פּאַרוועס" אין גרופּע זיינען פערטיג געוואָרען, האבען אַלע שכנים צוזאַמען די "טריושאַדאַרא" געבראַכט. יעדער קאָלאָ־ניסט האט זיינע אַקסען איינגעשפּאַנט און מען האט די דרעש־מאַשין מיט שמחה אַריינגעפיהרט און גורל געוואָרפען. ביי וועמען צו ערשט דאס דרעשען אָנצוהויבען.

איך געדענק זיך פּאָ־צושטעלען די גדולה און דעם יובל וואס ס'האט געהערשט אין דער גרופּע, בשעת דער מאָטאָר האט דעם ערשטען פייף געטהאן. אַלע פרויען מיט די קינדער, זאָגאַר די זויגלינגע, זיינען אַרויס טאַנצענדיג:

— אט קומט מען דרעשען אונזער תבואה, אונזער איינען ברוידט!

די מאמעס האבען אנגעוויזען די קינדער:

— זעה קינדעניו: דארט שטעהט דער פאפא, אויבען נעבען ציי־לענדער פון דער דרעש־מאשין, ער איז א „קארטאדאר", ער צוי־שניידט די שטריקלאך פון די סנאפעס, וועלכע גליטשען זיך אין באראבאן אריין...

— אט שטעהט מיינער! — זאגט א פרוי מיט שטאלץ: — ער איז א ל י י ן א צילענדעריסט!

א פערפלאמט יונג־ווייבעל, שטופט זיך צו איהר מאן, וועלכער שטעהט ביי דער מאשין מיט א זאק איבערן קאפ, ער איז א „גאלערא" — ער שארט־אפ די אויסגעדראשענע שטרוי, וואס די „טריזשאדארא" ווארפט ארויס.

—זאלסט היפען דעם מאשיניסט מיט׳ן „אסייטערא" צו אונז אויף מיטאג, הערסט הערשעל! — זאגט זי איהם אין א געהיים־גיספולען מאן.

שטענדיג איז עס יום־טוב׳דיג געווען אין דער גרופע, בעת די מאשין האט דארט געדראשען. מ׳האט געקוילעט עופות, איינגע־לאדען די הויפט־ארבייטער צום עסען און געקיכעלט חעם מאשי־ניסט, דעם „פאגיסט", דעם מאשין־שמירער, דאן די „באלסעראס". אה, אונזערע „באלסעראס"! מיט זיי זיינען מיר ווירקליך שטאלץ געווען! ווייל זיי האבען פארשעהמט די שטארקסטע, געניטסטע און פעהיגסטע איטאליענישע זעק־טרעגער.

ישראל גערשמאן, א יונגערמאן פון די קאלאניסטען, וועלכער האט שפעטער געטריעבען געשעפטען אויף מיליאנען פעזאס, איז געווען א „באלסערא". א גאנצער שם דבר: דער גאנצער ארטיעל אדער „קוואדריזשא" פון 32 פערזאן, האט פאר איהם רעספעקט געהאט צוליעב דער דאזיגער מעלה...

— בוען טראבאכאדאר! — א גוטער ארבייטער איז ער, האי־בען אלע שפאניער באשטעטיגט.

גדשון קרעלל, דעם שוחט׳ס פארשטארבענער זוהן, איז אימ־שטאנד געווען צוויי זעק ווייץ מיט איינמאל, ארויפטראגען אויף דער „פילא".

דאס דרעשען איז צוגעגאנגען פרעהליך און לוסטיג. מען האט אין זיך אליין און אין פרוכטבארען ארגענטינישען בארען א שטארקע אמונה געהאט און געהאפט אויף לויטער גוטס.

נאר קוים איז די ארבייט ארונטערגעפאלען אונטערן אויפזיכט פון די פארפלוכטע יק״א משרתים; ווי נאר די אדמיניסטראציע האט אנגעהויבען קאמאנדעווען און איהר יד ארויפלעגען, איז תיכף א מרה שחורה, א געוואלטיגער יאוש אונז באפאלען און מען האט זיך באלד דערפיהלט ערנידעריגט און פארשקלאפט; אזוי, אז די ארבייט איז שוין אויך געגאנגען אהן א טאלק און אהן א סיסטעם.

— אט קומט מען דרעשען אונזער תבואה, אונזער איינגן בּרוידט!

די מאמעס האבּען אנגעוויזען די קינדער:

— זעה קינדעניו: דארט שטעהט דער פּאפּא, אויבען נעבּען צי־לענדער פון דער דרעש־מאשין. ער איז א "קארטאדאר", ער צו־שניידט די שטריקלאך פון די סנאפּעס, וועלכע גליטשען זיך אין בּאראבּאן אריין...

— אט שטעהט מיינער! — זאגט א פרוי מיט שטאלץ: — ער איז א ל י י ן א צילענדעריסט!

א פערפלאמט יונג־וויבּעל, שטופּט זיך צו איהר מאן, וועלכער שטעהט ביי דער מאשין מיט א זאק איבּערן קאפּ. ער איז א "גאלערא" — ער שארט־אפּ די אויסגעדראשענע שטרוי, וואס די "טריזשאדארא" ווארפט ארויס.

—זאלסט הופען דעם מאשיניסט מיט'ן "אסייטערא" צו אונז אויף מיטאג, הערסט הערשעל! — זאגט זי איהם אין א געהיימ־ניספּולען טאן.

שטענדיג איז עס יום־טוב'דיג געווען אין דער גרופּע, בעת די מאשין האט דארט געדראשען. מ'האט געקוילעט עופות, איינגע־לאדען די הויפּט־ארבּייטער צום עסען און געקיבעלט חעם מאשי־ניסט, דעם "פאגיסט", דעם מאשין־שמירער, ראן די "באלסעראס". אה, אונזערע "באלסעראס"! מיט זיי זיינען מיר ווירקליך שטאלץ געווען! ווייל זיי האבען פארשעהמט די שטארקסטע, געניטסטע און פעהיגסטע איטאליענישע זעק־טרעגער.

ישראל גערשמאן, א יונגערמאן פון די קאלאניסטען, וועלכער האט שפּעטער געטריבען געשעפטען אויף מיליאנען פעזאס, איז געווען א "באלסערא", א גאנצער שם דבר: דער גאנצער ארטיעל אדער "קוואדריזשא" פון 32 פערזאן, האט פאר איהם רעספּעקט געהאט צוליעב דער ראזיגער מעלה...

— בוען טראבאכאדאר! — א גוטער ארבייטער איז ער, האבען אלע שפאניער באשטעטיגט.

גדשון קרעלל, דעם שוחט'ס פארשטארבענער זוהן, איז אימ־שטאנד געווען צוויי זעק ווייץ מיט איינמאל, ארויפטראגען אויף דער "פילא".

דאס דרעשען איז צוגעגאנגען פרעהליך און לוסטיג. מען האט אין זיך אליין און אין פרוכטבארען ארגענטינישען בארען א שטארקע אמונה געהאט און געהאפט אויף לויטער גוטס.

נאר קוים איז די ארבייט ארונטערגעפאלען אונטערן אויפזיכט פון די פארפלוכטע יק"א משרתים; ווי נאר די אדמיניסטראציע האט אנגעהויבען קאמאנדעווען און איהר יד ארויפלעגען, איז תיכף א מרה שחורה, א געוואלטיגער יאוש אונז באפאלען און מען האט זיך באלד דערפיהלט ערנידעריגט און פארשקלאפט; אזוי, אז די ארבייט איז שוין אויך געגאנגען אהן א טאלק און אהן א סיסטעם.

דאָס צוזאַמענפיהרען די תבואות.

עס האבען זיך צוזאמענגענומען קאלאניסטען פון 3-2 גרופּעס, איינגעשפּאנט די אָקסען אין די וועגען, אנגעלאדען צו 35-30 זעק איף יעדען און היידא! קיין קאסארעס, אום די תבואה אריינצופיהרען אין גאלפּאן פון דער אדמיניסטראציע.

ווי אַזוי דאס פאחרען אדער "וויאכעווען", ווי ס'איז פאראדישט געווארען דאס ווארט "וויאכע" — א רייזע — איז צוגעגאנגען, טהוט מיר ממש וועה די הארץ, אום עס צו באשרייבען. די וועגען זייגען געווען זעהר שלעכטע, גרויסע בלאטעס, "פאנטאנאס", טיעפע גריבער און גאר אפט, איז מען פארגרוזניעט געווארען ביז איבער די אָקסען. ביי אזא צופאל, האט מען מח'לה געמוזט אראפּווארפען די תחתונים, אריינקריכען אין זומפּ, אריבערטראגען איינציגווייז די זעקלאך ביז דער יבשה, צושפּאנען נאך זעקס אָקסען, כדי קוים ארויסצושלעפּען דעם פארזונקענעם לעדיגען, אָבער אומגעלומפּערט-שווערען וואגען.

קיינעם וואלט איך ניט געוואונשען אנצוקוקען אזא קאראוואנע אידישע טשומאקעס, מיט פארבלאטיגטע בערד, אויסגעשמ'רטע ווי די שדים און ווי זיי פּליושקען זיך מיט האלב נאקעטע קערפּערס אין די קאליוזשעס און טאסקען די זעק. דאס וואלט א צו גרויסער צער געווען פאר יעדען פיהלענדען מענשען, זאגאר פון ווייטען אנצוקוקען!

מילא פּטור, מען בעל-עגלה'וועט דאך ביי זיך אליין! איינער דעם אנדערן העלפט ווי ווייט מען קען. ס'איז דאך עפּעס פאר'ן אייגען ברויט! די ארבייט איז נאך אלעמען, זיס געווען...

איז מען אבער די "וויאכע" אריבערגעקומען בשלום און דערגרייכט ביז צו די טהויערן פונ'ם אדמיניסטראציאנעם גאלפּאן, האט זיך ערשט אנגעהויבען דאס ווירקליכע ב'טערקיִיט: מען האט זיך ווידער דערזעהן פירכטערליך פארשקלאפּט און דערני-

דערט. די אומצופרידענהייט איז צו מערקען געווען אויף יעדענס געזיכט. מען האט תיכף ארויסגעזעהן די עקעלהאפטע הנהגה, די סיסטעמאטישע גנבות, וועלכע זיינען קאלטבלוטיג געטריעבען געווארען דורך די אדונים, די גאלפאנעראס, די שרייבער און אפשר דורכ'ן אדמיניסטראטאר אליין. ווער ווייסט?

דער בלעכענער שייער איז פארמאכט — נאטשאלסטווא איז עסען געגאנגען. אונזערע טשומאקעס זעצען זיך אוים אין א רעדעל, מיט די בייטשען און "פיקאנאס" אין האנד. איינער קייעט א גאליעט, א צווייטער רויכערט א פאפיראסעל, אנדערע וואשען אוים די בלאטע פון די אויגען... מען שעלט, מען פלוכט און מען בעקלאגט זיך אויף דער גאנצער וועלט... עס זיינען אבער אויך פאראן "בייטשען", וואס שמועס'ן פון גאר הויכע ענינים; למשל, זיי ווילען דערגעהן וואס דער באראן עסט צו וועטשערע, וואס ער טראכט צו מיטאג און אלע באדויערן, וואס ער האט אזא נאריש־קייט געטהאן און זיין גרויסע קאלאניזאציאנס אידעע ניט פאר־ווענדעט אין ארץ ישראל, אין אן אמת אידיש לאנד... די א נ ג ע־ז ש ו נ ג ע ו ו ע ט ע אקסען האבען הפנים זיך אויך געוואלט אריינ־מישען אינ'ם געשפרעך, האבען זיי זייערע קעפ אויסגעדרעהט צו די פאליטיקער און זיי נאר ארויסגעשטעקט די פארסלינעטע לאנ־גע צינגער... האבען דערביי געסאפעט, געפראכט און בהמה'יש שטום זיי אנגעקוקט מיט פארגלעזערטע און טרעהרענדיגע אוי־גען. א פאאר פון די אקסען־זקנים, זיינען אויף אונזערע פאליטי־קאנטען גאר ברוגז געווארען, האבען זיך מיט'ן "זשוג" אנידער־געלעגט, איינגעדרימעלט און נאכ'ן ב ר כ ת ה מ פ י ל זיך שוין מעהר גאר ניט אויפהויבען. נו מילא, אויך מיר א דאגה! איז וויניגער מיט אן אקס!

זיצט מען און מ'ווארט. ס'ווערט איינס א זייגער, צוויי... די זון ווארפט איהרע אנגעגליטע שטראהלען און שטעכט ווי מיט שפיז־לען. עס טשמעליעט אין קאפ. מ'רוקט זיך אונטער די וועגען, אום זיך צו שיצען פון דער ברענענדיגער זון און ענדליך, דאנקען גאט! נאטשאלסטווא איז אנגעקומען און ווי געוועהנליך נאכ'ן עסען, געהט יעדערער שווער, מיט א פולען מאגען. דער פנים פארפלאמט און פארדרויטעלט.

הויבט זיך שלעפעריג אן די קאמאנדע. צוויי קאלאניסטען אויפ'ן וואגען. דערלאנגען דעם טרעגער א זאק אויפ'ן נאקען און ער לויפט איבער א ברעט וואס איז צולעגט ווי א בריק, פונ'ם וואגען ביז צו דער פריזבע פון גאלפאן און דארט, קריכט ער איבערן דאפעלטעי לייטער פון דער "פילא", טראגענדיג דעם זאק ביז צו די "עסטיוואדארעס", וועלכע לעגען-אויס סימעטריש די שורות מיט זעק. אבער דארט ווערט עס אזוי מאדנע געמאכט, דאס אלע ווילע קנאקט אראפ א זאק, ווערט צעפלאצט און די תבואה צעשאטען איבערן פאל... ביז צו די קנעכעל געהט מען אפטמאל אין דער דאזיגער "מערמא". אינ'ם פחת פון די צעשאטענע זעק, וואס על פי תקנה, געהערט עס צום גאלפאנערא, צום גאטשאלניק אין שייער, די אויפזעהער און אנדערע בעאמטע. ביי נאכט זארגען זיך שוין די דאזיגע לייט, אז מען זאל עס צונויפקעהרען און אנפילען אין זעק... גאנצע וואגאנעס מיט אזא "באסורא", פלעגען די יק"א נאמנים אנלאדען פון דעם דאזיגען כשר'ן אבפאל און האבען עס פארקויפט, כלומר'שט אלס פחת.

איהר מעגט אייך לאכען: "דאקטוירים זאגען דאך, אז לאכען איז געזונד"... יענעם יאהר האבען 4 טויזענד זעק ווייץ געפעהלט פונ'ם גאלפאן. פשוט, ס'איז הפנים א טעות געווען אין חשבון. דאס קען מען זעהן באשטעטיגט, אין די קאפיר-ביכער פון דער מאאוריציער אדמיניסטראציע.

קאזעס האט בשום אופן די סבה דאמאלסט ניט פארשטאנען און ער האט געהאנעלט מיט בריעף, פרעגענדיג כסדר "וואס הייסט עס פעהלט?"

געוואויגען די זעק האט מען ניט, חוץ צו וואס זאל מען עס נאך וועגען אין גאלפאן, ווען מען האט דאך דאס שוין געטהון ביי דער דרעש-מאשין, וועלכע איז אויך געווען אנ'אדמיניסטראטיווע, צוגלייך מיט וואג, מיט אונז קאלאניסטען און מיט הכל באשר לכל?! אט אזוי, האט מען א רשות היחיד געמאכט פון די אלע 3250 העקטאר ווייץ, וואס האבען געהערט צו צעהנדליגע משפחות... גאנצע רייהען מיט זעק, זיינען צוזאמענגעלעגט געווארען אויסגעמיישט. מען איז נאך גליקלאך געווען, ווען ס'איז געלונגען וואס שנעלער די זעק אפצולעגען, אום מ'זאל קענען א הונגעריגער און א פארמא־

טערטער, בדאי אין אוועגט זיך צוריק־קעהרען א היים.

עס מאכט זיך אבער אפטמאל, דאס ביי איינעם איז דער מזל א פארשלאפענער... נו, דאן קומט זעקס א זייגער פארנאכט, דער גאלפאן ווערט פארמאכט און מען מוז מען אפשטעהן מיט'ן אנגעלאדע־נעם וואגען און די הונגעריגע אקסען, ביז מארגען פריה, ווען ארום זיבען, עס ווערען די טהויערן פון שייער ווידער געעפענט. אה, ווער קען זיך דען פארשטעלען די צרות וואס מען ליידעט דאמאלסט?!

איבערהויפט, ווי טרויעריג איז אזא נאכט, ווען מ'דארף זיצען נעבען וואגען, היטען די אקסען און די זעק און אין מוח פלאנטערן זיך אלערליי פייגעליכע מחשבות, וואס דריקען דאס הארץ און יאגען אן א פארצווייפעלטע מרה שחורה! אט גאר טראכט: אפגעהארעוועט א גאנץ יאהר, געאקערט, געבאראנאוועט, געזעעט, געשניטען, פאר־ווירט, אויסגעמלויצעט, א פ ג ע ו ו י א כ ע ו ו ע ט און ענדליך דערלעבט דעם געווינשטען רעזולטאט: מען קען שוין דעם פראדוקט פארקויפען, דערפון געניסען, מאכען ווארים די ברכה "המוציא לחם מן הארץ", טאקע מיט'ן פולען מויל, אויף אייגען ברוידט: אבער, אז מען האלט שוין דעם פענעצעל אין האנד, שרייט מען צו אייך: סטאפ! האלט! צום מויל זאלסטו ניט צוטראגען, מחמת דו ביזט ניט דער בעל־הבית איבער דיין שוויסיגער פראצע. מען נעהמט־צו די זעקלאך "ברכה" וואס די מוטער ערד האט איינעם ארויסגעגעבען און מ'מוז פאהרען א היים ליידיג, אהן א סענט אין קעשענע: ליידיג אין די קישקעס, ליידיג אין מוח, ליידער און פוסט אין אלע חושים און צעבראכען אויף אלע אברים: — דאן ווערט פינסטער פאר די אויגען. מען פיהלט נאר דעם חושך'דיגען שיקזאל און מען פארשעלט זיך אליין, דעם טאג וואס מען איז געבוירען געווארען און דער גאנצער וועלט ארום.

איז נאך פאראן א גרעסערער אומעט, א שטארקערער פערדראס, ווען אזעלכע רעיונות פלעכטען זיך ביי איינעם אין מוח אין דער איינזאמקייט און שטילקייט פון א שלאפלאזער נאכט? מיר האבען א סך אזעלכע נעכט דורכגעלעבט און מיט יאוש זיי דורכגעפיהלט!

48.

די קאָלאָניסטען בונטעווען זיך.

עס זיינען געווען אסיפות. קאָלאָניסטען פון נאהענטע גרופען, פלעגען זיך צוזאמענקומען און זיך בעראטהען וואס צו טהון.

א גאנצע עדה, מיט די עלצטע, מיט די עלטעסטע פון די משפחות, זיינען אראפגעפאהרען צום אדמיניסטראטער בראנדעס און רעכע־נונג געפאָדערט.

— פארוואס האט מען מיין ווייץ געלעגט צוזאמען מיט יענקעל'ס, און איין סטויג? זיינער איז פול מיט מיסט, וועהרענד מיינער, איז פון דער בעסטער קוואליטעט! — טענה'ט איינער פון די ראשים.

— צאָהלט אונז אוים פאר אונזער פראצע אין מזומן געלד! — שרייט א צווייטער. — מיר וועלען שוין קענען לעבען פון אונזער אייגענער ארבייט און ניט דארפען אנקומען צו אייער פערפלוכטער קצבה!

עס איז געווארען א ו י צ ע ק ו. ס'האבען זיך אנגעהויבען סקאנ־דאלען. זידלעריי האט מען כסדר געהערט, ביי דער אדמיניסטראציע.

די יעניגע וואס האבען יענעם יאהר קיין תבואה נאך ניט גע־האט, האבען געהאלטען מיט דער אדמיניסטראציע. איהרע פאר־טהיידיגער זיינען אויך געווען די, וואס האבען נאר קליינע אדער אומגעראָטענע קאסטעטשעס געהאט. זיי האט ג ע ל ו י נ ט די "סוב־סידיע"! זיי זיינען דארום באשטאנען אויף אלעס און האבען צו־געבאמקעט די גדולים, דאס אלע פראדוקטען דארפען אריין אין איין האנד, פארקויפט ווערען דורך דער אדמיניסטראציע און דאס געלד זאל אויך אין איהר קאסע אריינפליסען... דער קהל'שער קעסעל זאל למען השם ווייטער קאכען און זאל ארויסגעבען די קצבה — מחיה פאר יעדען איינעם.

רענעע בראנדעס, וועלכער האט קיין צייט ניט געהאט, ווייל ער איז שטארק פארנומען געווען, פארברייגענדיג מיט די עטליכע ז ו י ב ע ר ע משפחות, וואס גאלדשמיעד און בערקנהיים האבען

על פי טעות ניט ארויסגעשיקט... ער האט בעסער בעדארפט ארומגעהן און זיך צושמייכלען צו די מאדמאזעלען—ווי ער פלעגט זיי אנרופען, לויט פאריזער מאדע, און דארום האט ער זיך אין קיין דיספוטען מיט די קאלאניסטען ניט געוואלט ארייגלאזען.

— יא זי מוססען עס! — דאס איז געווען זיין שטענדיגע תשובה. — זי מוססען נאכקאממען אלעס, אלעס וואס די ביורא שרייבט אונד וואס זי פעראָרדענט...

דורך איהם האבען מיר זיך דערוואוסט, איבער דעם אונזיניגען קאנטראקט וואס די דירעקטארען האבען געשלאסען מכוח אונזער ווייץ. ער האט פון חדר פארביינגעהענד דערצעהלט.

מיט דער געשעפטספירמע: בעללאקי הערמאנאס פון לא־פלאטא, האבען זיי אבגעמאכט, דעם גאנצען ווייץ פון דער קאלאניע צוצושטעלען ביז'ן האפען פון דער פראווינציעלער הויפשטאדט, אויפ'ן פרייז פון 6.63 פעזאס די פאנעגא, ד. ה. יעדע הונדערט קילאגראם. דער קאנטראקט האט אבער געהאט א פונקט, דאס דער ווייץ דארף זיין "סאנא, סעקא אי לימפיא" און דארף איבערגעגעבען ווערען ביז צו א באשטימטען טערמין.

איז פרעגט שוין בעסער ניט! אלע שלעק פון דער וועלט האט די פירמע אין אונזער ווייץ אויסגעפונען! פון די ערשטע דריי מעלות האט עס, לויט זייער כבינות, קיין זכר ניט געהאט. ס'איז ניט געווען "אונפארלעצט, טרוקען און ריין", נאר ס'האט נאך דערצו געהאט "קארבאן", קוקעל און אנדערע מיני פרעניות'ן, וואס ווערען אין דער תורה פון די תבואה־הענדלער גאר ניט דערמאנט. הונדערט'ער זעק האבען די "רעסיווידארען" — די איבערנעהמער, אפגעווארפען, ערקלעהרענדיג אז ס'איז "פארא לאס טשאנטשאס" — ס'טויג נאר פאר חזירים.

דערווייל האט זיך אנגערוקט דער טערמין. מען האט געדארפט צושטעלען דעם באשטימטען כמות פון תבואה. האט די דירעקציע פארווארפען מיט בריעף און געפאדערט, דאס מען זאל זיך אונטעראיילען, מ'זאל אונטערטרייבען די מאשיניסטען וואס שנעלער צו ארבייטען, מען זאל אויך בעסער וועען, אדער ווענטילירען דעם ווייץ בדי, ער זאל זיין וואס ריינער און שעהנער...

האבען די מאשיניסטען נעפאלגט. האלב ווייץ האט מען איבער־

געלאזען אין שטרוי, די קערנער זיינען שוין צופיעל ר י י ן געוואָ־רען... פאר איילענעש האבען זיי אין דער גרופע 42, אונטערגעצוונ־גען צוויי סטויגען ווייץ מיט א "פילא" זעק פון אויסגעדראשענע תבואה, וואס זיינען גענצליך פארברענט געווארען.

מיר האבען זיך איבערציינט דאס אונזער ארבייט איז אומזיסט. דאס די אומוויסענהייט, די אונערפארענהייט פוןביידע ארענט־ליכע דירעקטארען און די גנבות פון זייערע בייטענצער, וועט אלעס פארשלינגען און פארניכטען.

דער אלטער י ש ר א ל ל י ס י ן, איז געפאהרען קיין בוענאָס־איירעס אין ביורא אריין. ער האט דארט א געוואלד געמאכט און די גדולים האבען איהם מיט שמייכעלאך איינגעשלעפערט און באַ־רוהיגט... איהם א היבשען זעקעלע מיט הבטחות מיטגעגעבען, דאס ער זאל עס פאנאנדערטיילען צעווישען די קאלאניסטען. די מאמינים און די יעניגע וואס האבען קיין קאסעטשע לחלוטין נים געהאט, האָ־בען געגלויבט און געשוויגען. דאגעגען די איבעריגע, די וואס ס'האט וועה געטהאן זייער פראצע, האבען געשטורמט, זיך געבונטעוועט און מיט פולען רעכט צו בראנדעס'ן געשריען:

— ווער האט די דירעקטארען געבעטען אונזער געטריידע צו פאר־קויפען? ווער האט זיי געמאכט פאר די אפוטרופסים פון אונזער שוויים און בלוט? זאלען זיי געהן צוריק אין די שולען מיט קינ־דער לעהרנען און נים פערוואלטען די קאלאניזאציע!

מען האט אלע קאלאניסטען צו אנ'אסיפה פארר:פען, אויסגע־קליבען א קאמיסיע פון פינף דעלעגאטען און א העברעאישע בי־טע, געשריעבען אין כתב אשורית, אוועק־געשיקט צו די אדונים אויף קאזשע סאנטא פע 1063, אין בוענאס איירעס, בעטענדיג: דאס איינער פון די דירעקטארען, זאל ווי אמשנעלסטען קומען אין קאלאניע, אום איינצוארדנען און פארזיכערען דעם רעזולטאט פון אונזער קאסעטשע.

די טעג זיינען פאראיבער און קיין ענטפער איז פון ביורא נים געקומען. די לאגע איז געווארען אנ'אונערטרעגליכע. דאס ארים־קייט און דאס האפנונגסלאזיגקייט האט אונז געשטיקט, אויף חער־גוארגען צו ווערען. מען האט אפגעארבייט א יאהר צייט, געהאט א היבש־ביסעל ווייץ, גערעכענט דאס מ'וועט זיך באקליידען, כאטש

אנטהון די קינדער העמדלאך אויפ'ן לייב, קומט נאר און ארמיניסט־ראציע אויפ'ן קאפ! נעהמט זי צו דעם פראדוקט און שטעלט אהעק דעם סאלאניסט הינטער דער טהיר ביים לאך און הייסט דעם שנא־רער, ווייטער קצבה צו נעהמען!

אבער ס'האט גאר ניט געהאלפען, ביים שרייען איז מען פאר־בליבען.

איך וואונדער זיך, ווי אזוי ס'איז מיר איצט גאר מעגליך אזוי רוהיג, פון יענער פארשאלטענער צייט צו שרייבען. ס'איז ראך גע־ווען שוידערליך! יענע איבערלעבונגען זיינען שרעקליכע געווען און די זכרונות זיינען פארבליבען טיעף איינגעקריצט אין מיין נשמה. נאך איצט ביים שרייבען, שווימען זיי ארויף און שוועבען פארביי מיי־נע אויגען קלאהר און בולט און ווארפען מיך אין א דראוש אריין...

הינטערן וואנט, ווען איך מיינע דריי קינדער זיצענדיג מוטער־נאקעט אנטסעגען דער זון אפווארטענדיג, דאס עס זאל זיך אויס־טריקענען זייער איינאיינציגע העמדעלע, וואס די מוטער האט פון זיי אראפגעצויגען אויף אויסצוואשען: ווייל מעהר ווי צו איין העמד האט זעלטען ווער פארמאגט! פון א שטיק פריזענט, וואס מיר האבען פון דער אלטער פאלאטקע אפגעשניטען, האט מיין פרוי, אונזער בחור א פאאר הויזען אויפגענעעט און שלינגענדיג די טרע־רען, האט זי נאך מיט מוטערליכער ליעבע, שפאסענדיג צוגעזאונ־שען:

— טראג זיי אברהם'עניו, געזונדטערהייד! און וויים, ראס דו ביזט אנ'אייניקעל פון דעם גרויסען פילאנטראפ, פון בארא[ן] הירש!

א סך אזעלכע בילדער, פינסטערע, טרויעריגע, שמערצליכע, פול מיט גאל און מיט יאוש, שוועבען מיר פאר מיינע אויגען אלס ער־אינערונגען פון יענער צייט. איך ווינש קיינעם ניט, אזעלכע צו זעהן און נאך ווייניגער זיי אדורכצולעבען.

49.

דער דר. וועקסלער.

דעם 3־טען מארץ פון 1894, איז ענדליך אנגעקומען דער לאנג ערווארטעטער דאקטאר פאן מעדיצין, איבער וועלכען דער באראן האט דעפעשירט. א גאנצער עולם קאלאניסטען האבען זיך פארזאמעלט ביים טהויער פון דער קאלאניע, כדי מקבל־פנים צו זיין דעם דר. טהעאפיל וועקסלער.

מענשען פארוואקסענע, פאר'חושד'טע, באהאנגען מיט מראנטעס און שמאטעס פון אלערליי פארמען און קאלירען, אייניגע ווי די פאיאצען פון א צירק: א סאלדאטסקען שינעל אנ'אבגעשורגעטען — אלס מלבוש, א צילינדער-הוט אויפ'ן קאפ און די טשערעפאטע פיס — ממש נאקעט... א צווייטער אין א לאנגער קאפאטע און לאפצעס פון רויהער פעל אויף די פיס — דערצו האט נאך דיזען פארשוין, זיין ווייב די בריה, אפגעשוירען דעם קאפ: איבערלאזענדיג מרעפ אין ש ע ר השמים צוקריכען... וועהרענד אין דער מיטט, האט זי איהם איבערגעלאזען א טשופריקעל ווי ביי א סיבירזאק...

יעקב ישראל ניורענבערג, א געלער איד, מיט א קורצער פיסעל, א געוועזענער בעל אכסניה און א גרויסער לץ, האט זיך ארומגעהונקען צווישען עולם אנגעטוהן אין א ווייבערשען מאנטעל מיט א פאאר אלטע קאלאשען, אונטערגעצופט דאס בערדעל, צוגעבאמקעט עפעס א ניגונ'דעל און אלע ווילע צו אנאנדערן זיך געווענדעט, מיט דער דאזיגער טענה:

— דעם באראן! איהר הערט? דעם באראן לאמיר אהערצו ברייגגען! זאל ער מיט זיינע אייגענע אויגען זעהן! ווייל ס'איז שווינדעל, שווינדעל און ניט מעהר! — און אלע מינוט ציהט ער אויף זיך דעם ווייבערשען מאנטעל זיינעם, וואס וויל זיך נים האלטען אויף זיין גוף.

דער קאטש פון אדמיניסטראציע איז אנגעלאפען, ברייגענדיג דעם דר. וועקסלער.

— הורא! דאקטער! — האט מען איהם אנטקעגען געשריען.

אלע האבען זיך ווירקליך עפעס געפיהלט פרעהליך: אויף יערען אין א גדולה געווען! ראשית האבען מיר דאך א ו נ ז ע ר ן א דאקטער און נים דעם אנטיסעמיט רהאדעס און שנית, קלעהרט מען זיך דערווייל, אפשר וועט ער זיך טאקע אויך אנ׳נעהמען פאר אונז, פילייכט האט ער עפעס מיטגעבראכט? ער קומט דאך דירעקט פונ׳ם באראן! דערצו איז ער נאך א איד פון א ו נ ז ע ר י ג ע און מיר פיהלען זיך דאך אזוי שרעקליך עלענד און פארלאזען!

א יונגערמאן פון א יאהר 26, שפרינגט לופטיג אראפ פונ׳ם קאטש. א געזונדטער, א לעבהאפטער, א שעהנער, מיט שווארצע אויגען און אן עכט אידישע נאז... ער ענטפערט אונז פריינדליך אויפ׳ן "שלום עליכם", באטראכט לאנג די האהריגע, בארוועסע, אפגעריסענע כאליאסטרע, און איבער זיין געזיכט, פארציהט זיך א שמערצליכער אומעט. זיינע שווארצע אויגען, ווערען אנגעפילט מיט טרעהרען און אויפגערעגט, האלב שלוכצענד, ווענדעט ער זיך צו אונז אויף פראסט אידיש:

— קאלאניסטען, איך בין אייערער א ברודער: כ׳בין א רומעני־שער איד; איך וועל טהון אלעס וואס כ׳וועל נאר קענען, אום אייך אין אייער נויטה צו העלפען!

פאר דיזע רייד האט ער טהייער באצאהלט. די אדמיניסטראציע האט פונ׳ם ערשטען מינוט אן, אויף איהם אנ׳אויג געווארפען...

דער דר. וועקסלער האט ווירקליך געטהאן וויפיעל ס׳איז אין זיין קראפט געווען: הויפטזעכליך איז ער ווירקזאם געווען אין די סאני־טעטס ענינים. דעם קבצנ׳סקען הקדש, וועלכען דער קאראנעל גאלדשמיער האט א נאמען געגעבען "האספיטאל", האט ער לויט מעגליכקייט רעפארמירט און אויסגעבעסערט. האט אפאר אייזער־נע בעטלאך אנשטאט די לייווענענע "קאטרעס" אריינגעשטעלט. ווייסע, ריינע בעטציג געבראכט און א מאדערנעם אפטהעק אינסטאלירט.

מיר האבען איהם ליעב בעקומען. אלס מענש איז ער געווען א זעהר גוטער פון נאטור און אנ׳אויסגעצייכענטער טיכטיגער ארצט; דערצו א הויפט געבילדעטער מאן, א שארפער תלמודיסט און א פיעל זייטיגער געלעהרטער.

דער דר. וועקסלער.

דעם 3־טען מאַרץ פון 1894, איז ענדליך אנגעקומען דער לאַנג ערוואַרטעטער דאָקטאָר פאַר מעדיצין, איבער וועלכען דער באַראָן האָט דעפּעשירט. אַ גאַנצער עולם קאָלאָניסטען האָבען זיך פאַרזאַמעלט ביים טהויער פון דער קאָלאָניע, כדי מקבל־פנים צו זיין דעם דר. טהעאָפיל וועקסלער.

מענשען פאַרוואַקסענע, פאַר'חושך'טע, באַהאַנגען מיט בראָנמען און שמאַטעס פון אַלערליי פאַרמען און קאָלירען, אייניגע ווי די פּאַיאַצען פון אַ צירק: אַ סאָלדאַטסקען שינעל אָנ'אָבגעשוירגעטען — אַלס מלבוש, אַ צילינדער-הוט אויפ'ן קאָפּ און די טשערעפּאַטע פּיס — ממש נאַקעט... אַ צווייטער אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און לאַפּצעס פון רויהער פעל אויף די פיס — דערצו האָט נאָך דיזען פאַרשוין, זיין ווייב די בריה, אַפּגעשוירען דעם קאָפּ; איבערלאָזענדיג מרעפ אין ש ע ר השמים צוקריכען... ווערהענד אין דער מיסט, האָט זי איהם איבערגעלאָזען אַ טשופּריקעל ווי ביי אַ סיבידיאַק...

יעקב ישראל ניורענבערג, אַ געלער איד, מיט אַ קורצער פּיסעל, אַ געוועזענער בעל אכסניה און אַ גרויסער לץ, האָט זיך אַרומגעהונקען צווישען עולם אָנגעטוהן אין אַ ווייבערשען מאַנטעל מיט אַ פּאַאַר אַלטע קאָלאָשען, אונטערגעצופּט דאָס בערדעל, צוגעבאָמקעט עפּעס אַ ניגונ'דעל און אַלע ווילע צו אַנאַנדערן זיך געוואונדערט, מיט דער דאָזיגער טענה:

— דעם באַראָן! איהר הערט? דעם באַראָן לאָמיר אָהערצו ברייגנגען! זאָל ער מיט זיינע אייגענע אויגען זעהן! ווייל ס'איז שווינדעל, שווינדעל און ניט מעהר! — און אַלע מינוט ציהט ער אויף זיך דעם ווייבערשען מאַנטעל זיינעם, וואָס וויל זיך ניט האַלטען אויף זיין גוף.

דער קאַטש פון אַדמיניסטראַציע איז אַנגעלאָפען, ברייננענדיג דעם דר. וועקסלער.

— הורראַ! דאָקטער! — האָט מען איהם אנטקעגען געשריען.

אַלע האָבען זיך ווירקליך עפּעס געפיהלט פרעהליך: אויף יעדען אין אַ גדולה געווען! ראשית האָבען מיר דאָך אונזערן אַ דאָקטער און ניט דעם אַנטיסעמיט רהאָדעס און שנית, קלעהרט מען זיך דערווייל, אפשר וועט ער זיך טאָקע אויך אָנ׳נעהמען פאַר אונז, פיליכט האָט ער עפּעס מיטגעבראַכט? ער קומט דאָך דירעקט פונ׳ם באַראָן! דערצו איז ער נאָך אַ איד פון אונזעריגע און מיר פיהלען זיך דאָך אַזוי שרעקליך עלענד און פאַרלאָזען!

אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר 26, שפּרינגט לופטיג אַראָפּ פונ׳ם קאָטש. אַ געזונדטער, אַ לעבהאַפטער, אַ שעהנער, מיט שוואַרצע אויגען און אַן עכט אידישע נאָז... ער ענטפערט אונז פריינדליך אויפ׳ן "שלום עליכם", באַטראַכט לאַנג די האָהריגע, באָרוועסע, אָפּגעריסענע כאַליאַסטרע, און איבער זיין געזיכט, פאַרציהט זיך אַ שמערצליכער אומעט. זיינע שוואַרצע אויגען, ווערען אָנגעפילט מיט טרעהרען און אויפגערעגט, האַלב שלוכצענד, ווענדעט ער זיך צו אונז אויף פּראָסט אידיש:

— קאָלאָניסטען, איך בין אייערער אַ ברודער: כ׳בין אַ רומעניי־שער איד: איך וועל טהון אַלעס וואָס כ׳וועל נאָר קענען, אום אייך אין אייער נויטה צו העלפען!

פאַר דיזע רייד האָט ער טהייער באַצאָהלט. די אַדמיניסטראַציע האָט פונ׳ם ערשטען מינוט אָן, אויף איהם אָנ׳אויג געוואָרפען...

דער דר. וועקסלער האָט ווירקליך געטהאָן וויפיעל ס׳איז אין זיין קראַפט געווען: הויפטזעכליך איז ער ווירקזאַם געווען אין די סאַניטעטס ענינים. דעם קבצנ׳סקען הקדש, וועלכען דער קאָלאָניעל גאָלדשמיעד האָט אַ נאָמען געגעבען "האָספּיטאַל", האָט ער לויט מעגליכקייט רעפאָרמירט און אויסגעבעסערט. האָט אַפּאָאַר אייזער־נע בעטלאָך אַנשטאָט די ליייוועגענע "קאָטרעס" אריינגעשטעלט. ווייסע, ריינע בעטציייג געבראַכט און אַ מאָדערנעם אַפּטהעק אינסטאַלירט.

מיר האָבען איהם ליעב בעקומען. אַלס מענש איז ער געווען אַ זעהר גוטער פון נאַטור און אַנ׳אויסגעצייכענטער טיכטיגער אַרצט; דערצו אַ הויפּט געבילדעטער מאַן, אַ שאַרפער תלמודיסט און אַ פיעל זייטיגער געלעהרטער.

אום די קאלאניסטען צו פערלייכטערן זייער צופאסונג צום לאנד, האט ער א שפאניש־אידישען לעהרביך פארפאסט: מען קען דאס ביכעל, איצט א יקר המציאות, פאררעכענען פאר'ן בעסטען פון די ארויסגעגעבענע, אום שפאניש צו ערלערנען.

פאר איהם פלעגען מיר אונזער ביטער הארץ אויסגיסען. אונזער יאמערליך לעבען פארשטעלען און ביי איהם בעטען הילף:

—שרייבט דאקטאר צום באראן! — האבען מיר איהם געבעטען. — שרייבט איהם דעם אמת, זאל ער וועניגסטענס די וואהרהיים וויסען!

עס ווייזט אויס, דאס ער האט טאקע געשריבען: א סימן, די הערשאפטען האבען געזעהן, וואס שענלער פון איהם ערלייזט צו ווערען, איהם וואס גיכער צו פטר'ן...

נאך גיך האט אויסגעבראכען א פארביסענער קאמף, צעווישען דער סאניטארישער פערוואלטונג און די אדמיניסטראציע. די אלטע מעשה, ווי מיט דר. יאפפע, — שוועריגקייטען פון פערד.. ווען דער דר. וועקסלער האט געפאדערט פערד, אום א געווינערין צו באזוכען, האט די אדמיניסטראציע צייט געהאט...

וועקסלער און בראנדעס, האבען א קורצע צייט געפיהרט מלחמה דורך דער פען... יעדער פון זיי, האט זיינע טענות געשיקט צו דער הויפט ביורא קיין בוענאס־איירעס, ניט שוינענדיג דעם געגנער און ווי תמיד, ביז צום היינטיגען טאג, איז דער אדמיניסטראטער געבליעבען דער גערעכטער. בראנדעס איז אויף ווייטער אלץ געווען דער נאמן און דער צדיק...

דר. וועקסלער האט א שפיי געטהאן אויף זיי און האט זיין פלאץ פריי געלאזט. האט זיך באזעצט אין א דייטש־קריסטליכער שטאדט און שפעטער, א וויכטיגען אנזעהן ערווארבען אין דער ארגענטינער זויסענשאפטליכער ספערע. נאך דערפון וועלען מיר שפעטער ריידען.

א צייט האבען מיר ווידער געקרענקט — אהן א דאקטאר.

50.

מען שאַצט אונזערע מכשירים, — דער עולם שפּאַסט...

ווייך אין איבערלעבונגען, ענטוישטע האָפענונגען, ביטערע און שפּאַסהאַפטע פּאַסירונגען, איז געווען דער מאָנאַט מאַרץ פון 1894־טען יאָהר.

דעם 10־טען מאַרץ, איז אין קאָלאָניע אָנגעקומען דער אויבער־סעקרעטאַר פון דער יק"א, שאַרלאַפּ, אָדער אויף פּראָסט אידיש: קאַרלאַפּ, אום די חשבונות צו רעגולירען, אויפהויבען דעם אינזוענ־טאַר פון יעטוועדען קאָלאָניסט און באַשטימען זיינע שולדען. מען האָט שוין געשמועסט, אַז אין גיכען וועלען אָנקומען די קאָנ־טראַקטען, וואָס מיר וועלען דאַרפען אונטערשרייבען מיט דער יק"א.

דער מאַסיווער שאַרלאַפּ, איז געווען אַ שעהנער פּאַריזער יונגער־מאַן און האָט מיטגעפיהרט ביום זיין, אַלס עוזר כנגדו — אַ גאַנץ עלעגאַנטע און היבשע נקבה... אַרימע געבאַך! אַ היגען גוטבאַזיצערס אַ קדיש, אַן אַפּיצער, האָט זי שנעל אָפּגעשפּילעט. איבערלאַזענדיג איהם אַלס "עגון" און דערפאַר האָבען איהם די קאָלאָניסטען געגעבען אַ צונאָמען: "די "פּאָווּרע עגונה"...

יעדען קאָלאָניסט האָט ער עקזאַמינירט, אויסגעפרעגט דעם גאַנ־צען יחוס, איבערגעקוקט די בהמות, דעם רעמאַנט און געשטעלט פּרייזען, וויפיעל ס'האָט זיך איהם געגלוסט.

— אַ דאַנה מיר! — האָט אַ נאַאיווער קאָלאָניסט געזאָגט, — זאָל ער שטעלען וואָס פאַר אַ מקחים ער וויל!

— אפשר פעהלט נאָך דאָס צום רומעל, כדי דער סך הכל זאָל שטימען! — האָט ליסין באַמערקט. — וואָס־איז? מיר'ן דען דאָס קענען אַבצאָהלען? איך בין זיכער דאָס קיינמאָל נישט!

— סטיימש! ער רעכענט אַ פּלוג אין 260 פּעזאָס, אַ בראָנע — 180, שטריק און חפצים פון דער הפטורה, וואָס מיר האָבען פאַר די אויגען ניט געזעהן! מען טהאָר עס ניט דערלאָזען! — האָבען גמרא קעפּ פּראָטעסטירט.

די תמימות׳דיגע מענשען, האבען זיך ניט געוואלט איינרייסען מיט דער אדמיניסטראציע פאר אזא שאצערײַ, וואס דער רעזולטאט דערפון איז נאך א גאנץ ווייטער געווען... ראשית: ווער ווייסט צי מ׳וועט גאר בכלל קענען צאהלען און צי מיר וועלען גאר דארפען צאהלען, אפשר וועט דער באראן גאר אין גאנצען אוועק־שענקען און שנית: וואס איז דא דער גוואלד? מען ווייסט דען אויף זיכער דאס מען וועט גאר אין גאנצען לאנג קענען עקזעסטירען אלס אקערבויער?

די ווייט קוקענדע האבען דאגעגען געדרונגען, אז פון די חשבונות איז גאר ניטא וואס צו שפאסען; אז פאר אלצדינג וועלען זיי דארפען באצאהלען מיט׳ן ביטערן שוויים; און זייער מיינונג איז גיך באשטעטיגט געווארען דורכ׳ן צווייטען יק״א צירקוליאר.

דעם 20־טען מארץ איז פון דער הויפט־ביורא אנגעקומען אן אוקאז, דאס די אדמיניסטראציע זאל ענדערן דעם סכום פון דער סובסידיע אויף פאלגענדען אופן:

״די קאלאניסטען וואס האבען היי־יאהר אביסעל ווייץ, זאלען ביים באקומען די ״שטיצע״ אונטערשרייבען א קוויטונג, אז דאס געלד לייען זיי אויפן חשבון פון זייער תבואה. ביי די וואס האבען מעהר פון צוויי־דריי מילך־קיה, זאל מען די סובסידיע פארקלענערן אויף א העלפט, ווייל זיי וועלען קענען לעבען פון ״מילך אונד צוויבעל״. (דיזער איינפאל, האט מען געדענקט איז דעם ״ווייסען יעזואים׳ס״ געווען!) דאן ביי די וואס האבען גאר קיין קאסעטשע ניט געהאט, זאל די אדמיניסטראציע א רעוויזיע מאכען. איבער זייערע פאמיליען מיטגליעדער און אין יעדען פאל, באשטימען זייער חיונה. די 8 און 4 פעזאס, קענען ווייטער ניט אנגעהן! ס׳איז א צופיעל רייכעס לעבען!״

מען קען זיך פארשטעלען דעם איינדרוק וואס דיזער אוקאז האט אין דער קאלאניע געמאכט! ווי פארצווייפעלט און פארביטערט דער עולם איז געווארען! מען האט געהאפט דאס פון דער קאסעטשע וועט מען קענען אביסעל ארויסקריכען פונ׳ם פינסטערן דלות און אט נאדיר א נייע גזרה! אנגעוויזען צו זיין אויפ׳ן יושר פון דער אדמיניסטראציע, אדער אפשר גאר אויף דעם רחמנות פונ׳ם ״ווייסען יעזואיט״ וועלכער טענה׳ט כסדר:

— שטאפפען זי דעם מאאים, מישען זי עס מיט מילך — אונד פערטינ! זא לעבען אויך, די ארימע איטאליענער: צוקער, גאליע־טען, דאס איז'ס דאך שפייז נ.ר פיר רייכע לייטען!

דער גאנצער צארן און פארדראס וואס ס'האט זיך אנגעקליעבען אין הארצען, האט ארויסגעפלאצט. א שטורם האט אויסגעבראכען און יונגע־לייט האבען פון ביטערקייט, א גרויזאמען שפאס געטריעבען.

אין א זונטאג־טאג פון ענדע מארץ, האבען זיך אלע, מענער, פרויען און קינדער, פארזאמעלט אין אלגאראבא און מען האט באלאגערט די אדמיניסטראציע, פארערענדיג דאס עס זאל תיכף דעפעשירט ווערען קיין בוענאס איירעס, דאס איין דירעקטאר זאל אומגעזאמט קומען; אויב דאס וועט ניט געטהון ווערען, דאן וועט מען די געביידע צונעהמען ביז'ן גרונט און ס'וועט פון איהר קיין זכר ניט פארבלייבען...

אלס סמן דאס עס האנדעלט זיך ניט פון קיין גלייכגילטיגען שפאס, האבען יונגע־לייט שוין געוויזען דעם אנפאנג: אלע שויבען פון דער אדמיניסטראציע זיינען אויסגעבראכען געווארען...

א אידענע אין א געלען טשיפעק, האט אין איהר פארטוך געהאלטען צוישמיסענע קוקורוזע און אין אלע ווינקעלאך געזוכט דעם פראפעסאר.

— מיר מוזען איהם צווינגען דאס ער זאל דא, פאר אלעמענס אויגען, זיך אנפרעסען מיט'ן "געריסענעם מאאים מיט מילך. לאמיר זעהן די מיענעם וואס זיין טרפה'נע צורה וועט מאכען, קייענדיג דעם מאכל וואס ער רעקאמענדירט אונז צום עסען!—האט זי געפאדערט.

אלע צימערן האט מען צועפענט, בחדרי חדרים האט מען דעם "יעזואיט" געזוכט, אבער מען האט איהם ערגעץ ניט געפונען.

— ער האט זיך גוט באהאלטען, אט דער ממזר! — האבען ווייבער געפלוכט, — ער האט גליק, דער משומד להכעיס!

בראנדעס איז געשטאנען א צעשראקענער און האט אויסגעפאלגט אלעס וואס מען האט איהם געהייסען. ער האט די טעלעגראמע, מיט'ן איבערשריפט "אורכענטע", אונז אין די הענד איבערגעגעבען און אונזערער א רייטער, האט אין גאלאפ עס אוועק־געפיהרט קיין

קאסאדעס, וואו זי זאל א י י ל ע נ ד איבערגעשיקט ווערען... ביז נאכט זיינען זיי אלע געלעגען אין דער אדמיניסטראציע און געווארט אויף ענטפער... ..

עטליכע וואוילע־יונגען האבען אין וועלדעל א תליה צוגעגרייט. זיי האבען א לאסע אנגעבונדען צו א בוים און בראנדיעס'ן געוויזען, דאס די פעטליע שטעהט שוין גרייט פאר'ן "ווייסען יעזואיט"...

אין אווענט איז פון ביורא ענטפער אנגעקומען: "דאס אלעס זאלביים אלטען פארבלייבען. די נייע גזרה זאל פארלויפיג נים אריין אין קראפט. דאס די טעג וועט סעניאר קאזעס, דער דירעקטאר. קומען אין דער קאלאניע".

פרעהליכע זיינען אלע א היים געפאהרען. מיר האבען געזיעגט! גאנצע צוויי וואכען זיינען איןווארטענעש אוועק. דער דירעקטאר איז נאך דערוויייל אלץ נים ערשיענען.

דער דירעקטאָר קאַזעס.

דער פסח פון תרנ״ד איז ביים טהיר געשטאַנען.

אין פופּצעהנטעל, אדער די ״קינסע ראַנטשאָס״, איז אַנ׳אווינען געווען און אין אַ מאַלאַקע גרופּירט, האָבען מיר זיך צוזאַמענגענומען אום מצות צו באַקען.

די טאַלאָקע איז באַשטאַנען אַלין פון אַזעלכע אידען, וואָס ווייסען אַ דין. לייזער ניסענזאהן, איז געוואָרען דער מעהל־אינגעל: בערל ראַבינאָוויץ, דער וואַסער־אינגעל, איך און רויזענוואַסער – – די קנעטערס: גאַרפינקעל און שאַראַגראָדסקי — די רעדלערס און די איבעריגע אידען און אידענעס — וואַלגערינ׳ס; לעמבערסקי און גירשטעל — די שיבערס.

אז מען האָט אַ געשריי געגעבען: ״מעהל־אינגעל!״ איז אויפגעשפּרונגען דער הויכער, רוסיאַווער און גוט געלעהרטער ניסענזאהן.

— כ׳בין דאָ! – – ער האָט תיכף פאַרקאַטשעט די ווייסע ברייטע אָרבעל פון זיין העמד, אריינגעשיט די ״מיירע״ מעהל און טאַקע אכטונגג געבען דאס עס זאָל זיין כשר...

– – וואַסער־אינגעל! — און ס׳איז צוגעשפּרונגען דער רויטהער און באַרדיעסער בערל ראַבינאָוויץ, אריינגיסענדיג אין בעקען־מעהל זיין קריגעל וואַסער.

אזוי האָט מען מצות געבאַקען און מכוח פּאָליטיק געשמועסט.

אז מיר האָבען קוים פאַרענדיגט מיט׳ן מצות ״פּאָדריאַט״, איז די ידיעה אנגעקומען, דאס דער לאַנג ערוואַרטעטער דירעקטאָר קאַזעס איז ענדליך שוין דאָ!

רייטערס זיינען ארויסגעפאָהרען די קאָלאָניסטען די דאָזיגע בשורה אַנצוזאָגען און אַלע, פון׳ם ערשטען ביז׳ן לעצטען, האָבען מיר זיך פאַרזאַמעלט נעבען דער אדמיניסטראַציע.

אַ גרויסע, אַ געפּאַקטע מענגע, האָט זיך געשטופּט, זיך געדרענגט צווישען די בוימער פון׳ם וואַלד, גע׳רעש׳ט, געשטורמט, זיך

גע׳קהל׳ט — און מיט די הענד אריינגע׳טענה׳ט. אונזערע רעלע־
נאטען, אויסגעצעוואגענע, מיט צעקעמטע בערד, ווי עס פאסט פאר
די פני, זייערע פארקלעהרטע געשטאנען אנגעשפארט אנעם טרעהרען־
דראטה. נערוועאיש צוגעשאקעלט מיט דער "אלאמברע", געקוקט
צום חלול פון דער ביורא, וואו עס געפינט זיך דער ארון השר
און געווים זיך איינגע׳חזר׳ט די רייד, וואס זיי וועלען דארפען
אוועק־לעגען פאר׳ן הערשער...

די טהיר האט זיך געעפענט. ס׳איז ערשינען בראנדעס און אין
דירעקטארס נאמען געמאלדען:

—אלע לייטע, די יעצט דא זינד, זאלען נאך הויזע פאהרען! זיי
האבען דא ניכטס צו טהון! דער הערר דירעקטאר וועט ניט שפרעכען
מיט יעדען בעזאנדער. די געמיינדע זאל פון איהרער מיטטע, דריי
פערזאן אויסוועהלען, די שפאניש אדער העברעאיש פערשטעהען
אונד דיזע ווירד ער ערשט אבענדס עמפפאנגען. יעצט האט ער קיין
צייט: ער מוז צוערשט פאהרען די שולען באזוכען. האבען זי פער־
שטאנדען? — האט ער הויך אויסגעשריען — אונזער סופעריאר
שפרעכט ניכט איהרען זשארגאן! פאהרט אלע נאך הויזע! א, היים
פאהרט!

און תוך כדי דיבור, האט ער צוויי פינגער אין מויל אריינגעלעגט.
ארויסלאזענדיג א הילכיגען סוויסטש. ס׳איז תיכף צוגעפאהרען דער
שווארצער סעוויאנער מיט׳ן געלען קאטש, אויף וועלכען ס׳איז די
אבצייכענונג פון דער יק״א אויסגעקליימירט געווען. דער קוטשער
האט מיט גדלות אראפגעקוקט פון דער הויכער קעלניע און שעלמיש
צוגעשמייכעלט ווי זאגענדיג: "אט פיהר איך נאר אייער פריץ אוועק
און איהר בלייבט דא שטעהן ווי די אפגעשמיסענע נאראנים".

— ער וויל אנטלויפען! — האט עפעס איינער לפי תומו אזא
געטהאן.

— דער דירעקטאר אנטלויפט! — האבען שוין הונדערטער מייד
לער מיט כעס געגוואלדעוועט.

— מען דארף דאס ניט דערלאזען! קינדער, קומט צום קאטש! —
האט זיך דערהערט מאיר האניק׳ס פעסטע שטימע.

א פעדיכטער רעדעל־מענשען, האבען דעם קאטש ארומגערינגעלט.
אויף יעדענס געזיכט איז אויסגעגאסען געווען א שמערצליכער פיין.

— אזוי־פיעל געווארט אויף א דירעקטאר, און יעצט? — האט זיך עולם געקלאגט.

די טהיר האט זיך געעפענט. דער הערר קאזעס איז ערשינען.

א מאן פון א יאהר פערציג אוז ער דאמאלסט געווען. פעסט געבויט, ברייטבייהניג, א שווארצע שעהנע בארד, גרויסע, שווארץ־ליכטיגע אויגען און זיין שטאלצע האלטונג איז געווען א מאיעס־טעטישע. אויף זיינע דיקע, פליישיגע ליפען, האט זיך געקרייזעלט א דיפלאמאטישער, פיעל בעדייטענדער שמייכעל... זיין שווארצע לעווימע מיט דער רויטהער ליענטעטשקע אין לאץ, די אבצייכנונג פון פראנצויזישען עהרען־לעגיאן, — האט איהם נאך איינדרוקס־פאלער געמאכט.

ער האט זיך פארנייגט פאר'ן המון, איהם א רגע מיט זיינע שאר־פע בליקען באטראכט און גלייך אויך באהערשט. עפעס א מין התבטלות הנפש האט מען אויף א מאמענט דערפיהלט...

דער גערדיכטער מענשען צירקעל האט זיך צושפאלטען און פאר איהם מיט בראנדעס'ן, דעם וועג פריי געמאכט. ער האט א פאאר מאהל דורכגעשפאצירט, הין און צוריק, דעם אפענעם וועג: האט גוט באטראכט די פאר'חושד'טע, באוואקסענע, אפגעריסענע ערד, האט מיט די אקסלען געצויגען און טיעפע קנייטשען האבען זיך אויסגעפאלבט אויף זיין הויכען שטערן. לאנגזאם מיט געצעהלטע טריט, איז ער צום קאטש צוגעגאנגען און א פוס אויפ'ן סטרעמען געשטעלט: אבער אויגענבליקליך האט זיך דער גאנצער עולם א ווארף געטהאן צום קאטש: פיעלע הענד האבען די שפיצעס פון די רעדער אנגעכאפט, ווי מיט אייזערנע קליאמערס עס איינגעשלאסען און א דונערנדער ברום פון הונדערטער העלדזער האט אפגעהילכט:

— איהר וועט ניט פאהרען! איהר וועט ניט פאהרען! מיר ויע־לען ער ניט דערלאזען!

— ברוידער! גיט אונז ברוידער! מיר הונגערן! — האבען קולות דורכגעציטערט אין דער לופט.

רוהיג און גאוה'דיג, נאר עטוואס בלאס, איז ער געשטאנען נעבען קאטש, ארומגענומען פון דער מענשען־קעהט, איז אין סלאם געווען ביי די קאלאניסטען.

וויסענדיג דאס ער רעדט העברעאיש, האבען אידען וואס קענען

א סרדה מעביר־זיין, ארויסגעצייגט זייער לשון קודש'ע קענטניס.

— לחם! — האבען איינינע געשריען. — און מעהר ווייזט־אויס האבען זיי נעבאך אין זייער לעקסיקאן ניט געפונען.

איינער, אנ'אלטער איד, יאסעל הארעס, א בעל תפילה, וואס האט איינער אליין געקענט פירוש המלות און דערצו נאך פארמאגט א סך פון דער חזנ'ישער חוצפה, האט זיך איהם דרייסט אין די אויגען געשטופט און מיט זיין באסאווער שטימע אריינגעברומט:

— לחם תן! אביר לב, תן לחם לעם!

עפעס האט קאזעס דאמאלסט געענטפערט: אבער באנוצענדיג די ספרדישע אויסשפראכע, האבען די שרייער, ווייזט־אויס, איהם ניט פארשטאנען און ער זיי, שיינט עס—נאך ווייניגער. עפעס האט ער צו בראנהעס'ן אין פראנצויזיש געזאגט און דיזער איז אויפ'ן קאטש ארויף און געשריען:

— קאלאניסטען, מאכען זי קיינע סקאנדאלען! דער דירעקטאר פאהרט ניכט־אב: זאל די דעלעגאטען־קאמיסיאן, אין בוירא אריינגעהן אונד זיי ווערדען מיט איהם שפרעכען קענען!

— ניין! — האט דער המון געגוואלדעוועט. — מיר פארלאזען זיך נישט אויף דער קאמיסיאן!

— חער דירעקטאר קען דאך אבער ניכט שפרעכען מיט יעדען בעזאנדער?

— מיר וועלען גלייך אויסקלויבען דריי קאלאניסטען! — איז דער ענטפער געווען.

האט מען אויסגעקליבען א פראוויזארישע קאמיסיאן, מיט וועלכע דער דירעקטאר זאל די אונטערהאנדלונגען פיהרען. די קאמיסיע איז באשטאנען פון ישראל ליסין, דעם אלטען ווייןפעלד און דעם שרייבען פון דיזע שורות. קנעפלער, א הויכער מענש, מיט לאנגע הענד, איינער פון די "סאלטעראס", איז אויף א וואגען ארויף און אונזערע דריי נעמען אויסגערופען. דער עולם האט געשריען: "יא מיר באשטעהען!"...

מען האט אונז דרייען, איבער אלע קעפ אריבערגעטראגען און אוועק־געשטעלט אנטקעגען דעם דירעקטאר.

דער ספרדישער איד, וועלכער איז צו אזא קליינשטעלדיגער אומגעלומפערטקייט ניט געוועהנט, האט מיט די אקסלען געצויגען און

מיט פאראכטונג צוגעשמייכעלט... בראנדעס האט אונז ביי די נע־מען פארגעשטעלט און דערהערענדיג מיינעם, האט ער זיך אין העב־רעאיש, צו מיר געווענדעט מיטהיילענדיג:

— מיין שול־קאלעגא, דר. קאצענעלסאן, האט אויף זיין פרא־פאגאנדע אין "המליץ", צוגעשיקט פאר דער מאאוריציער ביבליא־טעק, זיין ספר "רמ"ח אברים". דאס געפינט זיך אין מיין מלתחה און כ'וועל דיר עס איבערגעבען.

מיר זיינען מיט איהם אין קאנטאר אריין, און דער גאנצער עולם, ווי דער מנהג איז תמיד, האט באלאגערט די טהירען מיט די פענס־טער.

די אודיענץ האט אנגעפאנגען. אדער בעסער צו זאגען: די אדמי־ניסטראטיווע לאנגווייליגקייט האט זיך אנגעהויבען מיט א לעפישער גודיענעש. דער אדמיניסטראטער האט ארויסגענומען זיין אנגעפאטש־קעטען ביכעל און פארגעלעזען אונזערע חטאים, עונות ופשעות... שווערע און שרעקליכע פארברעכענס. כלעבען איהר מענט זיי אויך אויסהערען!

א). משה ליסין, נעהמט אלע מאנאט שטיצע, און אליין איז ער נאר ניטא אין דער קאלאניע. ער ארבייט ערגעץ אין דער פרעמדער האנדעלט צו און שאכערט...

ב) פנחס ברון, נעהמט שטיצע אויף זיין צוועלף־יעהריגער מיי־דעל, וועלכע איז שוין צייט זעקס מאנאט טוידט...

— דאס איז דאך שווינדעל! — בעטאנט בראנדעס ענערגיש זיין באשולדיגונג. — די סובסידיע מוז רעגולירט ווערען. די קאלא־ניסטען טרייבען געשעפט, טוישען איינער מיט דעם צווייטען די אק־סען, גיבען געלד דערצו... צום שאכערן האבען זיי געננוג געלד... זיי קויפען זיך אויף שבת ראזינקעס, ניס... אונד שרייען די אונפער־שעהמטע, דאס ברוידט פעהלט זיי!

אונז איז אויסגעקומען דעם פראנצויזישען לומפ אויף יעטווידער מסירה אפצוענטפערן און געזעהן האבען מיר, דאס העני חייב — דער ארימאן איז שטענדיג די כפרה. דער ארון האט רעכט און דער דירעקטאר, קוקט איהם אין מויל אריין.

דאס בלוט האט אונז געטריעפט פאר בושה: דאס הארץ האט פאר וועהטאג צוזאמענגעקרעמפט... און דער עולם איז ביי

די פענסטער געשטאנגען, א ווארט געכאפט, אונז צוגעוואונקען, מיט די פינגער געטייטעלט, מיט זייערע קולאקעס געסטראשעט...

די נאכט איז שנעל צוגעפאלען און צו די דאנאסען און מסירות האט קיין ענדע ניט גענומען.

איינער פון אונז, האט געמוזט ארויסגעהן מעלדען דעם עולם, דאס בראנדעס פארערדט די צייהן... ער לאזט גאר ניט קומען צום ווארט... דער המון האט פארלארען דעם געדולד. קולות און סטי־סאקעס האבען זיך אין טהיר דערהערט. מען האט מיט כעס גע־פאדערט:

—דער שונא ישראל זאל זיך פארנעהמען פון דארט! אונזערע פארשטעהער זאלען פארבלייבען אליין מיט׳ן דירעקטאר! — דיזע־דערהערענדיג דעם נייעם ליארעם האט באלד געפרעגט:

— ווארום רעש׳ן זיי דארט אזוי אין דרויסען? וואס אייגענטליך פאדערן זיי? פארוואס צופאהרען זיי זיך ניט א היים?

מיר האבען איהם אין דער שפראך "וואס די שדים, די בעאמטע פארשטעהען נים" עקלעהרט, דאס מען פאדערט, אז דער מזיק בראנ־דעס, זאל זיך ניט געפינען צוזאמען מיט אונז אין חדר... קאזעס האט איהם שמייכלענדיג עפעס אין פראנצויזיש געזאגט. וואס האט בראנדעס׳ן דאס גאנצע בלוט אין פנים ארייגעטריעבען: ער האט אויף אונז א בעזען בליק געווארפען, גענומען זיין געפלעקטען ביכעל און איז פון צימער ארויסגעגאנגען.

פארבלייבענדיג מיט׳ן דירעקטאר אליין, האבען מיר ערשט פריי אבגעאטהעמט און געפאדערט, אז עס זאל בטל ווערען דער יס״א באפעהל פונ׳ם 20־טען מערץ.

— מזונות, — האט ליסין גע׳טענה׳ט, — הייסט ניט דאס טרו־קענע עסען אליין. ניט בלויז דאס אנשטאפען פונ׳ם קענדזיך — איז מזונות. א קלייד, א שוך, א טישעל און א בענקעל אין שטוב אריין, דאס אלעס איז דאס מענשליכע באדערפעניש, וואס שפייזט דעם מענשען און זעטיגט איהם!

מיר האבען געפאדערט, אז דאס ביסעל געלד וואס עס וועט פערבלייבען פון דער קאסעטשע, — שוין נאך אלע גנבות פון די בעאמטע און דעם אונזיניגען קאנטראקט ביים פארקויפען; — אז דער רעשט, זאל כאטש בשלימות אפגעגעבען ווערען צו די קאלא־

ניסטען און מ'זאל דערפון ניט דיסקאנטירען די ארויסגעגעבענע סכום'ן אלס סובסידיע, ווי עס שרייבט־פאר די גזירה פונ'ם 20־טען מארץ...

מיר האבען געבעטען אנ'הלואה: צו 200 פעזאס פיר יעדען "סאלטערא" פון די 148 "כאלאסטאייעס" וואס האבען אפגעווארט דאס אנקומען, פון זייערע משפחות וועלכע האבען דעם 25 אפריל געדארפט אריין אין בוענאס איירעס'ער האפען, לויט די טעלעגראפישע מיטהיילונג וואס מ'האט ערהאלטען פון פאריז. מיר האבען פאר איהם פארגעשטעלט דעם קלעגליכען מצב פון דיזע "כאלאסטאייעס", וועלכע פארמאגען, אויסער די שווארצע ווענט פון זייערע "ראנטשאס", לחלוטין גאר ניט! ניט קיין מילד־קיה, פאר די קינדער זייערע וואס וועלען אנקומען, ניט קיין טישעל, קיין בענקעל, קיין בעטעל...

—צו 200 פעזאס א יעדען פון די 148 "סאלטעראס"? איהר בארעכענט וויפיעל געלד דאס איז? כמעט דרייסיג טוי־זענד פעזאס! און וואו האבען זיי אהינגעטהון זייער פארדיענסטען? — האט דער דירעקטאר קאלטבלוטיג געפרעגט.

ס'האט זיך אנגעהויבען א דיסקוסיע: פראגעס אהן א שיעור: "פארוואס האט דער קאלאניסט יא און דער אנדערער דארט, — ניט? ווארום האבען פיעלע גאר קיין קאסעטשע ניט? אט איז דער אזוי און יענער אנדערש? לסוף האט קאזעס אפען ערקלעהרט, דאס מען האט זיי געמאלדען שריפטליך, אז "פיעלע שפיעלען אין קארטען, טרינקען משקה" און האט שטרענג באַטאנט:

— מיר ווייסע דערפון! אלעס איז אונז געגוי באקאנט!

אויף אלע באשולדיגונגען, מסירות פון די קלענערע און גרעסערע בעאמטע, האבען מיר געמוזט ענטפערן, אפלייקענען, איבערציינגען, תירוצים זוכען...

קאזעס טענה איז געווען, דאס דער אוקאז פון 20־טען מערץ, איז גאר א טובה פאר אונז... ד. ה. פאר'ן גרויסען אידעאל. תכבד העבודה עליהם, — די מעטהאדע פון אלטען פרעה! "זאלען די לייטע ארבייטען! דאס געלד פון דער קאסעטשע דארף צוגעגומען ווערען איף די שולדען, כבדי דער עולם זאל וויסען, דאס

מ ע ן מ ו ז צ א ה ל ע ן! פאר די יעניגע וואס האבען ניט קיין פאסעטשע, דארף די "שטיצע" פארקלענערט ווערען: 3 און 6 פער־זאָס, אנשטאט די פריהערדינע — 4 און 8: האנדלענדיג אזוי, וועלען זיך די דאזיגע לייט מעהר ניט פארלאזען אויף אונז... און זיי וועלען פלייסיג ארבייטען!..."

די דעבאטע איז צוגעגאנגען שטורמיש, היציג... מיר האבען פאר־פארדראס דארט שיער די גאל אויסגעשפיגען און ס'איז מיר, אלס ראש המדברים, פשוט אין האלדז טרוקען געווארען... אזוי האט זיך עס געצויגען ביז שפעט אין דער נאכט.

גראדע, ווי די היגע מאדע איז, האט זיך פלוצלונג דער הימעל פארוואלקענט און תיכף האבען זיך צעהילכט שרעקליכע דונערן, און ס'האט אויסגעבראכען א גוס־רעגען. דער עולם וואס האט באַ־לאגערט די פענסטער, ווארטענדיג אויפ'ן רעזולטאט פון די אונ־טערהאנדלונגען, איז כהרף עין ביז צום לייב אויסגעווייקט גע־ווארען.

— זאגט די לייט אז זיי זאלען פאהרען א היים, זיך שיצען פונ'ם רעגען! — האט קאזעס אונז אויפגעפאדערט.

—סעניאר, דאס וועט ניט העלפען, זיי וועלען ניט אוועק־פאה־רען! זיי האבען אייך קוים דערלעבט צו זעהן: זיי בעטען אייער הילף! — האבען מיר באמערקט.

ער האט זיך אויפגעהויבען און צום פענסטער צוגעגאנגען. ביים שיין פון די בליצען, האט ער די דורכגענעצטע, די הילפסלאזע קאַ־לאניסטען אונזערע דערזעהן.

— רחמים! רחמנות! — האבען זיי צו איהם פון דרויסען גע־שריען.

העכער פון אלע, האט זיך געהערט דער וויינענדיגער קול פון בעל מטופל, יאָסעל דראחל:

— רחמים, אדוני השר! אכט קינדער האב איך, נעהמט ביי זיי ניט צו זייער ברויט!

א באטריעבטער איז ער פון פענסטער אוועק און זיך ווידער אויפ'ן שטוהל געזעצט. אין זיינע גרויסע אויגען איז מערקבאר גע־ווען, אנ'אויסדרוק פון צער. א ווייל איז ער געזעסען פארטראכט און נאכהער האט ער זיך צו אונז געווענדעט שוין פיעל מילדער.

- - זעהט, אייער בקשה מ'ערפט אן א סכום פון צירקא 125 טויזענד פעזאס, ווייל דאס געלד פון דער קאסעטשע איז שוין פארעכענט אין קאסע. נאר, אפשר...

ער האט גענומען די פען אין האנד און נערוועאיש געצוקט אויפ'ן פאפיער, הויך פארלעזענדיג:

1) די 148 "סאלטעראס", וואס זייערע פאמיליעס קומען אין גיכען אן, יעדען איינעם אויסצובארגען צו הונדערט פעזאס אויף צו ארגאנזשירען זיין הויז־ווירטשאפט און צו 35 פעזאס — א מילך־קיה צו קויפען.

2) דאס געלד וואס קומט ארויס פון דער קאסעטשע, זאל די קאלאניסטען אפגעגעבען ווערען בשלימות און די סובסידיע, זאל ווייטער אויך אויסגעטהיילט ווערען, צו 4 און 8 פעזאס, אקוראט ווי פריהער...

דאן האט ער שמייכלענדיג פארטגעזעצט:

— אבער די אדמיניסטראציע וועט פון היינט אן, פיעל בעסער אכטונג געבען, בנוגע די טוידטע קינדער... זעהן פעהינדערן דעם ירושה־שווינדעל. די לעבעדיגע דארפען דאך ניט ירש'ענען דעם חלק שטיצע וואס ס'האט געהערט צו די פארשטארבענע! ווי ס'איז געשעהן ביי פאל: פנחס ברון...

מיר האבען איהם געדאנקט און געאיילט מיטצוטהיילען די קאלאניסטען די אויסגעווירקטע הנחות.

אין דרויסען האט מען מיט פרייד און יובעלנדע געשרייען אויפגענומען די בשורה, דאס די שטיצע פארבלייבט ווי פריהער, — צו 8 און 4 פעזאס.

— הורראָ! יחי הארון קאזעס! — האבען די דורכגענעצטע און אויסגעזואיטענע קאלאניסטען מיט שמחה געשריען.

" " "

דער רעגען האט שוין אויפגעהערט צו לויפען. שטיקער צעריסענע כמארעס, זיינען זיך אין אלע זייטען צעשוואומען און פלאטץ געמאכט פאר דער נאכט קעניגין. א ריינע, אנ'אויסגעצוואגענע, האט זי זיך געמיגענט צווישען די קאלירנע וואלקענדלאך און מונטער אראפגעגלאנצט אויפ'ן סקוואדראן רייטער, וועלכע האבען אונז, זייערע פראוויזארישע פארשטעהער, באגלייט אין א

יערען אפגעפיהרט אהיים.

מיט'ן וועג האט מען געערדט און זיך בארעטהען. ס'איז באַשטימט געוואָרען דעם הערר קאזעס א דאנק־בריעף צו שיקען און איהם באטיטלען: "השר המרומם". די גאנצע קאלאָניע זאל דעם דאנק בריעף אונטערשרייבען. איך בין בעאויפטראגט געווארען דיזען באשלוס אדורכצופיהרען.

מיט'ן באגינען, איז צו מיר רייטענדיג געקומען אונזער שול־לעהרער, דער ליטוואק צ ב י י א ק ו ב א ו ו און מיר געבראכט דעם "שם הגדולים" זאגענדיג:

— נאט, זעהט! די משפחה ק א ז ע ס, איז נאך אין די צייטען פונ'ם בית המקדש געווען אנ'אדעלינע: שרי ישראל זיינען זיי געווען!

אינ'ם מכתב תודה, וואס איך האב איהם אויף פסח צוגעשיקט מיט די חתימות פון אלע אקערבויער האב איך זיך ערלויבט אויסצודריקען, דאס "אויב ער שטאמט ווירקליך פון דער פאמיליע ק א ז ע ס, וואס דער "שם הגדולים" ברענגט, איז מיר גאר קיין וואונדער נים, וואס דער גוטער באראן הירש, האט אויף איהם ארויפגעלעגט די פליכט און איהם ערנאנט אלס פאסטוך פון די נידחים אין ארגענטינא".

דארויף האט ער מיר געענטפערט: "דאס אין זייער פאמיליע איז פאראן א יחוס־בריעף וואס געהט איבער פון דור צו דור פון די ימי הבית או. ער שטאמט ווירקליך פון דער גאנץ אלטער משפחה קאזעס און איז שטאלץ דארויף."

א צדיק תמים איז ער געווען, א למדן מופלג, א גרויסער שר און א גוטער מענש. די קאלאניסטען האבען איהם ניט פארשטאַנען. שלום לעפרו!

קאנטראקטען.

אנפאנג מאי פון 1894, האט בראנדעס באפוילען, דאס מען זאל קומען אין דער אדמיניסטראציע, אום אונטערצושרייבען די קאנטראקטען, וואס וועלען אונז דורך די "פונ'ם בארא] אדער דער יק"א באפאלמעכטיגטע הערשאפטען" ארויסגעגעבען ווערען.

דר. וועקסלער, האט אונז דעם קאנטראקט אין אידיש איבערגעזעצט, וואו צווישען אנדערע פאראגראפען און פונקטען, זיינען אויך די פאלגענדע געווען.

"דער טערמין פונ'ם קאנטראקט איז אויף צוועלף יאהר, אין וועלכער צייט עס דארף אפגעצאהלט ווערען דער קרן מיט פינף פראצענט יעהרליכע צינזען. יעדעס יאהר דארף די גאנצע קאַסעטשע ארייגעפיהרט ווערען אין אדמיניסטראציאנעס גאלפאן און די אדמיניסטראציע, וועט פון די תבואה צוערשט ארויפנעהמען דעם יעהרליכען חוב, דעם קרן מיט'ן נשך. אויב דער פראדוקט פונ'ם יאהר, וועט ניט סטייען דעם דאזיגען סכום צו דעקען, האט די פארוואלטונג דאס רעכט, ביים קאלאניסט אוועק־נעהמען, ווען זי וויל, זאגאר אינ'ם עלפטען און צוועלפטען יאהר, אלעס וואס ער האט פאר דער צייט פארבויט, פארפלאצט, פארזעצט, אויסגעארבייט, יו ו א ל א ר י ז י ר ט, און איהם פון דער קאלאניע ארויסוואַרפען. ביז וואנען דער קאלאניסט באצאהלט ניט ביז צו א פרוטה פון לעצטען "יאהרעס חלק", איז ער קיין בעל־הבית ניט איבערן לאנד: מוז געהארכזאם זיין דער אדמיניסטראציע און אויספאלגען אלעס, וואס זי באפעהלט".

די קאנטראקטען האבען ווי א פייער אנגעצונדען אין דער קאלאניע. ביי יעדען קאלאניסט אין הארצען, האט געגריזעט א ביטערער פארדראס און יעדערער, איז ווי א פריטשמעלטער ארומגעגאנגען פון דעם דאזיגען נייעס.

— מיר שרייבען ניט אונטער! — האבען איינקלאנגיג אלע מיילער געשריען. — אזעלכע פונקטען וועלען מיר קיינמאהל ניט

אונטערשרייבן! — האבן אלע איינשטימיג באשטעטיגט.

— פראצענט? גאך פינף פראצענט? ווי אזוי איז עס מעגליך דאס דער גוטער בארא‎ן. דער מלאך המושיע, זאל ביי אונז ארימע לייט נאך פאדערן פראצענט? איז ווארשע איז די פילאנטראפיע. וואו איז? — האבען נאאיווע לייט זיך געקלאגט.

— ס'איז שקר! דער קאנטראקט איז ניט פונ'ם באראן משה הירש! דאס איז מאשענסטווא פון די היגע בעאמטע, פון די אדמיניסטראטארען, אונזערע שונאים, שונאי ישראל! — האבען פיעלע תמימות'דיג פארזיכערט.

אנ'אסיפה איז פארהופען געווארען. נאך א גאנצען מעת־לעת קהל'ענעש. איז יד אחת באשלאסען געווארען, די שענדליכע קאנטראקטען ניט אונטערצושרייבען און זאלען די טייוואלים טהון, וואס זיי קענען און וואס זיי ווילען...

דורך בריעף האבע מיר זיך איינפערשטאנען מיט די פארשטעהער פון די איבעריגע קאלאניען. איבערהויפט מיט די פון ענטרעריאס'ער פראווינץ, וועלכע זיינען אויך אש להבה געווען אויף אזעלכע שקלאפערישע קאנדיציעס און ס'איז באשטימט געווארען, דאס יעדע קאלאניע זאל ארויס־שיקען צוויי דעלעגאטען קיין בוענאס איירעס, אום דארט, וועגען דיזען ענין, איבערצושמועסען מיט די דירעקטארען.

דעם 12־טען מאי, בין איך און אדאלפא רייצין, אלס דעלעגאטען געשיקט געווארען פון מאאוריציא אין דער הויפט־בנגרא פון בוענאס איירעס, אום וועגען דער קאנטראקטען־פראגע צו פארהאנדלען. מיר האבען שוין געטראפען די דעלעגאטען פון די אנדערע קאלאניען און טאקע באלד, מיט די אדונים די ערשטע אודיענץ געהאט.

ס. ה י ר ש, א גרויסע קפדן, איז באלד שרעקליך בייז געווארען.

— וואס הייסט? — האט ער געגוואלדעוועט. — איהר האט פיליכט דאס רעכט א ו נ ז קאנדיציעס צו שטעלען? פיליכט ווילט איהר עמיגראנטען, אונז די קאנטראקטען דיקטירען?

דער צווייטער דירעקטאר קאזעס, פיעל קליגער פאר הירש'ן האט געשוויגען... נאר אזוי ווי ער האט קיין אידיש ניט פערשטא־

נען, האט איהם דער לעצטער איבערגעגעבען אין פראנצויזיש דעם עיקר פון אונזערע פאדערונגען.

א רעלעגאט פון ענטרע־ריאס, הערר ראפאפארט, א דיקליכער מענש מיט א שעהן געשטאלט און א פארנעהמען אויסזעהן, וועלכער האט שוין אויך שפאניש געשפראכען, האט קאזעס׳ן דירעקט אונזער פארלאנג איבערגעגעבען. מיר האבען נעמליך געבעטען „א לענגערן טערמין צום אויסצאהלען די חובות; מען זאל ניט רעכענען קיין פראצענט און דאס די אדמיניסטראציע זאל קיין רעכט ניט האבען, אנ׳ארענטליכען קאלאניסט פונ׳ם לאנד אראפצוטרייבען...“

די צוויי אדונים האבען צווישען זיך לאנג אין פראנצויזיש גערעדט און אונז שטעהן געלאזען ווי די בהמות וואס ווערען פארקויפט אויפ׳ן יאריד... ראפאפארט האט צו אונז אין רוסיש געזאגט: „גאספאדא, פאגאווארים פא רוסקי“ און מיר האבען אנגעהויבען זיך איבערשמועס׳ן אין פאניעם לשון. דער קפדן ה י ר ש, איז רויט געווארען ווי א בוראק און האט זיך אזש פארקייכט פאר צארן.

— חוצפה! — האט ער געברומט און די נאז איז איהם נאך בלאהער געווארען.

— ווי קומט צו אזא מאן ווי איהר זיינט, הערר הירש, גאר כעס? — האב איך זיך צו איהם שטילערהייד געווענדעט. — פיּלייכט געדענקט איהר דעם מאמר: דברי חכמים בנחת נשמעים? ווען איהר רעדט צווישען זיך פראנצויזיש, מעגען מיר דאך זיך איינפארשטעהן אין רוסיש! — קאזעס האט צווידייטיג געשמייכעלט און מעהר האבען זיי אין פראנצויזיש נישט געשפראכען.

א גאנץ ווארימע דיסקוסיע האט זיך פארקניפט; ביז דער ח כ ם הירש, האט אונז געגעבען אנצוהערן, אז ס׳איז די צייט וואס די אדמיניסטראציע דארף אויסטהיילען זריעה אויף צום זעען ווייץ... און אויך דערמאנט, דאס מיר נעהמען נאך סובסידיע...

ה י ר ש ג ל א ז, א רוסיאווער איד, רופט מיר דער רעלעגאט פון עספינדראלא, איז ארוים מיט א מוטהיגען און געוואגטען ענטפער:

— איז וואס דענקט איהר, דאס מיר זיינען שקלאפען? איהר ווילט אונז צווינגען דורך הונגער? — און צו אונז האט ער זיך

געוועגדעט און שטרענג געפאדערט. — קומט לאמיר געהן! מיר האבען דא ניט וואס צו טהון!

מיר האבען זיך אויפגעהויבען און ברוגז דעם זאאל פארלאזען.

אויף דער אכסניה האבען מיר זיך בעראטהען און באשלאסען, צו דעפעשירען צום באראן. אבער ניט אזוי לייכט איז אונז דאמאלסט אנגעקומען דעם באראן'ס אדרעס געוואויר־צו־ווערען און א שרייבער אויסצוזוכען... די צוועלף דעלעגאטען האבען אונטער זיך געשאפען די סומע פון 130 פעזאס און די טעלעגראמע צום באראן הירש אוועק־געשיקט. דער פערשטארבענער אברהם ווערמאנט האט אונז יעמאלט אין דיזען הינזיכט גוט געדיענט...

די דעפעשע האט אין קורצען געלויטעט: "דאס די דירעקציע סטראשעט אונז מיט הונגער, אויב מיר וועלען ניט אונטערשרייבען די קאנטראקטען, וועלכע מיר ווילען, דאס זיי זאלען רעפארמירט ווערען"...

אט אויף אזא אופן האבען מיר די מיסיע אונזערע ערפילט און יעדערער איז זיך אהיים געפאהרען.

אלס "עמא פזיזא", האבען חכמים באצייכענט אונזער פאלק! נו, יא: זיי האבען אונזער נאציאנאלען כאראקטער גוט געקענט. ווען איך און דייצין, זיינען אין קאלאניע צוריק־געקומען, האבען מיר צום באדויערן שוין געטראפען, דאס אייניגע האבען איילענד די קאנטראקטען אונטערגעשריעבען. מסתמא איז אין די איבעריגע קאלאניעס ענהליכעס געשעהן.. ביי אונז אין קאלאניע, האט בראנגרעס אונטערגעקויפט א פאאר פון די קליינגייסטיגע נפשות און זיי האבען גע'חתמ'עט, וואס ער האט פערלאנגט.

דעם 15־טען מאי אין אווענד, האבען מיר, די פארשטעהער פון דער קאלאניע, אין געהיים זיך פארזאמעלט ביי דר. וועקסלער אין שפיטאל און דער גוטהערציגער ארצט, האט אונז אויסגעשטעלט א בריעף צום באראן, אין וועלכען מיר האבען זיך אין נאמען פון דער געמיינדע באקלאגט, ווארום ער האט אונז אויף **פרעמדע הענד** איבערגעגעבען. מיר האבען ביי איהם געבעטען, אינערליכע זעלבסטפערוואלטונג. איבער די קאנטראקטען מיט'ן פראצענט, האט דר. וועקסלער אין בריעף ניט געוואלט דערמאנען, באהויפטענדיג, אז קוים וועט מען באקומען אויטאנאמיע אין דער פערוואל־

Copie

[illegible]
[illegible]
[illegible]

Paris [illegible]

An die
Repräsentanten [illegible]
[illegible]
[illegible] an den Präsidenten

[illegible] vom [illegible]
[illegible] Punkte [illegible]
Die [illegible] in [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] worden [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] werden.
[illegible]
der Colonie Mauricio zu [illegible]
Immediateingaben der [illegible]
als ein [illegible] entgegen zu nehmen.

[illegible] zu prüfen, jedoch auf in diesem Artikel die direkten Ansprüche an den Verwaltungsrath nur in den [illegible] und äussersten Fällen gegriffen werden [illegible] einmal diese Immediateingaben bei der Direktion der [illegible] Association in Bremen [illegible] eingereicht und durch deren [illegible] dem Verwaltungsrathe zugeführt werden.

[illegible] Verwaltungsrath [illegible] die Hoffnung [illegible] dass in Fällen von Übertretung der Anweisungen der Direktion in Bremen [illegible] zu dem gewünschten Ziele führen werde. Diese Hoffnung ist [illegible] eine Erfahrung; denn die Leiter unserer Schiffe [illegible]



די קאפּיע פון באראָן'ס בריעף.

טונג, וועט אויך דיזער פראבלעם געלייזט ווערען.

ניט אויף דער טעלעגראמע, ניט אויפ'ן בריעף, האבען מיר אן ענטפער געזעהן. דאס הייסט גאר פשוט, מען האט אונז אזעלכען קיינמאהל ניט איבערגעגעבען, ווי דאס האט זיך שפעטער ארויס־געוויזען... דער באראן, די גוטע זעעלע, האט יא געענטפערט און ערשט נאך זיין טויט, האט־א בעאמטער פון דער אדמיניסטראציע, אונז בסוד די קאפיע פון באראן'ס תשובה אויף אונזער בקשה ארויס־געגעבען און מיר האבען איהר, לעגאליזירט איבערגעשריבען.

דער בריעף געשריבען אין דייטש, אין נאמען פון דער יק"א, טראגט דעם באראן'ס אונטערשריפט און דעם דאטום פונ'ם 10־טען יולי 1894. איז אדרעסירט צו אונז, די דאמאלסדיגע פארשטעהער פון דער קאלאניע מאאוריציא: דאס איז געווען דער ענטפער אויף אונזער בקשה און אין איהר ווערט גערעדט איבער דער האפנונג דאס די אויטאנאמישע פערוואלטונג פון אינערליכע ענינים אין דער קאלאניע, וועט פיהרען צו אחדות און צו פליי־סיגער טעטיגקייט. אבער איז דער זעלבער צייט, ווערט אויך פעסט אונטערגעשטראכען זיין צוטרויען צו די פערוואל־טער פון דער הויפט־ביורא און אנגעציינט, דאס אלעס דארף געהן דורך זייער פארמיטלונג און נאר ביי גאר דרינגענדע פעלע, זאל מען זיך ווענדען דירעקט.

ווי שוין געזאגט, האבען מיר פון דיזען בריעף וואס איז אנגעקו־מען צו אונז פון דער די עליזעע נומר 2, פאריז, אויך נישט געוואוסט, אונגעאכטעט וואס דארט ווערט אונז כלומר'שט געגעבען א שטיקעל הנחה, אין אינערליכע פערוואלטונגס־רעכט אויפ'ן שפיץ מעסער...

אלס אינטערעסאנטער דאקומענט קומט דא, די קאפיע פון יע־נעם בריעף "וואס דער באראן האט אייגענהענדיג גע'חתמ'עט".

— " —

אם ענדע פון מאנאט מאי, האט זיך די אטמאספערע אין דער אדמיניסטראציע צום גוטען געביטען.

מיר האבען געדרונגען, אז די ענדערונג לטובה איז געקומען אלס רעזולטאט פון דער טעלעגראמע: הגם אונזערע שונאים האבען

דאן פארשפרייט דער קלאנג, ראס די דעפעשע איז געשיקט געוואָ־
רען אויף א פאלשען אדרעס, אז זי איז ניט ר י כ ט י ג געגאנגען,
און דאס דער באראן האט איהר אפילו אין די אויגען נישט געזעהן...
אבער ס'איז דאך א פאקט: מען האט אונז מעהר ניט באלעסטיגט
וועגען די קאנטראקטען. וועלכע זיינען ערשט שפעטער, אין 1895,
געבראכט געווארען דורך לאפינ'ען, בשעת ער איז פון אייראפא צו־
ריק געקומען שוין אלס באשטעטיגער מושל. דיזע, האבען שוין
דעם טערמין צום אויסצאהלען פארלענגערט אויף צוואנציג יאהר
און אין 1901, זיינען זיי געוועקסעלט געווארען אויף אנדערע,
צעהלענדיג די צוואנציג יאהר פון נייעם יאהרעס דאטום.

מען האט אויך אויסגעטהיילט ווייץ־סעמיזשא, די מאגאטליכע
שטיצע און די ארביים בכלל האט זיך נארמאליזירט.

פּיה-סוחרים און מיין „באושא" קוה.

פון חול-המועד־פסח אן, פונ׳ם טאג וואס די 148 פּרויען מיט זייערע קינדער, די משפחות פון די „סאלטעראס", זיינען אנגעקו־מען אין דער קאלאניע, האט אלעס אויפגעלעבט און פראגרעס גע־מאכט. מען האט שוין מעהר ניט געזעהן ארומשלעפּענדיג זיך די פּאר׳חושד׳טע, קויטהיגע „באלאסטאיעס" און נישט געהערט זייערע פּעסימיסטישע דרשות און זייערע קולות דאס „מען דארף פאהרען אהיים"...

יעדערער פון זיי האט שוין געהאט א היים, א שטוב, איז בא־שעפטיגט געווען ביי זיין לאנד־ווירטשאפט. דאמאלסט איז גראדע געווען די צייט אויף אראפּ־צונעהמען די מאאיס און דאס פעלד צוצוגרייטען צום ווייץ זעען.

אייניגע וואס האבען יענעם יאהר א „קאסעטשע" געהאט און ס׳איז זיי פארבליעבען עטוואס געלד, האט זיי די אדמיניסטראציע דעם סכום ארויסגעצאהלט אין מזומן, ניט ארונטערעכענענדיג די סובסידיע, — ערפילענדיג אזוי, די באוויליגונג פונ׳ם הערר קא־זעס. דיזע גליקליכע, האבען זיך מענשליך צונעקלײדט און די בעלי תכליתים אונטער זיי, האבען זיך פאר׳ן געלד געקויפט א פּאאר קיה מיט קעלבלאך, א פּאאר קאלאניסטען פון די גאר רייכע, ד. ה. די וואס האבען פון זייער „אוראזשאי", ארויסבאקומען למשל צו צוויי דריי הונדערטער, זיינען באלד געווארען פיה-סוחרים. איהר שמיי־כעלט? ווי־אזוי איז עס מעגליך מיט אזא נישטיגען קאפּיטאל מיט סקאט צו האנדלען? איהר מעגט אייך מאכען פשוט לאכען אויך: מחמת היינט קאסט איין קוה 200 פּעזאס: אבער מיט דרייסיג יאהר צוריק, דעמאלסט איז אלעס גאר אנדערש געווען!

די ערשטע פּיה-הענדלער אין דער קאלאניע זיינען געווען: אייזיק ווייסמאן מיט זיין ברודער חיים, יונגע־לייט

פון רומעניען, וועלכע האבען זיך דורכ'ן רומעניש, גיך אויסגעלעה־רענט גאנץ געלויפיג אין שפאניש צוריידען. מיט א פאאר הונדער־טער אלס גרונד־קאפיטאל, האבען זיי זיך אוועק־געלאזען אויף א מרחק פון עטליכע לעגואס, (א "לעגוא" איז 5 קילאמעטער). און דארט האבען זיי געטראפען רייכע גוט־באזיצער, איינגענטהימער פון א סך ווילדען סקאט און יענע "עסטאנסיעראס". האבען מיט דער גרעסטער פרייד עמפפאנגען די ברידער ווייסמאן.

— מיר האבען געהערט אז ס'איז געגרינדעט געווארען א קאלא־ניע "רוסא-קודיא"; — האבען די גוטבאזיצער געזאגט. — איהר ווילט דא וואוינען, ארבייטען ארום אגריקולטור און פיהצוכט און מיר זיינען בארייט, אייך ווי ווייט מעגליך אונטערצושטיצען.

אויף דיזען סמך האט מען די ברידערלאך דעם גרעסטען צוטרויען געגעבען. זיי האבען די ערשטע אין דער קאלאניע אריינגעטריבען א סטאדע פון א פאאר הונדערט קיה מיט קעלבער און די תכלית אידען, האבען שוין געקויפט... איך אליין האב ביי זיי איינגע־האנדעלט דריי קיה מיט דריי קעלבער אויף צו גאנצע אכט פעזאס א קאפ.

איך ערינער זיך, דאס בעת כ'האב די דריי בהמות מיט די דריי קעלבער א היים געבראכט און זיי אין קאראל פארטריבען, האט מיין פרוי צו מיר געזאגט:

— זעה נאר אט די ברוינע קיה מיט'ן שעהנעם שלייער! עס שיינט צו זיין אגוטע "לעטשערא"! לאמיר זי מאנסירען, וועלען מיר האבען נאך א מילך־קוה.

— זי איז דאך ווילדער פונ'ם טייפעל אליין! — האב איך ער־ווידערט. — זעה נאר איהר ביסטרען קוק; ס'איז א חיה רעה, נור אויף דורס צו זיין!

— ס'איז ווינציגער פון סכנות נפשות! — האט מיין פרוי גע־שפאסט. — זי איז ניט ווילדער פונ'ם "ריאמאגט", וועלכער איז איצט איינע פון אונזערע בעסטע אקסען.

— ווארף אויף איהר די לאסע! — האט מיין בכור געבעטען; — נעהם פאפא, האב קיין מורא ניט!

קיין גרויסער בריה מיט דער לאסע בין איך קיינמאל ניט געווען... נאר אום מיין פרוי און זיהן צוליעב צו טהון, הערביי טאקע אויך

א האַלדרענטהאַט צו באַווייזען. האָב איך צונויפגעראַלט די לאַסע, צורעכט געמאַכט די פּעטליע און אויף דער „באַזשאַ" אַ שליידער געטהאַן. גליקליכערווייזע איז די לאַסע געפאַלען אַקוראַט נאָכ'ן דין, ד. ה. אַ „מעדיאַ באַסאַל": העלפט איבערן פּנים, אריינגעהמענדיג איין האָרן... אבער ווי נאָר די ווילדע קוה האָט אויף זיך דעם רימען דערפיהלט, האָט זי אַ הומפּען רעווע געטהאַן און גלייך אויף מיר אַ שפּרונג געגעבען... איך האָב קוים אוספּייעט זיך אויף דער ערד צו וואַרפען און זי איז איבער־מיר, ווי אויך איבער'ן פליים פונ'ם קאַראַל אריבערגעשפּרונגען און זיך אַוועקגעטראָגען ווי אַ רוח... אַזוי ווי אַ וויכער האָט זי זיך געדרעהט איבער די צעאַקערטע פעלדער...

פון די שכנים וואָס האָבען דאָס דערזעהן, האָט זיך ווילענסקי און דער יונגער לעווענזאָהן, אויף די פערד ארויפגעכאַפּט און צוזאַמען מיט מיר געלאָפען די קוה צוריק צו ברייגנען: מיר האָבען זי אַנגעהויבען נאַכיאַגען: זי איז נאָך מעהר אויפגערייצט געוואָרען און זיך אונז אַנטקעגען געשטעלט: האָט מיט איהרע קלויען די ערד געגראָבען און שרעקליך געברעוועט... אַנשטאָט וואָס פריהער האָבען מיר איהר געיאָגט, האָט זי נאָר די אָפענסיווע גענומען; האָט מיט אימפּעט זיך אויף אונז געוואָרפען און מיט וואָוטה אונז גענומען פאַרפאָלגען...

מ ש ה ל ע וו ע נ ז אָ ה ן, וואָס האָט אונטער זיך אַ שלעכטען פערד געהאַט, איז פון דער צובושעוועטער קוה אַנגעיאָגט געוואָרען און זי האָט איהרע שפּיציגע הערנער אין בויך פון זיין פערד אריינגעשטאָכען... דער געשייטער ווילענסקי, איז מיט זיין פלינקען „מי־שאַק" צונעשפּרונגען און מיט'ן פערדס ברוסט אַ העפּטיגען שטויס געטהון דער „באַזשאַ", רעטענדיג אַזוי־אַרום, דאָס לעבען פון דעם ארונטערגעפאַלענעם רייטער, ווענעם פערד ס'איז אונטער איהם טויט געפאַלען...

די קיה האָט זיך אַוועקגעטראָגען ווייט אויף די פעלדער און דער ביז'ן טוידט דערשראָקענער לעווענזאָהן, איז צוזאַמען מיט מיר, אויף מיין „שימעל" אַ היים געריטען..

עטליכע מען איז די ב ה ד י נ ע בהמה מיט דער לאַסע איבערן

האַר'ן, ווי אַ ווילדע חיה איבער די פעלדער אַרומגעלאָפן; ביז גאָט האָט געהאָלפן און ס'איז אָנגעקומען דער נומער, געהיימניספולער באַראַבוינע.

דער גאַנצער מענטש

דער גיבער מאַמעס. גלויב איך האָב די ידיעה, דאָס איז דאָך צו זיין געווענטלעך א פּאָר סראָפּן מיטן שפּילן אין איידער לער דער פון דער שורה, מיטן לערנען געהאָלפן האָבן אין זיך באַקע־ נען מיט דער אידישער נשמה פון א האַלבן־ווילדן נאַציאָנאַל. מיט דער איינפאַכקייט פון א פּרימיטיוון מענטש, מיט'ן גערינג־ שעצן באַטראַכטונג.

איבערגעגעבן א יאָרן פּאַרטיי אין די אַלטע געזעצן. דער קען דער איז ... די יאַרדן פון די פּאַפּאַדיסטער? ווי אַלע ווייסן עס איך גיב!

א ברייטער, מיט א צעפלאַטערטן, צעשאָלבענע בוים, גלאַנצענדי־ גע גלאַטע האָר, ... ווי די נירונג פון זיין "אַסטראַ" פּערד. א לאַנגע ... באַרד האָט ער געטראָגן אין פון איינער די געדיכטע אויגנברעמען, האָבן אַרויסגעקוקט צוויי ביינער, ... וועלכע האָבן זיך ווי געפונען אין א חיות טיכעל, מיט דורכן יאָמד באַטראַכטן... א אידישער אר לער נאָז, א פּאָר גראָבע פלייש־ליפּן, פון וועלכע די אונטערשטע איז אַביסל אַראָפּגעהאָנגען און איבער וועלכער ס'האָט געהאָנגען ווי געשמירט א געקרייזלטער שפּיצל. — דאָס איז זיין דער פּאַלעסטינער אידישער גויה.

זיין געדיכטע שוואַרצע האָר, די "מעלענאַ", איז אַרומגעבונ־ דן געווען מיט א שנעע־ווייסער טיכעל, איבער וועלכער ס'איז אַראָפּגעהאַנגען ביז צו דער פּאַטילניצע. ג ע ז ע ס ע ן זיין געלער ברייטראַנדיגער הוט. אויפן האַלדז האָט ער געטראָגן א גר שטרייפטע טיכעל, אַלס א קראַוואַט, א לעדערנער גאַרטל, אודער "פּאַסאַ", באַלויגט מיט זילבערנע מטבעות, האָט ער אַרום די לענ־ דן געהאַט און הינטער איהם, האָט אַרויסגעשטעקט א לאַנגער טאַראַצער "פּאַסאַ" מיט א זילבערנעם העגטל אין אַרום, און נאָכער דאַנגען א פּאַטלאַוואַטע "פּרייבאַ". דאָס האָט זיין אינטערעסאַנט

דער גאאוטש באראבוינא.

מהייל קערפער איינגעוויקעלט ביז צו די פיס, אויף וועלכע ער האט געטראגען קאלירנע שקארפעטקעס און ווייסינקע "אלפארגאטאס".

זוי א גענעראל איז ער שטאלץ און זיכער אויף זיין "אסקורא" געזעסען. דאס איז געווען א סאמעט־שווארצער, ברענענדער. פלינקער פערד מיט קליינע אויערן און פייערדיגע רויטהעליכע אויגען, וואס איז באפוצט געווען, מיט א שעהנער געפלאכטענער צוים, א "באסאל", א גוט אויסגעבעטען שפאנישען זאטעל. ביי וועמעס זייטען עס זיינען אנגעטשעפעט געווען די לאסע און די "באליאראראס".

אויפ'ן פלייצע איז איהם אריבערגעהאנגען א גיטארע, א מעטאלענער טשייניקעל און א מאטע־באמביזשא איז אנגעבונדען געווען.

זיין פאמיליע איז באשטאנען אויס א קליין געפלעקט הינטעלע, וואס איז ביי איהם געלעגען פארענט אויפ'ן זאטעל און הינטען, א קליין שווארץ־חנ'עוודינע מיידעלע פון א יאהר צעהן, האט מיט איהרע הענטעלאך איהם פעסט ארומגעהאלטען.

אט אזוי, מיט אזא אויסשטאטונג, מיט דער דאזיגער רייכטהום, איז ער צו אונז אין גרופע אריינגעריטען.

ער האט זיך ביי מיר איינגעבעטען אין א ווינקעל פונ'ם גאלפאן זיין וואוינארט אויפצושלאגען... דארט האט באראבוינא זיך באזעצט. די קאפ פון א גע'פגר'טער קוה, האט ער אלס זיין שטוהל געמאכט. האט צוזאמענגעקליבען אויסגעטריקענטע בוריאנדלאך, א פייער געמאכט און דעם טשייניקעל צום "מאטע" קאכען צוגעשטעלט.

נאכדעם ווי ער פלעגט איינינע מאטעס אויסזופען, האט ער מיט רחבות די גיטארע אין האנד גענומען און א ים מיט הערצרייסענדע טענער, האבען זיך פון אונטער זיינע ברוינע, האהריגע־פינגער צוגאסען.

ביים שיין פון דער העהלער לבנה, פלעגען מיר, אלע איינוואוינער פון דער גרופע, זיך נעבען איהם אין שייער אויסזעצען און ענטציקט אויסהערען זיין מעלאנכאליש זיסע שטימע, מיט וועלכער ער פלעגט די טענער פון דער גיטארע באגלייטען. זיינע טרויערינע מעלאדיען, פלעגט אין אונז דערוועקען דאס בענקענעש נאך דער אלטער היים; פלעגט אונזער דמיון פארטראגען ביז'ן כרמל, איבער־

די פעלדער פון בשן, אין די גאסען פון לעגענדארישען בית לחם און אפטמאל, אין פיעל נאך העכערע, בעסערע און גליקליכערע וועל־טען. וואו ס'איז ניטא קיין נויטה, ניטא אזוי פיעל פיין און וואו ס'הערשט יושר, צדקות און פריינדשאפט...

זינגענ; פלעגט ער פון ליעבע, פון פרייהייט, פון די ששהנע, גרי־נע, אונדורכדרינגבארע אור־וועלדער אין טשאקא, פון די גרויסע באריהמטע נאציאנאלע העלדען, די געגעדאלען כאסע דע סאן מארטין און מאנועל בעלגראנא, וועלכע האבען זיין היים־געליעבטע "פאטריא" פון פרעמדען יאך באפרייט.

מיט אנ'אומבאגרענעצטער ליעבע, פלעגט ער זיין פאמיליע, דאס הינטעלע און להבדיל דאס מיידעלע באהאנדלען:

— "הוערפאנא קערידיטא", — טהייערע יתומה'לע, פלעגט ער זי כסדר אנרופען און איהרע שווארצע, לאנגע האהר, מיט טריישאפט גלעטען און דערביי האבען זיינע ליפען שטילערהייד געשעפ־טשעט: — "איגוואל א מי קערידא אניטא, סו מאדרע":—עהנליך צו מיין טהייערער אניטא, איהר מוטער! — און זיינע אויגען פלעג־גען גלייך באקומען א שמערצליכען, אומעטיגען אויסדרוק.

צארט און מילד ווי א שעפעלע—פלעגט ער דאמאלסט ווערען און מיט ליעבשאפט. האט ער דאן אונזערע קליינע קינדער ארומגע־ארעמט און צום הארצען געדריקט. דאס קלייגווארג האט איהם דער־פאר שטארק ליעב געהאט. האט ער נאר א סענט פארמאגט, אזוי האט ער צוגלייך מיט פאפיראסען און "זשערבא", אויך קאנפעקטען פאר די קינדער געקויפט און עס פארטהיילט אונטער אלע זיינע ליעבלינגע...

די קינדער' האבען שוין געוואוסט, דאס ווען באראבוינא בראט א "מוליטא" אדער א "פעלודא'': ווען ער מאכט אן ,,אסא־דא'' פון די דאזיגע ערד חזירים'לאך, אדער ווען עס געלינגט איהם צו פאנגען א גאמא־הירשעל, א מארטינעטא־טויב, דארפען זיי אלע זיך ארומזעצען ביים פייער, מיט איהם מיט־עסען דאס בראטען און פארזופען מיט א פאאר "מאטע־דולסעס".

ווי גוייך, מילד און איידעל ער איז געווען, האלטענדיג די גיטא־רע אין האנד; פונקט אזוי בראוו, העלדיש און פלינק איז ער מיט'ן מעסער ארומגעגאנגען. איז ער אויף זיין "אסקורא" געזעסען און די

לאסע אדער די "באליאדאראס" אין האנד גענומען, האט קיין "נאוויזשא" אדער "פאטרא", ווי ווילד עס זאל ניט זיין, פון איהם ניט געקענט אנטרינען. אויף וועלכען טהייל פון דער ווילדער חיה, מען האט איהם געהייסען טרעפען: אויפ'ן האלדז, די הערנער, דעם לינקען צי דעם רעכטען פוס, וואו מ'האט פערלאנגט, דארט האט ער געטראפען. באראבוינא פלעגט די לאסע צונויפראלען, א הילכענדער פייף האט דורכגעשניטען די לופט און דער "אנימאל" האט זיך שוין געצאפעלט אין דער פעטליע.

מיט דער אויבען דערמאנטער באזשא־קוה, האט ער זיין בריה'ש קיינט באוויזען.

בלויז מיט דער "רעווענקע" אין האנד, איז ער דער ווילדער בהמה אנטקעגען געגאנגען. ווען די קוה האט זיך א לאז געטהון, אום איהם דורס צו זיין, האט ער מיט דער פלינקייט פון א קאץ, אפגעשפרונגען אן א זייט, האט איהר ביי א הארן אנגעכאפט און אינ'ם זעלבען אויגענבליק, איז ער שוין אויף איהר רייטענדיג געזעסען. די ווילדע, איז געשפרונגען, זיך אין דרייען געבויגען, האט מורא'דיג געדעוועט, מיט די קלויען די ערד־געשארט — אבער דער העלדישער גאאוטש, איז אויף איהר האלב גלעגען, האט איהר מיט זיין "רעוועקנע" צווישען די העהרנער און איבערן מח געקלאפט און אזוי איהר ענדליך באהערשט.

ס'איז באמת איינדרוקספול און איבערראשענד געווען צוקוקענדיג, ווי דער מענש קעמפפט מיט דער חיה. די קוה איז באנאסען געווארען מיט א הייסען שוים: האט געפיניעט, ארויסגעשטעקט אין גאנצען לענג, איהר צונג — איז מיעד געווארען און זיך צו דער ערד געווארפען. באראבוינא איז שנעל אראפגעשפרונגען און ערקלעהרט:

— בוענא! דזשא עס מאנסא! — און זי איז ווירקליך געווארען רוהיג, געצאהמט, שטיל ווי א קינד. א סך יאהרען האבען מיר איהר נאכהער געמאלקען און עטליכע דורות ביקלאך, אדער "נאווישאס" פון איהר חערלעבט.

אנפאנגס האב איך פאר איהם מורא געהאט. זיין שווייגזאמקייט, זיין שטענדיגע שטילקייט, פלעגט אויף מיר א פחד ארויפווארפען. אלע אפשטאמלינגע פון די אינדיאנער, ווי מ'זאגט: בלוטדורשטי־

נע און רויבגיעריגע ברואים, זיינען דאך באריהמט מיט זייער פאר־טראכטענעש, מיט זייער שווייגען... נור באראבוינא איז אין דיזער הינזיכט אויך אן אויסנאהם געווען. אפטמאהל פלעגט ער זיין פאר־טרויליך, רעדבאר; זיצען מיט אונז, טרינקען א מאטע און לאנג ריידען: דערצעהלען, ווי זיין שטייגער איז געווען, פון דער גרויסער פאמפא. פון פרייען לעבען אין וואלד און אין סטעפ, אבער אין סא־מע מיטען פון אזא שמועס. האט ער גאר פלוצים איבערגעריסען און פלעגט ווי א פעלז שטום ווערען!..

אך, ווי גרויסארטיג שעהן און ווי שפאנענד עס זיינען געווען זיי־נע ערצעהלונגען, איבער די סודות פון די אורוועלדער אין טשאקא, וואו ער האט זיין יוגענד פארבראכט; וואו ער האט זיך מיט'ן אמע־ריקאנער טיגער — דעם יאגואר, פנים אל פנים אנגעטראפען.

— ארומגעוויקעלט דעם ארעם מיט דער "פאנטשא", האב איך דעם בעזען, בלוטדורשטיגען יאגואר, מיט מיין מעסער אפגע־ווארט, — דערצעהלט באראבוינא. — און ווען ער האט אויף מיר זיין קעצישען שפרונג געטהון, כדי די נעגעל אין מיר אריינצוהאַ־קען, אין דער דאזיגער פירכטערליכער מינוט, האב איך מיין קאלט־בלוטיגקייט ניט פארלוירען; רוהיג האב איך מיין מעסער אנטקע־גען געהאלטען און מיט זיין טרפה'נער הארץ, איז ער פונקט אויפ'ן שפיציגען שטאהל ארויפגעשפרונגען... אומגעזאמט, האב איך זיין געפלעקטעס העמדעל אראפגעשונדען...

מיט ענטציקונג פלעגען מיר אויסהערען זיינע שילדערונגען אי־בער דעם זיד-אמעריקאנער לייב, די "פומא".

— אה פאטראן! — האט ער באגייסטערט געזאגט. — ווען דו וואלסט נאר דער "פומא" געזעהן! דו וואלסט זיכער באוואונדערט דער שעהנער שטאלצער חיה! ווען זי דערזעהט דעם מענשען, עפענט זי אויף איהם איהרע שעהנע, רויטהליכע אויגען, באטראכט איהם פון קאפ ביז צו די פיס: אבער אליין ריהרט זי ניט מיט קיין אבר! שטעהט אנטקעגען מיט'ן קיילעכדיגען קאפ פאררוסען אין דער הויך, פונקט ווי איינער זאגט: קוק מענש, באטראכט ווי הערליך די וואלד קעניגען איז! זעלטען טרעפט עס, דאס זי זאל דעם מענ־שען באפאלען. דאס געשעהט נאר, ווען זי איז גרייליך הונגעריג, אדער ווען, דער מענש האט איהר צוערשט אנגעריפען.

א זעלטענער מספר, א פיינער רעדנער איז ער געווען. יעדעס וואָרט האָט ער ריכטיג און קלאָהר אַרויסגערעדט, פלעגט עס מטעים זיין און ווען מיר האָבען עטוואָס ניט פאַרשטאַנען האָט עס באַראַבוינא איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָהל און כסדר איבערגעפרעגט: "קאָמפּרענדע"? און ביז מען האָט איהם ניט געענטפערט: "סי, סי, סי, סי, מיר פאַרשטעהען!" איז ער פון'ם אינהאַלט ניט אַוועקגעגאַנגען.

איבערהויפּט פלעגט ער לעבהאַפטער ווערען, בעת ער האָט גענומען דערצעהלען פון'ם ריאָ נעגראָ, וואו ער האָט אויך זיין ליעבלינג, דעם "אַסקוראָ" זיינעם געפאַנגען.

— שטיל, "קאַזשאַדיטאָ". ביז איך מיר געלעגען צעווישען די הויכע גראָזען; — דערצעהלט אונז באַראַבוינאַ: — און פּונקט ווי אַ טיגער האָב איך געלויערט אויף מיין אַפּפער. די זון ברענט אַלץ שטאַרקער און דער דורשט טרייבט די ווילדע סטאַדעס פערד צום טייך. דאָרט זיך אַנצוטרינקען. אַ יונגער "פּאַטראָ", מיט זעהר לאַנגע שוואַרצע האָהר, דעם קאָפּ איינגעצויגען ווי אַ בויגען, ביז צו דער ערד, איז לאַנגזאַם מיט אַ פּאַרטריקענטען, אַרויסגעשטעקטען צונג, צום טייך געגאַנגען. איך ציה איין אין מיר דעם אָטהעם און וואַרט. אַז ער קומט פּאַמעלאַך צו נאָהענט, נעבען מיר, גיב איך ראַפּטום אַ שפּרונג. האַלט שוין זיין לאַנגע גריווע אין מיין האַנד און זיץ שוין טאַקע אויך אויף איהם .. ער צופּודזשעט זיך, הויבט־אָן ווילד צו לויפען, דריגעט אין אַלע זייטען, שטעלט זיך דובאָם און איך קיצעל איהם מיט מיין "רעוואָנקע" צווישען די אויערן, קלאַפּ איהם איבערן קאָפּ און גיב איהם צו פאַרשטעהן אַז איך בין שוין זיין בעל־הבית... ער ווערט אַזש ווייס פון שוים און שוויים, מיעד פון זיין גאַלאָפּ, פאַרשמאַכט פון דורשט און גיט זיך אונטער. "מאַנסאָ" — זאָג איך! טהו אַן אַ צוים און באַסטאַ!

אַט ביי אַזאַ ערצעהלונג, בלייבט ער פּלוצלונג שטיל: האַקט־אָפּ אין סאַמע מיט'ן־דריגען און כאַפּט אַ שוויינ... אָבער אַזאַ שווייגען, עפּעס אַזאַ אימה'דיגע שטילקייט, אַז עס כאַפּט אַזש אַן אַ ציטער און אַ סקרוך דרינגט אַדורך איבערן לייב. זיינע שוואַרצע רויטהליכע אויגען פלעגט ער אַרונטער־ציהען הינטער די לאַנגע ברעמען, זיך אַנכמורען, אַריינ'נעהמען די "באַמביזשאַ" אין מויל

אריין, זי מיט די צייהן איינבייסען און זיצען ווי פארגליווערט. שטיל... א טוידטע שטילקייט פלעגט זיך פארשפרייטען ארום איהם. זיין פייערדיגע באגייסטערונג פלעגט אויסגעלאשען ווערען און באראבוינע זיצט שטום...

זיין שווייגען פלעגט אויף מיר אניאגען א שרעק. זיין גרויסער פאקאן, וואס האט אימער ארויסגעשטעקט פון אונטער'ן גארטעל, האט נאך מעהר די שרעק פארמעהרט. די אנגעוועהטאגטע גלות־נשמה, פלעגט אויפצאפלען: אזא גרויסער מעסער, א ווילדער מענש אין פעלד אליין און ביינאכט... איך פלעג זיך פארזיכטיג אפרו־קען, איהם איבערלאזען אין זיין איינזאמער פארטיפטקייט און שנעל זיך אריינכאפען אין שטוב אריין.

ביסלעכווייז האב איך זיך צוגעוועהנט צו איהם און די מורא איז פארשוואונדען.

זיינע נאאיווע פראגען פלעג איך מיט נייגעריגקייט אויסהערען.

— פאטראן! — האט ער אין א טאג געפרעגט, — וואס האט דיין "אמיגא" ראזענפעלד, צו וועלכען דו האסט מיר פרייטאג צו־נאכט געשיקט נאך א בוך, עפעס דארט געערדט צו צוויי קוילעטשען?

— באראבוינא וואס פלאפלסטו? וואס הייסט ער האט גערעדט צום ברוידט?

— "דעווערא", אויף נאמנות פאטראן! — באשטעטיגט ער. — כ'האב אליין געזעהן, ווי דער טיש איז געווען געגרייט, פארשפרייט מיט א קלאהרען טישטוך. אויבען־אן זיינען צוויי ווייסע "פאטעס" געלעגען און סעניאר ראזענפעלד, האט עפעס צו זיי גערעדט: האט נאכהער די "פאנעם רוסאס" צעשניטען, זיין עלטערן זון, מאנ־דיק, געגעבען א פעניצעל: זאזיען, דעם איינגערן — א שטיקעל און צו דאניא סארא, האט ער הערלאנגט א שטיקעל קוילעטש. וואס באַ־דייטעט דאס?

— באראבוינא, דאס האט ער גאט געבעטען. נו פארשטעהסטו שוין?

— אוי, "רוסאס סאנסאס!" — נאראנים וואס איהר "רוסען" זיינט! — ענטפערט ער און שאקעלט באדויערנד מיט זיין קאפ. — אפילו צום ברוידט "רעזא'ען" זיי אויך!.. נאר זיי דאווענען! וואס

פאר א מאדנע פאלק איהר זענט!

שפעטער האט ער געזעהן מיין שכן, דעם שוחט קרעלל, קידוש מאכען איבער א כוס.

— אפילו ווען זיי טרינקען "קאניא" דאווענען זיי אויך! — חידוש'ט זיך באראבוינא.

ענטצוקט איז ער געווען פון דער אידישער שחיטה. אויפ'ן שוחט האט ער מיט יראת הכבוד געקוקט.

— "בוען מאטאריפע!" — א פעהיגער שעכטער, האט ער אויף איהם א שבח געזאגט. — ער הרג'ט געשווינד און האט א זעהר שעהנעם מעסער. "לינרא קוטשיזשא".

—פארוואס קוילעט איהר אליין נים קיין "אנימאל"? ס'איז דאך א אמת'ר פארגעניגען, פאטראן! — האט ער מיר אויף זיין שטייגער טעזוכט צו איבערצייגען.

— א פארגעניגען צו פארגיסען בלוט? וואס רעדסטו בארא־בוינא? פיהלסט דען נים דאס חיה קיין צער, ווען מען שעכט איהר?

— נו פאר־וואס־זשע האט "דיאס" אזוי די וועלט באשאפען? זאלסט נאר זעהן פאטראן, דארט אין וואלד, ווי אלעס לעבט נאר פון בלוט, פון יענעמס בלוט!...

— אין וואלד באראבוינא איז עפעס אנדערש. אבער מיר זיינען דאך מענשען, נים קיין חיות!

— מענשען! גאט! — האט ער שפאטיש ווידערהאלט, מיט כעס אנגעכאפט דעם שטילכעל פון זיין קינזשאל און דערביי האט זיך פון זיינע צוזאמענגעסטשירעטע צייהן, ארויסגעריסען א פארבי־טערטע קללה, אויף גאט און אויף זיין מאכען דער זונה, — ווי דער מנהג איז ביים גאאוטשא. און אין זעלבען מאמענט איז דאס אינ־דיאנער בלוט פארגליהוערט געווארען אונטער זיין ברוינער הויט און עס האט איינגעטראטען דאס שטילשוויינען.

— ווארום ביזטו אפט אזוי טרויעריג? — האב איך זיך אין א טאג געזוכט צו ערקונדיגען.

— מיין "טריסטעזא" פאטראן, קומט פון עלענדקייט! אך — זיפצט ער שמערצליך אפ. — קען נאך זיין עטוואס שלימערעס פון עלענדקייט? דו פיהלסט אז דו ביזט שטענדיג אליין, איינזאם, עלענד. האסט פאר זיך קיינעם נים פאר וועמען דיין טרויער צו

ענטדעקען, דיין אומעט איבערצוגעבען. האסט קיין איינציגע פריינדליכע האנד נישט, וואס זאל דיינע האהר גלעטען ווען דו ביזט אין טרויעריגע רעיונות פארזונקען! האסט...

— וואו איז אהינגעקומען דיין אניטא? — האב איך געוואגט, אין א טאג איהם צו פרעגען.

דערהערענדיג מיין פראגע, איז א ציטער אדורגעדרונגען זיין גאנ־צען קערפער און זיין האנד, האט זיך אינסטינקטיוו געכאפט צום ווייסען שטילכען פון "פאקאן". די אויגען זיינע איהם מיט בלוט פארגאסען געווארען... ער האט קרעמפפהאפט מיט די ציינער פארביסען, זיך אבגעקעהרט פון מיר און שווייגזאם אוועקגעגאנ־גען. מעהר האב איך איהם דערפון שוין ניט ערמאנערט.

א יאהר פינף, איז ער אבגעוועזען ביי אונז און אין א שעהנער אויסגעשטערנטער נאכט, איז ער, מיט זיין גאנצער פאמיליע נעלם געווארען, און מעהר האבען מיר איהם שוין אין די אויגען ניט געזעהן.

נור לאמיר זיך אומקעהרען צוריק צו אונזער ערצעהלונג און איבערגעבען די איינצעלהייטען פון דער ענטוויקלונג און פראגרעס. וואס אונזער קאלאניע האט שטופענווייז געמאכט.

כישה "דיאָקאָ" באַפרייט אונז פון צרות.

ווי איך האָב שוין אויבען דערצעהלט, האבען די 148 אנגעקו־מענע פרויען און קינדער, די משפחות פון די "סאַלטעראַס", פריש־לעבען און מונטערקייט אין דער קאָלאָניע אריינגעבראכט. דער פעסימיזם איז צייטווייליג פארשוואונדען. די נאַטירליכע לעב־האַפטיגקייט פון דער יוגענד, די מיידלאַך און בחורים וועלכע זיי־נען מיט זייערע מוטערס פון אייראָפּאַ אנגעקומען, האבען דאָס חשבונות און דעם אומעט פארטריבען. אויף די פעלדער, צווישען צייטיגען מאַאיס, האָט זיך די יוגענד צעשפּרייט און געריסען די ציכטיגע, העל־גאָלדענע אָדער ווייסע קוקורוזע. איינציגע בעסאַראַ־ביער, האבען אויף זייער שטייגער, פאַ מאַלדאַוואַנסקאַמו, גע־פליקט די קאַטשענעס און עס מיט די "העמדלאַך" אַ היים גע־בראַכט; ביים שטוב, גאַנצע קופּעס אנגעשאָטען און נאָכהער צו־זאַמענגעשטעלט טאַלאַקעס פון צעהנדליגע מיידלאַך מיט בחורים, און אין די ליכטיגע לבנה־נעכט, די מאַאיס פון דער לושפּע אויס־געשעהלט, צוזינגענדיג דערביי, פרעהליכע רוסישע און מאַלדאַוואַ־נישע ליעדער.

די רוסישע "פעסניעס", האבען זיך געטראָגען ווייט אין דער העלער נאַכט און די גאַנצע קאָלאָניע האָט מיט־געזונגען; ווייל גראָדע יענעם יאָהר, איז די קאָסעטשע פון מאַאיס, זעהר אַ געראָ־טענע געווען. דערצו האָט נאָך דאָס גליק צוגעשפּיעלט און דער פּרייז איז אויך געווען אַ הויכער.

לעאָן סענאַל, דער אויבענדערמאַנטער קאַפּאַטאַס, איז געקומען אין באַגלייטונג פון אַן'אויפקויפער און האָט געצאָהלט צו 4.80 פעזאָס די פאַנעגאַ, אָדער די הונדערט קילאָגראַם. איינ־גע וואָס האבען שוין די קוקורוזע אַרונטערגענומען, — געוועהנליך די, וואָס האבען געהאַט אַ צאָהלרייכע הויזגעזינד: — האבען גלייך דעם מאַאיס פארקויפט, און אַזוי ווי דער אַדמיניסטראַציע האָט מען

נים גערארפט צאהלען, האבען זיי פאר'ן געלד צונעקויפט נאך בהמות, זיך אויסגעקליידט און באקומענדיג צו־דעם נאך די "שטיצע" בשלימות, זיינען זיי, אויף דיזען אופן, געווארען גאנ־צע גבירים.

אבער נאר געצעהלטע קאלאניסטען האבען דאמאלסט פאר־קויפט די איבעריגע, און איך אויך בתוכם — האבען געוואלט זיין חכמים... שפעטער וועט נאך טייערער זיין! מען האט דעם מאאיס געהאלטען און שפעקולירט! נו, פרעגט שוין נים, וואס ס'איז שפעטער געווארען מיט די קוקורוזע!

אבער דערווייל, אז מ'האט געזעהען דאס מען צאהלט אזא הוי־כען פרייז, 4.80 פעזאס, איז געווארען פרעהליך און מען האט גע־ארביים מיט חשק. מען האט זעהר א סך ווייץ פארזעעט. די אדמי־ניסטראציע האט יעדען פארזארגט און קיינעם נים געזשאלעוועט קיין זריעה; האט אויך געגעבען "סולפאטא דע קאברע", די "סעמיזשע" צום וואשען און האט זיך נים געמישט צו אונזער ארביים...

ב ר א נ ד ע ס איז שטארק פארנומען געווען. עפעס א קלייניג־קייט: אזוי פיעל מארמאזעלען און ווייבלאך, גאר פרישע, ערשט ניי אנגעקומענע!... ער האט געזוכט און צו אונזער שאנד, אויך טהייל־ווייז געפונען...

דער ווינטער איז פאראיבער מונטער, לוסטיג און פרעהלאך.

ביים ענדע פונ'ם פאסיעוו, אין אויגוסט, צום סוף פון היגען ווינטער, האבען מיר אביסעל שוועריגקייטען געהאט: די אקסען האבען זיך אונטערגעזאגט... נעבאך זקנים, אויסגעהארעוועטע גע־ווען. די אדמיניסטראטיוונע כאבארניקעס, האבען אונז מזכה גע־ווען מיט די דאזיגע אקסען, וואס זיי האבען פון אונזערטוועגען איינגעהאנדעלט און זיי אויף להכעים. האבען די אקסען זיך מיישב געווען און פאר מיעדקייט, געכאפט א פגר... צו אקערן וויי־טער, אויף צום זעען מאאיס, איז ניטא מיט וואס און די נחשלים האבען דעם פאסיעוו ווייץ אויך נאך נים געהאט פארענדיגט.

איז מען געגאנגען צו בראנדעס'ן, האט ער אונז געהערט ווי המן דעם גראגער... ער איז פונקט דאמאלסט פארפלאנטערט געווען אין א מיאוסער מעשה... איז געשטאנען פאר א דועל מיט איינעם

א גדול'ס א זוהן פון פאריז, צוליעב דער רויטהער פראנצויזקע...

אין דער דירעקציע האט מען פון אונז נישט געוואלט וויסען. די דירעקטארען זענען הפנים ברוגז געווען, פאר אונזער טעלעגראמע און דעם בריעף, וואס מיר האבען געשיקט דירעקט צום באראן הירש. עס איז פשוט ניט געווען מיט ועמען צו רייהדען.

נאר צו יעטווידער מכה איז אבער צוגעגרייט א רפואה. דער פראגרעס האט אויך זיינע שלוחים, וואס ווייזען דעם וועג און פיהרען צום פארשריט.

צו אונז איז דאן אנגעקומען אזא מורה־דרך. א רבי. מ ש ה ז י ל ב ע ר ש ט י י ן, איז זיין נאמען געווען; אדער ווי די קאלאניסטען האבען איהם מיט ליעבשאפט גערופען: "משה דיאדקע". ביי יענער פארלעגענהייט האט ער אונז דעם וועג געוויזען און געלעהרענט, מ י ט ו ו א ס א ו ן ו ו י א ז ו י, מען זאל אקערען און די ארבייט פארטזעצען.

נעמליך: ער האט געלעהרענט די קאלאניסטען צו מאכען הילצערנע יארמא'ס; נעהמען צוויי יעהריגע קעלבער און איינשפאנען אין דער יארמא און מיט זיי דאס פעלד אקערען. אנשטאט דעם "זשוג", וואס ווערט צוגעבונדען מיט רצועות צו די הערנער פון די גרויסע אקסען, כמנהג ארגענטינא, האבען יונגע "נאוויזשעקעס" געצויגען דעם פלוג, דורך דער יארמא וואס איז געווען אנגעטאהן אויפ'ן האלדז. די ארבייט האט אזוי ארום באקומען אן אייראפעאישען אויסזעהן.

כ'בין א בעלן פארצושטעלען דעם טיפ פון אט דעם דאזיגען רבי'ן, פון משה דיאדקא. ער האט דאך דאמאלסט דעם פראגרעס פאראוים געטריעבען און הערום, פארדיענט ער גאנץ ארענטליך אייניגע שורות. נאך היינט, איז ער אויך אנ'אידעאליסטיש־אידישער בויער, וואס חלום'ט יעצט, אויף דער עלטער, צו פאהרען קיין ארץ ישראל, אום דארט, אונזערע ציוניסטען צו לעהרנען. דאס ארץ האבות צו בעארבייטען.

א הויכער, ברייטביינערדיגער מענש, פון א יאהר 35 — איז ער דאמאלסט געווען. געקומען איז ער פון אדעס, וואו ער איז געווען א בענדיוזשניק: האט פארמאגט אייגענע צוויי בענדיוגעס און געפיהרט משאות פונ'ם האפען, ביים שווארצען מעער.

דער "דיאדקא" — משה זילבערשטיין.

ביי זיין אנקומען האט ער קיין קאלאניסט ניט געוואלט ווערען. ער האט פארגעצויגען בלויז א "פעאן" — א טאגלויהנער צו זיין. און ער איז טאקע געווען דער ערשטער אידישער פעאן אין דער קאלאניע.

ער האט צוזאמענגעקויפט צוויי־יעהריגע ביקלאך און האט דער־ביי מקפיד געווען, דאס אלע זאלען דוקא זיין רויטהע, און האט זיי אויסגעלעהרענט צו ציהען אין דער יארמא. האט זיי איינגע־שפאנט אין דער בענדריוגא, וואס ער אליין האט צונויפגעשטעלט, אנגעלאדען מיט זעקלאך מאאיס און גענומען צו 10־12 סענט, פער זאק, פוהר־געלד ביז קאסארעס. פינף בענדריוגעס האט ער זיך אזוי פאבריצירט, אין יעדערער איינגעשפאנט א פאאר עקסלאך, זיי איינגעוועהנט נאכצוגעהן איינער נאכ'ן אנדערן, בעת ער אליין האט אנגעטריבען די ערשטע אין פראנט און די איבעריגע פיער, האב־בען זיך הינטען געצויגען. יעדע בענדריוגא האט געפיהרט פון 16 ביז 18 זעק מאאיס. ער איז געווארען דער ערשטער אי־דישער "טשומאק" אין קאלאניע.

אויף דער רייזע, פלעגט ער אויסשפאנען אלע צעהן רויטהע עקסלאך, זיי אפלאזען און אליין זיך אנטהון אין טלית און תפילין... די עקסלאך האבען געפאשעט און ער — געדאווענט. א פייערל האט געברענט ביים זייט פונ'ם וועג און דאס טשייניקעל האט גע־זאדען. ווער ס'איז נאר דורכגעפאהרען, האט זיך געמוזט אפ־שטעלען און מיט איהם צוזאמען א מאטע טרינקען; זיך אביסעל דורכשמועס'ן און פון איהם הערען א אידיש ווארט. ער איז גע־ווען אן אנגעלעהרענטער ארטאדאקסיקשער איד, האט דארט איז אדעסער "פת לחם", זיך אנגעהערט א סך גלייך־ווערטלאך פון מגידים, און ס'איז מיט איהם אנגענעהם געווען צו ריידען. די קא־לאניסטען האבען זעהר ליעב־געהאט מיט איהם צו שפרעכען.

אויף די קאלאניסטען האט ער שטענדיג און אפילו נאך היינט־אויך — געקוקט ווי אויף געצערטעלטע קינדער, ווי אויף רייכע יורשים וואס ניט זיי קענען און ניט זיי ווילען קע־נען, די שווערע אגריקולטור ארבייט... תמיד האט ער נביאות געזאגט, אז די קאלאניזאציע וועט ניט זיין דויערהאפט.

אויפ'ן באראן איז ער בסדר ברוגז געווען:

ער האט נאך ברייטער געמאכט דעם גלות! — האט ער צו מיר איינמאהל געזאגט. — זיין אידעע שטאמט נישט פון דער אידי־שער נשמה: קומט ניט פון הויכען אידישען גייסט!... זי קוועלט ארויס פונ'ם הארצען בלויז! ער האט א גוטע הארץ! דארט אין הארצען ליעגט דאס לעבען... דער גשם, אבער ניט די נשמה!

ער האט די קאלאניסטען זעהר פיעל געלעהרענט, זיי גע'מוסר'ט און אפטמאהל אויך געשפאסט פון די געוועזענע סוחרים און מלמדים, וואס זיינען נעבאך אויף גרויסע צרות געווען ביי דער שווערער עבודת־האדמה.

אזוי האט ער געטשומאקעוועט מיט זיינע עקסלאר, האט אבי־סעל געלד צונויפגעקליעבען, ביז לאפין איז איבער איהם געקומען און איהם איינגערעדט, א קאלאניסט צו ווערען.

אה! אונטער די פילאנטראפישע פליגלען, האט ער שוין גאר אנדערע ליעדער געזונגען! ער האט שוין מעהר קיין שפאס ניט געטריעבען מיט די שלימזל'ניקעס! יעצט איז ער אנ'אלטער קאלאניסט, וואס באוויינט דעם חורבן מאאוריציא און האט שטארק חרטה אויפ'ן עבר... מיר'ן נאך איהם באגעגענען אין אונ־זער דערצעהלונג.

משה דיארקא, האט דאמאלסט מיט זיין יארמא־סיסטעם, דער קאלאניע ארויסגעהאלפען.

— " —

די ארבייט איז לעבהאפט געגאנגען. דער ווייץ האט געגרינט און מ'האט געאקערט אויף מאאים און דערביי געזעצט גערטנער. ס'האט אנגערוקט דער היגער פריהליגג — סעפטעמבער, אדער דער ארגענטינישער מאי. ווארים, ליכטיג און שעהן. די פארזעעטע לאנען זוייץ און ליאן, שפיגלען זיך אפ אנטקעגען דער זומערדיגער זון, אויף ווי־ווייט דאס אויג פארכאפט. הונדערטע מענשען, יונ־גע און אלטע, גרויסע און קליינע, זיינען אויף די גערטנער פאר־שפרייט און זעצען ציבעלעס... אלערליי זריעות, האבען די פויי־לישע און בעסאראביער אנגעקומענע פרויען מיטגעבראכט און איי־נע מיט דער אנדערער האבען זיך געביטעטען:

— נא דיר ראבע פאסאליעס צום פארזעצען און גיב מיר רעטשקע. לאמיר כאטש האבען אביסעל היימישע קאשע! — א

מאכל נאך וועלכען מען האט שטארק געבענקט. — האט געבעטען א אידענע.

— אט נעהם אביסעל הייגים־זוימען! — האט א פוילישע פרוי פארגעשלאגען איהר שכנ'טע.

דאס לעבען איז זיך מילד און ליעבליך געפלאסען... אומעטום האט גע'רעש'ט, געשומט און געברויזט... פון איבעראל האט עס געטריעפט מיט צופרידענהייט און האפענונג.

ס'זיינען אנגעקומען די ימים טובים. אך, ווי פרעהלאך האט מען געפראוועט דעם סכות! אקוראט ווי אמאהל ביי די ארענדא־רעם אין די דערפער, האט מען אויך דא, א טאפ מיט פראקעס. דער קליאטשע אויפ'ן האלדז אנגעהאנגען און שמחת־תורה, איז מען פון איין קאלאניסט צום צווייטען ארומגעגאנגען יום־טוב־ביטען.

— פון היינט, א גוט יאהר! — שרייעט מאזעס שמולטשוק, א געזונדטער פעסטער דארפס־איד און א פלייסיגער קאלאניסט, און קעהרט אריין מיט איין גאס, דאס גלעזעל ספירט אין מויל אריין...

— לחיים! — ענטפערן איהם אפ אלע איינוואוינער פון דער גרופע 41, וואס האבען דאן, דעם שעהנסטען, רייכסטען פאסיעו געהאט און האבען יענעם יום־טוב אויפ'ן חשבון, זיך היבשלאך משמח געווען און לחיים געמאכט...

אזוי האט זיך עס געצויגען ביז פאר קאסעמשע.

56.

די גאַנצע קאָסטשע אָפּגעפרוירען.

דאָס איז געשעהן דעם 23־טען נאָוועמבער פון 1894.

א לויטערע שעהנע נאָוועמבער נאַכט, איז דאָס געווען. די גאַנצע גרופּע, אַלע מענער, פרויען און קינדער, זיינער מיר אין דרויסען געזעסען און זיך צוגעהערט צו באַראַבוינעס שפּיעלען אויף דער גיטאַרא און צום געזאַנג פון דער יוגענד, וואָס האָט זיך מעלאַדיש געטראָגען פון דער גרופּע 51, וואו ס'האָבען געוואוינט וואָלף אַרעסקי'ס קינדער, די ערשט אנגעקומענע פון רוסלאַנד.

דער הימעל איז געווען אנגעשפּיקעוועט מיט מיליאָסען שטערענדלאַך: עס האָט געגלאַנצט, געשעמערירט און געבלישצעט. די שטערענדלאַך האָבען זיך שטיפעריש געטוליעט, זיך געפלאַכטען און געפלאָנטערט אינ'ם ווייסליכען פאַס, וואָס מען רופט: די מילךשטראָסע, און זיי האָבען שעלמיש צוגעוואונקען אַראָפּ צו אונז, אויף דער שוואַרצער ערד.

משה טאַבאַקמאַן, א איד א בן תורה, א גאַנצער אַסטראָנאָם, פון חיים זעליג סלאָנימסקי'ס תלמידים, האָט זיך צו מיר צוגערוקט און מיר גענומען ערקלעהרען א גאַנצען שיעור, אין א גמרא ניגון.

— זעה נאָר, קוק זיך גוט צו, דאָרט אויבען אין הימעל! דו זעהסט? דער "ת י ו" שטעהט איבערגעקעהרט. די "ע ג ל ה" קומט נאָר אויס אין צפון און דער "ע ק ר ב" אין דרום זייט. א פאַרקעהרטע וועלט איז דאָ אין אַרגענטינא! דער "נ ת י ב ה ל ב ן" איז אויך קווער... הויב זיך אויף און באַטראַכט נאָר גוט! איך וועל דיר אָנווייזען דעם גאַנצען אלף־בית אין הימעל. נאָר זייַ שטעהען מיט די קעפּלאַך קאָפּויר...

אַזוי־ווי דער אַלטער טאַבאַקמאַן איז אַן ערשט אנגעקומענער געווען, און מיר האָבען איהם זעהר געאַכטעט, זיינען מיר אַלע שמייכלענדיג נאָכגעגאַנגען דעם אַסטראָנאָמישען משכיל, וועלכער האָט געשטופּט זיין גמרא פינגער אין הימעל אַריין און אונז א

לעקציע געגעבען אין שטערענזעהעריי.

אונזער באראבוינא, דערזעהענדיג ווי מיר געהן־נאך דעם אל־טען מיט פארריסענע אויגען צו די שטערען, האט ער זיין גיטארא פון האנד אוועק־געלעגט, איז צו אונז צוגעקומען און מיט א זי־בערנער שטימע בעשטעטיגט:

— סי, סי, וואַ העלאר!

מיר האבען זיך אלע צעלאכט.

— וואס זאגט דארט דער ארגענטינער? — האט דער אלטער אסטראנאם נייגעריג געפרעגט.

מיר האבען איהם ערקלעהרט, דאס דער גאאוטש מיינט, אז ער צייגט אויף די שטערען, דאס עס וועט די נאכט פריערען און ער איז מסכים, באשטעטיגענדיג, דאס עס וועט ווירקליך זיין א פראסט.

— און איהר זיינט זיכער אז נייןְ? — האט אונז דער אלטער געפרעגט. — איהר געפינט זיך דאך שוין א פאאר יאהר אין לאנד... כ'איז דאך דא אן אמת פערקעהרטע וועלט; ביי אונז איז יעצט ווינטער און דא איז זומער...

— רבונו של עולם! — האט ארויסגעפלאצט די קאלאניסטקע לעווענזאן: — היט אונז אפ גאט! דער פאסיעוו איז איצט אין סאמע בליהונג, אין סאמע מילך, איין לייכטער פרעסטעל, וועט פון איהם א תל מאכען! מיר'ן געהן קאפוט מיט אונזער ארבייט...

אלע זיינען אויפגעציטערט געווארען, דערהערענדיג דער פרוי'ס רייד. יעדען איינעם, איז עפעס קיהל געווארען אויפ'ן הארצען. יע־דערער האט מיט אומעט דעם לעצטען בליק געווארפען אויף די בליאסקענדע שטערען און איז פארטראכט און שווייגזאם, שלאפען געגאנגען.

— א פראסט! — האט זיך אין דער פריה צעטראגען דער ביטער־רער קלאנג איבער דער גאנצער קאלאניע.

— מאראז! — שרייט ווינארסקי און קלאפט זיך מיט די פויס־טען אין קאפ. — א ווייסער פראסט איז די נאכט אויסגעפאלען! — האבען פיעלע קאלאניסטען געקרעכצט. — די קאסעטשע איז פארלוירען!

די פנים'ר זיינען ביי אונז אלע שווארצער געווארען פון ק יהלען.

די וואס זיינען שפעט אויפגעשטאנען פונ׳ם געלעגער, האבען זיך נאר ניט געוואלט גלויבען אז ס׳איז געווען א פראסט. מען איז אויף די פעלדער געלאפען, געטאפט די קעפלאך פון דער תבואה, אבער וואס האט מען דאמאלסט דען געוואוסט? ערשט ארום מיטאג צייט, האבען די אונגערקע־בלעטלאך, דעם אמת דערצעהלט: ס׳איז טאקע געווען א פראסט כדין! די צארטע אונגערקע פלאנצען, האבען זיך איינגעשרומפען, זיינען שווארץ געווארען, אפגעסמאלעט פון קעלט און פארוויאנעט געבליבען. צוגעבאקטע פון דער נאוועמבער זון, האבען זיי זיך פארגעלט, פארשעהמטע, אויסגעלעגט אויף דער ערד.

אין עטליכע טעג ארום, האט מען שוין אויף׳ן פעלד באמערקט פיעלע טוירטע זאנגען. אנדערע זיינען בלייך געווארען און ווי קראנקע. האבען זיי הכנעה׳דיג זייערע קעפלאך אנגעבויגען אנטקעגען די יונגע, געזונדטע זאנגען, פונקט ווי איינער זאגט: "מיר מוזען געהן: די קאלטע ווייסע פעסט האט אונז געפאסט: זייט־געזונד קאמעראדען, ס׳איז ניט באשעהרט!"

אנפאנגס האבען מבינים דעם שאדען פונ׳ם פראסט, אויף דרייסיג פראצענט געשאצט. אבער ביים דרעשען האט זיך דער חורבן ארויסגעוויזען. ס׳איז פארבליבען כמעט שטרוי.

מיט טרעהרען און צער, האט מען דעם ווייץ געשניטען. פארשטימט זיינען געווארען די פרעהליכע שניט־ליעדער. מען האט געפיהלט אין דער גרינגקייט פון די סנאפעס, דאס זיי ענטהאלטען פאלאווע און דאס אונזער חיונה פונ׳ם יאהר, אין מיט׳ן פראסט אוועק... די דרעשמאשינען, האבען פאר־פאנענע ניט געוואלט דרעשען און מ׳האט זיי געמוזט צאהלען אין הורט, פאר יעדער פארזע אדער סטויג באזונדער, אדער הונדערט פעזאס א טאג. מען האט ארויסבאקומען צו עטליכע זעק "טריגיזשא", אנ׳אבפאל וואס נוצט ניט אויף קיין ברוידט.

און דרעשען האט זיך דאך געגלוסט: אולי, אפשר?

פון מיינע פיערציג העקטאר ווייץ, פון די 90 מעטר לאנגע, אויף פינטהאלבען ברייטע סטערטעס, וואס כ׳האב צוזאמענגעפיהרט, האב איך 235 זעקלאך אבפאל ארויסבאקומען. ס׳האט זאגאר די שפייזען פון דער ארבייט ניט אפגעצאהלט!

די פּרעהליכקייט איז פון דער קאָלאָניע פאַרשוואונדען. אַ ביטערער יאוש האָט גענומען נוגען דאָס האַרץ. דערצו האָט נאָך צוגעשפּיִלט דער דערשלאָגענער מקח: סיי פון ווייץ, סיי פון מאַיס איז דער פּרייז געפאַלען: דריי פּעזאָס מיט צוואַציג, ביז 60 סענט די 100 קילאָס ווייץ איז דאַמאָלסט געשטאַנען. אונזער פאַר־אַ־יאָהריגען מאַיס, וואָס מיר די חכמים שפּעקולאַנטען, האָבען נאָך ניט געהאַט פאַרקויפט, האָבען מיר געמוזט איבערשיטען אין נייע זעק, זיי אָפּ־פיהרען קיין קאַסאַרעס און דאָרט פאַרקויפען, אויף צו 1.63 פּעזאָס די פאַנעגאַ.

נידערשלאָגען, שוואַרץ ווי די ערד, זיינען די קאָלאָניסטען פאַרקלאָגטע אַרומגעגאַנגען.

— מיר זיינען ווידער נאָר אויף דער פאַרשאָלטענער סובסידיע אָנגעוויזען, אויפ'ן יושר פונ'ם באַראָנ'ס משרתים אויסגעזעצט. ווייטער נעהמען שטיצע, דאָס פאַרשעהמטע און דערנידערנדיגע ברוידט! — האָט מען געקרעכצט.

די ווינציגע וואָס האָבען דעם פּאַסיעוו געמאַכט שפּעט און וועלכען דער פראָסט האָט ניט געשאַדט, האָבען פאַר'ן שניט אַ גרויסען האַגעל פאַרזוכט, נאָך גרעסער ווי דער ב ר ד אין פּרעה'ס צייטען... ס'האָט צוקלאַפּט די שפּעטע תבואות. צו 600 גראַם אַ שטיק אייז האָבען מיר דאַמאָלסט אָפּגעוואויגען. דער האַגעל האָט דער'הרג'עט אַ סך עופות און יונגע קעלבלאַך. מענשען אין פעלד זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען.

— שלעכט, ביטער, דאָס איז גאָר קיין פּרנסה ניט. — האָבען געוועזענע קרעמער פאַרזיכערט.

— מען געטרויעט איהר צופּיעל, דער שוואַרצער מאַדאָס ערד! — האָבען מעקלער און הענדלער פון אַדעס און קיעוו גע'טענה'ט. — זי באַנקראָטירט...

די אַרבייטזאַמע אידען, האַראָפּאַשנע מענשען, ווי למשל יענקעל בעל עגלה פון זוואַניץ אין ליפאַ בער פון מעבליפאַליע, דאַן געוועזענע טאַגלויהנער פונ'ם "פּערעסיפּ" אין אַדעס, דיזע האָבען באַלד קלעק געשפּיגען אויף דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע און געפלוכט דעם באַראָן מיט זיין הויכען אידעאַל... זיי האָבען גלייך גענומען די אַדמיניסטראַציאָנע וועגען מיט די אָקסען, זיינען

אוועק זוכען ארבייט אין דער פרעמד און טאקע מעהר צוריק אין דער קאלאניע ניט געקומען...

שלמה פליט, דער פאטער פון א גרויסער ארבייטסזאמער פא־מיליע און אליין א גבר, איז ארויס קיין קאסארעס און דארט א טרעגער געווארען. עד היום פיהרט ער די קאלאניסטישע רענצלאך פון און צום באהן.

— ביי א קאלאניסט, איז דרייסיג סענט פאר א טלומעקעל איר־בערגענוג. — דריגט ער; — דאך פארט א געוועזענער קאמאראד, זיך צוזאמען אין דער "מאטושקא" געשטיקט...

אין קאלאניע זיינען פארבליבען די אידעאליסטען און בעל־מטופלים — מיט'ן קליינוואורג... די ערשטע האבען ניט געוואלט און די לעצטע, זיך ניט געקענט ריהרען פונ'ם ארט.

מען האט אנ' אסיפה פאררופען און א ביטע געשיקט אין דער דירעקציע. אבער קיין תשובה איז ניט געקומען. דער תכשיט בראנדעס, האט אויף אונזער אומגליק פשוט געטאנצט.

פון שטענדיג אן און נאך זאגאר היינט, זיינען די בעאמטע שטארק צופריעדען מיט דער קאלאניסטישער אריסקייט און הא־בען גרויס נחת, ווען דער קאלאניסט איז אין דחקות... וואס פאר א שקרים, בראנדעס האט דאן געשריעבען צו די אדונים דירעקטא־רען, דאס האבען מיר ניט געוואוסט; נאר קיינער איז פון זיי ניט געקומען, האבען פון זיך ניט געלאזט הערען און מיר זיינען הפקר געווען.

— מאכען זי וואס זי וואללען! — האט בראנדעס גע־ענטפערט. — זי האבען די "קאסעטשא" פארלארען, נו, איזט וואס? זא ווי זא ווערדען זי נאך פיעלע יאהרען שטיצונג בעקאמען: יא, נאך פיעלע, פיעלע יאהרען! — און דערביי האט ער זיך צו־קייכט פאר געלעכטער און פון אונז אפגעשפאט און חוזק געמאכט.

ס'איז שלעכט געווארען. דער פעסימיזם האט זיך געשטארקט, זיך צעוואקסען, אריינגעדרונגען אין אלע חושים, און אלע געפיהלען בארלעצט. די שטארקסטע גייסטער פאר שוועכלינגע געמאכט...

— "אין מזל לישראל!" — האט זיסיע ראבין, א קאלאניסט, א גרויסער חכם און א פיינער רעדנער, דאמאלסט געשריען אויף דער אסיפה, וואס איז געווען אין דער שולע: — מען האט דאס צוויי־

נעלע אויף א פרעמדען באדען פארפלאנצט: ניט דא איז דער פלאטץ פאר אונז! וואס פאר א ליעבע, וועלכע האפענונג, קען אונז האלטען צוגעבונדען צום היגען באדען? וועלכע פעדים קענען אונזערע נשמות דא צוקניפען, אום מען זאל קענען איבערטראגען אלע שווערע קאטעסטראפעס וואס די ווילדע נאטור האט דא צוגעגרייט פאר'ן אגריקולטאר? וואס קען דא באמוטהיגען דעם קאלאניסט, אום ער זאל קענען פארטזעצען זיין גאנג, אין דאזיגען שווערען עהרליכען לעבענס־וועג? דאס לאנד איז א קאטוילישע: מיר געפינען זיך אין א מדינה, וואס האט פון שפאניע איהר יניקה געצויגען און וואו עס פיהלט זיך נאך אלץ, דער ריח פון די געסמאליעטע בייהנער פון אונזערע אור־עלטערן. וואס די אינקוויציע האט דא, אין ארגענטינא פארברענט! אין טוקומאן אדער קארדאבא, שטעהט נאך אלץ די אויטא־דע־פע, דער שייטערהויפען, אויף וועלכען אונזערע קדושים זיינען על קידוש השם אומגעקומען אונטער די היגע בלויע הימלען!" (מעגליך אז דער רעדנער האט דא אביסעל איבערגעטריעבען: מחמת ווי די היסטאריקער פארזיכערן, איז קיין "ברען אויווען" פאר קעטצער, דא אין ארגענטינא קיינמאהל ניט איינגעשטעלט געווארען. דא זיינען נאר געווען קאזאמאטען און תפיסות, וואו מ'פלעגט דעם "אפיקורס" האלטען און פייניגען: ווי למשל אין די קעלערן פון קלויסטער "סאן דאמינגא" אין בוענאס־איירעס און דעם פאראורטהיילטען, פלעגט מען איבערשיקען קיין לימא, פערו, צום פארברענען; ווייל נאר דארט, האט די אינקוויזיציע אויפגעהאלטען די אויטא־דע־פע פאר דער גאנצער שפאניאלישער זיד־אמעריקא.)

— "קיין איין גוטען טאג האבען מיר נאך דא ניט געהאט! — האט דער צעהיצטער רעדנער ווייטער געדונערט. — ווייזט זיך אפאמאל עפעס א שטיקעל האפענונג. דאן קומט שנעל די ווירקליכקייט און מאכט דערפון א תל... די קאלאניזאציע אין ארגענטינא, איז בלויז א גרויסע אילוזיע, א שווערמעריי, א פאנטאזיע און פיילייכט נישט מעהר ווי א קאפריז, פון א רייכען גוט־הערציגען באראן!... צו איהם דעפעשירען? זעהט איהר דאך, אז ס'איז אומזיסט. ער ענטפערט ניט. לאמיר בעסער שיקען א דעלעגאציע צו איהם קיין פאריז און דארטען פועל'ן, אז ער זאל אונז פון דאנען

אריבערפיהרען"...

ראבין איז דאמאלסט אויף א טיש געשטאנען, און ווי א פראפעט נביאות געזאגט. זיין הדרת פנים, די שווארצע באָרד, די גרויסע שווארצע אויגען, האבען די קאלאניסטען היפנאטיזירט... און ווייל ער האט נאך דערצו געהאט א סך קרובים און מחותנים, האבען זיינע רייד שטארק געווירקט... שפעטער איז ער, מיט איינינע פון זיינע פערוואנדעטע, טאקע אוועק קיין פאריז און פון דארט נאך ארץ ישראל...

די לאגע איז געווארען שלימער פון טאג צו טאג. פשוט אונערטרעגליך. פיעלע קאלאניסטען האבען אנגעהויבען אויסצופארקויפען אלעס וואס זיי האבען געהאט, זאגאר דעם באראנ'ס אקסען און דעם רעמאנענט און א ויברת געמאכט...

מען האט אין דער קאלאניע נאר געזעהן פארצווייפעלטע און פינסטערע פנים'ר.

57.

„מיר ברויכען ניכט קיינע קלונע".

פיעלע אומגעדולדיגע, האבען גלייך ארויסגעוויזען דעם גייסט פונ'ם חפזון־איד, האבען אלעס אויפ'ן פעלד איבערגעלאזען און זיינען נעלם געווארען פון אונז...

צווישען דיזע, זיינען געווען די אנשטענדיגסטע משפחות, ווי די פון הירש גאטליעב און פנחס כהן; דאן אויך די פאמיליעס לאנדא, קרימענטשוג און העלמאן.

די קאלאניע איז שיטערער געווארען. מען האט אין די גרופעס געזעהן לעדיגע, פינסטערע "ראנטשאס", און פלוגעס ווי בראנעס האבען זיך געוואלגערט הפקר אויף די פעלדער.

בראנדעס ווייזט אויס, האט זיך דערשראקען און הפנים די אדונים אויפמערקזאם געמאכט, אז די קאלאניע וועט שנעל לע־דיג פארבלייבען, און ס'איז פלוצים ארויסגעהאנגען געווארען א צירקוליאר, דאס מען וועט יעדען קאלאניסט ארויסהעלפען מיט א סומע פון 200 פעזאס, בכדי מען זאל דערמיט קענען רעקען דעם פערלוסט, וואס דער פראסט און האגעל האבען פאראורזאכט אין דער קאסעטשע. ס'וועט אויך א יעדען ארויסגעגעבען ווערען זריעה פון ווייץ כדי צו קענען וויטער זעען.

דער קאלאניסט האט נאר געדארפט אנשרייבען א ביטע אין דער דירעקציע: שריפטליך פארזיכערן, דאס ער פארבלייבט אויף וויטער אן אקערבויער — דאן איז איהם די הלואה געמאכט געווארען.

די ערשטע וואס האבען זיך צוגעאיילט, האבען די הלואות טאַ־קע בעקומען; אבער ווען די איבעריגע האבען דיזען ביישפיעל נאכ־געטהון און האבען אויך בקשות געשיקט, איז אנגעקומען א שמרענ־גער ענטפער.

קאנטראקטען! "קיין איינציגער וועט ניט ווערען אנערקענט אלס

קאלאניסט און וועט ניט קענען אויסנוצען די טובות פון דער יק"א, אזוי לאנג ווי ער חתמ'עט ניט אונטער דעם קאנטראקט מיט דער געזעלשאפט!" — דאס האט דער באפעהל געלויטעט.

— מיר וועלען ניט אונטערשרייבען! — האבען זיך די קאלאניס־טען ווידער א מאהל איינגע'עקשנ'ט. — דער בעראן איז ניט קיין וואכערניק, ער וועט ניט פאדערן קיין עיסקא...

— ס'איז א ליגען! דער שענדליכער קאנטראקט, מיט'ן פאר־שריפט פון פינף פראצענט פון דער מאה יעהרליך, שטאמט נישט פונ'ם בעראן! דאס איז ז י י ע ר ארבייט: דאס איז די טהאט, פון די לאקאלע אדמינים! מען נארט אונז אפ! — אזוי האט געדרונ־גען די דעלעגאטען קאמיסיע.

ווידער איז א טומעל און גערודער געווארען. די פאאר וואס האבען נאך פריהער דעם קאנטראקט אונטערגעשריבען, זיינען פון אלע קאלאניסטען פארהאסט און פאראכטעט געווארען. מען האט זיי אויסגעמיעדען, אויף זיי פשוט געשפיגען... "פארקויפטע נשמות"! — האט מען זיי א צונאמען געגעבען.

אסיפות האט פאררופען: רעדנער האבען געהיצט און בראנ־דעס האט אלעס מיטגעטהיילט דורך זיינע ראפארטען צו דער גע־נעראל דירעקציע.

אזוי האט זיך געטומעלט, עטליכע חדשים נאכאנאנד.

אין מיין אלט ביכעלע "זכרונות מאאוריציא", איז פאלגענדעס פארצייכענט פון יענעם פעריאד:

אם ענדע פון חודש יוני, בין איך אראפגעפאהרען צו בראנדעס'ן, אום ביי איהם צו בעטען "סעמיזשא" פון ווייץ און "סולפאטא דע קאברע", די זריעה צום וואשען.

מיין "אמיגא" ש ו ל ץ, א יונגער דייטש, מיט זעהר צארטע געפיהלען, וועלכער האט ביי בראנדעס'ן אין ביורא די קארעספאנ־דענץ געפיהרט, האט פארטרויליך צו מיר געזאגט:

— פרובירט אייך זאגאר ניט ביי איהם סעמיזשא צו בעטען: ער איז א געמיינער אינטריגאנט, א לומפ... — און בסוד סודות האט ער מיר געוויזען די קארעספאנדענץ פון דער יק"א, פון וועל־כע איך האב צייטענווייז קאפיעס אראפגענומען.

אט האט איהר דעם בריעף, נומער 1041:

„בוענאס איירעס, קאזשע סאנטא־פע 1063.
דעם 7־טען יוני, פון 1895.
סעניאר בראנדעס.
אדמיניסטראטער פון דער קאלאניע מאאזריציא.

„איהר זאלט מעלדען דעם קאלאניסט א ד א ל ף ר י י ט צ י ן, „דאס אויב ער וועט ווייטער אנהאלטען זיין פראפאגאנדע צוויי־ „שען די קאלאניסטען, דאס זיי זאלען די קאנטראקטען ניט אונ־ „טערשרייבען, וועלען מיר געצוואונגע־זיין, איהם פון דער קאלא־ „ניע ארויסצושמייסען...“

אן עהנליכע בריעף, נאר עטוואס איידעלער געשריעבען, איז אויך אנגעקומען צום ד״ר וועקסלער, מיט א װארנונג, דאס ער זאל זיך ניט מישען אין די אדמיניסטראציאנע אנגעלעגענהייטען. ער דארף נאר זיך אפגעבען מיט סאניטארישע ענינים און נישט מעהר... „מיר ברויכען קיינע פאליטיק טרייבער אין דער קאלאניע“. — ענדיגט זיך דער בריעף. אויף וועלכען עס זיינען אונטערגעשריע־ בען געוועזן ביידע דירעקטארען: ה י ר ש און ק א ז ע ס.

דיזע בריעף, קען מען נאך היינט אויך אויסגעפינען אין ארכיוו פון מאאוריציער אדמינסטראציע.

נאך איינע בריעף פונ׳ם זעלבען סטיל, האט מיר דער פריינד־ ל כ ער ש ו ל ץ דאמאלסט געוויזען.

איבער ג ר י נ ב ל א ט׳ן פון דער גרופע 51, אויך א העלענאט און א געגנער פון די קאנטראקטען, איז אנגעקומען א באפעהל, דאס מען זאל איהם געזעצליך אפשרייבען, ע מ ב א ר ג י ר ע ן די מאאיס ו.אס ער האט און אויך ז י י נ ע א י י נ צ י ג ע מילך־ קיה וואס ער פארמאגט. דאס ער זאל גלייך אפצאהלען אלע שפיי־ זען פון דער קאסעטשע פונם יאהר 1894־5, וואס איז געגצליך פארלירען געגאנגען. דאס זאל תיכף געשעהן. „למען ישמעו ויראו“... די אדמיניסטראציע האט עס כנהוג אדורכגעפיהרט. מען האט גרינבלאט׳ס ארימקייט „עמבארגירט“ און ביי איהם אלעס צוגענומען...

ווען מיר איז אויסגעקומען דעם זעלבען טאג צו ריידען מיט׳ן יעזואיט, דער פראפעסאר הייאים, האב איך איהם אויפמערקזאם געמאכט אויף דאס אומרעכט, וואס מען האט אויסגעאיבט איבער

גרינבלאט'ן: ער האט מיר אויף זיין מיידעלשער דין שטימסקעלע געענטפערט:

— אה! איהר זיינט אויך א גאנצער חכם, א קלוגער! וויר ברויכען היער קיינע קלוגע! זאלען זיך דיזע אלע קעפּ, די אנפיהרער און טאן געבער ווייטער געהן! וויר ברויכען היער בלויז ארבייטער, איינפאכע רוהיגע און געהארכזאמע לייטע...

דאמאלסט בין איך אהן סעמיזשא אהיים געפאהרען און א גאנצען וועג שטארק איבערגעטראכט. אין מיינע רעיונות האבען זיך געפלאנטערט אלערליי פראגען, פול מיט ספקות: "ווער ווייסט? אפשר איז דאס גאר אין גאנצען עפעס א שווינדעל? פיליכט איז טאקע גאר קיין באראן ניטא; ס'איז גאר קיין פילאנטראפיע ניט און מען דארף אנטלויפען, צוגלייך מיט אלע איבעריגע בורח'ניקעס?"...

ס'קען זיין דאס איך וואלט דאמאלסט אויך אנטלאפען, ווען ס'וואלט גראדע ניט אנגעקומען דער הערר לאפין.

דער דיקטאטער יהושיע לאפין.

ניט ווי פריהער מיט א יאהר, רייטענדיג אויף א קליאטשע, אלס ארעם ליטוואקעל, אנ'אגראמעל מיט אפגעריבענע כאליאוועס — איז דאס צווייטע מאהל צו אונז לאפין אנגעקומען: זאנדערן אלס הערשער, אלס דער אדון, דער קייזער לאפין... האבענדיג א פאל־מאכט פונ'ם בעראן הירש אליין, איז ער געקומען אלס "סאמא־דערזשאוועץ", צום באפעלען איבער לעבען און טויט... צו שאפען, ווארפען, בויען, טהון וואס זיין הארץ וועט גלוסטען...

אין קאלאניע רעש'ם, עס קאכט און עס זידט און דער דיקטא־טער, האט געטהאן ווי אן עכט רוסישער נאטשאלניק. האט צוערשט אנגעיאגט א מורא אויפ'ן עולם. האט א פחד, א טעררארר אויף יעדען אנגעווארפען און אזוי אלעמען אין האנד באקומען...

ער אליין האט פון צווישען די קאלאניסטען אויסגעקליעבען א קאמיסיאן, זיי געקרוינט מיט'ן טיטעל פון פארשטעהער, אום זיי זאלען איהם מיטהעלפען זיינע פלענער אדורכצופיהרען.

באמת זאגענדיג, איז ער געווען א גרויסער פאליטיקאנט און האט אונזערע אידעלאך גוט געקענט... געוואוסט האט ער אויך, אז כדי צו האקען די בוימער פון וואלד, מוז מען דאס הענטעל נעהמען פון די זעלבע בוימער... די האק אליין, אהן דאס הילצערנע הענטעל — האקט נישט.

אלס זיין ערשטען מיניסטער און בעל יועץ כלומר'שט, האט ער געמאכט. טאקע דעם גרעסטען פראפאגאנדיסט געגען דער יק"א. ער האט איהם ערנאנט אלס ראש פון זיין קאמיסיע און דערצו נאך, איהם א שטעלע צוגעזאגט אין זיין רעגיערונג... דערמיט האט ער צוויי פאך געוואונען: געפטר'ט א געגנער און באקומען א מיט־העלפער. וואס זוכט ניט מעהר ווי אביסעל כבוד און האט פון כא־ראקטער־אויס. פשוט ליעב די נאגאיקע אין האנד צו האלטען. טו־פען מיט די פיס אויפ'ן רוסישען שטייגער און זיך בעזערן אויפ'ן

ארימען אימיגראנט...

אלס צווייטען מיניסטער האט ער גענומען זיינעם א בן עיר, מענ־ליך נאר דערפאר, אום ער זאל זיין גדולה באשרייבען און שיקען ידיעות קיין גראדנע, אין דער ליטא, איבער דעם אדון'ס בארעם־הערציגקייט...

נאכ'ן דריטען טשינאווניק, האט ער זיך אין א הינטער־געסעל אראפגעלאזען. דארט געפונען א א י ד פ ו נ'ס ש ט ע ד ט ע ל... א שטיק פרומאק וואס האט געשמעקט טאבאק, געגלאנצט מיט די אויגען צום הימעל און בפשטות געמיינט, דאס יעדער וויבעל מיט אייגענע האאר, אדער מאנסביל מיט א געשווירענער בארד, זיינען ר"ל שרעקליכע אפיקורסים, און מען מוז זיי ארויסשיקען פון דעם נייעם, פרומען, גאטספארכטיגען ישוב, וואס ווערט בלויז גע־גרינדעט אלס פרוזדור צו ארץ ישראל... ער האט נאך שטארק אמונה געהאט אין גאלדשמיעד'ס הבטחה.

אט די דאזיגע דריי, זיינען ביי איהם געווען די גלאווגע מיניס־טארען. אלס פיערטען האט ער גענומען פון די תמימים. א פשוט'ע ארענטליכען קאלאניסט מיט א הדרת פנים, א אמת כשר'ער פאר־רעווער איד, ניט מילכיג — ניט פליישיג. דאס איז ווירקליך גע־ווען ניט קיין פיש און ניט קיין פלייש. ער האט נאר באראפט פאר־טאקעווען אויף אלץ וואס די ערשטע דריי האבען געזאגט, ענטפערן מיט "בועגא" אויף אלע בעשטימונגען און נישט מעהר...

אלס פינפטען פון דער קאמיסיאן, האט ער אויסגעקליבען אונ־זער שוחט י צ ח ק ק ר ע ל ל: אפשר בלויז דערפאר, אום ער זאל א ברכה מאכען אויף דער שחיטה. אט דיזער, איז שטענדיג געווען אנ'עהרליכער ליטוואק. א תמימות'דיגער מה יפית איד, מיט בעוואקסענע אויערן און נאז, וועלכער האט גרוים כבוד גע־לעגט אויף יעטווידען לומפ וואס האט נאר א גלענצענדיגען קנע־פעל געטראגען, אדער עפעס א "טשין" געהאט.

אט מיט דיזע פינף ראשים, האט ער דעם נייעם מזבח פון דער קאלאניזאציע אויפגעבויעט און דאס שלאכטעריי האט אנגעפאנגען..

דער כהן גדול, לאפין אליין, האט פאר זיין אייגענעם ריח ניחוח, שוין צוגעגרייט דריי קרבנות וועלכע ער האט נאר מיט א יאהר פריהער אין זייז ביכעלע פארצייכענט. מיט זיי האט ער "חנוכת



אונזער שוחט רב יצחק קרעלל.

המזבח" געמאכט.

ישראל ליסין, משה סאפיאן און מאיר האניק, זיינען געפאלען אלס די ערשטע אפפער.

די קאמיסיאנס לייט האבען די הענד אויף זייערע קעפ ארויפ־געלעגט: סמיכה, ווי דער דין איז — געמאכט און זיי גלייך אפגעקוילעט.

אהן מענה־ומענה, זיי אפילו פאראויס ניט מעלדענדיג, ניט לאַ־זענדיג זיי א ווארט אויסריידען, האט מען די דריי משפחות ארויפ־געשליידערט אויף די פוהרען און פון קאלאניע משלח געווען.

דעם אלטען קלוגען ליסין, מיט זיין גאנצער פאמיליע, האט מען אין צוואנציג מינוט ארויסגעשיקט. א געפעהרליכער מענש איז מאסע אט דער זקן געווען, א שרעקליכער רעוואלוציאנער...

לטובת הקאלאניע, כדי עס זאלען קיין בונטען ניט זיין, האט די קאמיסיאן אויסגעפונען, דוקא ביי ליסינ'ס מחותנים אליין, דאס ער טהאר מעהר ניט זיין צעווישען די קאלאניסטען.. .

דער צווייטער, משה סאפיאן, איז לויט זייער צושטימונג, געווען א רעבעלישער גייסט. כסדר היצט ער רק די קאלאניסטען... א דע־פוטאציאן צום באראן וויל ער גאר דאס מ'זאל שיקען... שטענדיג האט ער אגב גאר טענות: ווי קומט עס, דאס אזא נדיב־לב ווי דער באראן, זאל די בלונדע שאף איבערגעגעבען אין די שארפע נעגעל פון אזעלכע וועלף? איז געגאנגען ברודערל! דיך דארף מען ניט. די קאלאניע דארף זיין א תמימה!...

דער דריטער, מאיר האניק, איז סתם געווען א שרייער. פאר יע־דער עולה האט ער קולות געמאכט. ער האט אומרעכט ניט געקענט ליידען. האט נאך מיט א יאהר צוריק לאפינען באליידיגט. איהם דעם ביטערן אמת אין פנים געזאגט...

ריזע דריי, האט לאפין אויף זיין חשבון גענומען. פאר זיין איי־גענער נשמה מקריב געווען און אזוי־ארום, אפגעווישט אנ'אלטען חטא...

די קאלאניע האט אויפגעציטערט. די יעניגע וואס זיינען פרי־הער געשטאנען גרייט, אלעם איבערצולאזען און אנטלויפען, זיי־נען איצט, ווי וואהרע קינדער פון אנ'עם קשה עורף, אויף צו־להכעיס דוקא פארבליבען.

— מיך וועט מען ארוישמייסען? מיך ארויסשיקען? מיך צווינגען דאס לאנד צו פארלאזען? אט־א־דער לוטוואק, אט די דאזיגע פיסיפאקעס?! היה לא תהיה! אה, ניין! איך וועל זיך ניט לאזען!

אזעלכע קולות האט מען פון אלע זייטען געהערט.

די קאלאניע איז ווידער איינגעהילכט געווארען אין א פארביטערטער פינסטערניש. א בעזע מורא, געמישט מיט א פארגיפטעטען האס, האט אלעמען ארומגעכאפט. אויף יעדענס פנים איז אויסגעגאסען געווען א מרה שחורה...

דער דיקטאטער לאפין אליין, שטילענדיג זיין כעס מיט די דריי־קרבנות, האט זיך תיכף די הענד אפגעוואשען און געווארען א צדיק תמים... ער האט בלויז באפוילען דער קאמיסיאן, דאס יעדער איינער זאל צושטעלען א באזונדערע ליסטע פון די יעניגע, וואס ער געפינט אלס שעדליכע פאר דער קאלאניע און וואס לטובת הכלל ווערט געפאדערט, דאס מען זאל זיי אויסרוימען... און ווער ווייסט? פיליכט האט ער עס טאקע געמיינט ערנסט און קיין־שום זייטיגע פניה דערביי ניט געהאט!

דיזע דריי גלאוונע ראשים, האבען נאך דריי טאג בד קה אין דער קאלאניע, יעדער איינער באזונדער צוגעשטעלט א צעטעל פון די זינדיגע וואס מען מוז פטר'ן... דער שוחט האט זיך פון דער דאזיגער ארבייט ענטזאגט, באמערקענדיג, דאס אין זיין "תבואת שור", האט ער אזא שחיטה ניט געלעהרענט.

דער תם'עוואטער פארעוועד קאלאניסט, האט עס פשוט ניט־געוואלט טהון:

— וואס געהט מיך אן וואס ער איז אין דער היים געוועזן? — האט ער צו לאפינען געזאגט. — ס'איז דא פאראן א פערד־גנב פון אונזער דארף, וואס לעגט איצט דעם רבינו תם'ס תפילין און איז באמת א בעל תשובה געווארען...

ער, דער פשוט'ר איד, האט נאר אנגעצייגט אויף דריי זוגות וואס זיי — מוז מען ארויסשיקען, און נישט מעהר.

ווען לאפין האט די דריי לאנגע צעטלען פון די הויפט דעלעגאטען אדורכגעקוקט. האט זיך זיין הייכער שטערן צונויפגעצויגען און ווי מיטום צו די אנטויאכער, האט ער זיי געענטפערט:

— וואוהין זאל איך זיי אלע פארטרייבען? וואוהין האבען זיי־

דען צו גערן?

זיין אדיוטאנט נ א ר מ א ן, אנ'אגראנאם און שפעטער אדמי־ניסטראטאר, וועלכען מ'האט א צונאמען געגעבען "לאדנא", מחמת אויף פרייד און לייד, אויף גוטס און שלעכטס, פלעגט ער שטענדיג ענטפערן: ל א ד נ א: בעת לאפין האט איהם געוויזען די צוגע־שטעלטע ליסטע פון דער קאמיסיאן, האט ער ווי זיין שטייגער איז געווען, געענטפערט:

— לאדנא! לאדנא! מיט וועמען־זשע וועלען מיר דא פארבלייבען?

עס האט זיך ארויסגעוויזען דאס א יעדער פון דיזע נאבעלע "ראשים", האט בלויז אנגעציינט אויף זיינע נאהענטע שכנים, אום פון זיי ערלייזט צו ווערען... גרויסע אויגען האט דער מענש! די גאנ־צע ערד איז איהם קארג! קיין'ס ירושה. זיי האבען איך געזוכט איינצושלינגען אלע חלקים ערד פון זייערע שכנים!

לאפין האט שנעל איינגעזעהן די אידעלקייט פון אונזערע קהל'ס־לייט און האט קיין אויפמערקזאמקייט נים געשענקט זייערע מיי־נונגען. ער האט זיך נאר מיט זיי באנוצט דארט, וואו ס'האט איהם געלוינט. די כפרות, האט ער אבער כסדר אויף זייער חשבון ארויס־געשטעלט.

איבער מיר פערזענליך, וואס מיין נאמען האט זיך געפונען אין דער ליסטע ביים ראש פון דער קאמיסיאן, און וועלכער האט יוסט געפאדערט איך משלה צו זיין, האט לאפין געענטפערט:

— לאזט, איך אליין וועל איהם עקזאמינירען!

59.

איך בין כשר — נאך כ׳זעה ווי מען פאטרייבט אנדערע.

אין א פרייטאג בייטאג, איז לאפין אויף א לייכט רייט־וועגעלע.. צו מיין שטוב צונעפאהרען.

— טא וואס מאכט איהר, אלפערסאן? — ווענדעט ער זיך צו־מיר שמייכלענדיג און באטראכט רונד־ארום מיין "ראנטשא". און ווארפט אויגען אויף דער "טראכע" מיט מאאיס. וואס איז נעבען שטוב געשטאנען אין א סטויג. — וואס האט איהר דא אין קע־לער? — און קריכט גלייך אריין אינ׳ם גרוב, וואס האט אלס קעלער־געדיענט, דעקט־אויף א פעסעל מיט זויער־קרויט און שלעפט ארויס א זשמעגיע.

— כאראשא, יעי באגו! איהר זיינט דאך אנ׳אמת׳ר קאלאניסט! ער האט מיך אויסגעפרעגט פארשידענע זאכען און פארענדיגט:

— קומט צו מיר זונטאג. מיין מאדאם וויל עפעס טהון פאר אייער ביבליאטעק... נו, איהר קומט? — זאגט ער באפעלעריש און פאהרט אוועק.

אויף מארגען, שבת, איז צו מיר געקומען מיין פריינד ש ו ל ץ. מיט׳ן יונגנעטשקען לעהרער פון דער שולע, הערר ב נ ל א ל א, א זעהר פריינדליכער ספרדי, מיט צערטליכע מאניערען, און זיי האבען מיר דערצעהלט, דאס בראנדעס האט לאפינען געראטהען, דאס ער זאל מיך ניט טשעפען: ווייל קאזעס האט מיך מיט נאך א פאאר, פאר־די בעסטע קאלאניסטען פאררעכענט און דאס מיטגעטהיילט קיין פאריז.

— דער באראן וויסט פון דיר! — פארזיכערט מיר שולץ. — דו־האסט פאר דער אדמיניסטראציע נישט וואס מורא צו האבען און פאר די רוסישע איזבארזשציקעס — נאך וויינינער! אלעס קענסטו ביים איהם פועל׳ן. מענסט אראפ־פאהרען...

זונטאג בין איך אנגעקומען קיין אלגאראבא, וואו כ׳האב שוין־ביים טרעהרען־דראט, געטראפען צוזאמענגעקוועטשט א גאנצע עדה

קאלאניסטען.

דער בעל מטופל, יוסעל דראל, זיין ווייב, מיט זייערע אכט קינ־דער, זיינען געשטאנען ביים טהיר פון קהל־שטיבעל, דארט וואו די פינעף "נאטאבלע" זיינען מיט לאפינען געזעסען און דן געווען לחיים ולמות... די פרוי האט געקלאגט, איהרע הייסע ביטערע טרעהרען האבען אראפגעקאפעט אויפ'ן הראט און זיינען איינגעזאפט געווא־רען אין דעם באראנ'ס פילאנטראפישע ערד. דער שלימזל'ניק איהרער, איהר מאן דער תם, האט געגלאנצט מיט זיינע פרומע קעל־בערנע אויגען, ווי א לאם ביי דער שחיטה און צו די ביישטעהענדע קאלאניסטען האט ער מיט קאלטבלוטיגקייט גע'מענה'ט:

— שוין דער צווייטער גרוש. מיט דריי יאהר צוריק, האט מיך דער איספראווניק ארויסגעטריבען פונ'ם גוי'אישען דארף און איצט טרייבען מיך ארויס דעם באראנ'ס פאדמעטער — פון אידי־שען דארף... וואוהין געהט־מען מיט די אכט קינדער?

א דעלעגאט איז פון קהל'ס־שטיבעל ארויסגעקומען מיט א פאר־פלאמטע פנים, א צעקעמטער בארד און די בשורה געבראכט, דאס די פאמיליע דראל, וועט בעקומען פינף הונדערטער: צוויי מאות פאר אליה: און פרומע פאלאטניק און 150 פעזאס, געפועלט אויך פאר שמואל יאניק, א קבצן אויף גארען... דערביי האט דער "בעל־טובה" באטאנט:

— דער גאספאדין לאפין וויל, דאס דיזע משפחות, אזוי ווי זיי זיינען דאך ארענטליכע מענשען און ווערען חלילה ניט ארויסגעשיקט פאר עפעס א חטא, נור, — דא מורמעלט ער אביסעל אונטערן נאז, אום ניט אלע זאלען עס הערען: — נאר כדי צו פארהיטען אז זיי זא־לען צו לאסט ניט פאלען אויף אונז... אויף קהל... זאלען זיי איצט אונטערשרייבען א באשטעטיגונג, דאס זיי ווילען פון דער קא־לאניע אבפאהרען, אז זיי ווילען ניט זיין קיין קאלא־ניסטען... צו שווער איז עם פאר זיי...

מיט אלע ארויסגעשיקטע האט מען דעם זעלבען ספעקטאקעל גע־מאכט, און אזא חתימה ארויסבאקומען. הערנאך האט מען זיי גע־געבען צו עטליכע הונדערטער ביים אוועק־פאהרען.

דראל'ס פרוי, האט ביי דיזער מיטהיילונג אויפגעציטערט און פעסטער צוגעדריקט צו איהר ברוסט דאס זויג־קינד, וואס זי האט

אויף די הענר געהאלטען, און דער נאַאיווער יוסעל, האָט מיט אַ זויערן פּנים, אין אַ טאָן, וואָס איז געמישט געווען פון צער און בטחון — געשעפּטשעט:

— מען טרייבט אונז!... אָבער, ס'איז נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!

פרומע פּאַלאַטניק האָט ביי דער דאָזיגע בשורה גע'חלש'ט. דער קליינינקער, נידעריגענקער שמואל יאַניק, האָט געוואָרפען אַ שטיין אין פענסטער פון קהל־שטיבעל און געשריען דאָס ער ג ע ה ט ניט... צו דיזע צוויי פאַמיליעס, האָט מען געוואָלד באַנוצט. דער ראש פון דאַמאַלסטיגער קאַמיסיע, האָט ממש מיט זיינע אייגענע הענד, די פּאַלאַטניק'ס אויף די פוהרען אַרויפגעלעגט! עפּעס אַ קליינינקייט? טובת הכלל! "ער וועט צולאָסט פאַלען אויף דער "אַבטשעסטווא": — האָט ער מיט זיין באַסאָווען קול, גאַנץ ערנסט יעדערען פאַרזיכערט.

איך האָב דיזע סצענע, דאָס הערצרייסענדע בילד צוגעזעהן און דאָס בלוט האָט אין מיר געזאָדען. אין מיין דמיון האָבען זיך איינע נאָך דער אַנדערער, געגומען ציהען ווי אַ שנור, די קללות פון דער תוכחה, און אויף מיינע ליפּען איז אַרויסגעשוואומען אַ פלוך איפ'ן באַראָן מיט אַלע זיינע מיליאָנען: אַ פערדאַמונג אויף ז י י נ ע ט ו ב ו ת און אויף אַ ל ע ב ע ל י ־ ט ו ב ו ת.

"אין איהם דען דאָס אידישע פאָלק זוכען געגאַנגען? ווער האָט איהם בעדאַרפט? אַ שפּאַגעל נייער בעל טובה! האָט געקויפט ערד אויף צו צעהן פּעזאַס דעם העקטאַר, שוין אַריינגערעכענט דעם סקאַט, אין די טויזענדער שטיק, וואָס געפינט זיך דאַרויף: מאַכט ער קאָנטראַקטען מיט אונז, און חשבונ'ט צו 35־40 פּעזאַס אַן העקטאַר, — בלויז די נאַקעטע ערד!... דערצו־נאָך מיט פּראָצענט... פיינע יעהרליך! אַ וואוכער געשעפט... שאַנד און שמאַך אויף אַזאַ פאָלק, וואָס צאַצקעט זיך מיט אַזוינע בעלי־טובות! געשעפט, שאַכער, קאַפּיטאַל, כהנים פונ'ם גאָט מאַממאָן!... יוסעל דראַל, אליעזר פּאַלאַטניק, שוואַכע אָרימע אַרבייטער, זיי האָט מען אַרויסגעשמיסען... צו־וואָס נוצען זיי דען?" — און אין מיינע מחשבות האָבען זיך אַלץ אַזעלכע אַפּגעריסענע געדאַנקען געפּלאָנטערט און האָבען מיך געמאַטשעט... די ליפּען האָבען שטיל פּראָטעסטירט, געשאָלטען,

געפלוכט...

„ישראל א פאלק? זאל ישראל טאקע מעהר קיינמאהל קיין פאלק נגט זיין! זאל ישראל ניעמאלס מעהר, האבען אן אייגענע רעגירונג, מיט אזעלכע נאטשאלניקעס ווי לאפין, מיט אזוינע שופטים ושוטרים — ווי די פינף ראשים!... אייגענע הינט אז עס בייסען, טהוט־דאך נאך מעהר וועה! משיח! אויב עס איז וואהר דאס ער דארף יא א מאהל קומען. „דאן זאל ער בעסער גאר ניט ער־שיינען!... זאל ער גאר ניט געבוירען ווערען!"

די דאזיגע צעשלאגענע פארגיפטעטע געדאנקען, זיינען פלוצלונג איבערגעריסען געווארען... דער עולם ביים דראט, האט זיך האסטיג גענומען באוועגען: ס'איז געווארען א שטופעריי, א געדראנג און שטויסענדיג, האט מען מיר ווידער פנים אל פנים מיט דער ווירקליכ־קייט צונויפגעבראכט.

לאפין בכבודו ובעצמו איז ארויסגעקומען. פיעלע האבען די היט־לען ארונטערגעכאפט. אנדערע האבען מיט חניפה פאר איהם די צייהן אויסגעשצירעט און האבען אזש, ווי די הינט, איהם פון ווייטען ארומגעלעקט... צביע'יאטשעסטווא, הייכלעריי און געמיינהייט, האט זיך איבער פיעלע פנים'ר צעגאסען... א קנויל ווערים האבען ארום איהם זיך אויף די בייכער געדרעהט און האבען זיך געווירבעלט געבען זיינע פיס... ער האט צו איינינע א פאאר ווערטער צוגעמור־מעלט; האט געווארפען שטאלץ־בעפעהלענדע בליקען און געקוקט ווי א קיסר אויף זיין פאלק...

ער האט מיך דערזעהן און מיר צוגעוואונקען מיט'ן האנד:

— קומט! — האט ער זיך צו מיר געווענדעט און מיר אין זיין פריוואט וואוינונג אריינגעפיהרט, מיר פאר זיין פרוי פארגעשטעלט און אליין איז ער צוריק צום עולם ארויס, אום ווייטער זיין ממשלה צו טרייבען.

די מאדאם לאפין, איז געוועזן א זעהר איידעלע, גוטהערציגע פרוי, הויך געבילדעט, א געענדיגטע דאקטערין פון וויענער אוניווערזי־טעט און א פיהלענדע נשמה. זי האט מיר אויסגעפרעגט וועגען דער ביבליאטעק וואס איך האב געהאלטען אין ארגאנזשירען און איהר הילף אנגעבאטען. מיר אלעס באשפראכען, א ליסטע פון די אינטעליגענטערע קאלאניסטען צונויפגעשטעלט, כדי אונטער דיזע,

די ביבליאטעק סאמיסיאן אויסצוקלויבען. פון איהר קעשענע האט זי צוויי הונדערט פעזאס אויף ביכער געשאנקען און אויסגעווירקט ביי איהר מאן, דאס ער זאל א צימער פאר דער ביבליאטעק בעווילינען.

שפעטער, האב איך די ביכער פון מיינע קראסין־קעסטלאך אהינצו געבראכט און די ביבליאטעק, אויפ'ן פלאטץ וואו זי געפינט זיך נאך איצט, דאמאלסט אינסטאלירט.

אין דאמאלסטיגען חושך, האט די מאדאם לאפין ווי א ליכטיגער שטערען געשיינט. זי פלעגט קורירען די קראנקע פרויען, מיט־העלפען די נעדריקטע און טרייסטען די, צום ארויסשיקען. נאך אפט האט זי פאר איהר גוטסקייט אונאנגענעהליכקייטען געהאט און בזיונות געליטען פון איהר דעספאטישען מאן, בעת זי פלעגט זיך איינשטעלען און זיך פארוענדען לטובה א משפחה, וואס האט געדארפט ארויסגעווארפען ווערען פון דער קאלאניע.

— מאלטשי באבא! — האט ער איינמאל אין מיין און אין ראזענפעלד'ס אנוועזענהייט, אויף איהר א מרוקע געטהאן, ווען זי האט כנאריע געבעטען פאר אן אומגליקליכען גרוש. זי האט איהר שעהנעם קאפ פארשעהמט ארונטערגעלאזען און פארטרויערט פון צימער ארויס.

60.

לאפין א דימענטענער אדמיניסטראטאר.

לאפין איז געווען א מענש מיט א פעסטען, געזעצטען טעמפע־ראמענט. א מושל, טאקע א זעלבסטהערשער — אבער אן עהרליכער כאראקטער און האט אין תוך אריין, ליעב געהאט דעם קאלאניסט. ער איז נור פארגיפטעט געווען מיט'ן סם פון דער רוסישער ביו־ראקראטיע און פונקט ווי די גאנצע פארדארבענע קליקע זייערע, האט ער אויך געדענקט, דאס דער ארימאן דארף צופרידען זיין מיט די ביינער וואס ער געפינט צום לעקען, אונטער די טישען פון די גדולים... ווייל די וועלט איז דאך באשאפען געווארען נאר פאר זיי, פאר די פריוויליגירטע יחסנים...

ווי א געניטער גענעראל, האט ער די טאקטיק געפיהרט און די שלאכט געוואונען: די בטלנים — ווי ער האט זיי אנגערופען — ארויסגע'פטר'ט. דעם שמוץ וואס בערקנהיים האט איבערגעלאזט, אדער פארזעהן, האט ער ארויסגעראמט...

— א ריינע, א געזונדטע, דארף מאאוריציא זיין! — פלעגט ער זאגען. — דא איז נים דער פלאטץ פאר גנבים, זונות און פאר שנארעריי...

א גרויסע משפחה פון 21 פערזאן, האט ער מיט'ן שורש ארויסגע־ריסען, נור פאר דעם איינעם חטא, וואס זייערס א מיידעל איז אוועק וואוינען מיט א רייכען קריסט... שפעטערדיגע מושלים האבען זיך שוין נאר א קליינעם רעזדען געמאכט פון אזעלכע קלייניגקע פאסירונגען...

דאס שלאג־ווארט "קאנטראקטע", וואס האט אויפגערידערט די קאלאניע און פעראורזאכט די רייבונג צעווישען אונז מיט דער דירעקציאן, האט ער מיט אן אויבער־שכל, כמעט דיפלאמאטיש געלייזט...

— קאלאניסטען שרייבט אונטער קאמפראמיסען; — האט ער גע'טענה'ט. — זאל יעדער איינער חתמ'ענען א פאפיער, דאס ער קאמפראמעטירט זיך אונטער צו שרייבען דעם קאנטראקט.

נאכדעם ווי עס וועט בעסער אויסגעשטודירט און רעפארמירט ווערען.

מיר האבען איהם געפאלגט און דערמיט האט זיך פארלויפיג געענדיגט דער קאנטראקטען טומעל און ס'איז אויסגעקומען: "די ציג גאנץ און דער וואלף זאט"... די פראנצויזישע ביורא איז מיט די "קאמפראמיסעס" צופרידען געווען.

נאך די ארויסשיקונגען וואס לאפין האט דורכגעפיהרט, זיינען פיעלע פון די פעלדער פארבליבען מיט'ן מאאיס אויפ'ן "פיען" — אויך א סך געאקערט לאנד: לעדיגע גרופעס מיט צו אכט "ראנטשאס", גאנץ פיין איינגעארדענטע, זיינען פארבליבען לעער, אהן מענשען.

נו, האט זיך אנגעהויבען א בייטעניש. מען האט געוועקסעלט די גרופעס, גענומען בעסערע הייזער, בעסער לאנד און מעהר: הכלל: מען האט גע'ירש'נט די "געפאלענע" דער מושל אליין, נאכדעם ווי ער האט די "לימפיעסא" פארענדיגט, האט ער די פארבליבענע, וועלכע ער האט פאר ריכטיגע קאלאניסטען אנערקאנט, באהאנדעלט זעהר מילד: איז געווארען זיס ווי לאקריץ און ווייך ווי פוטער. האט מיט יעדען געשמועסט ליעבליך און געבעטען, פשוט צוגערעדט דאס מען זאל נעהמען נאך לאנד, ווייל עס וועט אמאהל די ווערמה האבען א סך געלד...

איינגענטליך ווייס איך ניט: מ'זאגט דאס אין ענטרע־ריאס, וואוהין ער איז שפעטער פון מאאוריציא איבערגעשיקט געווארען, איז דארט, איז ער א רשע־מרושע געווען, א שטיק גזלן פשוט און האט די אימיגראנטען אנגעטהאן געברענע צרות... מיר האבען איהם געהאלטען פאר א פריינד; פאר א מענשען מיט אנ'ארענטליכען כאראקטער און מיר דוכט, אז ער איז עס טאקע געווען.

מיר האבען איהם אין אלעם געפאלגט און די קאלאניע האט טאקע באקומען א נארמאלען אויסזעהן. דער אפטימיזם האט צוריקגעקעהרט: די טרעהרען פון די ארויסגעטריבענע, זיינען אפגעטריקענט געווארען. זייערע קרעכצען, זייערע וועה־געשרייען, האט דער פאמפערא ערגעץ פארטראגען העט ווייט, אין דער אומענדליכקייט און דער הימעל אונזערער, האט זיך אויף א קורצער צייט אויסגעלייטערט.

אבער אויך אין דעם דאזיגען גליקזעליגען פעריאד, האט די קא־

לאניע פלוצים אויפגעשוידערט צוליעב א שרעקליכער פאסירונג. וואס האט געקאסט דאס לעבען פון א פיאניר.

ישראל בערקאוויטש. פון דער גרופע 64, האט אויף זיינע מאאיס־פעלדער פארנומען עטליכע פערד פון א גאאוטש, וועלכער פלעגט אלע נאכט זיי ארויפלאזען אויפ'ן אידענס קוקורוזע און איהם דארט גרויס שאדען מאכען, ביז דער קאלאניסט האט זיי געכאפט און פארשפארט ביי זיך אין קאראל.

ביי טאג, בשעת בערקאוויטש האט אין פעלד דעם מאאיס גערייסען, איז אנגעפאלען דער גאאוטש און האט איהם אנגעהויבען שלאגען מיט דער "רעוועגקע" איבער'ן קאפ. אויף זיינע קולות, איז אנגעקומען זיינער א זוהן, א בחור פון א יאהר אכצעהן. איהם דערזעהענדיג, איז דער גאאוטש פון זיין פערד אראפגעשפרונגען און אין איין אויגענבליק דעם יונגערמאן דערשטאכען מיט זיין מעסער און כהרף עין, רייטענדיג פארשוואונדען.

דער דר. וועקסלער איז באלד געקומען, אבער זיין מיה איז שוין געווען אומזיסט... דער יונגערמאן האט נאך א פאאר שעה געזיפעט און איז אויסגעגאנגען.

לאפין און בראנדעס, האבען דער פאליציי אין באוועגונג געבראכט... מ'האט דעם מערדער געכאפט און אין תפיסה פארשפארט... אבער אין פופצעהן טעג ארום, איז ער ווידער פריי געווען. דער "אלקאלדע" פון קאסאדעס, טאמפסאן, זיינער א פריינד, האט ביי דער גערעכטיגקייט (?) זיין פרייהייט אויסגעווירקט. דער רוצח איז שטאלץ ארומגעגאנגען אין דער קאלאניע און געוואגט א מורא אויף די קאלאניסטען.

דער פאטער פונ'ם ערמארדעטען, איז אין א טאג אריין אין דער "קאמיסאריא", מיט א רעוואלווער אין האנד און געוויזען דראהענדיג, דאס ער וועט זיין זוהנ'ס מערדער ווי א הונד הערשיסען אין מיט'ן גאס, אדער וואו נאר ער וועט איהם אנטרעפען און זאל די פאליציי מיט איהם טהון וואס זי וויל און קען... ערשט דאמאלסט האט מען דעם רוצח אויסגעוויזען פון אונזער געגענד... מעהר האבען מיר איהם ניט געזעהן!

די צייט האט דיזען אקצידענט אויך פארגעסען געמאכט... ס'איז באלד אנגעקומען דער ליעבער פריהלונג. אלעס האט אויפגעבליהט.

די ווייצען האבען געוואקסען זעהר שעהן. די גערטנער האבען גע־
ברינגט, די האפנונג האט אלעס באגלאנצט און בעשיינט און דאס
קרעפטיגע יונג־פרישע לעבען, האט ווידער דאס איבער־האנד
גענומען.

קינדער ערציהונג.

אין איין ווינקעל פון אונזער קאלאניע־לעבען, איז נאך אלץ טיף קעל געווען; — הייגט, איז גאר שטאַק פינסטער; — דאס איז די קינדער ערציהונג, דאס אונטעררוכט אין אידיש.

מילא שפאניש, האט די יק״א באקומען פון איהר חברת׳ע, די פראנצויזישע "אליאנז איזראעליט אוניווערזעל", א גאנצען בינטעל יונגע מאראקאנישע לעהרער פון איהרע פאבריקעס, וועלכע האבען די קינדער געלעהרענט קאסטיליאניש, א נטער־באנפעדיג, מיט׳ן פראנצויזישען אקצענט... אבער אידיש, עברי, דאס איז א ביטערע צרה געווען — פשוט ניט בנמצא! אפילו די שוסטערס, באנדארעס, וועלכע זיינען שפעטער געקומען און זיך אלס לעהרער פארגעשטעלט, זיינען דאמאלסט נאך אויך ניט געווען!

לאפין האט אין דיזען ווינקעל אויך אריינגעקוקט.

— טא וואס וועט זיין מיט די קינדער? — האט ער מיך איינמאל געפרעגט. — אין דער שולע פון אלגאראבא איז פאראן יאקר כאוו, אמת שוין א זקן, אבער דאך א ליטוואק... אין אליסע אבער? לייבוש קארמאן און מאטיע פרענקעל, דירדקי מלמדים פון פאדאליע, קענען נעבאך אליין קיין עברי ניט און די קינדער פערבלייבען עמי־ארצים גמורים...

—יא ריכטיג! — האב איך באשטעטיגט. — שרייבט קיין פעטערסבורג און זאל דער קאמיטעט שיקען העברעאישע לעהרער. — האב איך אן עצה געגעבען.

— ניין! דאס וועט צופיעל געדויערן, ס׳איז א שאד די צייט. — האט ער באמערקט. — איך האב דא גופא איינעם אלס פאסענדען לעהרער: קומט אריין אין שטוב וועלען מיר איבערשמועס׳ן.

טרינקענדיג טהעע און צובייסענדיג פענעצלאך שווארצען "כליעב", וואס אניוטקא די ליטוואטשקע, פלעגט באקען אלס מוסטער, אום די קאלאניסטען צו צייגען דאס זיי דארפען עסען ראזעווע ברויט

און זיך באפרייען פון דער מכה: "צווייגול-מעהל", וואס האט זיך שוין דאמאלסט שטארק צעיאטרעט אונטער אינזערע קאלאניסטען — האט ער דאן ביים טיש, מיר זיין גראנדיעזען פלאן פארגעגעבען און געמליך: צו נעהמען מיין חבר אברהם'ל ראזענפעלד און איהם אין אליסער שולע אריינזעצען אלס אידישען לעהרער, באמערקענדיג דערביי שמייכלענדיג:

— קיין גרויסער בריה אין אגריקולטור איז ער סיי־ווי־סיי נישט; נו, זאל ער בעסער לעהרנען. רעדט איבער מיט איהם. ער מוז לעהר ער ווערען!...

מיר האבען זיך צערעדט איבער דער אומפראקטישקייט און דער אונערפארענהייט פון אונזערע שטעדטישע אידען, די ניי־געווארענע אקערבויער, און שייכות צו דער אגריקולטור און פיהצוכט און די מאדאם לאפין, האט דערביי דערצעהלט אין יוסיש, דעם פאלגענדען שעהנעם אנעקדאט:

— דאס האבען מיר די אדמיניסטראציאנע דיענער דערצעהלט: — האט זי אין פאראויס א באמערקונג געמאכט.

"איינער, א קאלאניסט, וועמעס לאנד עס גרענעצט זיך מיט דער אדמיניסטראציע, איז אין קאבעטשעצייט געקומען צו בראנדעס'ן, און איהם געבעטען, דאס ער זאל איהם אויסלייהען א פארוס, אום איינצוזעקען די ניט געשלאסענע "פארווע" ברוידט, וויל דער רעגען העננט אין דער ליפטען... בראנדעס האט אויף איהם רחמנות געהאט און איהם די "לאנא" אויסגעבארגט. דער "פעאן" פון אדמיניסטראציע האט איהם נאך צוגעהאלפען, דעם שווערען פריזענט אויף דער סטנגרטע אריפשלעפען און זי איינדעקען. אז דער פעאן איז בלויז עטליכע מינוט אפגעגאנגען פון דער סטערמע, האט אויסגעבראכען א שטורם־ווינט און אויגענבליקליך האט אנגעהויבען רעגענען. ער איז באלד צוגעלאפען צוריק צו דער פארווע, כדי זיך נעבען איהר פון רעגען צו שיצען. דעם קאלאניסט איז שוין ערגעץ נישט צום זעהן געוועזן. דער ווינט, האט אבער דעם פארוס צונויפגעראלט און אראפגעשליידערט אויף דער ערד. דער טאגלויהנער האט גענומען א ברעג פונ'ם לייוועגט אום זיך דערמיט איינדעקען פאר'ן רעגען; ווען ער דערהערט פלוצים, ווי עפעס דראפעלט זיך אין צונויפגעדרעהטען פריזענט און ווי עפעס אטהעמט דארט שווער...

"נעווים איז דארט פערוויקעלט געווארען עפעס א האז" — טראכט זיך דער פעאן. — נ.: עס וועט שוין זיין א גאנץ וואזשנער בראטען פון א "ליעבּרע".

"דער רעגען איז א פאראיבערלויפענדער געווען און האט טאקע באלד אויפגעהערט. דער פעאן צעוויקעלט די "לאנא" אוּן דעם האז ארויסצונעהמען. ערשט ווייסט איהר וועמען ער האט דארט גע־טראפען? דעם קאלאניסט אליין, דעם איינענטהימער פון די סטער־עס, וועלכער איז דארט געלעגען א האלב־דערשטיקטער און ער האט איהם קוים אויפגעמינטערט. דאן האט איהם דער קאלאניסט דערצעהלט, דאס דערזעהענדיג. אז דער שטורם וויל דעם פריזענט אראפ־טראגען האט ער, דער נאאיווער, געוואלט מיט דער משא פון זיין איינענעם קערפער, דערצו נישט דערלאזען. דער שטורם האט אבער מעהר קראפט געהאט: איהם איינגעוויקעלט אין לייוענט און אראפגעשליידערט און ווען עס וואלט גראדע דארט דאמאלסט נישט געווען דער פעאן — וואלט ער דערשטיקט געווארען."

— זאגט נאר, — האט די מאדאם פארענדיגט: — איז עס אפטמאהל נישט דער זעלבער פון וועלכען איהר שמועסט יעצט? מיר האבען זיך צעלאכט.

— ווער ווייסט צי דאס איז ניט מעהר ווי א וויץ אויפ'ן חשבון פון די ערשטע קאלאניסטען! — האט לאפין געזאגט. — אט מ'דארף נאר זעהן. דאס ראזענפעלד זאל לעהרנען מיט די קינדער.

אזוי איז עס טאקע אויך געשעהן. אברהם'ל איז אין אליסע לעה־רער געווארען. א יאהר צעהן. האט ער מיט די קינדער געלעהרענט. דאס ביסעל קדיש וואס זיי קענען נאך זייערע עלטערן — מיט פיע־לע גרייזען — יעצט זאגען. אט דעם דאזיגען מיעוט, דאס ביסעלע, איז דעם סעניאר ראזענפעלד צו פערדאנקען.

איך דענק, אז ס'איז גאר נישט איבעריג דא א פאאר שורות צו שענקען פאר דעם לעהרער, פאר'ן ערשטען מחנך, וואס האט דאס ביסעל דאווענען אויפגעהאלטען און אפגעהיט אינ'ם דור פון די פיא־נעריין־קינדער: מיט זיין פערזענליכקייט אייך צו בעקאנען און אייך פארשטעלען זיין גייסטיגען מהות און איכות, זיין שאפען און שטרע־בען ביי אונז אין דער קאלאניע.

דער רבי אַברהם'ל.

"דער רבי אברהם'ל" — ווי אלע קאלאניסטען רופען איהם, איז געוועזען א קליינער, נידעריגער אידעל, מיט'ן גאנצען אידישען גלות־צייכען אויף די פּלייצעס. קליינע ביער־אויגען זיינען געזעסען טיעף אין זיין, שטענדיג שמייכלענדען פּנים און האבען מיט ליעב־שאפט און תמימות, אויף אלעס ארויסגעקוקט.

אימער איז ער פרעהליך געוועזען. האט א סך גערעדט און אויך געהאט פון וואס צו רעדען. אין דער יוגענד האט ער היבש געלעה־רענט, פיעל געליינט און געוועזען א שעהנער העברעער. פלעגט צייט־טענווייז שרייבען אין דער "הצפירה".

דערפאר האט ער אבער געהאט א זעהר אנגעשראקענע נשמה. א שרעקליכער טרוס און בעל פּחדן געוועזען. פאר יעטווידען קנעפּעל פלעגט ער אויפציטערן און זיך איינשרומפּען — נאך קלענער ווע־רען, ווי ער איז עס פון וואוקס. די מורא פאר'ן נאטשאלניק, איז ביי איהם געוועזען אן איינגעבוירענע. ער האט עס מהסתם איינגע־זויגען צוזאמען מיט דער מוטערס מילך.

געבוירען און אויפגעצויגען אין א דארף, חתונה געהאט איז דארף, שפּעטער מיט איגנאטיעוו'ס גזרה פון מאי, אין 1882־טען יאהר, אויסגעוויזען געווארען פונ'ם דארף, האט ער פון דארט נאך געירשנ'ט, די הכנעה פאר'ן אוריאדניק מיט די לאנגע כאליאווען און מיט'ן אראפּניק אין האנד. דער דאזיגער פּחד, איז ביי איהם דא איבערגעגאנגען אין שייכות צו אונזערע אדמיניסטראדארען. וואס זיינען שטארק עהנליך געוועזען צו יענע הערשאפטען... אויף דריי מעטר ווייט, האט ער שוין דאס היטעל אין האנד געהאלטען און דעם אדון אנטקעגנען זיין חניפה־שמייכעלע צוגעטראגען. די גלות מתנה אויף זיינע פּלייצעס, פלעגט זיך דערביי, ביי איהם נאך מעהר איינ־הויקערן...

מאנכע מענשען וועלכע האבען איהם בלויז פון ווייטען געקענט האבען איהם דערפאר געהאלטען פאר א היפּאקריט, פאר א חונף...



דער רבי אברהם'ל ראזענפעלד.

אבער די נאהענטע פון זיינע בעקאנטע, האבען גוט געוואוסט, דאס אברהם'ל איז זעהר ווייט פון פאלשקייט: אז ער באזיצט א ריינע זעעלע און א נאבעלע הארץ: נאר ער איז פון נאטור־אויס, אנ'אנגעשראקענער נעבאכעל, וועמעס סניה עס בויגען־זיך פאר יעדען צריין...

איך פלעג זיך מיט איהם אפט אמפפערן דערפאר:

— פאר־וואס זאלסטו ניט זיין קיין תקיף אין דיין דעה, אברהם'ל? ווי־האלט זיך דאס א מענש אזוי קליין ביי זיך און איז אזא שרעקענדיגע, קריכענדיגע בריאה?

עפעס שטארק מאדנע פלעגט ער שמייכלען, אויסהערענדיג מיין מוכר.

— שוין, שוין! איכ'ל שוין זיין! גערעכט כלעבען! א מענש דארף שטארק זיין, האבען איינגעווירדע: איכ'ל שוין זיין! — און דערביי איז ער אזש אונטערגעשפרונגען מיט זיין קורצען קערפער.

איז אבער אנגעקומען עפעס אנ"אדון בפקדד", האט ער נור דערפיהלט דאס יענער חצוף פערמאגט עזות, וואס דאס שפיעלט דאך דא די הויפט ראליע: — איז אברהם'ל שוין ווידער א לאם... שמייכעלט נארעשעוואטע און שעפשעט: "ראבושי פאני!". פשוט עפעס א מין וועקסענע נשמה האט ער געהאט, וואס איז צעשמאלצען געווארען ביי יעדען פלאם פון חוצפה...

קוים איז ער אבער געקומען צווישען די זייניגע, צווישען די אריִמע, אונטערדריקטע, איז איהם שוין גאר נישט געווען צום דערקאנען. מיט ליעבשאפט און בעגייסטערונג האט ער גערעדט, געטרייסט, געראטהען: די נויטבאדערפטיגע געהאלפען און איבער די כוחות געארבייט, פאר'ן וואוילזיין און פאר'ן גליק פון די קאלאניסטען. גאנצע שעה'ן פלעגט ער אפטמאל שטעהן אויפ'ן טיש און דרש'ענען, מוטהיג און היציג רעדען און פיעלע בעאיינפלוסען מיט זיין פעסטקייט און זיכערקייט.

ער האט שטארק ליעב געהאט די קאלאניסטען און די ערד־ארבייט איז ביי איהם געווען א גרויסער אידעאל. אט אזוי איז ער געווען און אזא נשמה האט אויך געהאט זיין פרוי שרה: — א הויכע שלאנקע ברונעטין, מיט איידעלע געזיכטסציגע, גרויסע בלויע אויגען, בענאסען מיט'ן חן פון דער אשה עבריה...

אברהם מיט שרה'ן, פיליִיכט א ניצוץ פון יענע, דארט ביים „פלוין פון ממרא“, — האבען אן אפענע שטוב געהאט פאר יעדען. נאָ יעדען „גרינעם“, האבען זיי א מיטאג געגעבען. יעדען דורכגעהער — א מאמע דערלאַנגט.

היינט כבוד אב יאָס? מיין גאָט! מיט וויפיעל צערטליכקייט זיי האבען דאס זייער פאטער און מוטער בעהאנדעלט!

נאָר צו דער קאלאניזאציע איז ער א גרויסער שלימזל'ניק געוועזען און דאס, נאָר א היבשער.

איך ערָאינער זיך, דאס איידער ער איז נאָך אין שולע אלס לעהרער אריין, בין איך אין א טאג צו איהם געקומען אין גאסט. מאָנדיאק, זיין בכור, א דרייצעהן יאהר אלט, א שווארצער שלאנקער אינגעל, געראטען אין זיין מוטער, האט קענען־איבער דער „ראנטשא“ געאקערט מיט א דאפעלטען פלוג, געשפאנט צו זעקס אקסען. ער איז אפגעגאנגען א „וואוילטע“, האט אפגעשטעלט די אקסען, פון בוזים ארויסגענומען א ביכעלע, זיך אויפ'ן גראז אוועק־געזעצט און זיך פארטיעפט אין לייענען. די אקסען איז מסתמא נמאס געווארען צו שטעהן, האבען זיי זיך מיט די פנים'ר אויסגעדרעהט צום פלוג, האבען זיך אן איהם פארפלאנטערט אין איהם איבערגעקעהרט... דער אינגעל איז א פארוויינטער געקומען צולויפען.

— וואס זאגט איהר צו מיין אומגליק? — באקלאגט זיך אברהם'ל. — דער אינגעל איז א לא יוצלח, א שטיק מלמד...

— שא, שא, אברהם'עלע! — טענה'ט שרה. — זעה נאר ווי פארמאטערט דאס קינד איז! וואס קען מען טהון? ער איז ניט געבוירען צו דער קאלאניזאציע. נאָר אין טאטען געראטען...

אברהם'ל האט טיעף אפגעזיפצט.

— אפשר אט דער זאזיוק: — צייגט ער מיר אן אויף א בארוועסען אינגעלע פון א יאהר זעקס, — אפשר וועט ער כאטש טויגען צום פעלד.

איך בין מיט איהם געגאנגען אין קאמפ, און דארט צוריק אויפגעשטעלט דעם פלוג.

יענער מאנדיאק, איז היינט דער פראפעסאר מארקוס ראזענפעלד, דער לעהרער פון א נארמאל־שולע, וואס דער שטאאט האלט־אויס. דאמאלסט איז ער געבאד געזעסען א פאר־

אוסגערטער ביים מיטאג און דעם קאפ ניט אויפגעהויבען פאר בושה.

אט דאס איז דער חבר מיינער, אברהם'ל, וועלכען לאפין האט
ערנאנט אלס אידישען לעהרער. הארציג־טריי האט ער מיט די קינ־
דער געלעהרענט, פיעל ענמת־נפש געהאט פון די ארונים די אינ־
ספעקטארען, אדמיניסטראטארען, און אלערליי צרות געליטען פון
די שפאנישע לעהרער.

— זיי ווילען ניט דאס אונזערע קינדער זאלען עפעס קענען! —
פלעגט ער מיר פארביטערט זאגען. — מען לאזט ניט לעהרנען! זיי
פארווארפען מיט פראגראמען און שוין!... עטלפים! ווילען אונז
בכלל אין פינסטערן האלטען...

הייגט די צרות און באליידיגונגען וואס ער האט איבערגעטראַ־
גען פון די קאלאניסטען גופא, — צוליעב זייער ווולגארישער בע־
טעהונג, דורך זייער אומגעלומפערטער גראבהייט!...

ער איז ענדליך קראנק געווארען. האט אויעק־געלענט דאס לעהר־
נען און איז צוריק צום פעלד געגאנגען.

אַלגאַראַבאַ און אַליסע.

ווי כ'האב שוין אויבען אנגעצייגט, האט מען נאך לאפינ'ס לעצ־
טער "רייניגונג", נאכדעם ווי ער האט פון דער קאלאניע ארויסגע־
שיקט, ווען מען האט יא און ווען ניט בעדארפט; — האט דער
עקזיסטענץ פון דער קאלאניע, דאס ענערגישע לעבענס־קראפט וואס
זי האט שוין פערמאגט, גענומען איהר שיקזאל אין אייגענע הענד.
די קאלאניסטען האבען זיך אנגעהויבען סארטירען, יעדערער האט
זיין גלייכען געזוכט... דער ז ר ז ר איז זיך צום ע ו ר ב געגאנ־
גען... ס'האט אנגעפאנגען דאס בייטענעש. מ'האט געוועקסעלט די
גרופעס, געטוישט די לענדער, געביטען די שכנים. יעדערער האט
נאר געזוכט צו בייטען!

אפשר זאלען מיר גאר גלויבען שפינאזא'ן, וועלכער הרינגט, דאס
עס איז בכלל גאר־נישטא, אז עס עקזיסטירט ניט קיין אייגענער
זעלבסטשטענדיגער ו י ל ע ן, מחמת יעדער ו ו י ל ע ן קומט פון
א פריהערדיגען ו ו י ל ע ן?

יעדענפאלס דאמאלס האבען אלע ג ע ו ו א ל ט און ג ע ב י ע ט ע ן.

איך האב אויך אויסגעביטען די פריהערדיגע גרופע 43, פונ'ם
דיסטריקט אלגאראבא־טשיקא, אויף דער גרופע 55, אין אליסע.
אין סאמע־צענטער פונ'ם דיסטריקט.

נייע מענשען — נייע זיטען. אונטער א פרישער, נייער אטמאס־
פערע בין איך געקומען.

א ל ג א ר א ב א און א ל י ס ע, זיינען געווען צוויי באזונדע־
רע שטחים ערד און האבען אויסגעזעהן, ווי צוויי פארשידענע שבטים
וואלטען זיי באוואוינט.

"י ה ו ד ה ו י ש ר א ל". — האבען אונזערע תלמודיסטען, ב.
ראבינאוויטש און ל. ניסענזאהן, זיי א נאמען געגעבען.

אין אלגאראבא האבען זיך קאנצענטרירט כמעט אלע ארטאדאקסי־
שע אידען. אידען מיט שעהנע בערד, ניט גערירט חלילה א האאר.

בעלי־בתים, ביי וועלכע ראזשינקעס־וויין אויף קידוש און א שטיקעל סאבאלא־פיש אויף שבת, איז פון די גרעסטע נויטבעדערפעניסען געווען... זיי האבען מעחר געקוקט אויס'ן דאווענען, ווי אויפ'ן אקערן...

צוויי הויפט־גרופעס זיינען אין אלגאראבא געווען. איינע אין "אלגאראבא־טשיקא" און די אנדערע אין "אלגאראבא־גראנדע". זיי האבען דעם טאן געגעבען אויף דער גאנצער סביבה.

אין דער ערשטער הויפט־גרופע, אין "גרויס אלגאראבא", האט געוואוינט רבי ליב דינער, דער פאטער פון א גרויסער גאטספארכטיגער משפחה, מיט א סך זיהן, גוטע ארבייטער, נור אונטער זעהר א שטרענגער, ארטאדאקסישער דיסציפלין. יעדען טאג האט געמוזט זיין מנין. די אקסען אין די פלוגעס געשפאנט, האבען דאכצעך שוין געוואוסט גענוי די צייט וואס זיי דארפען שטעהן און איבערווארטען דעם דאווענען... ערשט ביי קדיש יתום, פון נאך עלינו לשבח, האבען זיי אויפגעהערט צו מעלה־גרה'ן, האבען מיט זייערע תם'עוואטע אקסענע אויגען אריינגעקוקט אין שוהל־אריין און אנגעהויבען שלעפעריג שטעלען פיס, אויספאלגענדיג דעם "וואמאס!" וואס איז מיט א תהלים ניגון אויסגעשריען געווארען פון די בעלי־תפלה...

פרייטאג נאך האלבען טאג, האבען זיי שוין די ארבייט אוועקגעלעגט. אויף א גרין־געפארבט וועגעלע פון פיער רעדלאך, געשפאנט צו צוויי "באזשע" מוילעזלען, איז דער אלטער רבי לייב, מיט אלע זיינע בחורים'לאך מיט די רויטהע בערדלאך, צוגעפאחרען צום באד פון אלגאראבא.

ווען די אליסער קאלאניסטען זיינען נאך ביי קרישטאלען אין קוזניע, גאר וואכעדיג געשטאנען, ווער שארפענדיג א לעמיש צום פלוג און ווער פארריכטענדיג א ראד צום וואגען: זיינען שוין די בני־דינער, פון באד ארויסגעגאנגען, טראגענדיג א יעדער אין ארבעל, א קונציג צונויפגעדרעהט לענגליכע, ווייסליכע ראללע, וואס איז פון דער קויטהיגער העמד אויסגעפורעמט געווארען און מיט ביטול האבען זיי געקוקט אויף די אליסער אפיקורסים, וואס לאזען דאס אייביגע לעבען און זיינען זיך עוסק אין חיישעה. האט זיך נאר די זון הינטערן אדמיניסטראציאנעם וועלדעל ארונ־

טערגעלאזען, האבען שוין די ווייבלאך, אין הייסינקע טשעפיקעס, געבענשט די שבת ליכט און איצע דינער'ס גארגעלדיגער־האלדז, האט שוין געטרילערט דעם ל כ ו נ ר נ נ ה...

עס איז כדאי דא איבערצוגעבען דעם פאלגענדען עפיזאד: א שאלות־תשובה האבען זיי געשיקט צו רבי יצחק אלחנן ספעקטאר, דעם גאון פון קאוונע.

די שאלה איז געווען איבערן פויען דעם סקאט אום שבת.

אזוי ווי קיין ווינט־מיהלען צום שעפען וואסער איז נאך דאן ניט געווען, האט מען געמוזט ארויסציהען דאס וואסער פונ'ם "כאגוואויל" — א גרויסען ברונעם, בענוצענדיג דערצו א פערד. מען האט "א־לא־סינטשא", ארויסגעצוינגען דעם עמער, אנגעגאסען די קאראטא און די רינדער האבען געטרונקען. שבת אבער, טהאר מען דאך ניט רייטען און אפילו אויך ניט פיהרען דאס פערד ביים צוים, דאן סתם ביים ארויסציהען דאס וואסער, איז דאך אויך פאראן א ש ב י ת ת־ב ה מ ת ה. האבען די פרומאקעס געפרופט הייסען דעם סקאטווארטען ביז נאך הבדלה.. זיינען דאך אבער די ארגענטינער פיה גרויסע עמי־הארצים, האבען זיי ניט געוואוסט די מידה פון רבי פנחס בן יאיר'ס עזעל, און האבען פראטעסטירט. געברעוועט, באפאלען דעם מנין, געשטערט דאס דאווענען... און די זקנים, די עלטערע אקסען, זיינען גאר ברוגז געווארען און האבען שוין זונטאג אויך ניט געוואלט טרינקען... ס'איז געווארען ביטער. איז וואס־זשע טהוט מען? אמת, איינינגע יונגע לייט זיינען באשטאנען, אז דאס איז נאך א גרעסערע עבירה: ס'איז און א ב מ ל א כ ה. און אנשטאט דעם פערד, אזוי־ארום אליין ארויסשלעפען פון "כאגאוואויל" דעם שווערען און גרויסען עמער וואסער, אויף אנפויען דעם סקאט. האט אבער איינער פון זיי, א גרויסער ידען אויסגעפורנען, אז דאס איז נאך א גרעסערע עבירה: סאיז און אב מ ל א כ ה...

י נו, האט מען ביי אברהם'ל ראזענפעלד גע'פועל'ט, און ער האט אין העברעאיש די גאנצע שאלה אנגעשריעבען. אוועק־געשיקט צו רבי יצחק אלחנן, איהם בעטענדיג דורך מליצה א שטיקעל היתר...

אין א פאאר מאנאט ארום איז ענטפער אנגעקומען. אנו טרעפט וואס דער גאון און צדיק האט געענטפערט? איהר לאכט שוין? הארט־זשע איהר וועט נאך מעהר לאכען!

מען האט צונויפגערופען דעם גאנצען מנין און פאמעלאך האט מען אויפגעריסען דעם קאנווערט. מ'האט ארויסגענומען א ווייס לע־דינ פיערטעל פאפיער, מיט דער חתימה און חותם פון הרב רבי יצחק אלחנן פון קאוונע, דליטא.

— גאר לעדיג פאפיער? — האבען אייניגע פונ'ם מנין ערשטוינט אויסגערופען. — וואס הייסט־דאס?

רבי לייב דינער האט זיינע שפאקולען ארויפגעזעצט אויפ'ן נאז און האט דערזעהען דריי ווערטער, אנגעשריבען מיט דריבנע אותיות'לאך און האט עס אין איין אטהעם איבערגעלייענט:

„אל תען כסיל...”

— נו, א ליטוואק! — האט דער פרומאק א בורטשע געטהאן אונטער'ן נאז און האט הערביי א געשמאקען ציה געטהון דעם שמעק־טאבאק פון זיין בייהנערנער פושקעלע.

דער ליטוואק ישעיה שאפירא, טאקע זיינער א שכן, איז בעז געווארען:

— פוילישע עמי הארצים וואס איהר זיינט!! נאך א לעק תורה מוזט איהר אנקומען צו אונז!

— ווען איך וויים: — האט איהם מיט כעס געענטפערט דער חסיד יענקעל קאלקער. — דאס משה רבינו איז געוועזן א ליטוואק. וואלט איך דאס חומש'ל אין מיסט ארויסגעווארפען! — און האט זיך געווארפען צום בריעף אום איהם צוצערייסען...

אין דער צווייטער הויפט־גרופע פון „קליין־אלגאראבא”. האט געוואוינט רב אלטער ראזענצווייג. צעהן זיהן האט ער געהאט, אלע שעהנע, געזונדטע, קלוגע, אמת'ע גיבורים און אויך פלייסיגע אר־בייטער. אלע זיהן מיט'ן פאטער, האבען פארנומען די גרופע 49.

די גרעסטע רעה־זאגער, זיינען די דאזיגע צוויי גרויסע, פיינע, פרומע משפחות געווען אין דער סביבה, און זיי האבען זייער השפעה אויסגעאיבט, איבער אלע קלענערע גרופעס פונ'ם אומגעגענד.

אלע כשרה, פשוט'ע אידען, וואס האבען נעבאך מעהר ווי דאס ביסעל צעגרייזיגטען דאווגען פון דער היים ניט מיטגע־בראכט, האבען מיט יראת הכבוד, געקוקט אויף דיזע צוויי הויפט־משפחות, וועלכע היטען שטרענג אונזער אידישען גייסטיגען אוצר און זיינען נאכגעגאנגען זייערע טריט...

אין אלגאראבא האט זיך קיינמאל ניט ארויסגעזעהן קיין איי־בענער ווילען. קיין זעלבסטאכטונג האט מען דארט קיינמאל ניט באמערקט. אזעלכעס האבען זיי ניט פארמאגט און אויך קיין בעגריעף געהאט פון זעלבסטווירדע. זיי האבען דעם מרה־שחורה׳־דיגען גלות־מאנטעל שטארק צוצויגען און זיך איינגעוויקעלט אין איהם. האבען געדראוועט און דעם קאפ געבויגען פאר יעדען תקיף. יעצט־ווידער גארנישט, האט זיי רק טובות געטהון...

די אדונים פון דער יק"א האבען דארט זייער ממשלה שטארק אויסגעשפרייט און דעספאטיש געפיהרט. דארט האט מען די קא־לאניסטען ממש אין פנים געשפיגען און זיי כסדר דערמאנט, אז זיי זיינען שנארער און דאס זיי לעבען אין גאנצען אין זכות פון די נאטשאלניקעס... אפילו איצט, נאך א משך פון א דריטעל יאהר־הונדערט, פיהלט זיך נאך אין יענעם טהייל פון דער קאלאניע, דער אלטער גלות־שימעל. איהר טרעפט נאך דארט גרופעס אהן איין בוים. אהן א סעדעל, א גערטענדעל, א וועלדעל... דארט שטעהען אייננעהויקערטע הייזקעס, אין וועלכע וועגט עס ליגט נאך אלץ די זעלבע בלאטע, וואס מען האט אהין אריינגעשטופט צוריק מיט דרייסיג יאהר... נאקעטע קוקען דארט ארויס די פארזשאווערטע דראטען און גיבען ווי אנצוהערענעש, דאס דיזע אלטע, אפגעלא־זענע, פארנאכלעסיגטע און פארוואגעלטע נחלאות, מוזען אי־בערגעהן אין פרעמדע הענד...

די העלפט פון יענע פעלדער, געפינען זיך שוין טאקע איצט.. אין גוי׳אישע הענט!

אט אזוי האט אויסגעזעהן אלגאראבא — א טהייל פון אונזער קאלאניע.

דער צווייטער טהייל פון קאלאניע — אליסע. איז אין אלע הינזיכטען געווען דער היפוך. דארט האבען זיך קאנצענטרירט די אינטעלעקטועלערע עלעמענטען, די בעסערע קרעפטען, דער עסענץ פון מאאוריציא. מענשען מיט א ברייטערן קוק אויפ׳ן לעבען, פריי געזאנגערע, מיט מעהר מוח ווי הארץ... מעהר עבודה זוי תפלה... די אקסען פון אליסע האבען קיין מנין ניט געזעהן. הגם ס׳איז געווען א פיינע שוהל: — קיין רבנן קדיש האבען זיי קיינמאהל דארט ניט געזאגט... דערפאר אבער, זיינען דארטען קיין

אנאָפּאָבעטען איך נישט געווען. אין גאַנצען דריי.

די קוואַליטעט פון דער ערד גופא, איז פיליכט אין אַליסע אויך געווען בעסער ווי אין אלגאראבא. שטענדיג זיינען די קאָסטשעס אין אַליסע רייכערע און גרעסערע געווען.

אין דיזען טהייל, האבען זיך פארקליעבען די בעסטע ארבייטער, אבער אויך די גרעסטע און פייערדיגסטע רעבעלען.

דער מיטעלפונקט פון דיזען דיסטריקט, איז געווען די גרופּע 67 — די "קינסע", אדער די פופצעהן "ראַנטשאָס". לאַפּין האט עס א נאמען געגעבען: מ א ס ק ו ו א. דאָרט האבען געוואוינט אלע שאַרפע פּאָליטיקער. אלע בונטען געגען דער אדמיניסטראַציע, זיינען דאָרט אין מאַסקווא, אויסגעפּלאַנעוועט געוואָרען.

די לעבהאַפטסטע, שענסטע גרופּע פון דער קאָלאָניע איז עס געווען. אַלע פופצעהן הייזלאַך זיינען אָבגעפאַרבט געווען מיט א ראָזאַווע־קאָליר, א שוואַרצען פּאַס אונטען און בלויע ווינקלען. די טהירען און פענסטער — גרין. דאָרט זיינען געשטאַנען זיעבען אנטקעגען זיעבען הייזער און איין הויז א גרויסע, ווייס־בלוילעך אָפּגעקאַלכט, אין דער מיטט, צווישעןביידע שורות. — דאָס איז געווען די שולע און שוהל, וועלכע האט מיט פילע פענסטער ארויסגעקוקט אין ווי צוגעשמייכעלט צו די, פון ביידע זייטען, פאַרפּלאַנצטע גערטנער און צו די יונגע בוימלאַך, וואָס האבען איהר צוגעגעבען א גן־עדן חן...

אין דרום און צפון פון מ א ס ק ו ו א, זיינען אויסגעשפּרייט געווען ווי צוויי אדלער פליגלען, די צוויי בעלעבטע, רוישענדע גרופּעס, 68 און 66 — דאָס א כ ט ע ל און דאָס ז ע ק ס ט ע ל.

אמאייגנסטען שעהן, גרין, מיט בלומען באַפּוצט, איז געווען דאָס א כ ט ע ל. אין יענער גרופּע האט געוואוינט דער, פיעל מאָהל ערווייהנטער בוזי שאַדראַגראַדסקי, איינער פון די הויפּט מנהיגים און טאָן־געבער. א יוסטער בעל־הבית און דערצו, א זעהר געניטער לאַנדווירטשאַפטער. נעבען איהם, זייט ביי זייט, רעכטס, איז געווען די הויז פון זיין שכן, דעם קלוגען און ביטערען לעטוואַק, מאַרקוס גליק, און לינקס, איז געווען די שטוב פון דעם שטילען, שוויינזאַמען

צאר טיעפזיננען ניסענבוים, דאן ווייטער די פון בן־ציון פערדער. דיזע פיער קאלאניסטען, זיינען פאררעכענט געווען פאר די בעסטע ערד־ארבייטער פון דער קאלאניע. זאגאר נאך היינט, זיינען זיי אויך פון די פעסטעסטע קאלאניסטען. האבען ערצויגען א דור פון גע־לעהרנטע, פלייסיגע אגריקולטארען און פיהציכטער, וועלכע זיינען איינגעווארצעלט און פערגרונטעוועט אין דער קאלאניע.

איך קען ווייטער דעם המשך הסיפור ניט געבען, איידער איך וועל רא בקיצור ניט אנריהרען די פיינליכע, שמערצהאפטע עראייגניס. וואס האט פאסירט דעם פיערטען פונ׳ם א כ ט ע ל, דעם קאלאניסט פערדער.

נאך דרייסיג יאהר פון שווערער הארעוואניע און פלאגענעש, האט די יק״א, דורך דער פערמיטלונג פון דער גערעכטיגקייט (?), די גאר משפחה ארויסגעטריבען פון ז י י ע ר וואוינונג און פאר זיך צוגענומען זייער נחלה מיט אלע בנינים, וואס זיי האבען פאר דער צייט אויפגעשטעלט. פארוואס? ווי אזוי? דיזע איינצעלהייטען וועט איהר טרעפען אין די ווייטערדיגע קאפיטלאך.

די דאזיגע שוידערליכע עולה, האט אויפגערודערט דער קאלאניע און אויך דער אידישער קאלעקטיוויטעט פון בוענאס־איירעס. מען האט עס דערטראגען ביז אין די גאר הויכע פענסטער און דאס אגריקולטור מיניסטעריום, האט זיך פאראינטערעסירט אינ׳ם ענין... זיי האבען א רעגירונגס אינספעקטאר געשיקט אין דער קאלאניע און אויך דיזער האט באשטעטיגט, דאס די פאמיליע פערדער איז פון די נאבעלסטע, ארבייטסזאמסטע אגריקולטארען פונ׳ם אומגעגענד און דאס די אדמיניסטראציע איז די שולדיגע אינ׳ם סכסוך...

צי ס׳וועט עפעס זוערען דערפון? צי וועט די שאף ניצול ווערען פון די וועלפישע צייהן? דאס ווייס איך דערווייל ניט! ניכער אז ניין...

נור לאמיר פארטזעצען די ערצעהלונג פון די ערשטע פרעהליכע יאהרען; איהר וועט נאך צייט האבען זיך אנצוזעט גען מיט די צרות...

אין צפון זייט פון מאסקווא, אין ז ע ק ס ט ע ל, האט געוואוינט דער שוין ערואינערטער בערל ראבינאוויטש, די ברידער סווערדליק און אויך די זעהר גרויסע, ארבייטסזאמע משפחה שענקערמאן, וועלכע באזיצט גאר א גרויסען שטח קולטיווירט ערד.

וואס ציהט זיך ביז סאן כואן. די גרענעץ פון קאלאניע מאאוריציא.

דיזע צוויי גרופעס זיינען געווען כמעט ווי די רעכטע האנד ביי "מאסקווא".

אנטסעגען, אין מזרב־זייט פון די דריי גרופעס, א 2500 מעטער ווייטער, האט זיך געצויגען אין א לאנגער 1500 מעטרדיגער שורה, די גרופע 61, אדער ד א ס נ י י ע נ ט ע ל, די שורה "על חטא", ווי די אלגאראבער פרומאקעס האבען איהר אנגערופען; — דיזע ליניע האט זיך אנגעפאנגען מיט חער הויז פונ'ם געלעהרטען ניסענזאהן און נאכהער האבען זיך די געצויגען די שטיבער פון די משפחות: קווייטעל, רעזניק, באלאטניקאוו, סעגאל און וויינגאסט און די שורה האט זיך פארענדיגט אין שפיץ, ביי דער גרויסע גע־מיינדע שולע, וואס שטעהט פארריסען דעם קאפ אין חער הויך און קוקט אריבער מיט גדלות צום גרענעץ־צו, וואו עס געפינט זיך, שוין צייט אזוי פיעל יאהרען, דער דייכער הויף, די "עסטאנסיא" אדער אימעניע, פון דער מיליאנערן משפחה, די ענגלענדער דרייס־דאל, וואס ווייס נאך אלץ ניט, פון קיין עהנל כער ערצ־הונגס גע־ביידע...

אט די פיער גרופעס האבען אנגעפיהרט גאנץ אליסע; וואס זיי האבען דארט, אין די "פופצעהן ראנטשאס", אפגערעדט און באַ־שטמט, האט די גאנצע געמיינדע, געמוזט אויספאלגען. אפילו די גרויסע גרופע, די שוועסטער איהרע, די "דרייצעהן ראנטשאס", האט קיין מאכט קעגען איהר ניט געהאט און זי האט אויך געמוזט בלינד אויספאלגען און געהארכזאם זיין דער הערזידענץ — מאסקווא.

לאמיר אייך פארשטעלען די דאמאלסטיגע עלצטע, די גלאוונע אנפיהרער, די ראשים פון אונזער מאסקווא.

דריי ענערגישע מנהיגים און מוטהיגע מענשען זיינען די דארטי־גע ד י פ ל א מ א ט י ש ע אנפיהרער געווען. דער ערשטער ב ר ו ך ג א ר פ י נ ק ע ל, א יונגערמאן פון א יאהר דרייסיג, א מאן פון א זעהר הויכען אידעאל און מיט פרייען גייסט. ער האט דער שקלאפעריי געהאסט, פונקט ווי דעם טויט. ער האט די באַרבאריע אין רוסלאנד ניט געקענט דולדען, האט דארום דארט אוועק־געווארפען רייכטהום, איבערגעלאזען אן אדעליגע גרויסע פאַ־מיליע, גענומען זיין פרוי, — א בת יחידה פון רייכע עלטערן, וואס

איז ערצויגען געוואָרען אויף סאַמעט און זייד, — און איז געקו־מען קיין ארגענטינא אום זיך צו פּלאָגען, גראָבען מיט די באַרוועסע פיס דעם גאָרטען, מעלקען קיה און האָדעווען עופות...

צום ערשטען מאָהל ווען כ'האָב דער דאָזיגער משפחה דאָ געטראָפען, האָב איך אָדורכגעלעבט אַ גרויסע אויפרעגונג און ערשיטערונג.

דאָס איז געווען אין דער עפּאָכע פון דער "מאַטושקאַ", בשעת ערביל האָט באַפוילען דאָס מ'זאָל קלייבען באַליקע; דאַמאָלסט האָב איך אָנגעטראָפען דער שעהנער, צאַרטער, ברייניע קאַנמאַר, ברוך גאַרפינקעל'ס פרוי, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, קלויבענדיג אין פעלד, צוזאַמען מיט איהר מאַן, דעם קיזיק...

כ'בין אוועק אַן אַ זייט און האָב געוויינט און געלאַכט. כ'האָב געוויינט פאַר פאַרדרוס, וואָס די איידעלע ברייניע, וועלכער כ'האָב גוט געקענט, געוואוסט דאָס זי איז ערצויגען געוואָרען מיט גיאַנקעס און גובערנאַנטקעס, דאָס זי, זאָל דאַרפען אין דער וויסטער פּאַמפּאַ צונויפשאַרען קוה־מיסט... איך האָב אָבער דערביי אויך געלאַכט פאַר פרייד, ווייל ס'האָט מיך הנאה געטהאָן צוזעהענדיג, דאָס עס געפינען זיך ביי אונזער פאָלק מענשען מיט אַזוי פיעל ענערגיע און מוטה, זיינען בעריימה אַלעס צו אָפּפערן, פערגעניגען, וואוילטאָג, עשירות — בלויז אום אַן אידעאַל צו דערגרייכען.

ברוך גאַרפינקעל מיט זיין פרוי האָבען אין קאָלאָניע געדיענט אַלס מוסטער און אַלס ביישפּיעל, איבער דער מעכטיגקייט פון דעם אידעאַל פאַר פרייהייט און ערד־אַרבייט. — שפּעטער האָט אַ שרעקליכער אַקצידענט געטראָפען מיט דיזער ברייניע'ן, איבער וועלכען כ'וועל נאָך הערען.

ברוך איז געווען דער קאָפּ פון די "קינפּע ראַנטשאָס". אַזוי צו זאָגען: דער פּרעזידענט, און ער האָט צו יענער צייט, ווי אַ קאַפּיטאַן דיריגירט די געזעלשאַפטליכע שיף.

דער צווייטער איז געווען מ אַ ז ע ס ל ע מ ב ע ר ס ק י, אַ פייערדיגער געמפּעראַמענט. האָט געהאַסט דער אַדמיניסטראַציע מיט זיין גאַנצער ריינער נשמה. אַליין האָט ער געשטאַמט פון די קיעווער גדולים און האָט אויף זיך קיין שום הערשאַפט ניט געוואָלט טראָגען... יעדען אַדמיניסטראַטער האָט ער אָפּענבאַר זיין באַנדיטסטווא אין פּנים געשליידערט. אויף יעטווידער אַסיפה, האָט מען זיין

מעכטיגען, פראטעסטירענדען קול געהערט. די אדמיניסטראציע האט איהם רעספעקטירט פאר זיין פלייסיגער ארבייט. ער און זיין פרוי קלארא, האבען געפיהרט אזא גראסארטיגע בעל־הבת׳ישקייט, וואס האט אלס חידוש געדיענט אין דער גאנצער קאלאניע.

דער דריטער מנהל איז געוועזען דער רוהיגער שלמה ראזענוואסער. א טיעפער, גרינדליכער געלעהרענטער איד, מיט צוועפענטע, גרויסע, קלאהרע, תמימות׳דיגע אויגען. זיין הויפט־ארבייט איז געוועזען, צו בארוהיגען און איינשטילען די ערשטע צוויי, ווען יענע האבען, ווי מיט צעשמאלצענער לאווא געשפריצען אויף דער שקלאפישער הנהגה פון די מושלים... ער פלעגט זיי איינגעהמען, בארוהיגען און פאר־היטען, דאס זיי זאלען קיין איבעראיילטע, היציגען שריט ניט מאכען...

אין "מאסקווא" האט זיך א גאנצע קאנצעלאריע געפיהרט. דער אלטער, געלאסענער, זיידעל גירסטעל, א קאלאניסט וואס האט גע־האט א זעהר שעהנע האנדשריפט, האט די קארעספאנדענץ פון דער ראזינגער ביורא, פינקטליך געפיהרט.

דיזע פיער קאלאניסטען, זיינען די באוועגונגס־קראפט פון יע־נער צייט געוועזען.

אין "מאסקווא" האבען זיי נאך פארמאגט א מין עלעקטרישען פונק, וואס אויף זייערען א וואונק, פלעגט זיך דיזער פונק אנצינ־דען און בעלייכטען גאנץ אליסע. מיכל קאדנער האט ער געהייסען. א יונגערמאן, א הויכער, א גיבור, מיט א זעהר ווארימען אידישען גייסט. ביי יעדער כלל׳ישער טהעטיגקייט, איז ער שוין אויף׳ן פערד געזעסען און ווי א ווינט זיך דורכגעטראגען דורך אליסע, בא־זוכט אלע גרופעס, יעדען אויפגעמונטערט, אויפגעברויזט און אלע־מען צוזאמענגעבראכט אין די "פופצעהן הייזער". וואס ס׳איז דארט אויף דער אסיפה באשטעטיגט געווארען, דאס איז פארבלי־בען א חוק ולא יעבור...

מיר באפעסטיגען זיך אין דער נייער היים.

מ׳זין נייע גרופע 55 אויך די גרופעס 54, 56 ביז 59, וואס האבען זיך געצויגען אין דער לענג. אויפ'ן תחום פון אלגאראבא, זיינען געווען אונטערטהעניג צו ״מאסקווא״.

ניט איין שבת־צו־נאכטס, האבען מיר דארט אין הייסע דעבאטען אין דיסקוסיעס די גאנצע נאכט פארבראכט און אלץ זיך בעראטהען, ווי אזוי־ארום אונזער נייע־היים איינצוארדנען.

איך זאג: ״נייע היים״, ווייל מיט לאפינ'ס דיקטאטור, מיט זיין אייזערנעם ״ביט פא־סעמו!״, אבער אויך דאנקענדיג זיינע אויסגערעכענטע פלענער און זיינע ארגאניזאטארישע פעהיגקייטען, איז ערשט ביי אונז באפעסטיגט געווארען דער געדאנק, דאס דא, אין דיזען פרייען לאנד, איז אונזער היים. ער, דער דורכגעטריבענער ליטוואק, האט געוואוסט, ווי אזוי צו דרעסירען דער גרויסער בלינדער חיה, וואס רופט זיך ה מ ו ן. מיט גוטען און דורך איבערצייגונג, האט ער די קאלאניסטען געוואונען און האט זיי אויפגעקלערט, דאס מען מ ו ז גאר זעהן וואס שנעלער צו פערלאנגען פון דער יק״א קאנטראקטען אויפ'ן לאנד, מחמת דער ערגסטער קאנטראקט, איז דאך אלץ בעסער ווי ג א ר ק י י ן קאנטראקט ניט!...

— טרויט ניט צופיעל דער פראנצויזישער אידעלקייט! — פלעגט ער זאגען פארטרויליך צו די יחידי סגולה. — זיי האבען ניט איבעריג ליעב דעם רוסישען אידען.

מיר האבען איהם פארשטאנען און נאך א קליינער רעפארמע אין די פריהערדיגע קאנטראקטען, האבען מיר גע'חתמ'עט די ״פראמעסא די ווענטא״, דאס הייסט, דעם פ א ר ש פ ר ע כ ע ן פ ו ן פ ע ר ק ו י ף, וואו עס איז איינגעשריבען געווארען די קאנדיציעס, אז מען דארף דאס לאנד אויסצאהלען אין א טערמין פון צוואנציג יאהר, מיט א צינזען פון 5 פראצענט יעהרליך.

— נא וואס ווילט איהר נאך? — האט לאפין גע'טענה'ט. —

די ערד איז דאך שוין אייערע. פאמיעסטשעקעס זיינט איהר! איהר זיינט נאר שולדיג אויף דער אימעניע אביסעל געלד! טא איז וואס פאר אנ'אומגליק שטעקט העדביי? א תנט איז קיינעם גאר נים שולדיג, — א מענש איז אימער עפעס שולדיג אימיצען!...

אין אמת'ן געזאגט: דאמאלסט ווען מיר האבען די קאנטראקטען דורך לאפינען באקומען, האט מען זיך עפעס זיכערער געפיהלט.

איך געדענק ווי מיט'ן קאנטראקט אין האנד, בין איך נעבען ישטוב פון פערד אראפגעשפרונגען און פרעהליך אויסגעשריען צו מיין פרוי און צו די קינדער:

— נאט זעהט! אט איז דער פלאן אויף בלוי־פאפיער אויסגעצייכענט: אנגעוויזען די שטוב, דער גארטען, דעם סאראל, די קאמונאַלע "פאטרערא". אט אויף דעם ווייסען בויגען פאפיער, איז כתב וחתום פון בעראנס נאטשאלניקעס, דאס אלעס איז אונזערס, אייגענס. מיר וועלען ארבייטען און די ציהן טויזענד פעזאס אויסצאהלען אין די צוואנציג יאהר. מיר וועלען זיין אייביגע בעלי־בתים אויף אייגענער ערד און נאך אין אזא פרייע לאנד!

די שמחה האט אונז אלעמען ארומגעכאפט. דאס לעבען איז עפעס געווארען זיס, ליעב. די זון, געדענק איך, האט עפעס דאמאלסט מיט אזוי פיעל גלאנץ און פראכט געשעמערירט, אז עס האט זיך אזש טאנצען געגלוסט. מיר האבען גענומען אונזער מיידעלע, נאניע, וועלכע האט געשפראכען דייטש און זעהר שעהן געטאנצט... זי אויפ'ן טיש ארויפגעשטעלט, איהר צוגעזונגען, צוגעפליעסקעט, און זי האט מיט די בארוועסע פיסעלאך געטאנצט און צוגעבאמקעט דייטשמעריש.

יעדער קאלאניסט האט זיך דאן עפעס פעסטער און גליקליכער געפיהלט. מען האט באקומען מעהר לאנד, בהמות און מ'איז געווען צופריעדען.

ווער שמועסט איך מיט מיין פאמיליע, בין גאר גליקליך געווען אין דער נייער גרופע 55. מיר זיינען פשוט צעשמאלצען געווארען פאר שמחה, וואס ס'איז אונז ענדליך געלונגען פטור צו ווערען פונ'ם ביטערן שכן פ., וואס מיר האבען געהאט אין דער גרופע 43.

איך וויים, איהר וועט ציהען מיט די אקסלען: וואס הייסט? וואס איז שייך אויפ'ן לאנד א שלעכטער שכן? דער פלאטץ איז

ענג? צי מען דארף איהם אלע מינוט אויף די טרעפ באגעגעניען? אזוי ווערט איהר נעווים רענקען, איהר שטאדטיגע מענשען! איהר קענט גאר ניט פיהלען דאס וואהרע ביטערקייט, דאס גרויזאמע שלעכטן, וואס ליגט אין א שלעכטער נאכבארשאפט אויפ'ן קאמף! איהר אין שטאדט, קענט ניט באגרייפען דעם אמת'ן טייטש פון ש כן ר ע. ביי אייך אין שטאדט, וואו א יעדערער איז אפגע־צאמט ווי אין א באזונדערן קבר, ווער א שמעלערען, ווער א בריי־טערן, ווען עס טרעפט ביי אייך, דארט, א שלעכטער שכן וועלכען איהר ווילט ניט זעהן, איהר ווילט איהם ניט אנקוקען און ווינטש. ער זאל צו אייך אין הויף ניט ארייגבליקען, — הויבט איהר אויף העכער די ווענט, נאך א מאה ציעגעל אין פאדטיג... ער קען שוין אין אייער גבול ניט אריין...

גאנץ אנדערש איז דער שכן רע אויפ'ן פרייען פעלד. ער וואוינט ווייט פון איינעם און איז דאך אזוי נאהענט! בלויז א מעזשע, א קריץ מיט'ן פלוג, אדער א סולעפקע, צייגט דעם גרענעץ צווישען איינעם און דעם אנדערן; — אפילו קיין אלאמברע איז נאך יעמאלט ניט געווען! מען פארהארעוועט דאס שטיקעל לאנד, גאט גיט איי־נעם די ברכה, עס וואקסט שעהן, א מחיה; די צוקונפט שמייכעלט צו איינעם מיט זיבערער חיונה... נו, קומט דער שכן רע און פאר־גינט עס ניט, לאזט ביי נאכט ארויף זיין סקאט אויפ'ן פאסיעוו, אדער אויפ'ן גארטען — און זיי פרעסען אלצדינג אפ, צוטרעטען דאס רעשט און מען ווערט בע'גזל'ט פון דער האפנונג אויף א קיי־לעבדיג יאהר! ביטער ווי דער טוידט איז דאס איינזאמקייט איף פעלד: אבער נאך ערגער און שלימער, איז די נאכבארשאפט פון א שלעכטען מענשען!

— איהר האט געגוג געליעטען פון סעניאר פ. ה. אין דער גרו־פע 43; — האט מיר לאפין געזאגט. — דערפאר גיב איך אייך גאנצע הדיי "קינטעס" אין דער גרופע 55! פון ביידע זייטען האט איהר קיין שכנים נישט, אין אנטקעגען האט איהר א ליטוואק, דעם שוחט קרעלל. גוט, הא? צופריעדען?

מיר זיינען טאקע געווען צופרידען און זיינען עס, ביז צום היי־טיגען טאג.

שכנים.

דער פאסיעוו אויף אונזער נייער גרופע האט זיך ענטוויקעלט פראכטפאל. די שטוב האבען מיר ארומגעפלאנצט מיט בוימער. וואס מיר האבען אויסגעגראבען פונ'ם אליסער וואלד. די שולע פאר די קינדער, איז אין גאנצען געווען א פאאר קילאמעטר פון אונזער גרופע, אזוי אז די קינדער האבען געקענט צוגעהן אהינצו צו פוס, אדערביידע רייטענדיג, צופאהרען אויף איין פערד.

נאר דיזע אלע באקוועמליכקייטען, זיינען כלא נחשב געווען קעגען די גוטע שכנים וואס מיר האבען אין ביידע זייטען פון דער גרופע באקומען.

רעכטס, אויף א מרחק פון 1500 מעטר, איז געווען די גרופע 56. דארט האבען געוואוינט פיער קאלאניסטען, דער סולת, ווי מען זאגט: דאס זעמעל מעהל, דער בחיר פונ'ם געגענד.

דער ערשטער און עלטערער פון זיי, איז געווען יענקעל עדעלמאן, אדער יענקעל חוה'ס. א מאן מיט א ווייסער זקנה. דרייסיג־יאהר קען איך איהם און זיין בארד איז נאך אלץ ווייס... דאס איז א יונגער־אלטער, א מענש מיט א זעהר פרעהליכער נאטור. אויף א שמחה איז ער אויך געווען א גוטער טענצער און צו אלעמען, אויך א הייסער איד.

— קאראמבא! דער בראנדעס איז דאך טאקע א רשע! באמונה שלי, איך מוז נאך איינעם פון זיי, אט פון דיזע פאריזער פראנטען, ניט אויספאטשען! — דאס איז שטענדיג געווען זיין הייסעסטער באגעהר און זיין ארט אויסשפראך.

עטליכע יאהר כסדר האבען מיר איהם אלס דעלעגאט אויסגעוועהלט צו דער קאמיס אן, וואס האט זיך מתעסק געווען מיט די קאלאניסטישע אנגעלעגענהייטען.

— דווא סלאווא, — טרעטאיא מאגדיטיש! — פלעגט ער שרייען צום דירעקטאר הירש. — וואס נוצט אונז אייער באנפעוואטע פראנ־

יענקעל ערעלמאן. אדער יענקעל חוה'ס.

צוויזישע פאלימיק! רעדט קלאָהרע ווערטער, הערד הירש!
——— וואס זאגט דער ערדעלמאן? — האט דער דירעקטאר איבערגעפרעגט און געצווינגען מיט די אקסלען.

דער צווייטער פון דער גרופע איז געווען מ ר ד כ י ו ו י ס מ א ן, א גאליציאנער איד. שטענדיג א צעפרידענער. האט קיינמאל צום רבונו של עולם קיין טענות ניט געהאט. ער האט נור ביים כביכול געבעטען, דאס ער ז א ל א י ה ם לאזען צו רוה... ער האט געפיהרט א שעהנע שטוב, געפלאנצט א סאד און זיין סעניארע פריידע, פלעגט אונז אפט מכבד זיין, מיט זעהר געשמאקען קארענעם לעקאך.

נעבען איהם אין שכנות, האט געוואוינט ויינער א שוואגער, דער יונגערמאן מ א ז ע ס ר א ז ע ס, א שוואכער קאלאניסט, דערפאר א שטארקער און גוטער זינגער. האט געהאט, א ריינע, קלאהרע, טענאר שטימע, וואס איז פשוט א מחיה געווען צו הערען. דאס איז בכלל געווען א ברילאנטענער מענשעלע.

די דאזיגע דריי, מיט'ן פיערטען: י ש ר א ל ש ו ל מ א ן, פון פראפעסיע א שמיעד און א פלייסיגער, פעהיגער קאלאניסט, האבען צוזאמענגעשטעלט דער גרופע 56.

ליגקס פון דיזער, איז געווען די גרופע 54, וואס איז באשטאנען פון פינף שכנים, וועלכע האבען בפשטות אנגענומען די פראסטע און שווערע עבודת האדמה, נאר דערפאר וואס דאס איז א כשר'ע פרנסה.

דער הויפט פון דיזע פינף משפחות, איז געווען מ ש ה ל ע כ ט מ א ן, א הויבער, א ברייטבייהנערדיגער, א דעמבע... ער האט געדיענט פאר אלכסנדר דעם צווייטען; א פייערדיגער בראסלאווער חסיד איז ער געווען, און האט געקענט אויסוועניג "די מעשה פון זיעבען בעטלער", פון רבי נחמן בראסלאווער... שטענדיג האט ער געטראגען א הויסע העמד מיט ברייטע ארבעל און צעבראסטשעט ביים האלדז... ער האט שטארק מקפיד געווען אויף די קאלאניסטען, וואס שיסען אויף די פויגעלאך, בעת זיי פארזעען דעם וויין.

— די מזונות פון דאס פויגעלע איז אויך פארצייכענט פונ'ם הזן ומפרנס לכל! — האט ער גע'טענה'ט. — און די זערגע וואס איז בעשטימט פאר'ן עופה'לע, וועט סיי־ווי־סיי ניט וואקסען...

אנטקעגען איהם, האט געוואוינט מאטיע פרענקעל, א איד א חלוש, וואס האט שטארק ניט געהאלטען פון דער ארגענטינער קאלאניזאציע און ניט געגלויבט אין איהר עקזיסטענץ. שפעטער איז ער טאקע אוועק קיין ארץ ישראל, איבערלאזענדיג א זוהן אלס שטעלפארטרעטער.

מיכאלאווסקי, איז געוועזען דער דריטער. א גיבור, א ריעזען שטארקער מענש און קאלאניסט. קיינער האט ניט געקענט אזוי מאנסירען די ווילדע "נאוויזשעס" — ווי ער. הינטער איהם, זיינען געקומען די איבעריגע צוויי שכנים: טעסלער. א ווירקליך פשוט'ר אקערבויער, מיט א פעסטער אמונה אין בארא‍ן הירש. איז צו דער ערד־ארבייט איבערגעגעבען געוועזען מיט לייב און לעבען. דער אנדערער, אהרן קצב, א קאלאניסט וואס איז הפנים פון דער השגחה אליין באשטימט געוואָרען אייביג צו זיין אנ'עני ואביון... כסדר איז ער ארים ווי דער טוידט, הגם וואס ער מיט זיין גאנצער פאמיליע, ארבייטען שווער און ביטער. צו־וואס דען האט משה רבינו אנגעשריבען אין זיין תורה, כי לא יחדל אביון? אנ־אביון מוז זיין! כל־זמן עס עקזיסטירט כסף, וועט אביון אויף דעם ארבייטען און ליידען... אפילו צעווישען גאלד־גרעבער, זיינען אויך פאראן אביונים!..

אויפ'ן גרענעץ פון אונזערע פעלדער, קיין מזרחית-צפונית צו, איז געוועזען די גרופע 51, וואו ס'האט געוואוינט לייזער ווילדער, א הויכער ברונעט, שטארק באוואקסען מיט א זעהר ברייטער, פעך שווארצער באָרד און מיט קלוגע ארומלויפענדע אויגען. דעם קאמפ האט ער געארבייט, ווי מען זאגט: לשם יחוד: אלעס איז ביי איהם געמאכט געווארען אפגעוואויגען און אפגעמאסטען. א מעלגע האט ער געקענט אפציהען גלייך ווי אנ'אויסגעצייגענע סטרונע. דער גלאנץ ביי די לעמישעס פון זיין פלוג, האט זיך אפגעשפיגעלט אויף א קילאמעטער די ווייטקייט.

—ער איז אנ'אמת'ר "חאזאיען". — האט אויף איהם לאפין געזאגט.

דער צווייטער איז דארט געווען וואלף אדעסקי. א טאטע פון א בד זכרים. יעדער איינער האט א באזונדערע "באמביזשא" מיט א מאטע־טעפעלע געהאט, און דריי מאהל אין טאג,ביים מאטע טרינ־

קען, האט איהר דארט געקענט זעהן א גאנצען מנין, שטעהענדיג מיט בלעכענע באמביזשעס און ציהענדיג די געשמאקע "זשערבא", שטענדיג דערביי צוקענד — אויף גאטס בעראטה. נאך ארבייטער זייענען זיי ווי די טייוואלים געווען! ביי נאכט, האט מען מיט דער לבנה געאקערט; בעת די איבעריגע שכנים, דוד נעמיטשעניצער און מאזעס כהן, זיינען אויפגעשטאנען פונ'ם שלאף, האבען די אדעסקי'ס שוין די צווייטע "איזמעניע" אקסען איינגעשפאנט. דערפון האט זיך אין דער גרופע צעפלאקערט א גרויסע קנאה, וואס איז שפעטער פערוואנדעלט געווארען אין א פארביסענער שנאה.

די דאזיגע דריי נאהענטע גרופעס, אונזערע שכנים, האבען אונז פיעל פארבעסערט און כמעט ווי פארזיסט דאס קלעגליכע געזעלשאפטליכע לעבען, וואסער מאנגעל עס האט זיך אנגעהויבען שטארק פיהלען. די גאנצע וואך איז מען פארטאראראמעט געווען מיט "וואמאס קאשטאניא! וואמאס רואוויא! וואמאס גאריבאלדי!" — די אקסען האבען צייטענווייז געפאלגט, זיינען געגאנגען. אפטמאל האבען זיי זיך איינגעשפארט, טאקע ווי אנ'אקס קען, און כאטש צוריים זיך שרייענדיג און שמורכענדיג מיט דער "פיקאנא" און זיי שטעלען מיט קיין פוס, ריהרען זיך ניט פונ'ם ארט.

נאך ווי־אזוי עס איז שוין צוגעגאנגען דאס קנעלען א גאנצע וואך מיט די אקסען־קעפ, האט מען אבער געלעבט מיט'ן חיות פונ'ם שבת.

גאניז־פריה, באלד נאך מאטע, איז מען זיך צוזאמענגעקומען צום מנין ביי יענקעל חוה'ס. דארט האט מען געדאווענט, פון פאליטיק געשמועסט און אפטמאל געשעפט געמאכט. דאס הייסט: מען האט גע'חליפינ'ט. אויסגעטוישט אין פארביטען "מאנדזוגין". דעם "צורקע"־אקס, אויף "נאפאלעאנען" — דעם קליינינטשקען, שארפען אויער־עקסעל. צייטענווייז נאך שידוכים געשלאסען... שמואל טעסלער פון 54, האט זיך משדך געווען מיט יענקעל עדעלמאן. פון 56... נו, איז שוין געווען ק דויש און מען האט ברידערליך פערבראכט.

שבת ביי־טאג, האט מען זיך פארזאמעלט אין די צוויי שעהנע זשעלדלאך, וואס האבען אנגעהערט צו ווייסמאנען און ראזעס'ן. אהין איז מען שוין געקומען מיט די פרויען און קינדער. דארט פלעגט

שוין אויך נים פעהלען אברהם ראזענפעלד פון דער אנטקעגענדיגער שולע, וואוהין ער איז אויך מיט אלע זייניגע געקומען און מ'האט דארט געפראוועט קאנצערטלאך.

אברהם'ל האט אויף יעדען באזונדער, אנאנדער מין ברחנות גע־זאגט: גראמען און וויצען האט ער פונ'ם ארבעל געשאטען און אלע האבען זיך געקאטשעט פון געלעכטער... די מיידלאך פלעגען זינגען און צווישען די אלעען פון די פראטפאלע ווענדלאך, — פון וועלכע ס'איז שוין היינט קיין זכר ניטא: — האט מען זיך טאנצען געלערנט. מען איז פשוט ענטציקט געווען, ווען די קינדער האבען שוין מיט אלע פיסטשעשעקעס געקענט אויסטאנצען דעם ארגענטינער "על גאטא"!

פרעהליך האט מען דאמאלסט די שבתים פערבראכט. ארים, האלב־נאקעט און דאך לוסטיג און מונטער! ס'איז ערפילט געווא־רען דער: הוליע קבצן!

בעת איך זיץ איצט און שרייב און עס טויכט מיר אויף אינ'ם זכרון די פאסירונגען פון יענער צייט, ערוועקט זיך מיר די פראגע: וואס פאר א זעלטענע ברואים זיינען מיר דאמאלסט געווען? פון וויינען צום לאכען, פונ'ם פארביטערסטען יאוש, ביז צום העכסטען עקסטאז פון פרייד און האפענונג, איז ביי אונז געווען איין טריט: אנ'אומבעדייטענדער איבערגאנגס פאזיס איז עס געווען!

אט האט אנ'אקצידענט פאסירט: א גאאוטשא האט אימיצען פון אונז דערשטאכען; אחער אזוי עפעס א קאטאסטראפע איז געשעהן: די ווילדע נאטור האט א בושעווע געטהאן; אדער א שלעכטער, פאר־דארבענער אדמיניסטראטער איז אלס מושל אנגעקומען: איז באלד ביי יעדען איינעם אויפגעריהרט געווארען דער מארך, און ס'האט זיך תיכף ערוועקט דער היים־וועה, פון וועלכען יעדער עמיגראנט ליידעט יאהרען־לאנג: שנעל האט זיך פארשפרייט דער פעסימיזם: אלעס האט אנגענומען א שווארצען פארכמורעטען אויסזעהן און דאס בענקשאפט האט ביים הארצען גענומען נוגען.

— א היים! לאמיר אנטלויפען! ניט דא איז פאר אונז דער פלאץ! — האט מען פון אלע זייטען געשריען.

ווי נאר דער שטורם איז פאראיבער, דאס בלוט פונ'ם הרוג איז פארטריקענט געווארען, דער בעזער מושל איז אוועק — און די זון

האט אויפגעשיינט: איז ווידער פרעהלאך, לעבהאפט, לוסטיג און מינטער. אלע צרות ווערען פארגעסען; די צוקונפט שיינט; דאס לעבען לאכט און לאכט און ס'ווערט זיכער, אז דא איז אונזער היים: דאס נייע גאלדענע פרייע היימאטה!

אט אזא געפיהלען־וועקסלונג, האט געהערשט צו יענער צייט כמעט אין אלע אידישע קאלאניען אין ארגענטינא, און טהיילווייז ווערט עס איז זעלבען איבערגאנגס־צושטאנד, פון יאוש צו בטחון, אויפגעהאלטען ביז היינטיגען טאג.

נו, פרעג איך מיך כסדר: ווי האבען אזעלכע צוויי עקסטרעמען, אזוינע צוויי פארשיעדענע יסודות, זיך איינגעהאלטען אין דער זעל־בער נשמה? איז דאס עפעס א מין נאטור מיסטעריע? איז דאס די מעכטיגע לעבענס־קראפט: דער אינסטינקט וואס זארגט־זיך פאר זעלבסטערהאלטונג, פאר דער עקזיסטענץ! דאס מוז זיכער זיין אט די געטליכע קראפט פון דער פארגעסענהייט. די שכחה — אן אלטע געטרייע דיענערין פונ'ם לעבען, וואס לעגט ארויף איהר אייזערנע האנד אויפ'ן עבר און זאגט: "ביט פאסעמו!" — אזוי מוז עס זיין! פארגעס דאס פארגאנגענע און געדעה ווייטער!..

אונטער די פליגלען פון יהושיע לאפין, האבען מיר אן אלע פריי־הערדיגע צרות פארגעסען און דערווייל זיך משמח געווען און גע־לעבט צופריעדען.

דער לעבע־יונג בראנדעס איז אויך אוועק... אבער צוערשט האט ער פארקניפט אן אינטריגע צווישען דר. וועקסלער און דער "ביר־רא". דיזע האט דעם דר. ענטזאגט. אבער לאפין, וואס האט די־רעקט קארעספאנדירט מיט'ן באראן, האט ווייזט־אויס, איהם דער־פון מיטגעטהיילט און פון פאריז האט מען בראנדעס'ן ענטזאגט פון זיין פאסטען... "לאדנא", אדער דער אגראנאם נארמאן, לאפין'ס א קרוב, האט פארנומען זיין שטעלע און א רוסישער פעלדשער, מאלענקי, פון קיעוו, האט איבערגענומען דעם דאקטער'ס פלאטץ.

הערליך און פראכטפאל איז אנגעקומען דער זומער. די תבואות אויף די פעלדער האבען אונגעשטערט געוואקסען. ס'האט גערעגענט אין צייט. דער קלימאט איז געווען א מילדער און אלעם האט מבטיח געווען אויף גערעטענעש. ס'איז נאר געווען א שאד, וואס פיעלע קא־לאניסטען, צוליעב דאס בייטענעש מיט די גרופעס, האבען ניט אוספייעט צו פארזעען קיין סך ווייץ.

מיר ערוואַרטען דעם באַראָן הירש.

איך ווייס ניט וואס פאר א פויגעל, אדער וועלכער ווינט, עס האָבּ די בּשורה געבּראַכט. א קלאַנג האט זיך צוטראָגען. די מעלדונג איז ווי פון הימעל אראפּ און טיעף אריינגעדרונגען אין יעדענס הארץ. "דער באַראָן קומט!" — האט זיך פון יעדער מויל פרעהליך די מיטהיילונג ארויסגעריסען. יעדעס קינד וואס האט נאר ריידען געקענט, האט די בשורה דערצעהלט: "דער באַראָן הירש קומט צו אונז!"

— א שיף האט ער אן אייגענע געקויפט! — דערצעהלט אברהם פּיקעלני, שטעהענדיג אין דער מיטטען א רעדעל קאָלאָניסטען. — ער האט איינגעלאדען די גרעסטע אנטיסעמיטען פון אייראָפּא: ער צאָהלט זיי פאר זעקס מאנאט פענסיע מיט'ן תנאי, דאס זיי זאָלען מיטפאהרען קיין ארגענטינא און זעהן מיט די אויגען, ווי די שאַ־בערניקעס, די "זשידעס", בעארבייטען די ערד מיט אייגענע הענד...

דער יונגער ישראל דיניעץ, איז געשטאנען צווישען א סך פּוה־רען אויף סאמע מיטטען וועג, ווי אַ גוטער אגר־אַרבּעטער... האט ער האנד געהאלטען דעם בייטש און מיט'ן בייטשטעקעל, אויסגעצייכענט אויפ'ן זאמד עפּעס א מין "בויגען".

— זעהט קאָלאָניסטען! — האט ער בעגייסטערט גערעדט. — אט אזא סארט טריאומף־בויגען, דארפען מיר צוגרייטען אויפ'ן טויער פון מאַאוריציא, וואו מיר'ן דורכפיהרען דעם קבלת פנים פאר'ן באַראָן!

דער שוחט אייזעק גלאזערמאן, א היבשער למדן און א חכם, האט צוגעגרייט א נייעם מי שברך: עפּעס א סארט, "הנותן תשועה", וואס ער האט פערפאסט לכבוד דעם באַראָן און האט איהם איינגעזונגען מיט משוררים...

די דעלעגאטען־קאָמיסיאָן, אונזערע ראשים, האבען פריגאט אפּ־גערעדט, דאס מ'דארף זעהן אויסווירקען ביים באַראָן, א ריכטיגע

שפּיטאל מיט אַנ'אייגענעם אַפּטהעק און מיכעלע רימסקי, א קליינ-אידעלע, מיט א גרויסען און קלוגען קאפּ, האַט געדרונגען, דאס אויבעטען, דאן זאל מען שוין פּועל'ן גאַנצע צוויי שפּיטעלער, — איינעם אין דער קאלאָניע גופא און דעם צווייטען, א גרויסען איד׳שען האספּיטאל, אין בוענאס־איירעס.

— מען דארף איהם זאגען... — האט ער געגוואלדעוועט און זיך געצופּט זיין שיטערע בערדעל: — מ'דארף איהם גוט ערקלערען, דאס א איד קען זיך בשום אופן ניט אויסהיילען און זאגאר רוהיג ניט שטארבען, אין קיין גוי'אישען האספּיטאל. וואו די בארעמהערציגע שוועסטער, שטופּען איהם אלע ווייל'ע דעם צלם אונטערן נאז און בענטשען איהם, אינ'ם נאמען פון אונזער אידליק אויס בצרת!...

אונזערע רעוואלוציאָנערן האבען גאר עטוואס אנדערש גע'טענה'ט: לויט זייער מיינונג, האט מען חוץ די פרייהייט קיין אנדער זאך ניט גענדאַרפט בעטען... "זאל ער נאר אראפּ־נעהמען די מכה, דעם געשוויהר, וואס הייסט אדמיניסטראציע; אויסמעקען דעם שאנד־פלעק פונ'ם קאנטראקט — דאס פּראצענט; דאן וועט במילא זיין וואויל און גוט!"

דער הייסגעבאָרענער דוד טשערניין, אונזער שומר ביים גרעניץ פון דער קאלאָניע, אט דער דאזיגער ברייט-ביינענדיגער, פעסטגעבויער מענש מיט די בלוט־פארלאָפענע אויגען, דער גיבור וואס האט שוין מעהרערע גאַאוטשאַ'ס דערשאָסען און איינעם אין א געשלעג, מיט זיינע אייזערנע ציינער פשוט דעם נאז אפּגעביסען: — דיזער גאַאוטש דרעהט זיך נאך היינט אויך ארום אין דער קאלאָניע און דער חלול פון זיין געוועזענער נאז, איז פארבונדען מיט א טיכעל. — אט דיזער גבר־אלום, האט ווי א קינד געוויינט פאר פרייד, בשעת ער האט דערהערט די בשורה אז דער באראָן קומט. מען האט ממש געמיינט דאס דער מענש ווערט פארו׳ירט פאר שמחה. ער האט נאר געוואלט צוזאמענשטעלען א סקוואדראָן פון בחורים, פון קינדער...

— מיט די מעסער אין די גארטלען, מיט רעוואלווערן און רעמינגטאן־ביקסען, רייטענדיג אויף ברענענדע פערד, דארפען מיר ארויספאהרען אנטקעגען אונזער מלך־המשיח! — האט טשערניין גע-

שריען. — די יונגענד מיט כלי־זיין אין איין זייט און אין דער צווייטער זייט, די זקנים מיט ספרי־תורות; וועהרענד די מיידלאך און ווייבלאך, זאלען צווישעןביידע רייהען אין דער מיטט, רעם וועג פאר איהם אויסשפרייטען מיט בלומען.

פון זיין מויל האט ווי פייער געשפריצט... פאר עקסטאז, האט ער דאס הי־טעל אלע מינוט געשליידערט צו דער ערד און דער פארניעשער "מי שברך", האט זיך פון צווישען זיינע צונויפגעקלעמטע צייהן אונאויפהערליך ארויסגעריסען...

מאסקווא, דער מקור פון דעל דיפלאמאטיע און די פאליטישע קאמבינאציעס, זיי האבען נאך די בשורה נישט פאנאנדערגעגליידערט און איבער איהר קיין באשלוס נ־ט אנגענומען. נאר ווען די שמחה האט שוין דערגרייכט צו דעל העכסטער בעגייסטערונג און די קאלאניע האט ביי די דיפלאמאטען געפאדערט עפעס ריעאלעס, פאזיטיוועס, האבען זיך די דאזיגע ע ל צ ט ע געווענדעט מיט אן אנפראגע צו לאפינען און ער האט געענטפערט מיט א צווייידייטיגען שמייכעל:

— אפיציעל איז נאך פארלויפיג ניט באשטעטיגט דאס ער קומט, נאר ס'איז מעהר ווי זיכער, אז ער וועט דא זיין! מעגליך דאס באלד נאך דער קאסעטשע, ווי נאר מען וועט האבען דאס ברווידט ארייגגעפיהרט אין שייער אדער גאלפאן אריין, — וועט ע ר אנקומען!

געווארט האבען מיר, דאס ענדע מארץ אדער אנהויב אפריל, וועט דער באראן הירש זיין ביי אונז!

אבער דערוויל איז די קאלאניע דאמאלסט געווען פול מיט בעגייסטערונג. מען האט פלייסיג און מיט ליעבע, דאס לאנד בעארבייט און מען האט אפגעווארט אויף א גרויסען קבוץ גליות... די זעקס מיליאן אידען פונ'ם צארען־לאנד, וועט מען אריבערשלעפען קיין ארגענטינא און...נאר צו־וואס זאל איך יעצט שרייבען, וואס מיר האבען דאמאלסט געטראכט און געהאפט?

אך, יענע גליקל כע טעג! יענע גאלדענע צייט, וואו איז זי איצט? דאך פארבלייבט זי מעכטיג איינגעקריצט אינ'ם זכרון פון די חלוצים הראשונים. די פיאנירען וועלען קיינמאהל נים פארגעסען יענע צייט, וואס איז געווען די בעסטע, די גליקליכסטע און צופריעדענסטע, פון דער דרייסיג יעהריגער קאלאניזאציע! אלעמענס הער־

צער זיינען איבערגעפּיהלט געווען מיט פרייד. די געזאנגען, די פרעה־ליכע ליעדער, האבען זיך געלאזט הערען יעדען אווענט, כמעט אין אלע גרופּעס. די לופט איז פול געווען מיט׳ן ריח שדה, — דער אראַ־מאט פון א גן־עדן... א ווירקליך אידיש־פרייע לאנד!

ביים שיין פון דער לבנה, אונטער דער היגער קיהלער, מילדער לופט, וואס האט ווי געגלעט און געלאסטשעט, פלעג איך ליעב־האבען מיט מיין פרוי ארומצושפּאַציערען; זיך אדורכגעהן צעווי־שען די פארזעעטע פעלדער, וואו די כמעט צייטיגע הויכע זאנגען פון בארלעטא־ווייץ, האבען מיט אנגעבויגענע קעפּלאך זיך איינס צום אנדערן געטוליעט און ווי עפּעס געהיימניספול זיך געשושקעט איבער נאטור און לעבען... אויס די פענסטערלאך פון יענקעל חוה׳ס גרופּע, האבען ליכטלאך געבלישטשעט און אין די אויערן האט אפּ־געקלונגען די קלאהרע שטימע פון מאזעס ראזעס, וועלכער איז זיך דארט געלעגען ערגעץ אויסגעצויגען אין דרויסען אויפ׳ן ווייכען גראז און האט געזונגען צ ו נ ז ע ר׳ ס "סאכע".

...איך דארף ניט לייהען, בארגען, —
דער מוח דארף נישט זארגען..."

אה, ווי מעכטיג האבען דאן אונזערע הערצער געקלאפּט פון ענטציקונג, שפּאנונג און ערווארטונג! אך, ווען דער בארא[ן] זאל קומען, ער אליין זאל אלעס הערען: מיט זיינע אויגען אונז אלע, זיינע קינדער — זעהען... ווי טויזענדפאך גליקליכער נאך וואל־טען מיר געווען!

אט אזוי, פלעגען מיר פאנטאזירען און אין די אווענדען ארום־שפּאצירענדיג, דאס אויפ׳ן קול צווישען זיך אויס ריידען...

67.

דאָס גערעטענעש פון 1895-96.

עס איז געקומען די ערנטע פון 1895-96. נאָכ'ן איינאָרדנונג פון לאַפּינען, האָט ווידער־אַמאָהל יעדע גרופּע געאַרבייט בשותפות. ביי וועמען דער ווייץ איז פריהער צייטיג געוואָרען, אהין איז די גאַנצע גרופּע איינוואוינער, מיט קינד און קויטה געגאַנגען און די תבואה פון פעלד אַרונטערגענומען.

דורך אזא סיסטעם פון שותפות'דיגער אַרבייט, איז אַלעס דורכ־געפיהרט געוואָרען פונקטליך און פלינק. ווען עס זיינען נאָר אַ פּאָאר "פּאַרוועס" צונויפגעלעגט געוואָרען, האָט מען תיכף צוגעבראַכט די דרעשמאַשין און מיט אייגענע אַרבייטער האָט מען די תבואה אויס־געדראָשען.

ווילענסקי, ישראל גערשמאַן און קיילעס, זיינען די ערשטע צי־לענדריסטען געווען. שטעהן אויבען אויף דער מאַשין און די סנאָפּעס אַריינגעבען אין "באַראַבאַן", האָבען די מייניסטע שטאָדט־אידען מורא געהאָט; ס'האָט זיי געשראָקען דער שמאַלער שלונג פון דער דרעשמאַשין, וואָס האָט שוין ניט איין האַנד אַריינ־געכאַפּט און אָפּגעביסען... ערשט שפּעטער האָבען זיך די איינגערע מענשען אויך איינגעוועהנט און פלעגען מיט חשק געהן אַרבייטען ביים "צילענדער".

פאַר לאַפּין'ס צייטען, זיינען ביי אונז איבערהויפּט קיין פרעמדע אַרבייטער ניט געווען.

— קאָלאָניסטען מוזען אַלצדינג שאַפען מיט אייגענע הענד! — איז זיין מאָטטאָ געווען.

— אין דער עקאָנאָמיע ליגט דעם אַגריקולטאָרס עקזיסטענץ און גליק! — פלעגט ער פאַרזיכערן.

מיר האָבען איהם, דעם ליטוואַק, אויסגעפאָלגט און די קאַמפּעניע איז שנעל און גליקליך פאַרענדיגט געוואָרען. מיט טריאומף און שטאָלץ, האָט לאַפּין מיטגעטהיילט קיין פּאַריז און אויך צו אַדונים

אין בוענאָס-איירעס, דעם רעזולטאַט פון דער קאַסעטישע.

דאָס געזעטעגעש פון 6-1895, ד. ה. פון דעצעמבער 1895 אינ-יאַנואַר-פעברואַר פון 1896, האָט דורכשניטליך געגעבן צו 7.04 פאַנעגעס פונ׳ם העקטאַר, אויף די פעלדער פון מאָאוריציא.

דאָס איז געווען די ערשטע רעגולערע ערנטע, וואָס אונזערע פעלדער האָבען אַרויסגעגעבען. עס זיינען אמת געווען איינינע, וואָס האָבען מעהר ניט געהאַט ווי צו דריי-פיער פאַנעגאַס פונ׳ם העקטאַר, דערפאַר אָבער האָבען אַנדערע געהאַט צו 10-12, און צוזאַמען האָט עס געטראָגען דעם אויבען אַנגעצייגטען דורכשניט-סכום.

באַלד נאָכ׳ן דרעשען האָט לאַפּין געמאָלדען, אַז קיין סובסידיע וועט מען מעהר ניט געבען:

— אויס "שטיצע" קאָלאָניסטען! — האָט ער אין אַ דאַנקשטאָג פאַר אַ גרויסע קיבוץ אידען אויסגערופען. — זאָלען די "פּראָנצוי-זען" מעהר די אונזעריגע ניט אָנרופען שנאָררער! די נויטבאַדערפטי-גע, די וואָס האָבען אַ קליינע, אָדער גאָר קיין "קאָסעטשאַ" ניט, דיזע וועל איך אויסלייהען געלד אויף אַ בעשטימטען טערמין.

איך ווייס ניט צי ער האָט טאַקע באמת אַזוי ליעב געהאַט דעם רוסישען אידען, אָדער ער האָט בלויז שטאַרק פיינד געהאַט דעם פּראַנצויזישען בעאַמטען: אָבער שטענדיג איז זיין ווערטעל געווען:

— צוליאָס זאָלען די "פּראַנצויזען" זאָגען? אַרבייטס פלייסיג. האָדעוועט עופות, מעלקט בהמות, פלאַנצט סעדער, פאַרזעצט גערט-נער, שפּאָרט-אָב, לעבט עקאָנאָמיש — דאַן וועט איהר צו זיי ניט דאַרפען אָנקומען...

די זקנים, געוועזענע קאָלאָניסטען פון ענטרעריאָס, די וואָס זי-צען אין די בוענאָס-איירעסער שוהלכלאַך, דערמאָנען ניט לאַפּין׳ס נאָמען אָהן אַ קללה אויף די ליפּען... זיי קענען איהם ניט מוחל זיין די גרויסע רעזינפעקציעס, די בלוטיגע אָפּעראַציעס, וואָס ער האָט דאַמאָלסט ביי זיי אין די קאָלאָניען געמאַכט; זיי דערצעהלען אַזעל-כע שרעקליכע גרויזאַמקייטען, אַזאַ פאַרביסענע טיראַניי, אַז עס פאַר-גלוסט זיך איהם נאָכצושיקען אַ פאַרדאַמונג, אַ פלוך, פונקט ווי מען שעלט-נאָך, דעם גרעסטען טיראַן... נאָר ווייס איך וואָס אַ בינ-טעל אַלטע קרעמער, אָדער שענקאַרעס קענען דאָרט נאָכרעדען און דערצעהלען! ביי אונז — ווי כ׳האָב שוין געזאָגט: איז ער נאָך דעי-

"רייניגונג", גאר א מילדער און גוטער ארגאניזאטער און אדמיני־סטראטער געווען. ער האט ווירקליך נור געזארגט פאר'ן וואוילזיין און פאר דער טובה פון דער קאלאניע.

— קאלאניסטען אייער אייגען ברוידט, פון א י י ג ע נ ע ר תבואה מעהל, דארפט איהר עסען; ראזעווע ברוידט, "קמח אחר" — מאסיטע מעהל, און ניט סולת, זעמעל־מעהל, איין אדער צוויי נול־נע — האט ער ארייגגע'טענה'ט אין דער קאמיסיאן שטיבעל.

אין יאנואר פון 1896, איז ער געפאהרען קיין בוענאס־איירעס, און ביי דער פירמע "געברידער ברעהמאן עט איבנער", געקויפט א דאמפף־מיהל. האט אינסטאלירט דעם מיהל מיט א מאטאר פון א צעהן פערדען־קראפט און "נאט קאלאניסטען, מאהלט אייך מעהל אויף ברוידט, מאאיס אויף מאמעליגע און גרויפען..."

מיר האבען זיך גענומען פיהלען פעסטער, זיכערער. די שטוב איז געווען א זאטע. מען האט ארפגעפיהרט אין מיהל־ארייז פינף זעקלאך ווייץ, א פאאר זעקלאך מאאיס און א היים געבראכט: מעהל, גרויפען און גרייפלאך. זאגאר די יעניגע וואס האבען נאך נישט געהאט קיין אייגענע תבואה, האבען זיי ביי א שכן אויסגעליהען א פאאר זעקלאך ווייץ, ביז לאפין וועט ארויסגעבען די פארשפרא־כענע הלואה און — זיי האט אויך קיין מעהל ניט געפעהלט... חוץ דעם, איז קעז און פוטער אויך געווען לרוב מיט איינעם ווארט: דאס לעבען האט פרעהלאך צוגעשמייכעלט, די צוקונפט האט פאר־שפראכען מיט וואהרען גליק און דאס הארץ האט זיך געשמאלצען פאר תענוג. מ'האט פארגעסען אן אלע פריהערדיגע צרות, גלייך ווי זיי וואלטען גאר קיינמאהל ניט פארגעקומען...

און דער עולם האט זיך אייפעריג צוגעגרייט צום קבלת פנים פון באראן!

געסט פון פאריז.

אין פעברואר פון זעלבען יאהר, איז פון פאריז אנגעקומען דער דר. קעסיל, אַנ'ארצט וואס דער באראן האט געשיקט אויף דר. וועקס־לער'ס פלאטץ. ער האט איבערגעגעבען, דאס מען איז זיכער, אז דער באראן קלויבט זיך צו מאכען די רייזע נאך ארגענטינא.

דעם 4־טען מארץ, איז צו אונז אויך אנגעקומען דער סער רייג־האלד, געשיקט פונ'ם באראן אום צו אינסטאלירען א פוטער־פאב־ריק אין מאאוריציא.

דיזער ענגלענדער האט אויך באשטעטיגט, דאס דער באראן וועט אין גיכען קומען.

אלע האבען עס שוין אנגענומען פאר א זיכערקייט. ס'האט זיך שוין מיין נים געהאנדעלט בלויז פון א אונקלאהרען קלאנג, אדער סתם א בויך סברה:

— ער קומט! — האבען די קאלאניסטען מיט פרייד איינער דעם אנדערן גראטולירט. — ער וועט אונז אלעס אוועק־שענקען — האבען אנדערע זיך געפרעהט.

ס'איז א יקרות געווארען אויף קאלך. די ווייבלאך האבען די היי־זער פון אינוועניג און פון דרויסען שטארק געפוצט. מ'האט ארומ־גערייניגט די הויפען. יונגע־לייט האבען זייערע "פאטראס" געצוואַ־גען, די גריוועס צעקעמט, אפגעפוצט די שפארען פון די שיך און דאס שפאנגעציג, אום אלעס זאל גלאנצען אין אויג... אומגעדול־דיג האט מען אפגעווארט די גליקליכע צייט ווען מ'וועט זיך קענען מיט פראכט צייגען פאר'ן באראן.

דעם 7־טען מארץ, פון 1896, זונטאג גאנץ־פריה, זיינען צו אונז אנגעקומען צוויי העררן, געסט פון אויסלאנד: דער דר. זאנענפעלד פון פאריז און פיינבערג, פון פעטערסבורג.

אנפאנגס איז געווארען א געלאף און א געפילדער, מחמת דער יונגער קאלאניסט מאקס רייפעלסאן, א גרויסער וויצלינג, האט אנ־

געצייגט אויפ׳ן הויכען, עלעגאנטען דר. זאנענפעלד און פארטרויט בסוד, דאס ער איז עס דער באראן הירש, נאר ער וויל זיין אינקאגני־טא, בכדי די קאלאניסטען זאלען איהם ניט באדערן, נישט דולען דעם קאפ... אין א פאאר שעה צייט, איז דוכט מיר ניט איין קינד אין וויעג פארבליעבען. אלע איינוואוינער פון דער קאלאניע, זיינען אויסגעוואקסען נעבען דער אדמיניסטראציע. מען האט זיך אבער באלד דעם אמת דערוואוסט.

אן אויסטערלישען קבלת פנים האט געהאט דער נידעריגער, פעסטגעבויטער ה׳ פיינבערג.

די 148 פרויען און קינדער, וועלכע פיינבערג האט מיט א יאהר פריהער פון אדעס אהערצו ארויסגעשיקט צו זייערע מאנען און טאטעס. ווען זיי האבען איהם דערזעהן, זיינען זיי ממש משוגע געווארען פאר פרייד:

— אונזער גוטינקער מלאך! — האבען זיי ענטוזיאסטיש גע־שריען. די בחורים האבען איהם אין דער הויך אויף ״הורראַ!״ געהויבען און די פרויען האבען געקושט די ערד וואו ער איז גע־שטאנען... פון זיין האלדז איז צופעליג אראפגעפאלען דאס זיידע־נע טיכעלע וואס ער האט געטראגען, האבען דאס די ווייבער צע־פיצעלט און די שטיקעלאך אין בוזים בעהאלטען...

ביידע, זאנענפעלד מיט פיינבערג׳ן, זיינען ארומגעפאהרען אי־בער אלע גרופּעס, האבען אלעס בעטראכט און פיעל געריהמט די קאלאניסטקעס פאר זייער איינפאכער קליידונג, — ד. ה. פאר זיי־ער בארוועס געהן: — מחמת אלע פרויען זיינען דאן ביים שטוב, ארומגעגאנגען מיט בארוועסע פיס...

ענטציקט איז אממיינסטען דער דר. זאנענפעלד געווארען, בשעת ער האט זיך געפונען ביי יענקעל חוה׳ס אין שטוב, וואו ער מיט פיינבערג׳ן האבען באקומען צום עסען שווארצען, פוכקען ברוידט מיט מילך... ער האט ליבא׳ן, יענקעל׳ס פרוי, אפגעשאטען מיט קאמפלימענטען פאר דאס געשמאקע ראזעווע ברוידט.

— די פראנצויזישע פרויען קענען אזא בע׳טעם׳טען ברוידט נים באקומען — האט ער פארזיכערט.

— ״אך קינדער! — האט ער שפעטער געזאגט אין זיין רעדע פאר די קאלאניסטען. — ווי וועט זיך דאס דער באראן פרעהען

מיט אייך! ער איז אייער פ א ט ע ר און וויל זעהן גליקלאך ז י י נ ע ק י נ ד ע ר!... אין דער צוקונפט זאלט איהר זיך אויך אזוי אויפפיהרען ווי יעצט! עס געפעהלט מיר זייער אייער פלייסיגע ארבייט און אייער קליידונג. לאזט נאר צו אייך אין קאלאניע ניט אריין דעם פארפלוכטען לוקסוס. לאמיר צייגען אונזערע שונאים, דאס ניט נאר אין פינאנץ און קולטור שטעהען מיר אויף איין שטופע מיט זיי, זאנדערן אויך אין אגריקולטור. ביי דער שווערער און עהרליכער ערד ארבייט!"

א שעהנער איינדרוקספאלער רעדנער, איז דר. זאנענפעלד געווען. האט גערעדט מיט טעמפעראמענט: זיינע ווערטער זיינען גע־וועזן געקליבענע, ווארימע און האבען ארויסגעקוואלען פון זיין טיעפען הארצען.

אויף וויפיעל זיינע ווערטער האבען אויף די קאלאניסטען גע־ווירקט, וועט איבערצייגען דער פאלגענדער פאקט.

דער קאלאניסט משה מגטז", אנ'איידעלער יונגערמאן וואס איז זיך מיחס, דאס ער שטאמט פון דער גזע "טורי זהב" און שמרעננט זיך שטענדיג אן צו פארשעהנערן, פארפיינערן און פאר־היטען דאס יודענטהום; איז ער אויף אזוי־פיעל באגייסטערט גע־ווארען פון זאנענפעלד'ס דרשה, דאס ער איז צו מיר אין א שבת־צו־נאכט איילענד געקומען רייטענדיג אויף זיין הויכען האלב־וויל־דען "סייגא". און האט ביי מיר, און ביי די עטליכע קאלאניסטען וואס זיינען גראדע דאמאלסט פארזאמעלט געווען מכח די אינטע־רעסען פון דער קאלאניע, יוסט געפאדערט, דאס מ'זאל מאכען א תקנה, אויסרופען פשוט א חרם אין דער קאלאניע און א נדר מהוו, איינמאל זיך ניט צו קליידען אין סאמעט און זייד און קיין לוק־סוס זאל ביי אונז ניט געדאכט ווערען... א דרייסיג קאלאניסטען, איינמיגע פריינד, און דערביי אויך אידעאליסטען פונ'ם עבודת האדמה, האבען איינגעשטימט מיט דער דאזיגער תקנה און אין זייערע הייזער עס איינגעפיהרט.

אויף ווי ווייט דיזער נדר האט אויסגעהאלטען, שעהם איז זיך גאר צו דערצעהלען.

הגם איניגע פון אונז האלטען נאך איצט אויך טהיילווייז יענע תקנה און נאך אזוי פיעל יאהרען קעמפפען זיי אלע, דאס די לוקסוס

משה מקט"ז, (מאקטאו).

מכה זאל ניט שולט זיין אין זייער הויז, אבער די מעהרסטע האַ־בען שוין לאנג פארגעסען אן יענעם נדר און זיינען מיטגעשלעפט געווארען מיט'ן אלגעמיינעם שטראם.

מיט גאוה קען איך דא אנצייגען די טהאטזאך, דאס בעת איך האב מיין ערשטער טאכטער חתונה געמאכט, — און דאמאלסט האב איך שוין פארמאגט א פאאר הונדערט קיה; — האב איך איהר דאך קיין זיידענעם אדער סאמעטענעם מלבוש ניט געלאזט מאכען. אזוי איז אויך געשעהן ביי דער צווייטער און דריטער טאכטער און פיליכט וועל איך נאך אויך קענען ביי דער מעזינקע דיזע תקנה האלטען... הגם דאס צייגט זיך זעהר שווער: ווייל ד י צ י י ט, האט שוין זאגאר א פיאנע אין שטוב אריינגעשלעפט...

זעהר וועניג, אומבעדייטענד אין צאהל, זיינען מיר נאך פארבלי־בען ביים אידעאל, צו קעמפפען קעגען פארשאלטענעם לוקסוס! א קללה ליגט אויף אונזער פאלק. — דער לוקסוס איז איינגעזאפט אין אונזער בלוט און מארך.

אויף וויפיעל דער לוקסוס באציל פארדארבט און פארפעסטעט אונזער פאלקס־מאסע, קען דיענען אלס אילוסטראציע דער פאל־גענדער עפיזאד: דער קאלאניסט פ"מ, האט יענעם יאהר צום ערשטען מאהל זייט ער געפינט זיך דא אין לאנד, ארויסבאקומען גאנצע צוויי־הונדערט פון דער קאסעטשע: איז ער אוועק אין שטעדטעל און האט זיך איינגעהאנדעלט מעבעל, אום זיין "ראנ־טשא" צו פארצירען. די שפיגעל־שאפע איז אבער כמעט א מעטר העכער געווען פונ'ם דאך און האט באין אופן, זיך ניט געקענט שטע־לען אין שטוב. איז וואס טהוט מען? ווי לעבט דאס עפעס א איד אזא גביר אהן א שפיגעל־שאפע? איז ער אויף א פלאן געפאלען: האט אויסגעגראבען א גרוב פון א מעטר קווארדראט און די נ ו י ט־ה י ג ע שאפע איינגעמאסטשעט...

דאס הארץ ווערט צעפלאצט פאר שמערץ, צוקוקענדיג ווי שטיין־רייך עס זיינען געווארען די פאאר יובעלירער אין קאסארעס, וועלכע האבען באלד, איז דער כלומר'שט "גוטער צייט", די קאלאניסטי־שע כלה־מיידלאך און בא'חנ'טע ווייבלאך, איינגעשמיעדט אין גאל־דענע קעטהען און די חתנים און בעלי בית'לאך, מיט בריליאנטענע רינגען פערזארגט... זיי האבען זייערע עלטערן די קאלאניסטישע

פיאנירען, ביז אין טוידט פעראדימט: זייערע פעלדער ווערען איצט דורך ליציטאציע פארקויפט און, כ'האב מורא צו זאגען, אז פון אלע סבות וואס האבען פעראורזאכט דעם וואקסענדען חורבן אין מאאוריציא, פארנעהמט דעם ערשטען פלאטץ דער לוקסוס... דאן קומט אין ווייטערדיגער רייהע, דאס אנארמאלע לעבען... דאס אפווייכען פונ'ם דרך הישר, און דאס ניט אויספאלגען די לעהרע פון דער "סאכע"... מ'האט להיפך:

"געליהען געבארגט,
געהאנדעלט געזארגט,
געדרעהט שפעקולירט,
געקליידט, זיך געציערט..."

נאך צו-וואס זאל איך האפען פאראויס? לאמיר בעסער ווייטער דערצעהלען פון יענער גאלדענער צייט! אך, יענע צייט פון וואונדער רייכע חלומות! ווי הערליך און פראכטפאל דו ערשיינסט פאר מיינע אויגען!

ווען דער צער גרייפט מיך אן: בעת איך זעה די שווארצע שאטענס וואס שלינגען איצט איין און פארדעקען אונזער ליעבענדער מאאוריציא, ווי אונזערע פעלדער פאלען טאג-טעגליך אריין אין גוי'אישע הענד... ווען איך באטראכט ווי אונזער זין געהט אונטער און אנ'אימה'דיגע נאגונג און בענקענעש האפט מיך ארום, עס ווערט מיר שרעקליך קאלט, דאס בלוט פארפריהרט און די צייהן סקריטשען: — דאן לענק איך מיין געדאנק צו יענער צייט, ערוועק אינ'ם רעיון די פאסירונגען פון צוריק מיט פינף-און-צוואנציג יאהר, דערמאן מיך אנ'עם פריהלינג פון אונזער קאלאניע און עס ווערט מירווארים און ליכטיג. אה, וואו ביסטו ערגעץ יענע גליקליכע צייט!?

דאמאלסט האט יעדענס פנים געשיינט. קיין שפור פון קימער און עגמת נפש, קיין פארדראס און קיין צער, איז נישט צום מערקען געווען. איין וואונש, איין שפאנענדע ערווארטונג, האט אונז אלעמען באהערשט. מען האט נאר געלעבט און געהאפט, וואס שנעלער דעם בארא״ן הירש צו זעהן!

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר פינסטער איז אונזער מזל. אויסגעלאָשען איז הפּנים דער אידישער שטערן. ער וועט שוין קיינמאָל, מעהר קיינמאָל ניט שיי־נען און ניט לייכטען. . . . .

. . . .

69.

געשטאָרבען איז דער באַראָן מאָריץ דע הירש!

דאס איז געווען מיטוואך, דעם 22־טען אפריל 1896. דער קוטשער פון דער אדמיניסטראציע, סערוויאנאוו, האט די פינסטערע טעלעגראמע געבראכט. חושך, טרויער און פארצווייפלונג, האט אונז באהערשט. מיר זיינען אראפגעשליידערט געווארען פונ'ם הויכען הימעל, ביז אין דער טיעפקייט פונ'ם תהום. אלע אונזערע האפנונגען, אלע פאנטאזיען און אילוזיעס, אלצדינג וואס מיר האבען געדענקט פארצולייגען פאר אונזער מאלאך המושיע, פאר'ן פאטער — דעם באראן, אלעס איז מיט איין מאהל פארשוואונדען און צורונען געווארען. דער אכזר — דער טוידט, האט אלעס צעשטערט און פארניכטעט!

מענער, פרויען און קינדער, אלע האבען געקלאגט און באוויינט דעם שרעקליכען בראך.

די גאנצע נאכט פון מיטוואך, זיינען רייטערס אדורכגעלאפען אלע גרופעס און די שרעקליכע בשורה מיטגעטהיילט. מיט'ן באגינען, זיינען די קאלאניסטישע משפחות פארזאמעלט געווען אויפ'ן פלאטשטאד, נעבען דער אדמיניסטראציע און די יללה איז געווען א מורא'דיגע... דער געוויין און דאס קלאגען, האט די ליפט געשפאלטען און דער ווידערקול האט א פירכטערליכען אפקלאנג געבראכט פונ'ם דערבייאיגען וועלדעל. אז עס האט אויש יעדען אויפגעשידערט און ביז'ן מארך פון די בייהנער אויפגעציטערט... יעדערער האט עפעס געפיהלט אן'אינערליכען פיין, א שמערצליכען פארדרוס און וועהטאג. א פארביטערנעש האט באוועלטיגט יעדענס נשמה. עפעס א רעבעלישער צארן, האט זיך ווי איינגעגעסען און ביים הארצען געשניטען. א כעס, א רוגזא, פול מיט פראטעסט און ביטער ווי גאל, האט זיך געמערקט אויף יעדענס געזיכט. אלעס האט א טענה געהאט צ ו ד ע ם, וואס לעבען און טוידט א י ז א י ן ז י י ן ה א נ ד. אין



בּאַראָן מאָריץ דע הירש. (1831 — 1896).

יעדענס מח האט געעגבערגט די הארבע פראגע:

— פאר וואס?

מיט אנ׳ענטבלויזטען קאפ און בלאס ווי די וואנד, האט זיך לאַפין באוויזען מיט דער פינסטערער טעלעגראמע אין האנד און האט געציטערט ווי א בלאט אין שטורם. הינטער איהם, איז געשטאַנען דער הר. זאנענפעלר: א בע׳צער׳טער, א בלאסער, אבער ער האט זיך אנגעשטרענגט רוהיגקייט ארויסצוצייגען. פיינבערג און הר. קעסיל, האבען צוגלייך מיט די פרויען, זיך אין טרעהרען באוואַשען...

לאפין האט מיט אנ׳אויפגערעגטער און ציטערענדער שטימע איבערגעלייענט די טעלעגראמע וואס די דירעקטארען קאזעס און הירש האבען צוגעשיקט.

דיזע האט געלויטעט:

"מיט טיעפען טרויער מעלדען מיר אייך די ביטערע בשורה, דאס דער פרעזידענט פון אונזער געזעלשאפט, (די יק"א). דער באראן דע הירש, איז נעכטען, דעם 21־טען אפריל (1896) געשטארבען. מיר בעטען די קאלאניסטען, דאס זיי זאלען נישט פארצווייפלען און די ארבייט נישט אונטערברעכען. מאנטאג, דעם 27־טען, ווען שטאטפינדען די בעערדיגונג פון באראן. דיזען טאג, זאל די ארבייט אפגעשטעלט ווערען. די "אפיסינאס", (קאנטארען), אלע שולעס, זאלען זיין געשלאַסען און אין די שוהלען, זאל אינ׳ם דאזיגען טאג געמאכט ווערען אנ׳הזכרה, נאך דער גרויסער זעעלע פון באראן דע הירש ע"ה. תנצב"ה.

א באך־טרעהרען האט זיך פון לאפינ׳ס אויגען ארויסגעגאסען. בשעת ער האט געענדיגט לייענען די דעפעשע, ער האט די הענד פארבראכען און א וועה־געשריי האט זיך ביי איהם ארויסגעריסען:

— ניטא מעהר דער באראן!

די אדמיניסטראציע איז בעפלאגט געווארען מיט שווארצע פאהנען און שווארץ, פינסטער, א ווימש חושך, די ענטוישונג פון אלע האפענונגען, האט אין אלע הערצער ארייננעדרונגען.

אומגעזאמט איז דער קאמש פון דער אדמיניסטראציע פארפאַדען און דאקטער זאנענפעלד מיט פיינבערג׳ן, האבען זיך גענומען

גענענענען.

— זיינט געטרייסט עלענדע יתומים אין דער וויסטע! — האט זאנענפעלד געזאגט און זיינע אויגען זיינען איהם מיט טרעהרען אנגעפילט געווארען. — איך מוז לויפען קיין פאריז: אבער איך וועל נאך, קינדער, קומען צו אייך!

— עלענד, עלענד! — האבען די פרויען איבערגע׳חזר׳ט זיינע רייד, און אן אויסברוך פון א שמערצהאפטער יללה, האט די לופט געריסען.

זאנענפעלד האט זיך אויפגעשטעלט אין קאפ און א ווייל בעטראכט די וויינענדיגע מאסע: האט זיינע לאנגע הענד צו הימעל אויפגעהויבען, פונקט ווי איינער זאגט: „פערלאזט זיך אויף א י ה ם, ע ר איז ניט געשטארבען!“.

זיי זיינען אפגעפאהרען.

שבת איז לאפין טעלעגראפיש ארויסגערופען געווארען קיין בוענאס־איירעס און מיר זיינען פערבליבען אליין, אליין אין אונזער עלענד און מיט דעם פלאך, דעם אדמיניסטראטער נארמאן, וואס איז ביים גרויסען בראך, אויך אפגעקומען מיט׳ן זאגען: „לאדנא“.

דער הזכרה טאג, דער 27־טער אפריל איז אנגעקומען. איך וויל זיך גאר נישט אונטערנעהמען, צו שילדערן די הערצרייסענדע סצענע, וואס האט זיך יענעם טאג אפגעשפיעלט אין דער שוהל פון דער 49־טער גרופע, ביים הספר נאכ׳ן באראן. דערצו דארף מען זיין א ירמיה, א רבי יהודה הלוי, אדער חאטש א ביאליק.

אה, די איראניע פונ׳ם שיקזאל! — אויב מ׳קען זיך אזוי אויסדריקען. — וואס פאר א ביטערער סארקאזם! חדשים־לאנג האט מען צוגעגרייט א כאהר זינגערלאך, אום א „מי שברך“ צו מאכען דעם באראן ביים קבלת פנים און יעצט: אומגליק! דארפען די זעלבע, אנשטאט „מי שברך“, זינגען א „אל מלא רחמים!“

דער באראן איז טויידט! ווי דער געהיימניספולער טייפעל אדער ענגעל, לאכט עס אויס דעם מענשען! ווי ער מאכט עס צו שפאט אלע מענשליכע אילוזיעס; ווי ער ענטוישט אלע האפנונגען און פארפינסטערט אלע טרוימען! ביטער און קוואלפול.

שמערצליך, איז די פערוואנדלונג געווען! די וואונד האט זיך סיעף אין הארצען איינגעגעסען און דער מענש, דער יחיד פונקט ווי די רבים, מוזען פאר'ן צופאל בויגען דעם קאפ און עס נאר אנ'נעהמען באהבה...

דעם אלטען יאקובאוו, האט מען געשטעלט דעם הספר מאכען. אויף'ן אלטען ליטוויש-סקארבאווען סטיל, האט ער געבאר צוגויפ־געקלעפט וואו נאר ערגעץ א פסוק פון קינות ובכיות: — אט ווי איינער זאגט: נאט אייך ברידער, נעהמט און קלאגט! — דער עולם האט איהם געפאלגט.

נאך איהם האט גערעדט דער שוחט אייזיק גלאזערמאן. ער האט זיך בלויז געסטארעט איינצושמועס'ן די פשוטע קאלאניסטען, דאס דער באראן א י ז ג א ר נ י ש ט ג ע ש ט א ר ב ע ן...

"ראשית איז זיכער, — האט ער געזאגט: — דאס א צדיק שטארבט גאר נישט, והשנית איז דאך עפעס פאראן תחית המתים!..."

דאס מגידות פון ביידע רעדנער האט דעם עולם גאר ווייניג גע־טרייסט: ס'האט זיי להיפוך — געערגערט. זיי האבען געוואוסט, אז עס איז דער קבורה-טאג פונ'ם באראן: דאס ער איז טויט און אז ער געהט ארונטער אונטערן שווארצען דעק פון דער ערד: דאס ער וועט שוין מעהר קיינמאהל נים קומען זעהן זיינע קינדער אין דער ווייטער, פארווארפענער מדינה!... זיי האבען געזוכט עפעס א טרייסט-ווארט, א ווארים-ווארט, וואס זאל עטוואס לינדערן זייער שמערץ.

מיין פריינד אברהם'ל ראזענפעלד, האט שוין פיעל בעסער גע־שפראכען. ער האט גערעדט צום הארצען:

"דער ערשטער משה, האט אויך נים דערלעבט צו זעהן זיינע ליעבע בני־ישראל אין געבענשטען לאנד. אזוי פיהרט זיך שוין פון אייביג אן. א מענש איז נים קיין אייביגעס וועזען. אלס איינער וואס ווערט געבוירען, האט ער דאך אויך ג ע מ ו ז ט שטארבען... אבער א פאלק, איבערהויפט, דאס אידישע פאלק, שטארבט נים, קיינמאהל נים!"

אויף מיר איז דער גורל געפאלען צו שליסען די הזכרה.

אז איך בין אויף דער, מיט שווארצען בעהאנגענער בימה גע־שטאנען און אנטקעגען מיר געהאט די ליכטיגע, גוטמוהטיגע בילד

פונ׳ם באראן. וואס האט מיר ווי אנגעקוקט און צוגעשמייכעלט, איז מיר אנפאנגס דער געדאנק געקומען דאס דער שוחט האט רעכט: ״דער באראן איז ניט געשטארבען! קיין צדיק שטארבט ניט!״ אבער דער אנבליק פון דער מאסע אבלים, דאס עלענדע יתום׳קייט וואס האט זיך אין די פינף טעג אויף אלע פנים׳ר צעגאסען, האט מיר נאכדעם געוויזען די ריכטיגקייט: ״טוידט איז דער באראן, פונקט ווי אלע טוידטע!״

מיין פראטעסטירענדער גייסט, מיין נאטור ניט נאכצוגעהן נאכ׳ן רוב, ניט וויינען אדער לאכען ווען אנדערע טהוען עס, האט מיך ווי אנגערעדט, אביסעל אויפצומונטערן די נאאיווע מענשען און זיי דעם טרויער צו פערלייכטערן: דאן האב איך אויך געוואלט אביסעל אפשוואכען דעם איינדרוק פון די מיסטישע רעדעס איבער צדיקים, תחית המתים און א יענע וועלט... אונטער אנדערעם האב איך דאמאלסט געזאגט:

״דער טוידט, ד א ס ג י ט ז י י ן, דאס נ י ט לעבען, איז אזא פראבלעם, וואס אונזער אידיש פאלק באשעפטיגט זיך ניט דערמיט... מיר אידען האבען גאר נישט וואס צו טהון מיט׳ן טוידט. דער אייביגער סוד וואס ליעגט נאכ׳ן לעבען, דארט הינטער דער טהיר פון יענער זייט סבר, — איבער דיזער מיסטעריע, שווייגט אונזער ביבעל! ביי אונזער הייליגער תורה, איז די הויפטזאך — דאס לעבען! דער אידישער גאט, איז א לעבעדי־גער! און אל חי. ב י י ז י י, שטעהט־אויף א גאט תחית המתים און ביי אונז זאגט די תורה: פאר דיינע גוטע מעשים וועסטו האבען א לאנגעם לעבען. — א שכר אין והארכת ימים... אונזערער א גרויסער־מאן, וואס טהוט גוטס זיינע מיט־מענשען, האט דערפאר א גרוים, א לאנג לעבען: דאס הייסט: זיין גוטע און גרויסע אידעע וואס ער האט געשאפען, ציהט זיך לאנג, אויף דורות: מעג ער אליין שוין זיין טוידט: זיין געדאנק, זיין אידעאל לעבט אבער שטענדיג! און טאקע דאדורך, שטעלען מיר אונזערע גדולים קיין מאנומענטען ניט: ווייל מיר בעהרען ניט דעם חומר, וואס פאלט אויף אייביג אוועק און קומט שוין נימאלס צו־ריק, זאנדערן מיר רעכענען זיך מיט דעם גייסט, מיט די גוטע טהאטען און מעשים! די אידעע פונ׳ם באראן איז דאך דא. פאר

אונזערע איגען, זי לעבט! ער האט געשטרעבט אונזער פאלק אומצוקעהרען צו דער עהרליכער אגריקולטור ארבייט; נון, דארפען מיר זעהן מיט אלע כוחות פארטצוזעצען און אויפהאלטען די אידישע קאלאניזאציע, ערציהען א דור פון ריכטיגע, געטרייע, איבערגעגעבענע אידיישע בויערן! לאמיר צום אנדענקען פון דער באבעלער זעעלע פון דעם באראן, אלע קינדער וואס וועלען דורכ'ן יאהר געבוירען ווערען, א נאמען געבען מ ש ה אדער ה י ר ש!..."

אומגעאכטעט וואס די פרומאקעס זיינען אביסעל ברוגז געווארען פאר מיין מיינונג, האט מען דעם פארשלאג כמעט איינשטימיג אנגענומען.

פיעלע פון די משה'ס און הירש'ס, די נעמען נאכ'ן באראן, האבען שוין אפגעדיענט אדער דיענען נאך, אין דער ארגענטינישער ארמעע.

דער עולם האט זיך אבגערפלעכליך בארוהיגט, אבער דער טרויער האט זיך פארקליעבען טיעף אין הארצען, וואו ער טליהעט נאך ביז היינטיגען טאג.

— שטיף־קינדער זיינען מיר געבליבען. — האבען דאן די קאלאניסטען געיאמערט. — מיר פאלען איצט ארונטער אונטער דער שטיף מוהמע, די יק"א!

די פארטרויערטע האבען דאמאלסט א גרויסען אמת אומבעוואוסט ארויסגעזאגט. דער אינסטינקט האט די ריכטיגקייט דערפיהלט!

ווען מען זאל דורכציהען א פאדים דורך די פיער־און־צוואנציג יאהר קאלאניזאציע, פון דעם צייט אז וואס דער באראן איז טויט, — וועט ער ארויס שמוציג, שווארץ און טהיילווייז דויטה — פארבלוטיגט... ערטערווייז גאר מיאוס אויסגעשמירט, עקעלהאפט און פארפאטשקעט דורך דער הנהגה...

זעהר ווייניג צייט האט אויף אונז אימיגראנטען, וועלכע שטרעבען און ווילען פארזעצען דעם באראן'ס הויכען אידעאל, די זון געשיינט: א סך פון די קאלאניסטען האבען נאך די שעהנע זון־שטראהלען גאר אין די אויגען ניט געזעהן!

— ווער האט שולד דארין? אויף וועמען פון ביידע צדדים — די יק"א און די קאלאניסטען, — עס פאלט א גרעסערע פרא-

-צענט התחייבות? ווער איז מעהר שולדיג אין דאס שלעכטס?

"ווייל אויך מיר זיינען טהיילווייז שולדיג: אמת ניט פיעל, אביסעל, אבער חייבים זיינען מיר אויך!" נאר פעסטצושטעלען די ריכטיגע מיטשולדיגקייט, איז ניט מיין אויפגאבע. זאל דאס טהון דער צוקינפטיגער היסטאריקער, פאר וועלכען דיזע בלעטער, וועלען קענען דיענען אלס מאסגעבענדער מאטעריאל. מעגליך אז ע ר, גריבלענדיג זיך, וועט באשטימען די ריכטיגע שולד פון יעדען איינעם.

איך וויל זיך נאר באגרעניצען אויף איבערצוגעבען די ענטוויקלונג און די פאסירונגען פון מ א ו ר י צ י א, אין זייער כראנאלאגישער ארדנונג: יאהר נאך יאהר, פונקט ווי זיי זיינען פארגעקומען.

ענדע פון ערשטען טהייל.

אינהאלט.

	קאפיטעל.	זייטען.
	פארווארט.	9 — 12
1	אנגעקומען קיין בוענאס־איירעס.	13 — 17
2	די "טמאים" און זייער עיפוש.	18 — 27
3	אויפ'ן באהן.	28 — 30
4	מיר געהען צו אונזער לאנד.	31 — 36
5	דער "פאמפערא", שטורם און שלאנגסרעגען.	37 — 42
6	איך ווער מגולגל אין א אידענע און זעה אידיש בלוט.	43 — 50
7	דער לחם הקלוקל, חזיר שטאלען, אדם הראשון'ס געצעלט.	51 — 59
8	קארפאס, קאפאטאסען, קיזיק און שאר ירקות.	60 — 68
9	די בעקעסטיגונג און דער סקלאר.	69 — 72
10	אידיש מיליטער.	73 — 75
11	די ערשטע קאטאסטראפע אין מאאוריציא.	76 — 80
12	דער דאקטאר יאפפע — א גוטע נשמה.	81 — 89
13	מען בעפאלט לעווענטהאל'ן.	90 — 94
14	מ'עסט טשאלענט און מ'זעצט כלומר'שט גערטנער.	95 — 98
15	די גערביל רעוואלוציע.	99 — 106
16	מען שפיעלט חתונות.	107 — 111
17	הילפס־קאמיטעטען פאר עמיגראנטען.	112 — 119
18	בינאמיסטען.	120 — 121
19	דער ערשטער פסח אין מאאוריציא.	122 — 124
20	דער גורל.	125 — 127
21	הערש־לייביק'ל גנב.	128 — 130
22	די ערשטע טעג אויפ'ן קאמפ.	131 — 136
23	אומזיסטיגע שרעק פאר נוצליכע, רוהיגע חיות.	137 — 139
24	מיין ערשטע "מילא" און די ערשטע סוה.	140 — 144
25	די אקסען און אונזער "ריארקא".	145 — 149

קאפיטעל. זייטען:

26 אונזערע טראנספארם מיטלען. — — — — — — 150 — 151
27 הויפט־דירעקטאר גאלדשמיעד. — — — — — — 152 — 158
28 מען האט אלעמען געקאלאניזירט. — — — — — 159 — 164
29 איינגעפיהרט א שטרענגע דיסציפלין. — — — 165 — 168
30 מאנאפאל און געלדשטראפעס. — — — — — — 169 — 173
31 סובסידיע. — — — — — — — — — — — 174 — 179
32 תכליתים און פראָכטבארקייט. — — — — — 180 — 187
33 צעזאר רהאדעס — אן ארצט און "האטעל טשאנטשא" — א שפיטאל. — — — — — — — 188 — 194
34 קורצזיכטיגקייט און אומפערשעמטקייט. — 195 — 197
35 אונזערע פרויען. — — — — — — — — — — 198 — 202
36 א פראנצויזישער שפיאן, די הארוואניע פון הער "אליאנץ". — — — — — — — — — 203 — 205
37 אונזעריגע זייטען דא! — — — — — — — — 206 — 213
38 דר. בערקנהיים — א רוסישער צעזאר! — 214 — 217
39 אפעראציעס. — — — — — — — — — — — 218 — 220
40 נייע ווינטען. א געהויבענע שטימונג. — — — 221 — 224
41 ווילדע פערפלייצען די קאלאניע און בעפאלען פרויען. — — — — — — — — — — — — 225 — 231
42 נייע פנים'ר אין דער קאלאניע. — — — — — 232 — 234
43 דער ערשטער יק"א דעקרעט. — — — — — 235 — 237
44 פערשוואונדען די אייזערנע קאסע און א דירעקטאר פאהרט־אפ. — — — — — — — 238 — 239
45 די קאסעטשע פון 1893-4 — — — — — — 240 — 244
46 א גאסט אויף א ווילע און די ארבייט ברענט! 245 — 249
47 דאס צוזאמענפיהרען די תבואות. — — — — 250 — 253
48 די קאלאניסטען בונטעווען זיך. — — — — — 254 — 257
49 דער דר. וועקסלער. — — — — — — — — — 258 — 260
50 מען שאצט אונזערע מכשירים. — דער עולם שפאסט. — — — — — — — — — — — — — 261 — 264
51 דער דירעקטאר קאזעס. — — — — — — — — 265 — 274
52 קאנטראקטען. — — — — — — — — — — — — 275 — 284
53 פיה סוחרים און מיין "באושא"־סוח. — — — 285 — 288

קאפיטעל.		זייטע.
54	דער גאאוטש באראבוינא. — — — — — — — —	289 — 298
55	משה "ריאדקא" בעפרייעט אונז פון צרות. —	299 — 305
56	די גאנצע קאסעטשע אפגעפרוירען. — — — —	306 — 312
57	"וויר ברויכען ניכט קיינע קלוגע". — — — —	313 — 316
58	דער דיקטאטאר יהושיע לאפין. — — — — —	317 — 322
59	איך בין כשר — נאר כ'זעה ווי מען פער־ טרייבט אנדערע. — — — — — — — — — —	323 — 327
60	לאפין א דימענטענער אדמיניסטראטער. —	328 — 331
61	קינדער ערציהונג. — — — — — — — — — — —	332 — 334
62	דער רבי אברהם'ל. — — — — — — — — —	335 — 339
63	אלגאראבא און אליסע. — — — — — — — —	340 — 349
64	מיר באפינסטנען זיך אין דער נייער היים. —	350 — 352
65	שכנים. — — — — — — — — — — — —	353 — 359
66	מיר ערווארטען דעם באראן. — — — — —	360 — 363
67	דאס גערעטעניש פון 1895-6. — — — —	364 — 366
68	געסט פון פאריז. — — — — — — — — — —	367 — 373
69	געשטארבען דער באראן מאריץ דע הירש.	374 — 381

אילוסטראַציעס.

זייטע.

פאָטאָגראַפיעס:

מרדכי אלפערסאָן. (דער פּערפאַסער). — — — 3
משה דוד גרונמאַן. (דער ערשטער פאַרוואַלטער). 48
קאָלאָנעל סיר אלבערט גאָלדשמידט. (דירעקטאָר). 155
רב ישראל ליסין. (א קהל'ס־מאַן). — — — — — — 207
דער "דיאַדקאַ" משה זילבערשטיין. — — — — — 302
רב יצחק קרעלל. (שו"ב). — — — — — — — — 319
אברהם ראָזענפעלד. (דער רבי אברהם'ל). — — — 336
יענקעל שרעלמאַן. (יענקעל חוה'ס). — — — — — — 354
משה מקט"ז. (מאַקטאַז). — — — — — — — — 370
באַראָן מאָריץ דע הירש. — — — — — — — — 375

צייכענונגען:

דער שוחט פערטהיילט עסען די אימיגראַנטען. — 44
דער ארגענטינער אקסען־געשפּאַן. — — — — — — 148
ווי דער ד"ר רהאדעס קורירט די קראַנקע. — — — 192
דער גאַאוטש באַראַבוינא. — — — — — — — — 290

דאָקומענטען:

קאָפּיע פון'ם באַראָן'ס בריעף צו די
מאַאוריציער מו־רשים. — — — — — — — 279 — 282

איינינע פערדריסליכע דרוק פעלערן.

זייטעל.	שורה	שטעהט	דארף געלייענט ווערען.
10	23	מנהגים	מנהיגים.
40	6	געגאסען מיט צעבערכ	געגאסען ווי מיט צעבערם.
74	28	ללמוד	ללמד.
146	20	דער	דעם.
178	12	שעהן	שטעהן.
191	15	אן איבעריגע שורה	דארף נישט געלייענט ווערען.
201	8	ו:ערט	ווערס.
251	25	אויפהויבען	אויפגעהויבען.
252	28	מיט	מיט'ן.
261	13	ארימע	ארימער.
286	29	איינע	איינער.
314	17	אסיפות האט פעררופען	אסיפות האט מען פעררופען.
320	20	בלונדע	בלודנע.
321	5	איינגעהילכט	איינגעהילט.
324	11	גרוש	גירוש
326	32	מיר אלעס.	מיט מיר אלעס.
345	1	אנאפארבעטען	אנאלפאבעטען